STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07933

A TOG-BUKH FUN A YIDN VOS HOT NIT GEVOLT FORN KAYN YISROEL

Velvl Tshernovetski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישׂראל, געזען אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד



(פֿון אויבן־אַראָפּ, רעכטס): א): אין יפו'ער אָרעמע גאַסן. ב): תימנ'ער קויפֿן און פֿאַרקויפֿן. ג): ירושלים — דער וואָקזאַל ווען מען קוט אָן מיטן באַן. א): (פֿון אויבן־אַראָפּ, לינקס): פּאָליציי באַגלייט דעם... רוסישן אַמבאַסאַדאָר ביי אַ פֿייערלעכן אַקט. ב): אין וויין־קעלער פֿון זכרון יעקב. ג): אַ גאַס אין חדרה. ד): אַ פּאָר „סברא"לעך פֿון „כפר ויתקין" — אַן אַרבעטער דאָרף.

ישראל, געזען, געהערט און... פאָטאָגראַפירט

1, 2, 3, 5, און 6): אין די „מוסדות" פון דזשוינט אין ישראל. מיט די פירער פון: „כפר זקנים", שפּיטאָל פאַר כראָניש־קראַנקע, אין פאַבריק וואו עס אַרבעטן בלינדע, אין לאַגער פון געוועזענע טובערטוק. קראַנקע. 4): די טאַבליצע ביים „קצין־העיר" (שטאָט קאָמענדאַנט) פון תל אביב, וואו עס ווערט געמעלדעט וואָס פאַר פּריווילעגיעס די סאָלדאַטן קאָנען קריגן. 7): אין דער הויפּט־דעפּאָזיטע פון „יקב" מיטן פאַרוואַלטער. 8): דער אוסזען פון „יפו'ער" גימנאַזיע „הרצליה". 9): מיטן באַוואוסטן שרייבער יעקב ליסקאָוויטש און פרוי. 10 און 12): דער טעקסט פון „קידוש לבנה" פון פּתח תקווה הויפּט־שיל. אויבן: — דער זייגער מיט דעם אַלף־בית וואָס איז שוין אַלט העכער 60 יאָר. 11): אַ וואַסער־רער פון ישראל־פאַבריקאַציע צו באַוואַסערן דעם נגב. אין אַ רער קאָן שטיין אַ מענטש.

א „טאָג-בוך" פון אַ אידן, וואָס האָט ניט געוואָלט פאַרן קיין ישראל

צווייטער באַנד

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyringht by **Valentin Chernovetzky**

V. CHERNOVETZKY

A "Tog-Buj" fun a iden, vos hot nit ghevolt forn kain Israel

("Diario" de un Judío, que no quería viajar a Israel)

Editado por :
"EL MAGAZINE ARGENTINO"
BUENOS AIRES
1 9 5 3

צווייטער באַנד

ליכט און שאָטן אין מדינת ישראל

אַרויסגעגעבן פון:

„דער אַרגענטינער מאַגאַזין"

בוענאָס איירעס

1953

ליכט און שאָטן אין מדינת ישראל

מיר פאָרן צוריק פון מגדל אשכלון

אונזער טעמע אַף צוריק-וועגס פון מגדל אַשכלון איז געווען...
„אַנטיסעמיטיזם" אין ישראל!

איך האָב אינסיסטירט, אַז אין קיין שום לאַנד אין חוץ לארץ איז נים פאַראַן אַזאַ „אינערלעכער אַנטיסעמיטיזם" ווי אין ישראל! צו מען וויל יאָ, אָדער ניט! אַ גרויסע טייל פון די אַלטע ישראל איינוואוי-נער זיינען אָנגעשטעקט מיטן „אינערלעכן אַנטיסעמיטיזם" קעגן אַ טייל פון די נייע עולים! ניט בלויז קעגן די „שוואַרצע" פון איראַק און מאראָקאָ, נאָר אויך קעגן די „ווייסע" פון רומעניע און טראַנסילוואַניע! אַפילו צו די תמנער, וועלכע זיינען די געטרייסטע בירגער פון לאַנד און די בעסטע אַרבעטער אויף די כבישים און — אַלס דינסטן אין די „רייכע" הייזער — אויך קעגן זיי פילט זיך דער „אינערלעכער אַנטיסע-מיטיזם", טאַקע, ווייל זיי נעמען ביליקער און באַנוגענען זיך מיטן „ברוך השם", אַבי — מים יש און לחם יש!...

די אַלטע איינוואוינער פון ישראל, קאָנען זיך ניט צוגעוואוינען צו די מנהגים פון די „מזרח-עולים", קאָנען ניט און ווילן ניט פאַרשטיין, אַז די תמנער זיינען ניט שולדיק וואָס זיי האָבן אין זייערע געבורטס-ערטער, ניט געזען עסן מיט אַ לעפל, גאָפל און מעסער, אַז די רייכע תמנער אין י ע מ ע ן, עסן נאָך איצט מיט די הענט און זיצנדיק אויף דער ערד מיט די פיס אונטער זיך.

עס העלפט אָבער ניט! עס פילט זיך שטאַרק, זייער שטאַרק, אַז מען איז פרעמד איינער פון אַנדערן. אַפילו די נייע עולים — צווישן זיך

זעלבסט! אַ רומענער וויל ניט וואוינען אין שכנות מיט אַ מאַראָקאַנער עולה און פאַרקערט! מען גייט ניט איינער צום אַנדערן, ניט אויף שמ-חות און ניט ביי אַ טויט-פאַל!

געווען אַמאָל צייטן ביי אידן, ווען ליטוואַקעס מיט פוילישע האָבן זיך „ניט ליב געהאַט"! פון „ניט ליב האָבן" — ביז זיך פיינט האָבן איז אַ גרויסער חילוק! דאָ, האָט מען זיך פשוט פיינט! ביי דער ערשטער געלעגנהייט, איז מען גרייט זיך אַרויפוואַרפן איינער אויפן אַנדערן! צו דעם — קומען נאָך צו אייניקע וואָס האָבן אַן אינטערעס דאָס פייער צו צעבלאָזן אַז עס זאָל הערשן אומרואיקייט צווישן עולים, און בכלל אין לאַנד! די העצער און פייער-אונטערלייגער, זיינען, חלילה, ניט קיין אַראַבער, נאָר אידן וואָס זיינען ערגער פון די אַראַבער! זיי דאַרפן עס האָבן, כדי, דאָרט, אין מאָסקווע, זאָל מען וויסן אַז זיי טוען עפּעס פאָזיטיווס!

איך דערמאָן, מיין דאָקטאָרישן שאָפער, אין דעם ענין פון די אינ-דישע אידן וואָס האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין אינדיע און דערציילט אַז די הויפּט-סיבה פון זייער פאַרלאָזן ישראל איז געווען דער... „אַנ-טיסעמיטיזם" — בנוגע זיי — וואָס מען האָט אַנגעווענדעט אומע-טום ווי זיי האָבן זיך באַוויזן... די רעגירונגס-אינסטיטוציעס — אַריינגערעכנט! מעגלעך, אַז אָט די אינדיער, האָבן אַ סך איבערגע-טריבן אין זייער „מסירה", מעגלעך, אַז זיי האָבן אַ סך זאַכן אויס-געטראַכט! דער פאַקט, וואָס זיי ווילן פאָרן צוריק קיין ישראל איז אַ עדות, אַז מען האָט זיי ניט געוואָלט אויפעסן, ווייל זיי זיינען אינדיער. עפּעס, אָבער, איז דאָרט ניט אין אָרדענונג מיטן ישראל „אַנטיסעמיטיזם".

אונזער שאָפער איז ערנסט. ער פאָרט ניט שנעל — דער בעסטער סימן, אַז ער טראַכט אין עפּעס אַנדערש. ענדלעך איז ער אַרויס מיט לשון:

אַ טייל פון דעם וואָס איר זאָגט איז אמת! אַ גרויסע טייל — איז אויך איבערגעטריבן! פאַראַן אַ דיסקרימינאַציע — אָבער ניט קיין „אַנ-טיסעמיטיזם". פאַראַן ביי אונז „וותיקים" וואָס מיינען, אַז עס קומט זיי אַ דאַנק, וואָס צוריק מיט דרייסיק און מיט צוואַנציק יאָר זיינען זיי געקומען אַהער. זיי פאַרגעסן — אַ גרויסע טייל פון זיי פאַרגעסן, אַז זיי זיינען געקומען אַהער אַ דאַנק... גראַבסקין, אַ דאַנק היטלערן, אַ דאַנק קוזאַ'ן מיטן גאַגאַ'ן, און טאַקע אַ דאַנק סטאַלינען אויך! אויך זיי זיינען געקומען אַהער מיט ווייניק אידעאַליזם, נאָר צוליב אויסרעכע-נונג. איצט, זוכן זיי צו נעמען נקמה פאַר יענע יאָרן ווען זיי האָבן דעם

כביש געריסן מיט די ציין, און ווילן, אַז אויך די נייע עולים זאָלן אַביסעלע ליידן. זיי פאַרגעסן אָבער וואָס די נייע עולים האָבן איבערגעליטן!...

— צי איז דאָ אַ רפואה צו אָט דער מכה?

— זיכער אז יאָ! די בעסטע רפואה איז... ג ע ד ו ל ד! מען מוז האָבן געדולד און מיט דער צייט וועט אַלץ פאַרשווינדן! אין צען-פופצן יאָר אַרום, ווען די נייע עולים וועלן שוין רעדן עברית און בלויז עברית, ווען זיי וועלן זיך שוין איינבירגערן אין לאַנד, וועלן זיי זיך צענויפשמעלצן צווישן זיך און עס וועט ב א מ ת ווערן: — איין פאָלק, איין שפראַך און איין לאַנד! איך ווייס ניט ווי אַנדערע ישראלים — נאָר א י ך גלויב, אַז אַזאַ צייט וועט קומען און טאַקע —אף על פי כן!

איין וואָרט האָב איך געענטפערט: — א מ ן!

מיר איילן זיך אַהיים. עפּעס איז דאָך היינט ערב שבת. ווען מיר קומען קיין תל אביב, זיינען שוין די קלייטן, כמעט, פאַרמאַכט. עס פעלט נאָך אַ פּאָר שעה צו ליכט-בענטשן, אָבער — עס איז שוין שבת אין גאַס.

פאָרן קומען אין שטוב אַריין געשעט מיט מיר אַ „אינצידענט”. איך וויל עפּעס ברענגען אַ „מתנה” אין שטוב אַריין. איך וויל איינקויפן אין אַ „דעליקאַטעסן” געשעפט וואָס איז נאָך אָפן. מיין שאָפער שטעלט זיך אָפּ, איך גיי אַריין, קויף איין פון כל טוב: — מאַסלינעס, קעז, מאַרגאַרין, „סמעטענע”, צוויי הערינג, צוויי קוליטשלעך, אַ פּאָר ־זויערע אוגערקעלעך, און נאָך אַ פּאָר קלייניקייטן. די קראָם באַטרעפט העכער 12 פונט (אַרום 150 פּעזעס). די בעל הבית׳טע וואָס אַטענדירט מיך, נעמט די גאַנצע סחורה, אָט אַזוי, ווי זי שטייט און גייט, ניט אַריינגעלייגט אין פּאַפּיר, ניט איינגעפּאַקעוועט, פּשוט און פּראָסט ווי זי האָט אַרויסגענעמען פון פעסל און וויל עס מיר געבן.

איך פּראָטעסטיר! איך הייס זיך עס איינפּאַקעווען, כאָטש, לפּחות, געבן אַ ציישונגס-פּאַפּיר אויף אַריינעמען די קלייניקייטן. די קלייטניטשקע האַלט זיך ביי איר מיינונג. זי איז מיר ניט מחויב צו געבן פּאַפּיר. זי דאַרף מיר נאָר געבן סחורה. איך מעג זי טראָגן אין די הענט...

איך לאָז איר איבער די סחורה און גיי אַוועק! איז גוט אַזוי אויך! — זי האָט ניט געפונען פאַר נויטיק מיך רופן צוריק און געבן אַ שטיקל פּאַפּיר...

דער אמת איז טאַקע. אין ישראל איז דאָ אַ גרויסער מאַנגל אין פּאַפּיר. ניטאָ קיין שטיקל פּאַפּיר אויף איינצוּוויקלען עפּעס. אויף צו

קויפן ברויט אָדער קעז, פוטער אָדער זויעריקע אוגערקעס מוזט איר ברענגען פון דער שטוב אַ שטיקל פּאַפּיר. אויב ניט — האָט איר צוויי ברירות: — אָדער טראָגן די סחורה אין דער האַנט אָדער... טאָן וואָס איך האָב געטאָן — איבערלאָזן די סחורה דער קרעמערקע און קומ׳ען אין שטוב אַריין אָן גאָרניט!...

אָבער, דאָס דאַרף ניט זיין קיין אָפּהאַלט פון... פאָרן אַנקוקן ישראל. מען דאַרף נאָר ניט פאַרגעסן שטענדיק מיטראָגן מיט זיך אַ סערוויזשעטקעלע, טאָמער גלוסט זיך אייך עסן און אַ שטיקל פּאַפּיר טאָמער גלוסט זיך אייך עפּעס קויפן אין אַ קלייט!...

— — — — — — — — — — — —

אויף דער נאַכט, צו קבלה שבת, גיי איך אין אַ חסידיש „שטיבל״. די שעה צייט וואָס איך בין דאָרט געווען, האָב איך זיך געפילט שלעכט.

די מתפללים האָבן געהאַלטן איין קוקן אויף מיר מיט אומצוטרוי. גלייך ווי איך זאָל קומען אונטערלייגן אַ באָמבע. ערשט שפּעטער אָביסעלע האָב איך זיך געכאַפּט אַז עס איז דאָ אַ עצה „ווייכער״ מאַכן דעם עולם. איך האָב גענומען אַ סידור׳ל און אָנגעהויבן „זאָגן״ בלחש. דאָס האָט עפּעס געווירקט און מען איז געוואָרן פריינטלעכער צו מיר. נאָכן דאַווענען, האָבן מיר עטלעכע אידן אָפּגעגעבן שלום עליכם, געפרעגט פון וואַנען איז אַ איד? און איינער, האָט מיך אַפילו איינגעלאַדן אַלס זיין אורח אויף שבת...

אַ שאָד וואָס איך האָב ניט געקאָנט אָנעמען זיין איינלאַדונג. איך בין זיכער, אַז איך וואָלט, באמת, הנאה געהאַט פון זיין שבת-טיש. איך האָב אים צוגעזאָגט דעם צווייטן שבת זיין מיט מיין פרוי ביי זיין טיש אויף שבת. צו מיין גרויס באַדויערן — האָב איך קיין וואָרט ניט געהאַלטן.

אויפדערנאַכט זיינען מיר צו גאַסט ביי אַ תל אָביב׳ן עמך-מענטשן. אַ איד אַ שניידער, אַ גוטער שניידער, פון די גאָר, גאָר פיינע-שניידער, וואָס נייט און נייט אַ גאַנצע וואָך און זיין גאַנץ לעבן און חוץ וואויל׳ע קינדער און... אַ גראַנדיעזע ביבליאָטעק — האָט ער גאָרניט אָפּגעשפּאָרט.

איך בין געבליבן דערשטוינט ווען איך האָב דערזען זיין ביבליאָטעק און די ספרים — עכטע ליטעראַטור און וויסנשאַפט אין עברית און אידיש, באַשיינען זיין הויז. ער, דער שניידער, וואָס אַרבעט שווער

אַ גאַנצע וואָך, קומט אויפדערנאַכט אַהיים, ווייסט ניט וואָס עס הייסט אַ „פּאַקער". האָט ניט קיין אַנונג ווי אַזוי מען שפּילט אַ דאָמינאָ, איז אַן „עם הארץ" אין אַלע גרויסשטעטיקע פאַרגעניגנס, ער — גוט דיי־קענשטיין הייסט ער — און אַזוי זיינען די מערסטע טייל אַלטע בעלי מלא־כות — ער קומט אַהיים, עסט אָפּ און נעמט אַ בוך אין דער האַנט אַריין!

איך קוק אויף ביידע ברודער! דעם אַרגענטינער — מיין שיפס־ברודער אברהם דיקענשטיין — אַ איד, וואָס קיין עין הרע, לעבט זיך גרעפיש, פאָרט קיין מאָר דעל פּלאַטאַ און „ריאָ האַנדאָ", איז ניט קיין עם הארץ אין אַ „רעמי" און... פאַרגינט זיך נעמען זיין פלונתטע און מאַכן מיט איר אַ שפּאַציר קיין אייראָפּע און ישראל — און אָט איז דער ישראל ברודער — דוכט זיך אַ פשוטער חייט, דאָך — ווער פון זיי לעבט זיך גליקלעכער און רואיקער? וועמען זאָל מען מערער מקנא זיין!

ווען לכבוד די געסט — נעמען זיינע צוויי טעכטערלעך זינגען אַזוי שיינע, האַרציקע, ישראל־לידער, לידער פון פרייד און האָפענונג, לי־דער פון קאַמף און זיג, לידער פון פאָלק און פאָטערלאַנד — ווייס איך שוין וועמען איך דאַרף מקנא זיין!...

אויף צו גיין אַהיים, פון קרן קימת־גאַס 50 ביז בן יהודה און טרומ־פּעלדאָר גאַס — איז אַ נשקשה'דיקער מהלך. כאָטש עס איז היפש שפּעט־לעך — קאָן מען קריגן אַ טאַקסי. אָבער, מיר גייען בעסער צופוס! דער בעסטער שפּאַציר איבער תל אביב'ער גאַסן — איז פּרייטיק צו נאַכטס זומער־צייט. פענצטער זיינען אָפן, מען זעט די ליכט שטייען אויפן טיש. מען זעט די בעלי הבתים פון די הייזער אין אַ שבת־שטימונג. ווי פריי־דענקעריש איר זאָלט ניט זיין — גיט עס אייך אַ ציפּ ביי דער נשמה, ווייל איר דערמאָנט זיך אַז איר זענט אַמאָל אַ קינד געווען און ביי איי־ער טאַטע־מאַמע איז אויך אַזוי געווען...

צוליב דעם אַליין האָט זיך געלוינט די רייזע קיין ישראל.

שבת דעם 2־טן מאַי:

היינט איז דער איינציקער שבת וואָס איך בין ניט געגאַנגען אין קיין שול אַריין דאַווענען. אויף היינט האָב איך זיך באַשטעלט מיט צוויי חברים שרייבער און קולטור־טוער, אַלטע תושבים פון ישראל, וועלכע האָבן מיר געדאַרפט ברענגען אַ „באַרג" מיט דאַטעס וועגן ישראל — אַזוי האָבן זיי מיר צוגעזאָגט! איינער פון זיי, אַרבעט אין אינערן־מיניס־טעריום, און דער צווייטער, איז אַ וויכטיקער טוער און פירער פון אַן

איינפלוסרייכער פּאַרטיי. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט צו ברענגען „ישראל אויף אַ טעצעלע" און זיי האָבן מיר געבראַכט אַן אַרבעט, פון אַ געוויס זשורנאַליסט ק. הערזשאַן, וועלכער האָט — די אַלע דאַטעס וואָס איך האָב געבעטן — שוין פון פריער באַאַרבעט.

איך האָב איבערגענומען ביי זיי אַט דעם אוצר און איך געב אים איבער, וואָרט און וואָרט ווי איך האָב אים באַקומען. עס איז אַ „צענז" פון יאָר 1951. פון דעם יאָר 1952 — איז נאָך ניט פאַרטיק די סטאַטיסטיק.

איך שטודיר דעם צענז און ווער געוואוירע פאָלגענדעס:

די רעגירונג פון ישראל:

מדינת ישראל איז אַ רעפּובליק. דער שעף פון דער מדינה איז דער פּרעזידענט, וועלכער ווערט דערוויילט דורך דער כנסת (פּאַרלאַמענט). (דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל איז געווען דר. חיים ווייצ־מאַן — געשטאָרבן דעם 11־טן נאָוועמבער). דער פּרעזידענט פון יש־ראל איז יצחק בן־צבי.

ישראל האָט ניט קיין געשריבענע קאָנסטיטוציע. דער פּרעזידענט ווערט געוויילט דורך דער כנסת אויף אַ פּעריאָד פון פינף יאָר צייט. דעם 16־טן פעברואַר 1949 איז אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ וואָס ווערט אָנגערופן „די קליינע קאָנסטיטוציע" לויט וועלכן עס פירט זיך די רע־גירונג. אין 1950 האָט די כנסת באַאויפטראַגט דער קאָנסטיטוציאָנע־לער קאָמיסיע צוצוגרייטן אַ פּראָיעקט פאַר דער קאָנסטיטוציע, וואָס דאַרף אַנטהאַלטן די פונדאַמענטאַלע געזעצן. יעדער געזעץ וועט באַזונ־דערס דיסקוטירט און אָנגענומען ווערן און אַלע צוזאַמען וועלן פאָרמירן די קאָנסטיטוציע פון דער מדינה.

דער קאַבינעט ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון אַ פּרעמיער־מיניסטער און אַ צאָל מיניסטאָרן. ווען די רעגירונג ווערט צוזאַמענגעשטעלט דאַרף זי באַקומען אַ צוטרוי פון דער כנסת.

די געזעצגעבערישע מאַכט: (פּאַרלאַמענט)

די לעגיסלאַטיווע מאַכט ליגט אין דער כנסת וואָס באַשטייט פון איין קאַמער, פון 120 מיטגלידער. דער פּאַרלאַמענט ווערט דערוויילט אויף פיר יאָר צייט, דורך פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטונג. די צווייטע כנסת איז אויסגעוויילט געוואָרן דעם 31־טן יולי.

אין דער כנסת זיינען פאַרטראָטן פאָלגנדע פּ ו פּ צ ן פּאַרטייען:

מפא״י — 45, אַלגעמיינע ציוניסטן — 20, מפ״ם — 15, הפּועל המזרחי —8, חירות — 8, קאָמוניסטן — 5, פּראָגרעסיווע — 4, אגודת ישראל — 3, דעמאָקראַטן אַראַבער — 3, פּועלי אגודת ישראל — 2, מזרחי — 2,ספרדים — 2, פּראָגרעס און אַרבעט (אַראַבער) — 1, פּאַרטיי פון אַראַבישע גוט־באַזיצער — 1, תימנער — 1, צוזאַמען — 120.

די געאָגראַפישע לאַגע פון ישראל איז היינט פאָלגנדע:

מדינת ישראל פאַרנעמט איצט אַ שטח פון 20.850 קוואַדראַט־קילאָמעטער.

די וויכטיקסטע טייכן זיינען: דער ירדן — 118 קילאָמעטער (אין ישראל־טעריטאָריע) דער ירקון — 20 קילאָמעטער; דער קישון — 13 קילאָמעטער. אויסער דעם פאַרנעמט דער חולה־זומפּ — 14 קוואַדראַט־קילאָמעטער און דעם ים־המלח — 205 קוואַדראַט־קילאָמעטער (אונטער ישראל קאָנטראָל).

מדינת ישראל ווערט פאַרטיילט אין די פאָלגנדע געגענטן:

דער גליל — געפינט זיך אין צפון פון לאַנד, איז בערגיק און שליסט אויך איין דעם חולה־טאָל. אין גליל געפינען זיך אויך די פאָלגנדע שטעט: צפת, נצרת און עכו.

טאָלן — 1) עמק זבולון, שליסט איין די אינדוסטריעלע זאָנע פון חיפה. 2) עמק יזרעאל, ציט זיך פון די בערג וואָס רינגלען אַרום חיפה ביז צום טאָל פון בית־שאן. שטאָטישער צענטער: עפולה. 3) דער עמק הירדן און בית־שאן. שטאָטישע צענטערן: טבריה און בית־שאן.

דער פלאַכער ים־ברעג — (שליסט איין דעם עמק כפר, דעם שרון און די שפלה), ציט זיך פון חיפה ביז דרום פון מיגדל־גד. שטאָטישע צענטערן: חדרה, נתניה, פּתח־תקוה, רמת־גן, תל אביב, יפו, רמלה, לוד און רחובות.

בערגיקע געגנטן — הרי אפרים און הרי יהודה. שטאָטישער צענטער אין די הרי יהודה: ירושלים.

דער נגב — דער דרום־טייל פון לאַנד, שטעלט פאָר אַ העלפט פון דער ישראל־טעריטאָריע. שטאָטישער צענטער: באר־שבע.

די קאָמוניקאַציע־מיטלען פון דער מדינה:

די באַנען פון ישראל געהערן צום שטאַט. אין יאָר 1951 האָבן זיי געפירט 1.716.000 פּאַסאַזשירן און 103.139.000 קילאָמעטרישע טאָן פון פראַכט.

די הויפּט באַן־ליניע ציט זיך אויף 328 קילאָמעטער. אויסער דעם זיינען פאַראַן צװייט־ראַנגיקע ליניעס אויף 217 קילאָמעטער.

אין לאַנד אָפּערירן דריי קאָאָפּעראַטיװע אָמניבוסן ליניעס װאָס האָבן צוזאַמען מער װי 1500 אויטאָבוסן. אויך אָפּערירן פינף טאַקסי־קאָמפּאַניעס מיט 232 טאַקסים.

אין 1951 האָבן די שטאָטישע אויטאָבוסן געפירט 185 מיליאָן פּאַסאַזשירן; די אינטער־שטאָטישע — 162 מיליאָן פּאַסאַזשירן; די טאַקסים — 1.504.108 פּאַסאַזשירן.

דער ישראל־האַנדלס־פלאָט איז באַשטאַנען אין יאָר 1951 פון 29 שיפן מיט אַן אַלגעמיינעם טאָנאַזש פון102.882.

אין די ישראל פּאָרטן זיינען אין 1951 אַריינגעקומען 1.392 שיפן.

די ישראל לופט־ליניע „אל־על" מאַכט רעגולערע רייזעס קיין ניו־יאָרק, פּאַריז, לאָנדאָן, װין ,רוים, ציריך, אַטען, ניקאָסיא, יאָהאַנעסבורג. אין 1951 האָבן די עראָפּלאַנען פון „אל־על" טראַנספּאָרטירט 19.231 פּאַסאַזשירן, 500.874 קילאָגראַם פראַכט און 68.441 קילאָגראַם קאָרעס־פּאָנדענץ.

אין ישראל זיינען פאַראַן 54 טעלעפאָן־צענטראַלעס און האַלט אַן דירעקטע טעלעפאָן פאַרבינדונג מיט 48 לענדער.

שפּיטאָלן און סאַנאַטאָריעס אין ישראל:

סוף 1951 האָט ארץ ישראל געהאַט 87 שפּיטאָלן מיט 9.442 בעטן.
די שפּיטאָלן װערן פאַרטיילט אַזוי:
רעגירונג — 24, מוניציפּאַלע — 4, קופּת חולים — 12, מלבן — 6, הדסה — 3, אַנטי־טובערקולאָזע ליגע — 2, קריסטלעכע מיסיעס — 4, עפנטלעכע — 6, פּריװאַטע — 26, צוזאַמען 87.

די טעאַטערן און מוזיק אין ישראל:

אין ישראל זיינען פּערמאַנענט טעטיק פינף טעאַטער קאָמפּאַניעס. זיי זיינען:

1 — הבימה — געגרינדעט אין רוסלאַנד אין 1918 און אַריבערגע־קומען אין ישראל אין 1928.

2 — אוהל — געגרינדעט אין 1925, פאַרבונדן מיטן דער הסתדרות.

3 — קמרי — געגרינדעט אין 1945.

5 — לי־לה־לו — געגרינדעט אין 1944.

אין ישראל זיינען טעטיק אַכט אָרקעסטערס. די וויכטיקסטע איז די פילהאַרמאָנישע אָרקעסטער, געגרינדעט אין 1936 דורך בראָנסילאַוו הובערמאַן. אין 1951 האָט די אָרקעסטער געגעבן 124 קאָנצערטן אין לאַנד און 54 אין די שטאַטן און קאַנאַדאַ.

באַנק־אינסטיטוציעס, אַרבעט און באַשעפטיקונג:

אין ישראל אָפערירן 28 קאָמערציעלע בענק פון וועלכע 24 זיינען נאַציאָנאַלע קאָמפּאַניעס. די „בנק לאומי לישראל" איז די גרעסטע באַנק פון לאַנד זי האָט אַרויסגעגעבן דאָס ישראל־געלט און זי איז דער פינאַנס־אַגענט פון דער רעגירונג.

דעם 31־טן דעצעמבער 1951 האָט זיך אין די ישראל־בענק געפונען דעפּאָזיטן אויף דער סומע פון 173.352.00 פונט.

אויסער די קאָמערציעלע בענק עקזיסטירן אין לאַנד 92 קאָאָפּעראַ־טיווע קרעדיט־אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן צום 31־טן דעצעמבער 1951 געהאַט דעפּאָזיטן אויף 30.524.000 מיליאָן פונט.

צום סוף 1951 זיינען געווען 510 טויזנט פאַרדינער וועלכע האָבן געאַרבעט ביי פאָלגנדע צווייגן:

אַגריקולטור — 70 טויזנט, אינדוסטריע — 119 טויזנט, בוי־אינ־דוסטריע — 50 טויזנט, טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע — 28 טויזנט, פינאַנסן — 85 טויזנט, פרייע פּראָפעסיעס — 40 טויזנט, ציווילע דינסט (מיט פּאָליציי) — 22 טויזנט, באַאַמטנטום — 96 טויזנט.

די בילדונג אין ישראל:

צום שול־זמן 1951-52 האָבן פונקציאָנירט אין ישראל 2.849 עלע־מענטאַרע און מיטל־שולן, מיט 312.795 תלמידים און 12.875 לערער.

די העברעאישע אוניווערזיטעט פון ירושלים האָט פינף פאַקולטעטן. זיי זיינען:

הומאַניסטיק — מיט 940 סטודענטן, וויסנשאַפט — מיט 593 סטו־

דענטן, מעדיצין — מיט 200 סטודענטן, רעכט — מיט 540 סטודענטן, אַגראָנאָמיע — מיט 35 סטודענטן.

דער אַקאַדעמישער פּערסאָנאַל פון דער אוניווערזיטעט באַשטייט פון 342 מיטגלידער.

דער טעכניקום פון חיפה האָט 1.050 סטודענטן אין דער אינזשיניערן שולע; 583 סטודענטן אין דער טעכנישער שולע און 185 סטודענטן אין דער נאַוואַל-שולע. אין טעכניקום ווערן באַשעפטיקט איבער 200 פּראָפעסאָרן.

די שולע פון רעכט און עקאָנאָמיע אין תל אביב האָט 460 סטודענטן און 48 מיטגלידער פון אַקאַדעמישן פּערסאָנאַל.

אין ווייצמאַן-אינסטיטוט פון רחובות ווערן באַשעפטיקט 55 פאָרשער און 60 געהילפן אין די לאַבאָראַטאָריעס.

אַנדערע דאַטן פון ישראל:

די מטבע וואָס צירקולירט אין לאַנד איז דער ישראל פונט, צעטיילט אויף טויזנט פּרוטות.

עס צירקולירן מטבעות פון 1, 5, 10, 25, 50, 100, און 250 פּרוטות און אַסיגנאַציעס פון 500 פּרוטות, 1, 5, 10 און 50 פונט.

די באַפעלקערונג פון ישראל באַשטייט פון 1.600.000 אידן און 173.000 ניט אידן. די ניט-אידישע באַפעלקערונג ווערט פאַרטיילט אַזוי: מוסולמענער — 12 טויזנט; קריסטן — 35 טויזנט; דרוזן — 15 טויזנט.

בעת די אידישע מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דעם 15-טן מאַי 1948 האָבן דאָרט געוואוינט 655 טויזנט אידן. אין די פינף יאָר פון זעלבסטשטענדיקייט זיינען אויפגענומען איבער 800 נייע עולים פון אַלע וועלט-טיילן. אָט, דאָס איז ישראל!

3-טער מאַי (ל"ג בעומר)

ווען אַ איד וועט קומען צו מיר נאָך אַ עצה צו ער זאָל פאָרן קיין ישראל, וועל איך אים, זיכער, צורעדן אַז ער זאָל פאָרן. אויב ער וועט מיך פרעגן ווען איז די בעסטע צייט צו קומען קיין ישראל? — וועל איך אים עצה'ן, אַז ער זאָל ניט פעלן צו די צוויי וויכטיקסטע געשעענישן וואָס קומען פאָר אין ישראל: — די ערשטע — די „יום העצמאות" פייערונגען און דאָס צווייטע — די „הדלקה" פון ל"ג בעומר אין מירון, ביים קבר פון גרויסן תנא רב שמעון בר יוחאי.

צוליב דעם איינציקן טאָג פון זונטיק ל״ג בעומר, האָט זיך געלוינט אַט די גרויסע און שווערע רייזע וואָס איך האָב געמאַכט.

זיבן אַזייגער אינדערפרי האָבן מיר געדאַרפט אַרויספאָרן. מען האָט מיר געהייסן זיין גרייט צו אַט דער שעה און מינוט! איך בין, אָבער געווען גרייט מיט אַ שעה פריער. איך בין די נאַכט ניט געשלאָפן! שוין דער געדאַנק אַליין, אַז מאָרגן וועל איך זיין אין טבריה, אין צפת, אין נצרת, אין עכו — אַט די היסטאָרישע שטעט פון וועלכע איך האָב זיך קינדוויז, אַזוי פיל אָנגעהערט — שוין דאָס אַליין, האָט ניט געלאָזט אַנטשלאָפן ווערן! היינט, דאָס זיין אין מירון! עפּעס טומלט זיך דאָ שוין אַ פּאָר וואָכן מיט מירון! איצט פאָרן מיר אַהין.

ווער זיינען די פאָרער?

איך מיט מיין פרוי, הילל פרידמאַן מיט זיין פרוי און אַ געוועזענער און מעגלעך אַ... צוקונפטיקער תושב פון אַרגענטינע, „אַ נייער עולה״ און קאַנדידאַט אויף צו ווערן אַ „יורד״, הער מאַרדער.

דער דאָזיקער איד, מאַרדער, איז אַ קרבן פון דער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק פון „סאָציאַליזמוס בימינו״. ער האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן אין אַרגענטינע, געמאַכט עטלעכע טויזנט דאָלאַר, געקומען קיין ארץ ישראל מיט די ערשטע עולים ווי נאָר די מדינה איז געגרינדעט געוואָרן, האָט מען ביי אים צוגענומען די דאָלאַר און אים זיי אויסגעביטן אויף... 35 פּיאַסטער אַ דאָלאַר (היינט גיט מען העכער פינף מאָל אַזוי פיל) איז ער געבליבן אָן געלט און אָן... כוח צו אַרבעטן און ער וואַרט צו קאָנען קריגן אויף הוצאות און קומען צוריק קיין אַרגענטינע. דאָך — איז ער געבליבן געטריי דעם לאַנד, רעדט ניט קיין שלעכטס, באַקלאָגט זיך ניט, זאָגט אַז... ער אַליין איז שולדיק, און ער איז דאָס אונזער דריטער שותף צום... טאַקסי.

זיבן אַזייגער מיט צען מינוט, האָבן מיר זיך שוין געטראָגן אויפן כביש וואָס פירט קיין חדרה און עפולה. ווען מיר זיינען דורכגעפאָרן חדרה — איז נאָך... גאָט אַליין געשלאָפן! ניט געווען אָפן קיין שום קאַפע ווי צו באַנעצן די ליפּן. מיר פאָרן וויטער און באַשטימען אין עפולה בלייבן לענגער שטיין.

אין עפולה האָב איך געוואָלט זיין צוליב צוויי זאַכן: ערשטנס — אָנקוקן די שולע פון אונזער „וויצאָ״ וועלכע טומלט אַזוי פיל מיט איר אויסהאַלטונג. אין ישראל איז די וויצאָ ניט אַזוי פּאָפּולער ווי ביי אונז און... רעשט וויניקער מיט קאַמפּיינען און וויבערישע טעען און „פּאַ-

קער-אונטערהאַלטונגען". נו, האָב איך געוואָלט זעען, וואָס פאַר אַ שולע העלפט דאָס אַרגענטינער אידנטום אויסהאַלטן?

און נאָך אַ זאַך האָב איך געוואָלט זען אין עפולה: — מען בויט דאָרט דעם ערשטן זאַוואָד פון צוקער. אויב עס איז אמת, אַז מציון תצא תורה, וועט מען איצט דאַרפן צוגעבן אַז מעפולה תצא מתוק זיס! צוקער.

ישראל ליידט שטאַרק פון מאַנגל אין צוקער. דעם הויפּט-צוקער באַציט מען פון קובאַ, איז ער שוואַרץ ווי די ערד און ער קאָסט דער ישראל-רעגירונג — אַזוי האָט מען מיר דערציילט אין אַ מיניסטעריום — 80 דאָלאַר אַ טאָן. בעסערער צוקער וועלכן מען... קריגט ניט — קאָסט הונדערט דאָלאַר אַ טאָן. ארץ ישראל פאַרנוצט אַוועלכע 40 טויזנט טאָנעלאַדעס צוקער אַ יאָר און עס קאָסט איר אַ פיר אָדער מער מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר דאָס ברענגען דעם צוקער. איצט — וועט ישראל האָבן אייגענעם צוקער. דער קרן קימת האָט געגעבן אַ פּלאַץ, אַ פּאָר חברות האָבן אַריינגעלייגט קאַפּיטאַל, די רעגירונג — דורך דער תנובה — איז אַ שותפ׳טע, און בקרוב וועט שפּראָצן צוקער פון עפולה. און איצט, דורכפאָרנדיק עפולה, האָב איך געזאָגט „שלום" די בויער פון אָט דער פאַבריק.

אין עפולה שטעלן מיר זיך אָפּ נעבן אַ „גרויסער" „קאָנפּיטעריא". פאַראַן דאָרט עטלעכע טישלעך און מען קאָן דאָרט איבערבייסן אַ גלאָז „קאַווע מיט מילך". אַ ביסל „סמעטענע" מיט קעז און נאָך אַזעלכע זאַכן וואָס מען קריגט לרוב אין ישראל. וואָס יאָ, דאָס ברויט איז דאָרט אַזוי געשמאַק, די פּלעצל, „פּידפּאַלעקעס" ווי די מאַמע פלעגט באַקן ווען זי האָט געבאַקן ברויט אָדער קוילעטשן ערב שבת.

אַ גאַליציאַנער ווייבעלע באַדינט אונז. זי רעדט אַ מחיה׳דיקן... אידיש. פאַר די פיר יאָר וואָס זי איז אין לאַנד, האָט זי זיך נאָך קיין עברית ניט אויסגעלערנט. זי וואָלט געגאַנגען אויף „אָוונט-קורסן" איז אין עפולה אַזעלכעס ניט בנמצא. מען דאַרף געדענקען אַז עפולה איז די איינציקע שטאָט אין ישראל וואָס האָט ניט פּראָגרעסירט אַפילו אַ האָר פאַר די לעצטע צען יאָר. עפולה איז די „הויפּט-שטאָט" פון עמק יזרעאל, האָט זייער אַ סך רייכע, פעסטע קיבוצים אַרום זיך, דאָך — שטייט עפולה, זייט יאָרן און יאָרן אויף איין אָרט. אָרעמע קלייטלעך, אַלטע הייזער, אַ מאַרק אָן טאָלק און אָן אָרדענונג, אויטאָבוסן וואָס קרייצן דאָרט די וועגן — פאָרן און שטעלן זיך אָן אַ שום טאָלק. שפּעטער, ווען

ישראל-יוגנט, פאַרברענגט אין געזאַנג און טענץ



(פון רעכטס צו לינקס) א): קיבוץ י ג ו ר (נעבן חיפה). ב): די ישיבה אין „כפר הרואה״. ג): אַלגעמיינער אויסזען פון רמת־גן. ד): פישער־אַרבעטער נעבן דער קבוצה „מעפּילים״. ה): ביים ברעג ים אין נהריה. ו): קיבוץ נ ה ל ל. ז): צריפין — א געוועזענער מיליטערישער לאַגער פון די ענגלענדער (סרפנד) איצט באַנוצט פון ישראל־קרעפטן. ח): קיבוץ דליה (דאַליא). אידישע טעכטער טאַנצן היסטאָרישע טענץ.

ווען מען פאָרט קיין ישראל זעט מען אָט דאָס אַלעס!

1): מיט אַ חלוץ און זיין פרוי אין פאַרוואָרפענעם קיבוץ ג ז י ת. 2): אַ גרופּע טוריסטן פון זיד־אַמעריקע (טאַבאַטשניק פון רעסיפע — בראַזיל). ביים „אַקראָפּאָ־לוס" אַטענאַס. 3): אונזער שיף ווערט געשלעפּט דורכן קאַנאַל וואָס פאַראייניקט צוויי אָקעאַנען. 4): ספּעציעלע „סטאַלבן" אויף צו קלייבן אַוויסאָס מיט וועלכע תל אביב איז פול. 5): די ערשטע באַגעגעניש מיט חברים ביים אָנקומען צוריק אַ היים. 6): ביי דער צענטראַל־פּאָסט אין נאַפּאָלי. 7 און 10(: אין זשענעווע אויף אַ שפּיץ באַרג מיט דער פאַמיליע פון אַרגענטינער עסקן יואל הורוויץ און פרוי. 8): אין מיטן תל אביב, אויף גאַס שדרות רויטשילד, אַ מאָנומענט פאַר די גרינדער פון דער שטאָט. 9): אַ גרופּע אַרגענטינער טוריסטן, צווישן זיי: ברוך ישמח, כוליאַ דאַווידזאָן, ש. י. הורוויץ, אברהם לוצקי, הלל פרידמאַן א. א. 11) הלל פרידמאַן, זיין פרוי און פרוי טשערנאָוועצקי רוען זיך אָפּ פון דער שיף אין אַ גאָרטן פון גריכנלאַנד. 12): אין „מגדל אַשכלון, ביים מיטללענדישן ים.

מיר זיינען פון עפולה געקומען אין דער נאָענטער אָפּגעשטאַנענסטער שטאָט נ צ ר ת — האָב איך אַ טראַכט געטאָן:

און אפשר שעפּט עפולה איר השפעה פון אָט דעם מקום?

מיר טרינקען אָפּ, עסן אָפּ דעם מילכדיקן פרישטיק, די גרינגע גאַ־ליציאַנערן איז אַזוי איבעראַשט פון אַזוי פיל קונים, אַז עס האַלט דער־ביי אַז זי זאָל... איבערנעמען ביי אונז אַ פונט! מיר דינגען זיך ניט און מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין צו יענעם מקום וואָס איז הייליק ביי עט־לעכע הונדערט מיליאָן מענטשן — קריסטן און מוסולמענער, און וואָס האָט אונז — אידן — אַזוי פיל צער, שמערצן און קרבנות פאַרשאַפט!

מיר פאָרן אין דער שטאָט אַריין וואו — לויט דער קריסטלעכער רעליגיע — איז דאָרט געווען דאָס „וויגעלע” פון ישוע הנוצרי. מיר דער־נענטערן זיך קיין נ צ ר ת!

נצרת — שטייט אויף אַ באַרג און דער אַריינפאָר אַהין איז פאַר מיר — דעם פחדן פון פאָרן אויף בערג — אַ שטיקל אָפּקומעניש. קוים דערלעבט צו זען ווי אונזער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ אינמיטן „מאַרק”. מיר גייען אַראָפּ פון אויטאָ און איך נעם זיך אַרומקוקן ווי אַזוי זעט אויס, אָט די הייליקע קריסטלעכע און מאַכמעדאַנישע, שטאָט. איך זוך מיט די אויגן אידן, אַ חוץ דעם שוטר (ווּיזשילאַנט) און אַ חוץ אַ פּאָר אידישע, פאַרשטייט זיך, סאָלדאַטן וואָס דרייען זיך אַרום — זע איך קיין איין אידן ניט. דער שוטר קלערט מיר אויף: נצרת איז די איינציקע שטאָט אין ישראל וואָס איז „אידן־ריין”. אַ חוץ אין די אָפיציעלע אינ־סטיטוציעס — איז דאָ ניט פאַראַן קיין אידישער ישוב.

איך ווער מיטן שוטר אַביסל באַפריינדעט. ער איז אַ „סברא” רעדט זייער אַ גוטן אַראַביש און... שפּאַניש. ער קלערט מיר אויף און דער־ציילט מיר, אַז דאָ איז די נעסט פון די אַראַבישע... קאָמוניסטן. דאָ איז דער מקום וואו מען פאַרשפּרייט אומצופרידנהייט קעגן דער רעגירונג. אָבער, ווייטער ווי רעדן און טומלען „אין גאַס” — קומט עס ניט. נאָך אַלעמען ווייסן די אַראַבער, אַז עס לעבט זיך דאָ, ביי אידן, בעסער ווי דאָרט, ביי זייערע ברודער אין עגיפּטן אָדער אין עבר הירדן. אגב. דאָ וואוינען אַ סך קריסטלעכע אַראַבער און די שנאה צווישן זיי און די מוסולמענישע אַראַבער איז גרעסער ווי זייער שנאה צו אידן...

עס קומט צו אונז אַ „מדריך”, אַ וועג־ווייזער, און באָט זיך אָן אונז צו ווייזן די היסטאָרישע ערטער פון נצרת. דאָ, איז דער ענין פון „וועג־ווייזער” אַן אָרגאַניזירטער ענין. פאַראַן אַ ספּעציעלע אָפיסינאַ, וואָס

זי און בלויז זי איז די בעל־הבית׳טע איבער די װעג־װייזער. מען מעל־דעט אונז אַז דער פּרייז פון װעג־װייזער איז דריי פונט פאַר צוויי שעה. אונזער „גיאַ״, רעדט אַלע שפּראַכן — שפּאַניש איבערהויפּט — און מיר הויבן אָן צו גיין איבער נצרת.

ווען איר פרעגט מיך — נאָכן אָנקוקן נצרת — צו איז װערט געװען די רייזע קיין ישראל בלויז כדי אָנצוקוקן נצרת — װאָלט איך פאַרזיכערט אַז יאָ! ניט בלויז צו זען זייערע הייליקע ערטער, ניט בלויז די „קלויז״ װאו ישוע הנוצרי האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים אָדער װאו יוסף האָט מקדש געװען מרים׳ן, ניט בלויז צוליב דאָס אָנקוקן דאָס אַלץ איז װערט אַ רייזע קיין ישראל — נאָר ספּעציעל כדי צו זען דעם אונטערשיד פון ציװיליזאַציע און אָפּגעשטאַנענקייט, דעם חלוק צװישן אידישער אָפּפערװיליקייט און אַראַבישער — מילד גערעדט — נאָכלעסיקייט... נצרת געפינט זיך אין שכנות פון „אָפּגעשטאַנענסטן״ שטעטל אין ישראל פון עפּולה! דאָך, איז עפּולה הונדערט טויזנט מאָל שענער פון נצרת. אין עפּולה — שמעקט װען מען גייט דורך אַ גאַס און אין נצרת — דאַרף מען צוהאַלטן די נאָז. די מאַכמעדאַנישע קליינטלעך מיט זייער פאַרשטינקענער סחורה לעכערט די נאָז...

מיר גייען איבער דער „גאַס״ און די „געשעפטן״ פון נצרת. די גאַס איז װייניקער װי דריי מעטער די ברייט. פון ביידע זייטן הייזער זיינען פאַראַן „שטיינערנע טראָטואַרן״ און אין מיטן — אַ שמאָלער דורכגאַנג װאו עס גייען די „טאַקסים״. װען דער מדריך אונזערער האָט אונז געזאָגט אַז באַלד װעט דורכגיין אַ טאַקסי — האָבן מיר אים אָנגעקוקט װי אַ משוגענעם. ער איז אָבער געװען גערעכט. עס איז דורכגעגאַנגען אַ „טאַקסי״, אַ... אייזעלע מיט אַ פּעקל סחורה אויף זיך און אַן אַראַ־בער — אויפן פּעקל סחורה... גיי, האַלט זיך איין און צעלאַך זיך ניט! דער פירער אונזערע װאָרנט אונז ניט צו לאַכן װייל די אַראַבער זיינען ברוגז אַז מען לאַכט פון זיי!

מיר קומען צו, צו אַ מאַכמעדאַנישן „מעטשעט״. אויף אַריינגיין אַהין, דאַרף מען אויסטאָן די שיך. ביים טויער הענגט אַ צעטעלע אין עברית, אַז דאָס פּלאַץ איז אַ „מקום קרוש״ און עס איז פאַרבאָטן דער אַריינגאַנג אָן אַ דערלויבעניש. ביי אַ בעטלער װאָס זיצט אין דער זייט — קריגן מיר אַ דערלויבעניש און מיר קוקן אָן אַ מאַכמעדאַנישן בית התפילה. ער איז, אינעװייניק, שטאַרק אָרעם און פּוסט, ניטאָ װאָס צו זען דאָרט. עס װאַרפט אָן אַ שרעק װען איר דערמאַנט זיך, אַז פון אַט

די ערטער, האָט מען גערופן די גלויביקע צו קוילען אידן! איצט ליגן זיי איינגעליגט און ציטערן פאַרן אידישן רוח!

גייענדיק אויפן וועג טרעפן מיר אָן אַ... בית הכנסת. טאַקע מיט אידישע אָפּגעריבענע אותיות. אינעווייניק, איז פאַראַן אַ בילד פון יעזוסן ווי ער לערנט מיט עלטערע אידן. ווער ווייסט ווען אָט דאָס בילד איז געמאָלן געוואָרן. די שול איז אַלט... אַכט הונדערט יאָר — אַזוי שטייט דאָרט אָנגעוויזן.

עס גלוסט זיך אַנטלויפן פון דאַנען. די אַטמאָספער הויבט אָן שטיקן! די פּנימער פון די אַראַבער, זייערע שאַרפע, פיינטלעכע בליקן, שרעקן און שטעכן! אינסטינקטיוו גיב איך אַ טראַכט און אין האַרצן זאָג איך אַ תּפילה: — גאָטעניו! זאָלן זיי ניט דערלעבן צו נעמען נקמה פון אונז! נקמה — ווייל מיר האָבן אַ מלוכה און זיי, קאָנען נעבעך, ניט באַפאַלן קיין אידן ביי זיי אין נצרת און זיי אויסקוילען! עס דאַרף זיי קאָסטן געזונט וואָס זיי מוזן אַרומגיין אָן אַ מעסער אין גאַרטל! פאַר טראָגן געווער — גייט מען זיצן אויף אַ פּאָר וואָכן!

מיר לאָזן זיך אויפן וועגן קיין טבריה. מיר פאָרן אויף הים-טאַרישע וועגן און בערג וואָס זיינען אונז אַזוי באַקאַנט געוועזן ווען... מיר האָבן געלערנט אין חדר!

טבריה, ים כנרת, חמי טבריה, דער קבר פון רבי מאיר בעל הנס און די קברים פון רמב״ם, של״ה, און אַנדערע — וועגן אָט די אַלע זאַכן פלעגט אונז דער רבי עלי פישמאַן דערציילן אין די ווינטער-פאַרנאַכטן, בין מנחה למעריב, ווען מיר זיינען געזעסן אַרום דער הרובה און דער רבי האָט געזשאַלעוועט אָנצינדן אַ לאָמפּ ביז עס ווערט גוט, גוט פינצטער! דעמאָלט, איז יענע פאַרנאַכטן, האָבן מיר זיך „באַקענט" מיט דער „געאָגראַפיע" פון דער גאַנצער געגנט אַרום טבריה. אין יע-נע יאָרן, וואָלט איך בלינדערהייט געוועזן געטראָפן צום קבר פון רבי מאיר בעל הנס. איצט, פאָרן מיר צו אָט דעם קבר, מיר פאָרן אויף „קבר-אבות" צו דער גרעסטער פערזענלעכקייט פון אידישן רע-ליגיעזן לעבן.

דער שאָפער פירט אונז, דאָס ערשטע צום רמב״ם. דורך שמאָ-לע געסלעך, באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף, קומען מיר צו, צו אַ פּלאַץ וואו ווייטער קאָן מען ניט פאָרן מיט קיין אויטאָ. מיר גייען אַראָפּ. די פרויען טוען זיך אָן טיכלעך אויף די קעפּ און מיר לאָזן זיך אויף קבר אבות צום רמב״ם קבר.

ניט לייכט איז אַהין צוצוקומען. מען דאַרף דורכגיין אַ פּאָר צענד־לינג... אָרעמעלייט, וועלכע רייסן אייך פאַר די פּאָלעס און קלינגען מיט די פושקעלעך קליינגעלט וואָס דערמאָנט אייך אַז מען דאַרף געבן אַ נדבה. מען ד אַ ר ף, ווייל — ערשטנס, פאַרוואָס טאַקע ניט געבן קיין נדבה ווען מען קומט איינמאָל אין 55 יאָר צום רמב״ם קבר? צוויי־טנס — אַנו פּרוּאווט גיט ניט — וועט מען אייך שעלטן און פאַרשעלטן ביז אייער עלטער זיידן! דער שאַפער אונזערער, גיט אַן עצה — מיר זאָלן געבן אויף צוריק־וועגס. אלא ניט — וועלן זיי אייך ווידער באַפאַלן...

מיר שטופּן זיך צו צום קבר. עס שטייט אַן אויסגעבויטע מצבה אָפּ־געשמירט אין ווייסן און אידן... שרייבן אָן אויף דער מצבה זייער נאָמען. דאָס געבן זיי צעוויסן דעם גרויסן נפטר אַז זיי זיינען געווען ביי אים און בעטן אים אַז ער זאָל — דערפאַר — דאָרט, אויבן, זיין אַ „בע־טער״ פאַר זיי. כדי דער נפטר זאָל וויסן ווער עס איז געווען — שרייבט מען אָן אויפן קבר דעם נאָמען פון באַזוכער און אפילו זיין אַדרעס אויך... כדי דער רמב״ם זאָל חלילה קיין טעות ניט מאַכן ווען ער וועט בעטן פאַר... הלל פרידמאַן. פאַראַן אויף גאַנץ וועלט, אַ סך הלל פרידמאַנס!

די אַלע אויפשריפטן ווערן — פון די שמשים פון קבר — באַנאַכט אָפּגעווישט און אָפּגעשמירט און מען מאַכט פּלאַץ פאַר אַנדערע הלל פרידמאַנס אַז זיי זאָלן האָבן פּלאַץ וואו צו אָנשרייבן זייער נאָמען און קאָנען געבן נאָך אַמאָל אַ נדבה!

ביים קבר פון רמב״ם ע״ה איז דאָ אַ קאָמפּאַקטער עולם. אַ פּאָר טריט ווייטער איז פאַראַן דער קבר פון היליקן תנא דער ש ל ״ ה. ביים קבר שטייט אַ שמש און רייסט זיך אויס דעם גאַרגל רופנדיק אידן צום קבר — אָבער זייער ווייניק עולם גייט אַהין. מען איז שוין יוצא מיט באַזוכן דעם רמב״ם קבר און מען וויל ניט מאַכן קיין „קומפּלי־קאַציע״, דאָרט „אויבן״ אַז צ וו יי צדיקים זאָלן גיין בעטן רחמים פאַר א יי ן און דעם זעלבן בעטער.

פאַר רחמנות וועגן, גיי איך צו צום של״ה׳ס קבר און... לאָז איבער דעם שמש אַ נדבה. איך כאַפּ מיט אים אַ קורצן שמועס. ער דערציילט מיר אַז ער האָלט שוין אָט די פּרנסה אַ יאָר פערציק. ער האָט זי בחזקה פון זיין טאַטן און פון זיין זיידן און עלטער־זיידן.. ווען ניט די נאָענטקייט פון רמב״ם קבר, ווען ניט די „קאָנקורענץ״, וואָלט ער גע־

האָט שיין פּרנסה. אידן רחמנים בני רחמנים און דער של״ה הקדוש האָט אַ סך חסידים.

ביים אַרויסגאַנג טשעפּעט זיך צו אַ גאַליציאַנער אידענע מיט בייגל! קויפט, אידעלעך, קויפט פרישע באַיגל, נאַרוואָס פון אויוון. איך קויף ביי איר עטלעכע „באַיגל" הויבט זי מיך אָן בענטשן מיט אַזוי פיל ברכות, אַז ווען עס גייט מיר אָן אַ הונדערט-חלק, וואָלט איך געלעבט דריי הונדערט יאָר און וואָלט געווען געבענטשט מיט דריי הונדערט קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך. איך האָב נאָך אַזעלכע „מאָ-דערנע" ברכות ניט געהערט, און אַ ל י ן — פאַר געבן צו לייזן פאַר עט-לעכע באַיגל!

מיר פאַרקערעווען זיך צו דער ישיבה פון רבי מאיר בעל הנס. אין ישראל האָב איך געהערט, אַז אָט די ישיבה מאַכט די בעסטע גע-שעפטן! אַ פאַר הונדערט ישיבה-בחורים זיצן דאָרט אויף אייביקע קעסט. מען ענדיקט ניט די „קאַריערע" פון רב, ווען זיי זאָלן ענדיקן — וואָלטן זיי געדאַרפט פאַרלאָזן די ישיבה און געדאַרפט זוכן פּרנסה! אַ ז ו י — איז זיי בעסער. מען ווייזט זיך אַלע טאָג אין דער ישיבה און מען איז פאַרזאָרגט מיט אַלעם בעסטן.

רבי מאיר בעל הנס „רעזידענץ" איז היינט כמעט ליידיק. דער גאַנ-צער עולם חסידים איז אַוועק קיין מירון. עס דרייען זיך נאָר אַרום די „קוויטלעך"-נעמער און אַ פאַר ישיבה בחורימלעך. מען לייגט מיר פאָר איבערלאָזן אַ קוויטל צום גוטן אידן, מען וועט שוין באַזאָרגן אַז „ער", רבי מאיר בעל הנס, זאָל עס באַקומען. נישט קיין וויץ! אַזוי, ערנסט, ווי מיר איינרעדן אַ חסיד מיט אַ ביכעלע „קוויטאַנציעס" אין די הענט. גראַדע האָב איך אינטערעס איבערלאָזן אַ „קוויטל". מיר האָבן נאַרוואָס געהאַט אַ גרויסן מיכשול! אונזער שאָפער איז שיעור ניט געגאַנגען זיצן אין חד גדיא און מיר וואָלטן געווען געבליבן ווי אויפן וואַסער. די מעשה פון דער געשיכטע איז געווען אַזוי:

אַראָפּלאָזנדיק זיך צום ים כנרת, האָט דער שאָפער מיטן אויטאָ שיעור שיעור פאַרטשעפּעט אַ „שוואַרצן" סבּרא. יענער האָט עפּעס אַ ברום געטאָן און אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ טאָרבע אין אויטאָ. ביי אונזער שאָפער צינדט זיך אָן זיין סאַבּראַ׳ש בלוט, שטעלט אָפּ דעם אויטאָ אין מיטן גאַס און לאָזט זיך גיין „שלאָגן" מיט שוואַרצן. אונזער שאָפער איז אַ יונג מיט ביינער, ממש אַ ריז — דער „שוואַרצער" איז אַ אייד-לינקער אַ „נעבעכל". דאָך סבּרא איז סבּרא! ער האָט זיך אים קעגנגע-

שטעלט און אונזער שאָפער האָט זיך „אָפּגעקילט״! דערמיט האָט זיך עס ניט געענדיקט. די גאַנצע סצענע האָט געזען אַ שוטר פון דער־ווייטנס, ער האָט אָפּגעשטעלט אונזער שאָפער און אים גענעמען מאַכן אַ פאָרוואורף הלמאי ער איז געבליבן שטיין אין מיטן וועג. געשטעלט אין סכנה די טוריסטן וועלכע ער פירט. ער נעמט זיך מיט אים אויס־טענה׳ן. עס קומט אונטער אַ צווייטער שוטר, אַן עלטער, אַ... ספרדי. מען הויבט זיך אָן אויסטענה׳ן אַלע דריי. איר וואָלט געמעגט הערן אַ שפּראַך וועלכער אונזער שאָפער האָט זיי אַוועקגעלייגט! אין אַן אַנדער לאַנד — וואָלט ער פאַר אַזאַ שפּראַך געהאַט — נ י ט 8 פונט שטראָף וואָס מען האָט אים געגעבן — נאָר אַכט יאָר קאַרצער. ער האָט זיי. ביידע שוטרים און ספּעציעל — דעם עלטסטן — ממש געסטראַשעט אַז ווען ער וועט קומען „אויף זיין גאַס״ — קיין תל אביב, וועט ער אים וויזן ווער עלטער איז...

מען האָט אונז געלאָזט ווייטער פאָרן — לכבוד די טוריסטן וואָס ער פירט קיין מירון — אַזוי האָט אים געזאָגט דער עלטסטער, ווען נ י ט — וואָלט ער אים תיכף גענעמען אין בית המשפט און פאַרהאַלטן אויף... עטלעכע שעה.

ווען מיר האָבן שפּעטער, אינדערהיים, דערציילט וואָס מיט אונז האָט פּאַסירט און וואָס דער שאָפער האָט געזאָגט דעם עלטסטן, האָט אונז גברת ערנסט פאַרזיכערט, אַז... דער שאָפער וועט האַלטן וואָרט, סיידן דער שוטר וועט זיך היטן ניט צו קומען קיין תל אביב...

און, אָט וועגן דעם האָב איך געוואָלט לאָזן אַ „קוויטל״ צו רבי מאיר בעל הנס. איך האָב אים געוואָלט בעטן, אַז עס זאָל זיין שלום על ישראל און דער שאָפער זאָל ניט ממתין אַ אידישן שוטר צוליב אַ שטראָף („מולטא״) פון אַכט פונט...

מיר פאָרן צו, צו די בעדער פון ים כנרת. אַ שאָד וואָס מיר איילן זיך און קאָנען ניט אַראָפּגיין נעמען דאָרט אַ הייסע באָד. מיר איילן זיך, ווייל עס איז שוין האַלבער טאָג און פון דאַנען פאָרן מיר גלייך קיין מירון. צוריק-וועגס וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אין צ פ ת.

דער וועג קיין מירון איז זייער אַ שווערער. בערג, בערג און ווי־דער בערג. דערצו האָבן מיר געטראָפן אויף זייער אַ ג ו ט ן שאָפער און אויף זייער אַ ש ל ע כ ט ן אויטאָ. ממש אַ חולה מסוכן. ער קאָן ניט שלעפּן אַרויף אַ באַרג. מען האָט אים שוין לאַנג געדאַרפט אַוועק־שטעלן — זאָגט אונז דער שאָפער, אָבער א י צ ט, ווי נאָר מען וועט

קומען אַהיים, וועט מען אים געבן צערעכט-מאַכן! דאַרף עס פונקט אונז טרעפן אַז מיר זאָלן פאָרן מיט אַזאַ חולה-נפל, אויף די בערג קיין מירון. אַ צענדלינג אויטאָס יאָגן אונז אָן, יאָגן אונז איבער, און הייסן זיך צואיילן אויב מיר ווילן אָנקומען צו דער צייט...

איך מאַך שוין ווידער צו די אויגן. איצט, דערזעענדיק דעם אָפּ-גרונט הינטער זיך, האָב איך נאָך מערער מורא. אונזער שאָפער איז שרעקלעך נערוועאיש פון דער פּאַסירונג און עס „מאָרדעוועט" מיט אים. איין שלעכטער ריר — און מיר ליגן עט, עט אונטן. מיין גליק איז, וואָס דער שאָפער... האָט אויך אַ ווייב מיט קינדער און מן הסתם, אַ טאַטע-מאַמע אין דער היים...

ווען מיר האָבן דערזעען פון דער ווייטנס מירון — האָב איך שטילערהייט... געבענטשט גומל, געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים.

צוריק-וועג, פאָרן מיר שוין אויף אַן אַנדער וועג, און דער שאָפער וועט שוין זיין רואיקער.

ווי זאָגט זיך דאָרט אין אקדמות:

ווען אַלע בוימער פון דער וועלט זאָלן ווערן פּענעס, ווען פון אַלע ימים זאָל ווערן טינט און ווען אַלע איינוואוינער פון דער וועלט זאָלן ווערן שרייבער — וואָלטן זיי ניט געקענט באַשרייבן דאָס וואָס מען זעט אין מירון אין טאָג פון ל"ג בעומר.

איך זאָג ווידער אַמאָל: — בלויז צוליב זעען וואָס עס טוט זיך אָט דעם טאָג אין מירון — איז כּדאי צו מאַכן אַ רייזע קיין ישראל.

דער צופאָר צום באַרג, וואָס עס געפינט זיך דער קבר און די ישיבה פון רבי שמעון בר יוחאי, איז באַשטעלט מיט סאָלדאַטן. דאָס האָט מען, זייט די רעליגיעזע סאָלדאַטן, איבערגעגעבן די שמירה פון דער אָרדענונג פון היינטיקן טאָג. אויף יעדער מעטער שטייט אַ סאָלדאַט און, זייער העפ-לעך, ווייזט ער אייך ווי אַזוי צו פאָרן. העלפט אייך זיך אָריענטירן און ווייזט וואו צו שטעלן דעם אויטאָ.

מען דאַרף אַרויפגיין אַ גרויסן באַרג. טאָמער ווילט איר ניט גיין — וואַרט צו אַ מינוט, ווייל עס צירקולירט אַ מיליטערישער „דזשיפּ" וועלכער פירט די פּאַסאַזשירן וואָס ווילן אַרויפאָרן.

מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער פּריווילעגיע צו פאָרן און מיר שפּאַנען אַרויף. עס שפּאַנען טויזנטער, צענער טויזנטער מענטשן, און מיר

— מיט זיי. אַנדערע גייען שוין אַראָפּ. זיי זיינען געווען ביים קבר גע־גוג צייט איצט פאָרן זיי שוין אַהיים.

עס שפּאַנען אַרויף פרומע אידן מיט בערד און לאַנגע פאות און עס שטראָמען טויזנטער מענטשן אַן בערד, טוריסטן און ישראל־אידן וועלכע קומען אַנקוקן דעם אויסערגעוויינלעכן ספּעקטאַקל. עס שפּאַנען קרומע וואָס גייען אויף קוליעס און זיי זיינען זיכער אַז רבי שמעון בר יוחאי וועט זיי העלפן און עס שפּאַנען בלינדע, וועלכע האָפן אַז מיטן געבן אַ גוטן... שמעק ביים קבר פון גרויסן תנא וועלן זיי גע־האָלפן ווערן. עס שפּאַנען אַלטע און יונגע. יונגע — מערער ווי אַלטע. יונגע ישיבה בחורימלעך. איינער פון זיי לויפט צו צו מיר און פּראָ־טעסטירט הלמאי... איך האָב פאָטאָגראַפירט. אַ סאָלדאַט ראַטעוועט מיין אַפּאַראַט און אפשר מיך אויך פון זיינע געשרייען און מאַכעניש מיט די הענט!

דער וועג איז שמאָל. וועדליג פאַר אַזאַ מאַסע וועלכע גייט אַרויף און אַראָפּ — איז זייער ענג. איינער גייט אונטער מיר און רעדט צו מיר אויף אידיש: ... היט די קעשענע! ער איז גערעכט! אונזערע אידישע קעשענע־גנבים מאַכן היינט דאָ זייער „שלח מנות”. ספּעציעל — שטופּן זיי זיך אַרום די טוריסטן. אַ שאָד וואָס אַזאַ הייליקע שטימונג ווערט קאַליע צוליב אַזאַ „וואָכעדיקן” ענין.

אויף דער גאַנצער לענג פון באַרג זיינען אויסגעשטעלט „קלייטן” וואו איר קאָנט קויפן וואָס אייער האַרץ גלוסט. איר קאָנט דערקוויקן דאָס האַרץ מיט אַן אַראַביש פּלעצל און מיט אַ כשר'ן סאַנדוויטש. איר קריגט אַ קאַלטע גלאָז „גזוז” און, להבדל, אַ פּאָרטרעט פון אַ „גוטן אידן” אָדער באַוואוסטן צדיק, איר קריגט דאָ, אַ... זוהר'ל און עפּעס אַ מאכל וואָס מען פרעגלט אין בוימל. איר קריגט דאָ בילדער פון מירון און ליכטלעך — אַ סך ליכטלעך — טויזנטער, צענער טויזנטער ליכטלעך וועלכע מען וואַרפט אַריין אין פייער וואָס ברענט אויף רבי שמעון בר יוחאיס קבר.

עס ווערט ענג. מען קען ווייטער ניט גיין. וואָס איז? אַ בינטל „שוואַרצע” אַנגעטוענע ווי אַראַבער (דרוזן) שטייען און טאַנצן אין מיטן וועג. עס שטייט אַ בלינדער „פידלער” און שפּילט זיי צו, זיי טאַנצן און דער עולם האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן און מען האָט „פאַרהאַקט” די טראַפיק. מיר שטופּן זיך דורך און... קלעטערן ווייטער אויפן באַרג. דער מהלך — איז אַ גאַנץ היפשער. אין דרויסן איז היים. די ישראל־

זומער־זון טוט זיך אירם! זי ברענט דאָס פנים! אָבער, ווער קוקט דע־רויף! מען ווישט זיך דעם שטערן און מען גייט! עס גייט מיט אונז א יונג פּאָרל ערשט חתונה געהאַטע — דאָס איז א סגולה אַז זיי וועלן זיך אייביק ליבן און עס גייט פאַר אונז אַן אַלטער מאַן מיט א האַן אין דער האַנט — א סגולה צו האָבן א סך יאָרן „מעגלעכקייט" פונקט ווי א האַן האָט עס. א טאַטע שלעפּט זיין בחור'ל צום קבר ווייל דער בחור'ל האָט א פאַרשטאָפּטן קאָפּ אָדער ער... היקעט א ביסעלע און ווען ער־וועט אַריינוואַרפן אַהין עטלעכע האָר פון קינדס קאָפּ — קאָן עס זיין א סגולה. מיט איין וואָרט: — יעדער פרומער איד וואָס גייט אַרויף דעם באַרג צום קבר פון גרויסן גאון — גייט עפּעס בעטן, פועלן, און ער איז זיכער אַז ער וועט געהאָלפן ווערן...

וואָס נענטער מיר קומען צו צום שפּיץ באַרג וואו דער קבר און די ישיבה געפינען זיך — אַלס שווערער ווערט דער צוגאַנג און אַלס געדיכטער ווערט די... שטימונג. מען דאַרף זיך היטן א שמייכל טאָן. זאָלן די פרומע ניט מיינען אַז דאָס לאַכט מען פון זיי. זיי זיינען גרייט אייך דורס זיין דערפאַר...

מיר זיינען שוין נאָענט פון דער חורבה וואָס איז אַמאָל געווען א ישיבה, מיר זיינען שוין נאָענט פון קבר... ווער קאָן זיך דערשטופּן אַהין? איך בין שוין גרייט בלייבן דאָ שטיין און זיך ניט שטופּן ווייטער, מורא האָבנדיק אַז מען זאָל מיך ניט דערדושען אָדער צעקוועטשן. מיין פרוי האָט אַן אַנדער מיינונג. זי וועט ניט אַוועקגיין פון דאַנען ביז...זי וועט ניט זיין אינעווייניק, ביים קבר. ס'הייסט, אַזוי ווייט געפאָרן און מען שרעקט זיך פאַר א שטופּעניש? זי פירט אוים אירס און — איך שטופּ זיך שוין אַריין אין הויף פון דער ישיבה. דאָס וואָס מען זעט דאָרט — איז שווער צו באַשרייבן. די אויגן גלויבן ניט וואָס מען זעט! שטייען מענטשן, גרויסע, דערוואַקסענע און באַוואַקסענע מענטשן און... מען טאַנצט! מען פאַלט פון די פים נאָר מען טאַנצט. מען זינגט און מען טאַנצט! א באַזונדער גרופּע פון... אַראַבער (אי־דישע דרוזן) שטייען אין א רעדל, האַנט אויף אַקסל, און... מען טאַנצט! דער רויך וואָס גייט אַרוים פון אָרט וואו דער קבר געפינט זיך, שטיקט אויף דערדישעט צו ווערן. עס רינט מיר שוין פון די אויגן אָבער — איך שטופּ זיך ווייטער. מיר האָבן שוין פאַרלוירן אונזערע „שותפים" פון אויטאָ, די פריינט פרידמאַן און מאַרדער. דער שטראָם האָט זיי אַריינ־געשלעפּט אהין. מיר לאָזן זיך אויך שטופּן און אַזוי שטופּט מען

אונז אריין אינעווייניק, ממש ביים קבר, ממש אויפן קבר. ווען ניט די אייזערנע שטאכעטן — ווער ווייסט צו מען וואלט ניט ארויפגעשטופט אויף דעם ברענענדען קבר.

ארום קבר שטייען א פאר הונדערט מענטשן. די סאלדאטן לאזן דא לאנג ניט שטיין, מען דארף שנעל אפדאווענען, אפזאגן דאס קא־פיטל תהילים וואס מען וויל אדער אן אנדער תפילה און מען דארף גיין ווייטער. עס שטייען פרויען מיט זייערע קינדער און טוען אלע סגולות וואס „מען דארף טאן" געהאלפן צו ווערן. איין מאמע — מיט א מיידעלע אין דער האנט, שניידט אפ עטלעכע הארעלעך און ווארפט אריין אין פייער! א פאטער שטייט מיט זיין בחור'ל וואס האט... ניט קיין ריינעם קאפ, שערט אויך אפ א פאר הארעלעך און אלץ — א ווארף אויפן קבר. און ליכט? צענדליקער און הונדערטער פליען אויפן קבר. ליכט פון וואקס און ליכט פון בוימל. מען ווארפט אויך מתנות אויפן קבר. מען וויל ניט אומזיסט, חלילה. מען ווארפט גאלדענע פינגערלעך און סתם ווערט־זאכן.

ביי דער זייט שטייט עפעס א יונגערמאן, האלט א ספר'ל אין האנט, שאקלט זיך און „זאגט". איך קוק זיך צו צום ספר'ל וויל כאפן א בליק וואס עס איז פאר א תפילה־ספר, עס איז מיר אומעגלעך אריינ־קוקן. איך זע בלויז אז דאס ספר'ל איז איינגעבונדן אין לעדער און בא־גילט. דער יונגערמאן הערט אויף „זאגן", גיט א קוש דאס ספר'ל און... ווארפט עס אריין אין ברענענדען פייער אויפן קבר. איך בין זיכער אז ווען דער גרויסער נפטר זעט עס — פארדריסט עס אים. דאס איז שוין א מין געצנדינערייי!

א גרעסערע עוולה — לויט מיין מיינונג — טוט א פרוי וואס שטייט נעבן מיר. זי טוט אויס פון זיך א טייערן מלבוש, נעמט אראפ פון זיך די פינגערלעך און די טייערע קרעלן וואס זי טראגט און.... ווארפט עס אריין אין פייער. זאל זי האבן אזויפיל געזינדיקט?...

עס פעלן ניט, אין אט דעם הייליקן ארט, קיין אידן וואס „מאכן געשעפט". „פארדינען שטיקער גאלד". איין איד, שטייט נעבן די אייזערנע שטאכעטן ביים קבר, שרייבט פאר אייך א „קוויטל" און ווארפט עס אריין, — פאר אייערע אויגן — גלייך אין פייער אריין. דאס קוויטל ווערט באלד פארברענט און — אויב דער „בעטער" איז אן אמעריקאנער טוריסט — שטופט ער אריין דעם קוויטל־שרייבער א גאנצן דאלאר. ישראל־אידן — געבן בלויז א פאר „גרוש". א ביסעלע

ווייטער, שטייט אַ איד און פאַרקויפט אייך אַ ביסעלע בוימל אין אַ גלעזעלע. ער גיסט באַלד אַרויף דעם בוימל אויפן פייער פון קבר וועלכער מאַכט אָן אַ פלאַם. דער איד מאַכט היינט אויך אַן „אוצר מיט געלט".

אַ דריטער איד האָט גאָר גאָר אַ וואַזשנע סחורה. ער האַלט „זוהר'לעך" (דער קבלה-ספר פון וועלכן דער גרויסער תנא איז געווען דער מחבר) און ער פאַרקויפט אייך „אין איינצעלנעם און אין הורט" (אַל פאָר מאַזשאָר אי מענאָר) ווילט איר אַ גאַנץ זהר'ל, פאַרקויפט ער אייך עס. ווילט איר בלויז אַ בלעטל אָדער עטלעכע בלעטלעך — קאָנט איר אויך קויפן! דאָס איז געווענדעט אין אייער קעשענע.

אַ יונגע פרוי שטייט נעבן די שטאַכעטן און וויינט. זאָל עס זיין אַז איר מאַן האָט זי פאַראַטן אָדער אַוועקגעוואָרפן, צו אפשר איז זי גאָר אַ פריילן און זי וויל דאָ, ביים קבר פון רבי שמעון בר יוחאי, אויסבעטן אַ שטיקל חתן. גיכער פון אַלץ איז זי אַן עקרה און זי בעט אויף אַ קינד. זי ענדיקט וויינען און וואַרפט אַריין אין פייער אַריין איר.... האַנט-פאַקעט (קאַרטעראַ) וואָס זי האָט געטראָגן. זי שטייט און וואָרט ביז דאָס פייער כאַפּט עס אַרום און עס הויבט אָן ברענען. זי גייט אַוועק אַ פריילעכע. ווייזט אויס, אַז דער גרויסער נפטר האָט אָנגענומען איר געבעט. עס האָט צו שנעל אָנגעהויבן ברענען....

מען שטופּט אונז אַרויס פון „קבר-צימער". נייע מענטשן דאַרפן פאַרנעמען אונזער אָרט. דער סאָלדאַט וואָס בעט אונז אַרויסגיין, טוט עס זייער איידל. ער בעט זיך ממש ביי אונז. מיר גייען אַרויס דורך אַ צווייטער טיר. פון דאָרט, הויבן מיר אָן אַרומגיין איבערן הויף פון דער חורבה. מיר זעען זאַכן ממש אומגלויבלעכע. הונדערטער און טויזנטער פרויען פון אַלע קאָלירן אָבער די גרעסטע טייל „שוואַרצע" — ליגן אויסגעלייגט אויף יעדער פריי פּלאַץ וואו מען קאָן אַ פיס אַריינשטעלן. זיי זיינען שוין דאָ עטלעכע טעג. זיי גלויבן, אַז וואָס מער מען זאַמט זיך ביים קבר פון דעם גרויסן צדיק — אַלץ זיכערער ווערט מען געהאָלפן. מען וואַלגערט זיך מיט די קינדער. מיט קלומעקאַס. מען האָט זיך מיט גענומען עסן און קריגלעך וואַסער אויף דריי טעג. אַפילו דאָס פּלאַץ וואו דער קלאָזעט געפינט זיך — איז פאַרנעמען מיט די „עולה-רגל". גאַנצע פאַמיליעס האָבן דאָ געצעלטן אויפגעשטעלט און זיי וועלן דאָ זיין עטלעכע טעג. דורכן מיקראָפאָן, וועלכער — אגב אורחא — פאַרלעכערט די אויערן — רופט מען אַלע מאָל אויס אַז... מען האָט געפונען אַ פיצל קינד און מען בעט עס קומען אָפנעמען אין קאָמיסאַ-

ריאַ. פאַראַן דאָרט אַ צענדלינג קינדער פאַרבלאָנדזשעטע. און אפשר טוען עס די מאַמעס אינמיסטן. זיי ווילן זיין פריי. זאָל זיך די משטרה — די פּאָליציי — אָפּגעבן מיט איר קינד ביז זי וועט קומען פון קבר. (עס איז ניט מ י י ן מיינונג, נאָר אָ שוטר פון דער קאָמיסאַריאַ זאָגט עס מיר) אגב. דאָרט, אין אָט דער קאָמיסאַריאַ, איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מען האָט ניט גענעמען אין אַכט מיין קאַרנעט אַלס זשורנאַליסט און מיין רעקאָמענדאַציע־בריוו פון אַ גדול, אַז מען זאָל מיך באַהאַנדלען מיט אויפמערקזאַמקייט. איך ווייס ניט, צו דער עלטסטער וואָס האָט מיך, אַזוי ניט איידל באַהאַנדלט איז געווען מיד און נערוועאַיש אָדער ער איז, פּשוט, געווען אַ ... גראָבער יונג. צווישן טויזנט קאָרעקטע שוטרים — מעג זיין א י י ן גראָבער נפש אויך!...

מיר גייען אַרויף אויפן דאַך פון דער געביידע. פאַראַן דאָרט עטלעכע צימערלעך, פאַר די מקובלים וואָס ווילן זיך מתיחד זיין ביים לערנען דעם זוהר. איצט, זיינען די צימערלעך פאַרנעמען מיט... חסידים. בלויז חסידים מעגן אַריינגיין אַהין. גאַנצע גרופּעס שטייען דאָרט און מען טאַנצט. מען זינגט און מען טאַנצט. איינער פון די טאַנצנדיקע ווערט מיד. וואַרפט אַראָפּ די קאַפּאָטע און... פאַלט אום. די איבעריקע קוקן זיך אויף אים ניט אום, צי יענער חלש׳ט צי ער איז טויט? דער עולם טאַנצט ווייטער! מען זינגט און מען טאַנצט!

— — — — — — — — — — — —

מיר פאַרלאָזן דעם קבר מיט די חורבה, דאָס גיין אַראָפּ אַ באַרג אויף צוריק — איז שוין לייכטער. עס איז אַלץ ענג און מען קאָן זיך קוים דורכשלאָגן אַ וועג. מענטשן האַלטן נאָך אַלץ אין איין קומען. אַזוי וועט מען גיין אַ גאַנצן טאָג. עס קומט אָן אַ פּאַרטי מיט תמנ׳ער. זיי גייען ניט — נאָר זיי שפּרינגען. נאָך זיי שלעפּט זיך אַ גרופּע פון תּלמוד־תורה קינדערלעך אָדער, אפשר, פון אַ ישיבה. זיי גייען און זינגען, טאַנצן און זינגען. איך דערנעענטער זיך צו איין אינגעלע פון אַ יאָר צען. געב אים אָפּ... שלום און וויל מיט אים רעדן עברית. ער ענטפערט מיר אין אידיש. ער איז פון דער גרופּע קינדער וואָס די נטורי קרתא האָבן אין צפת. זייערע עלטערן זיינען עם די יעניקע וועלכע היטן אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר דעם קבר און די ישיבה פון רבי שמעון בר יוחאי. ער איז רעדעוודיק דער וועוריק. וויל וויסן וואו אַרגענטינע געפינט זיך?

איך באַשטים ביי זיך: כל זמן דאָס בחור׳ל און נאָך אַזעלכע ווי ער, וועלן ניט רעדן קיין עברית — וועט פון זיי קיין לייט ניט זיין און

זיי וועלן זיין שונאים פון זייער פאָטערלאַנד. ער וועט ווערן עלטער וועט ער קלוגער ווערן...

מיר קומען צו צום אויטאָ. אונזערע „שותפים" כאַפּן איבער אַ האַרט איי מיט אַ קאַלטן קאָטלעט. איך וועל עסן אין צפת. איך וויל אַז עס זאָל מיר בלייבן אַן אנדענק אַז... איך האָב אין צפת אַ מיטיק געגעסן.

צפת. די דאָזיקע שטאָט איז אַ שם דבר אין ישראל זי איז איינע פון די ווייניק-הייליקסטע שטעט וואָס ישראל פאַרמאָגט. ווען מען רעדט פון צפת — דערמאָנט מען זיך אַז דאָרט געפינען זיך קברים פון אַ סך גאונים בישראל און אַז ניט ווייט פון צפת געפינען זיך די קברים פון הלל הזקן, פון שמאי, זיין שטענדיקן קעגנער און פון גרויסן תנא חנינא בן דוסאָ א. אַ.

יעדער ווינקעלע פון צפת איז פאַרבונדן מיט מיסטיק, מיט הייליקייט, מיט אידישער געשיכטע און מיט יראת הכבוד. ביז היינט צו טאָג זאַמלט מען אויף דער גאַנצער וועלט געלט פאַר די צפת׳ער ישיבות, פאַר צפת׳ער תלמידי חכמים און גאונים. מעגלעך, אַז די זאַמלער באַקומען מער וויפל די יעניקע פאַר וועלכע מען זאַמלט. אָבער, עס קומט עפּעס אויך אָן צו די אָרעמע געלערנטע פון צפת.

צפת, טבריה און ירושלים, זיינען די דריי שטעט אין ישראל וואָס לעבן נאָך פון „חלוקה-געלטער" און וואָס האָבן שליחים איבער דער גאַנצער וועלט וואו מען זאַמלט פאַר זיי. ווען איך בין דער פריידענקסטער פון די פריידענקער, און מען פרעגט מיך צו מען דאַרף זיך מיטשטייערן פאַר אָט די רעליגיעזע מוסדות וואָלט איך — אָן אַ מינוט טראַכטעניש — געענטפערט אַז יאָ! אַ שטיק אידיש לעבן, אַ שטיק המשך פון אונזער אַלטער קולטור און טראַדיציע ליגט אין אָט די רעליגיעזע אַנשטאַלטן וואָס האַלטן אויס בחורים און געבן זיי שטרענג-רעליגיעזע דערציאונג! אַיי, צווישן אָט די בחורים זיינען פאַראַן אַ גרויסער פּראָצענט אויסנוצערס, וואָס ניט זיי לערנען, ניט זיי ווילן לערנען, נאָר זיינען פאַרשריבן אין איינער, אין צוויי און אַמאָל אין דריי רעליגיעזע שולעס, באַקומען דאָרט זייער „פּענסיע" — פון די חלוקה-געלטער — און אַזוי לעבן זיי אָפּ אַ לעבן! נו, איז דען צווישן אונז, פריידענקער, איז דען אין ישראל און אין אַלע לענדער פון דער וועלט ניט פאַראַנען קיין... באַאַמטע (אין ישראל, הייסן זיי „פּקידים") וואָס טוען גאָרניט, אַרבעטן ניט און לאָזן קיין צווייטן ניט אַרבעטן, און בלויז אין

זכות פון פארטיי נעמען זיי אומזיסט געהאלטן! דא, אין די ישיבות פון צפת און טבריה, מירון און ירושלים. היטן זיי, לפחות, אפ א שטיק אידישע טראדיציע...

מיר שטעלן זיך אפ אין צפת עסן מיטיק. אונזער „רעסטאראן" גע־פינט זיך אויף דער „צענטראלער" גאס. מיר זיינען זיכער אז דא וועט קיין עסן ניט פעלן. נו, האבן מיר א טעות געהאט — ער האט זייער וויניק וואס אונז צו געבן. אין „שוי־שאפע" ליגן אויסגעלייגט אפגע־קאכטע עופות, נאר ווען מיר הונגערן א חדש צייט — רירן מיר זיך צו די דאזיקע עופות ניט צו! ווייזט אויס אז מען האט זיי געבראכט פון... איראק! דאך דערלאנגט אונז דער בעל הבית א „ספעציעלע" פארציע שפייז! מען קאן עס עסן מיט ברויט! מיר פארזוכן עס — עס איז... כריין! אמת'ער הארבער כריין! נו גיי, עס, אינמיטן דערינען, א פארציע כריין. פאראן אויך עפעס א סארט „פיש" וועלכע מען גיט א בראט אויפן פייער און מען עסט... רויערהייד. מיר באנוגענען זיך שוין מיט א טעלער הייסע וואסער מיט לאקשן. דער בעל הבית פון רעסטאראן זאגט אז דאס איז... יוך! מיר צערעכענען זיך. עס האט אונז ניט אויסגעטראגן טייער. אינגאנצן... 12 פונט (ארום 150 ארג פעזעס) ווייזט אויס, אז דאס האט שוין דער בעל הבית אפגענעמען פאר די עופות וואס מיר האבן ניט געגעסן. איך האב זיך ניט געדונגען און ניט פראטעסטירט. מיין לעמא איז: — איינמאל אין 55 יאר — מעג מיך ישראל קאסטן און א ישראל־איד מעג מיך אפנארן! ער איז ווערט, שוין דערמיט אליין וואס... ער זיצט אין צפת.

איך „שלאג זיך אוים הוצאות" איך כאפ א שמועס מיטן בעל הבית וועגן יענע טעג ווען צפת איז געווען דער ערגסטער פונקט פון מילחמה מיט ישראל. ער איז דעמאלט אויך געווען אין צפת. ער איז דא גע־בוירן געווארן, און אויף זיין לעבן האט ער נאך תל־אביב ניט געזען. ניט ער, ניט זיין ספרדיש ווייבל. ער איז, פון אט דעם מקום, ניט אוועק. געווען טעג וואס זיי האבן קיין וואסער ניט געהאט. געווען טעג וואס זיי האבן קיין ביסן אין מויל ניט געהאט. זיי האבן געהאט זייער א סך קרבנות. שטענדיק פלעגט צפת זיין א פלאץ וואס האט געגעבן די גרעסטע קרבנות. די אראבער ארום, זיינען געווען די ערגסטע. איצט איז קיין זכר פון זיי ניט געבליבן. מען האט זיי אויסגעראמט ווי די מייז, און די עטלעכע וואס זיינען געבליבן און ניט אנטלאפן — ווייל זיי זיינען שטענדיק געווען שטילע, ארבעטסזאמע, מענטשן, און זיך ניט

געמישט אין פּאָליטיק. איצט, אַרבעטן זיי רואיק און געניסן פון ישׂ־ראל׳ס וואוילזיין.

מיר לאָזן זיך אויפן וועג קיין ע כ ו.

אונזער שאָפער איז שוין אַ באַרואיקטער. ער זינגט שוין אונטער אַ לידעלע. איך רוים אים איין אַ סוד, אַז מיר וועלן אים געבן אַ ז אַ „טרינק־געלט" (פּראָפּינאַ) אַז עס זאָל אים סטייען צו באַצאָלן די שטראָף וואָס דער שוטר פון טבריה האָט אים געמאַכט. ער וויל פון מיר אַ גרע־סערן קרבן! איך זאָל אנערקענען אַז ע ר איז געווען גערעכט! גיי, אנערקען אַזאַ אומגערעכטיקייט! למען השלום און כדי ער זאָל פון די צפת׳ער בערג אַראָפּפאָרן רואיקער — באַגיי איך אַן עוולה קעגן מיין געוויסן און געב אים נאָך.

דער וועג פון צפת קיין עכו, פירט אונז ווידער דורך מירון. איך בין געווען זיכער אַז עס וועט שוין זיין לייכטער דורכצופאָרן דעם צענ־טראַלן וועג. עס איז דאָך שוין שפּעטלעך. איך האָב אַ טעות געהאַט. מען האַלט ערשט אין איין קומען קיין מירון. טויזנטער און טויזנטער מענטשן, מיט אויטאָבוסן, מיט געדונגענע טאַקסים און... אויף קעמ־לען און אייזלען ציט מען זיך קיין מירון, צום קבר פון הייליקן תנא. מען פירט מיט זיך גאַנצע פּעק, אַפילו בעטן מיט בינטלעך שטרוי אויף צו נעכטיקן עטלעכע נעכט.

די וואָך פון סאָלדאַטן לאָזט אונז דורך. פאַראַן צווישן די סאָלדאַטן אַ סך מיט... לאַנגע געקרייזלטע פּאות. היינט איז דאָך זייער טאָג! ז יי ע ר צדיק ווערט באַערט. מיר דוכט, אַז בלויז כדי אַנצוקוקן די סאָלדאַטן מיט די פּאות איז ווערט געווען די רייזע קיין ישראל! אין וועלכן לאַנד אויף דער וועלט זעט מען אַזעלכע אידישע סאָלדאַטן?

דער וועג קיין עכו איז אויך אַ שווערער. בערג און טאָלן, טאָלן און בערג. ווי אויף צו להכעיס, באַגעגענען מיר אַ סך אויטאָס וואָס קו־מען אונז אַן אַנטקעגן און עס ווייזט זיך אויס, אַז אָט אָט וועט מען זיך „צעבוצקען" און איינער פון די אויטאָס מיט די פּאַסאַזשירן צוזאַמען, וועלן אַראָפּפאַלן אין אָפּגרונט. מיר פאָרן אָבער דורך בשלום און איך בלייב ביים שרעק. דאָס בלויז דערמאַנען זיך, אַז אָט וועל איך זיין אין דער היסטאָרישער — און אַזוי וויטיקלעכער פאַר אידן — עכו, אַז אָט וועל איך אָנקוקן די טיורמע וואו אידישע בחורים זיינען געמוטשעט געוואָרן און געהאנגען געוואָרן, און אַז אָט וועל איך זען איבער דער דאָ־

זיקער טיורמע הענגט שטאָלץ אַ אידישע — ניט קיין ענגלישע — פֿאָן, מאַכט מיר פֿאַרגעסן אין שרעק פֿאַר די בערג.

אונזער שאָפֿער פֿרעגט ניט. ער פֿאַרשטייט אַליין, אַז דאָס ערשטע וואָס ער דאַרף אונז ווייזן — איז דעם „קרעפֿאָסט", די טיורמע מיט וועלכער די ענגלענדער האָבן געמיינט אָפּשרעקן די אידישע קעמפֿער — ספּעציעל — די „אירגון"־מענטשן. ווען מיר קומען צו, צו דער באַ רימטער טיורמע — ווערן מיר גאָר אַנטוישט. מיר טרעפֿן אַ שיינע, ריינע, געביידע וואָס איז גאָר פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פֿון די נוצלעכסטע מוסדות פֿון דער רעגירונג. ווען בייגין איז ביי דער מאַכט — טראַכט איך — וואָלט ער, אָט די געביידע, געמאַכט פֿאַרן גרעסטן מוזעאום פֿון ישראל...

מיר שפּאַנען אַרויף צו „נאַפּאָלעאָנס קרעפּאָסט". פֿאַראַן אין עכו אַזאַ פּלאַץ וואו עס שטייט אַ זכר, אַ סימן פֿון אַ גרויסן „האַרמאַט", וואָס זאָל האָבן געהערט צו נאַפּאָלעאָנען ווען ער האָט אין דעם געגנט אָנגעפֿירט די מילחמות. די פֿעסטונג וואו דאָס דאָזיקע מילחמה־„ווערק" שטייט, קוקט אַרויס צום ים, און, לויט ווי די געשיכטע דערציילט, האָט נאַפּאָלעאָן דאָ אָפּגעהאַלטן אַ זיג. אַ לעגענדע דערציילט, אַז אַ דאַנק אָט דעם זיג אין עכו, האָט ער טאַקע צוגעזאָגט די אידן ארץ ישראל מיט אַן אייגענעם קעניג. די אידן האָבן, ווייזט אויס, ניט געגלויבט אין זיין ענדגילטיקן זיג און האָט אים ניט געהאָלפֿן. איך נעם אַראָפּ אַ פּאָר ביל־דער פֿון „האַרמאַט". מעגלעך, אַז בלויז צוליב דעם האָט זיך שוין געלוינט צו פֿאָרן קיין ישראל! וויפֿל האָב איך זיך אָנגעהערט און אָנגע־לייענט וועגן עכו! וויפֿל מאָל האָב איך עס געשאָלטן מיט די ערגסטע קללות פֿאַר דעם בלוט וואָס עכו האָט פֿאַרצאַפּט דעם אידישן פֿאָלק! איצט, שטייען מיר — אַ גרופּע אַרגענטינער אידן אין עכו, נעמען אַראָפּ פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער, און דער שונא־ישראל דער שונא־ציון וואָס האָט געהייסן הענגען אידישע יונגעלייט אין עכו — ער ליגט אין דער ערד און זיין קבר ווערט דערמאָנט מיט אַ קללה! איך טראַכט ביי זיך: —

איך מוז נאָך אַמאָל זיין אין ענגלאַנד, קומען אויף „קבר־אבות" אויף בעווינס קבר און אים דאָרט... איבערלאָזן אַ קאָפּיע פֿון בילד פֿון דער טיורמע אין עכו וואָס איך האָב נאָרוואָס אַראָפּגענעמען...

מיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער „שטאָט". דערווייל — האָט נאָך עכו ניט פּראָגרעסירט. מען וואַרט אויף אַן ענדגילטיקן שלום מיט די אַראַבער, וועט מען נעמען אַנטוויקלען דעם פּאָרט. אויב אין דער נאָ־

ענטער צוקונפט וועט נאָך קיין שלום מיט די אַראַבער ניט ווערן — וועט מען במילא זיך אַ נעם טאָן צו עכו. מיר פאַרקערעווען זיך אויפן וועג צו דער באַרימטער „דייטשער" קאָלאָניע נ ה ר י ה. אויפן וועג דערציילט אונז דער שאָפער וויפל קרבנות מען האָט געדאַרפט אוועק־געבן אַז עכו זאָל בלייבן ביי אונז! אַ גרויל כאַפּט אייך אָן ווען איר הערט די רייד פון אָט דעם פשוטן מענטשן וואָס האָט אַליין איבערגעגע־לעבט אַלץ וואָס ער דערציילט. אַ שאָד וואָס די גרעסטע טייל איינוואוי־נער פון ישראל נויטיקן זיך נאָך אין די עלעמענטאַרסטע זאַכן פון לעבן, וואָס מיר, דאָ, אין די לענדער פון חוץ לארץ, האָבן מיר עס אַזוי פיל און מיר קאָנען עס איבערשיקן אַהין....

פאַרוואָס מען האָט עס ב י ז איצט ניט געטאָן? ניט בלויז די אידן פון די גלות-לענדער האָבן די שולד...

— — — — — — — — — — — — — —

ווילט איר אָנקוקן דעם גן עדן התחתון? — פאָרט אַראָפּ קיין נהריה און איר וועט אים דאָרט קאָנען באַוואונדערן. נהריה איז אַ קאָלאָניע פון דייטשע אידן וועלכע זיינען געקומען קיין ישראל, נאָכדעם ווי היטלער ימח שמו, איז געקומען צו דער מאַכט. די גרעסטע טייל פון אָט די „יעקעס" (אַזוי רופט מען די דייטשע אידן) האָבן נאָך אוספּיעט צו ראַטעווען זייער פאַרמעגן און ברענגען אַהער אַ געווויסן קאַפּיטאַל. זיי האָבן אויסגעבויעט שיינע הייזער, שיינע אינסטיטוציעס און גאָר, גאָר אַ שיינעם ש פּ י ט אָ ל. דער דאָזיקער בית החולים פון נהריה, האָט אַ שם איבער גאַנץ ישראל, אָבער קרענקען — לוינט זיך דאָ ניט! עס קאָסט דאָ זייער טייער...

בעת דער באַפרייאונגס מילחמה, האָבן די איינוואוינער פון נהריה ניט פאַרלאָזט דאָס פּלאַץ. די אַראַבער זיינען געווען אונטער דער נאָז. עס איז געווען אַ גרויסע סכנה דאָרט צו בלייבן — אָבער, זיי זיינען געבליבן אויפן אָרט. אין ישראל, ספּעציעל אין די רעגירונגס-קרייזן, אנערקענט מען עס.

אויב ביי אונז פלעגט מען זאָגן: — ער לעבט ווי גאָט אין אדעס, זאָגט מען אין ישראל: — ער לעבט ווי אַ תושב פון נהריה.

— — — — — — — — — — — —

מיר פאָרן „אַ היים". מיר דאַרפן דורכפאָרן חיפה. דאָרט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר שעה. וויפל מאָל איר זאָלט ניט זיין אין חי־פה — גלוסט זיך זיין נאָך אַמאָל! עס לוינט זיך די רייזע קיין ישראל

בלויז אָנצוקוקן חיפה. אָנקוקן דעם הדר הכרמל. ווען איך באַשליס זיך באַזעצן אין ישראל — באַזעץ איך זיך בלויז אין חיפה. אמת, אויף צו וואוינען אין חיפה, דאַרף מען האָבן... געזונטע פיס. דאָס גיין באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, קאָן מיד מאַכן. אָבער, אַלץ לוינט זיך אַבי צו וואוינען אין חיפה. איך געב דערוויַיל אַ „פּאַנטאַזיר". ווען איך וואוין אין חיפה, וואָלט איך אַלע טאָג געגאַנגען צום פּאָרט מקבל פנים זיין נייע עולים און טוריסטן. איך וואָלט געטאָן ווי די... עגיפּטער טוען: — ווען עס קומט אָן אַ שיף מיט טוריסטן — נעמט מען זיי אויף מיט מוזיק. איך וואָלט זיי אויפגענעמען מיט אַ ברייטן שלום, און וואָלט זיך געשטעלט צו זייער דינסט זיי עפּעס נוצלעך זיין. אַ שאָד וואָס די רעגירונג, וועלכע דאַרף האָבן אַזוי פיל אינטערעס אין טוריסטן און עולים — האָט ניט ביים פּאָרט אַ צענדלינג אָדער אַ האַלבע מאה פון אירע פקידים, וואָס זאָלן שענקען אויפמערקזאַמקייט טוריסטן ווען זיי קומען אין לאַנד אַריין און האָבן ניט קיין חברים ווי ערנסט, ווי־לענסקי, רימון, תמיר, און אַנדערע וואָס זאָלן זיי אָריענטירן און העלפן שאַפן פאַרבינדונגען!...

אין אַ פּאָרשטעטל נעבן חיפה, דאַרף הלל פרידמאַן אָפּגעבן אַ גרוס אַ עלטערער פרוי. דאָס פּאָרשטעטל הייסט — קרית חיים. זייער אַ שיינע שכונה. אַ שאָד וואָס די נומערן זיינען דאָרט אַזוי צעדרייט און אין אומאָרדענונג, אַז עס האָט אונז פאַרדרייט דעם קאָפּ אויסצוזוכן אונזער אַדרעס. די נעמען פון די גאַסן און די נומערן אויף די הייזער — זיינען אַ מכת המדינה. איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט ניט... צו מאַכן זיך בייז בלוט ווען איך זוך אַ גאַס און אַ נומער...

ענדלעך געפינען מיר די פרוי. אַן אַלטיטשקע פון אַ יאָר 70. וואוינט שוין אין ישראל אַ דריי צענדלינג יאָר און רעדט בלויז... רוסיש. אַ „צאַרישן רוסיש. זי האָפט נאָך אַז אין רוסלאַנד זאָל הערשן „דאָמא ראָ־מאַנאָווא". זי וואוינט איינע אַליין איבער צוויי צימערן! וויפל גליקלע־כע זיינען דאָ אַזעלכע אין ישראל?

מיר זיינען שוין אַ ביסעלע — און אפשר א סך — מיד. מיר פאַר־לאָזן חיפה. איך באַשטים ביי זיך — קומען ספּעציעל קיין חיפה און זיך באַקענען נעענטער מיט אָט דעם פּערל פון ישראל! עס איז ווערט און עס איז כדאי.

4-טער מאי:

היינט איז ביי אונז א רו-טאָג. נאָך נעכטיקער רייזע — מוז מען זיך גוט אויסרוען. דאָך, זיצן אין שטוב — וועל איך ניט. איך גיי אַרויס אין גאַס. איך וויל, זען, הערן און אויב מעגלעך ר ע ד ן! דאָס רעדן מיט מענטשן — איז מיין הויפּט-פּראָגראַם. וואָס מער איך רעד מיט די ישראלים — אַלץ מערער באַקאָן איך זיך מיטן לאַנד, מיט די פּראָ־בלעמען פון יחיד און רבים און מיט זייערע באַציונגען און סימפּאַטיעס צו דער רעגירונג, צו... אַמעריקע און סאָוועטן-לאַנד, צו די אידן פון חוץ לארץ און צו... זייערע אייגענע מיטבירגער בפרט. ווען איך זאָל ניט אַרויספאָרן איבערן לאַנד און בלויז זיין אין תל אביב הונדערט טעג און יעדער טאָג זיך טרעפן מיט א פּאָר צענדלינג מענטשן — וואָלט איך געקאָנט אָנשרייבן צ ע ן ביכער וועגן לעבן און שאַפן פון אונזער אַלט-ניי לאַנד. אגב. ישראל אידן — ספּעציעל דער עלטערער דור — האָט ליב צו רעדן, ענטפערן אייך גערן אויף אייער פראַגע און איז צו אייך גאַר, גאָר פריינטלעך, ביז... איר ווייזט אים אָן אויף א פּאָר פּע־לערן פון דער מדינה וועלכע מען קאָן, גראַדע, אויסמיידן! איך האָב שוין עקספּעריענץ. איך וואַרף זיי גאָרניט פאָר... עס וועט אַליין, פון זיך, פאַריכט ווערן!...

איך שטעל זיך אָפּ רעדן מיט א „שוטר" (פּאָליציי-מאַן, וויזשילאַנט).

אייגנטלעך, האָב נ י ט איך, זיך אָפּגעשטעלט רעדן מיט אים נאָר ע ר האָט מיך אָפּגעשטעלט, פאַרהאַלטן! איך האָב פאַרגעסן אַז אין ישראל טאָר מען ניט איבערשפּאַנען די גאַס אין מיטן „קוואַדרע". איך האָב פאַרגעסן, אַז מען דאַרף וואַרטן ביז די גרינע ליכט וועט מיר זאָגן „ע ב ו ר" (גיי איבער) און איך האָב זיך געלאָזט — פאַרטראַכטער־הייט — איבערקרייצן די גאַס, דווקא דאָן, ווען די טראַפיק איז געווען א גרויסע. דער „שוטר" גיט א פייף, שטעלט מיך אָפּ, און זייער קאָ־רעקט פּרוּווט ער רעדן צו מיר אין... ענגליש. זיי, די ישראלים, גלויבן אַז אַלע טוריסטן זיינען פון אַמעריקע און אַלע טוריסטן מוזן קאָנען רעדן ענגליש. ווען ער האָט געענדיקט מיר זאָגן עפּעס אין ענגליש, האָב איך אים געבעטן אַז ער זאָל עס מיר איבערזעצן אין עברית אָדער אין אידיש וואָס ער וויל. דערהערט אַז איך „מדבר עברית" — איז ער געוואָרן פריינטלעכער און... מיר זיינען געוואָרן גוטע ברודער.

ער וואָרנט מיך פריינטלעך ניט צו קרייצן די גאַס אינמיטן וועג.

ווען איך בין אַ תל אביב׳ער תושב — ניט קיין טוריסט — כאַפּ איך אַריין אַ שטראָף פון 5 פונט אָדער עטלעכע טעג זיצן!...

לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז ניט קיין פּשוטער שוטר — נאָר אַ שטיקל עלסטער. ער דינט אין דער פּאָליציי שוין אַ היפּש ביסל יאָרן, נאָך פון דער צייט פון מאַנדאַט.

מיר לאָזן זיך אַריין אין אַ לענגערן שמועס. ער האָט צייט, ווייל ער האָט שוין געענדיקט צו „אינספּעקציאָנירן" זיין זאָנע און ער איז שוין פריי. מיר לאָזן זיך אַוועק שפּאַצירן איבער בן יהודה־גאַס און, נעבן „מוגרבי" זעצן מיר זיך אַוועק ביי דער „יעקישער" קאָנפּיטעריא און, אין משך פון שמועס, ווער איך געוואוירע:

ער האָט פריינט אין... אַרגענטינע, נאָר ער וויל פון זיי ניט וויסן. זיי זיינען גרויסע פאַבריקאַנטן אין סאַן מאַרטין, גרויסע גבירים און... קאָמוניסטן! און אַ קאָמוניסט האָט ער נאָך מערער פיינט ווי אַן אַראַ־בער כאָטש, ער איז אין דער באַפרייאונגס־מילחמה, צוויי מאָל אונטער־געשאָסן געוואָרן פון אַראַבישע... שוטרים — קאָלעגן זיינע.

וואָס איז שייך דער פּאָליציי — דערציילט ער מיר קוריאָזיטעטן: די פּאָליציי באַשטייט פון העכער אַ העלפט נייע עולים. עס האָט גע־קאָסט אַ סך אַרבעט ביז מען האָט די דאָזיקע עולים אויסגעלערנט עב־רית. זיי האָבן אויך באַקומען אַ ספּעציעלן קורס ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט מענטשן. די פּאָליציי אין ישראל, לייגט זייער אַ סך געוויכט אויף אָט דעם פונקט. אין דער צייט פון מאַנדאַט האָבן אידן זייער פיל גע־ליטן פון דער ענגלישער פּאָליציי, האָט מען זי דערפאַר פיינט געהאַט ווי אַ שפּין. פון אָט דער שנאה, קאָן זיך נאָך דער ישראלי ניט אָפּגע־וואוינען, כאָטש די פּאָליציי איז שוין ניט קיין ענגלישע — נאָר אַ אידישע. איז די אויפגאַבע פון די עלסטע אין דער פּאָליציי אָכ־טונג צו געבן אַז די באַציונגען זאָלן זיך בעסערן, אַז דער שוטר זאָל באַהאַנדלען דעם בירגער און ספּעציעל — דעם טוריסט — מיט דער גרעסטער העפלעכקייט.

צום באַדויערן, איז דער שוטר אין ישראל דער ווייניקער באַ־צאָלסטער באַאמטער. דערפאַר זיינען טאַקע דאָ אַזוי ווייניק בעלנים צו ווערן אַ שוטר אין ישראל און דערפאַר איז אין ישראל פאַראַן אַזוי ווייניק שוטרים. פריער, ביים ענגלענדער, פלעגן די אידישע שוטרים קריגן אחוץ זייער אָפיציעלן געהאַלט — אויך אַ געוויסע סובסידיע פון אידישע אינסטיטוציעס. היינט איז דאָס אָפּגעשאַפן און זיי מוזן זיך

באַנוגענען מיטן אָרימסטן געהאַלט וואָס די ישראל רעגירונג צאָלט דער פּאָליציי.

— אויב עס איז ניט קיין סוד — פרעג איך — וויפל זיינען פאַראַן פּאָליציי-מענטשן אין ישראל?

— קיין סוד איז דאָס ניט! אין אונזער אָפיציעלן אָרגאַן איז געווען אָנגעוויזן. צווישן אָפיצערן און סאָלדאַטן אין דער פּאָליציי איז פאַראַן ווייניקער ווי 4000 פּערזאָן. צווישן זיי אַ פּינף הונדערט פרויען און אַ דריי הונדערט — ניט-אידן (אַראַבער, דרוזן, קריסטן א. א.) העכער העלפט פון זיי — זיינען געבוירענע אין אייראָפּע. ווייניקער פון 18 פּראָצענט זיינען... סבראָ׳ס (געבוירענע אין לאַנד) די איבעריקע קו-מען פון אַנדערע אַזיאַטישע שטעט. פון אַמעריקע — איז ניטאָ אַפילו קיין איין פּראָצענט.

די פּאָליציי גיט אַרויס אַן אייגענעם זשורנאַל, הייסט ער „999״. פאַרוואָס אַזאַ נומער? ווייל דאָס איז דער נומער פון פּאָליצייאישן טעלעפאָן. דער דאָזיקער זשורנאַל איז זייער אינטערעסאַנט און ווערט געלייענט אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליאַרן.

די פּאָליציי פון ישראל פאַרמאָגט אייגענע שולן מיט ספּעציאַלי-זירטע קורסן פאַר די קאַנדידאַטן וואָס ווילן אַריינטרעטן אין דער פּאָ-ליציי. ספּעציעלע קורסן פאַר... הינט. די הינט, אין דער ישראל-פּאָ-ליציי שפּילן אַ גרויסע ראָל.

רעדנדיק מיט מיין נייעם פריינט — דעם פּאָליציי-מאַן, איז ער מיר מודה, אַז צוריק מיט יאָרן איז אין ישראל געווען זייער ווייניק פאַרברעכנס. די פּאָליציי — ביי די ענגלענדער, האָט געהאַט צו טאָן — צום גרעסטן טייל מיט מינדערוויכטיקע אַראַבישע גנבים אָדער מיט וויכטיקע אידישע „גנבים״ וועלכע האָבן געקעמפט קעגן די ענגלענ-דער און געגנבעט ביי זיי אַמוניציע און אַנדערע זאַכן וואָס דער הינ-טערגרונט האָט זיך געגנויטיקט. ער — ווי הונדערטער פּאָליציי-מענטשן ווי ער, זיינען געווען די בעסטע חברים און... מיטהעלפער פון אָט די „גנבים״, וועמען זיי האָבן געהאָלפן אין זייער טעטיקייט. זיין איצ-טיקן העכערן „טשין״ האָט ער צו פאַרדאַנקען יענער טעטי-קייט ווען ער איז געווען אַ פּשוטער פּאָליציי-מענטש ביי די ענגלענדער.

איך דערצייל מיין פּאָליציי-פריינט, וועגן די וויצן וואָס מען דער-ציילט ביי אונז וועגן דער ישראל-פּאָליציי, למשל, ווי אַ פּאָליציאַנט פירט מנשה׳ן אין קאָמיסאַריאַ. אינמיטן וועג דערמאַנט זיך מנשה, אַז ער

האָט גאָר היינט יאָרצייט און עס איז שוין באַלד מנחה־צייט. ער זאָגט עס דעם שוטר. יענער לאָזט אים גיין דאַװנען מנחה בתנאי, אַז נאָך מעריב זאָל ער זיך פרייװיליק מעלדן אין פּאָליציי... מיין מיטשמועסער גיט אַ שמייכל! ס'זיינען בלויז װיצן! מען איז טאַקע היימישער װי אַ ניט־אידישער פּאָליציי מיט אַ אידישן אַרעסטאַנט, מען איז טאַקע באַפריינדעט אַמאָל! אָבער צו דיסציפּלין — קער זיך עס ניט אָן! װעמען מען דאַרף באַשטראָפן — באַשטראָפט מען! װעמען מען דאַרף נעמען צום שופט —נעמט מען און װעמען מען דאַרף איינזעצן אויף עטלעכע טעג — זעצט מען גוט איין! װאָס יאָ! קיין פּעטש — גיט מען ניט ביי אונז! װען מען גיט פּעטש — װאָלטן אפשר געװען װייניקער פאַרברעכער! װי אַנטי־דעמאָקראַטיש עס זאָל ניט זיין — איך האַלט אַז פּאָליציי דאַרף האָבן געװיסע פרייהייט צו צװינגען אַ פאַרברעכער ער זאָל זיך מודה זיין!... דער גנב און פאַרברעכער, איז בטבע אַ פּחדן! װען ער װייסט אַז ער װעט אין פּאָליציי כאַפּן פּעטש — װאָלט עס אים — אין אַ געװיסער מאָס אָפּגעהאַלטן פון פאַרברעכן. אמת. עס איז אַנטי־דעמאָקראַטיש, אָבער פאַרן פאָלק װאָלט עס געװען גזונטער!...

— — — — — — — — — — —

ביי טאָג האָבן מיר געמאַכט גאָר אַ װאָזשנע רייזע. תיכף נאָכן עסן קומט צו אונז דער אַרגענטינער איד װאָס הייסט קוגלער. ער איז שוין דאָ העכער אַ יאָר און ער טוט איינע פון די װיכטיקסטע און פּראַקטישסטע אַרבעטן פאַר ישראל! ער בויט דאָרט אַ גאַנץ דאָרף װאָס טראָגט דעם נאָמען „כפר יהודי אַרגענטינא" (דאָס דאָרף פון אַרגענטינער אידן) פאַראַן שוין דאָרט אַ פּאָר צענדלינג הייזער און גאָר בקרוב, װעט דאָרט זיין אויסגעבויט 36 שיכונים. יעדער איינער װאָס האָט דאָרט אַ שטוב האָט ער אויך 25 דונאַם ערד און ער קאָן מאַכן אַ לעבן פון זיי.

קוגלער איז געקומען אונז פירן אין „מכון װייצמאַן" (װייצמאַן־אינסטיטוט) װעלכער געפינט זיך ניט װייט פון זיין אַרגענטינער דאָרף. פון דאָרט װעלן מיר פאַרן אָנקוקן דאָס בויענדע דאָרף.

דער װעג קיין רחובות צום װייצמאַן־אינסטיטוט, איז אונז שוין היימיש. איך װאָלט שוין געטראָפן אין דער פינצטער. װיפל מאָל איך פאָר דאָרט דורך, אַזוי פיל מאָל װאָלט איך זיך אָפּגעשטעלט און געשטאַנען אַ שעה צייט צװישן די ביימער פון װעג װעלכע געבן אַרוים אַזאַ געשמאַקן ריח. מען קאָן, אָבער, ניט בלייבן שטיין. פאַראַן אַ סך װאָס צו זען דאָרט.

אין ווייצמאַן־אינסטיטוט וואַרט אויף אונז אַ הויכער באַאַמטער וואָס איז שוין געווען אין אַרגענטינע און וואָס הייסט גרושקאַ. ער פירט אונז איבער די אָפּטיילונגען וועלכע מען... מעג ווייזן אַ פרעמדן. פאַראַן דאָרט זאַכן וואָס מען קאָן יעדן איינעם ניט ווייזן. די גרעסטע סודות — ליגן אין אָט דעם אינסטיטוט. אָט ווייזט מען אונז אַן אַפּאַראַט וועלכער פאַרגרעסערט אויף הונדערט טויזנט מאָל דעם מיקראָב וואָס מען וויל זען. אָט דעם אַפּאַראַט, האָט גענוצט פּראָפעסאָר ווייצמאַן ע"ה ביז ניט לאַנג, פאַר זיין בלייבן ליגן אין בעט. אַזעלכע אַפּאַראַטן זיינען בלויז פאַראַנען זעקס אויף דער גאַנצער וועלט. ישראל, איז איינע פון די זעקס לענדער וואָס האָט געקראָגן — אַ דאַנק אַמעריקאַנער אידן — אָט דעם ווערטפולן אַפּאַראַט. אַ דאַנק אָט דעם אַפּאַראַט, ברענגט דער ווייצמאַן־אינסטיטוט נוצן, ניט בלויז דער ישראל־וויסנשאַפט, נאָר דער גאַנצער וועלט וועלכע ווענדעט זיך צום אינסטיטוט און קריגן פון דאָרט אַלע אינפאָרמעס אַבסאָלוט אָן געלט! אינטערעסאַנט איז: — אַנדערע לענדער נעמען יאָ געלט פאַר זייערע אינפאָרמעס. ישראל האָט באַשטימט געבן די אינפאָרמעס אומזיסט. ישראל דאַרף זיין אַן אויסנאַם פון אַנדערע מלוכות. דאַרף ווייזן אַ ביישפּיל!

מיר שפּאַנען איבערן גאָרטן וואו עס דאַרף בקרוב אויפגעשטעלט ווערן אַ פּאַוויליאָן אויפן נאָמען פון אַרגענטינער פּראָפעסער און העלד סאַן מאַרטין. דער גרונט־שטיין איז שוין געלייגט. ווי לאַנג וועט מען נאָך דאַרפן וואַרטן אַז אויך די ווענט זאָלן אויפגעשטעלט ווערן. ער ווייזט זיך אַרויס, אַז ווי גרויס דער אינסטיטוט זאָל ניט זיין, אַלץ מער נויטיקט מען זיך אין נייע געביידעס און אין נייע פאָרשונגס־מאַשינען. ישראל־אידן, קאָנען ליידער מיט זייער ווייניק געלט ביישטייערן דערויף. די אידן פון חוץ לארץ דאַרפן העלפן.

מיר גייען אַריין אין עטלעכע לאַבאָראַטאָריעס. מיר טרעפן אַ גאַנצע איינגעאָרדנטע... מלוכה. זייער ווייניק אידן אין אַרגענטינע ווייסן און שטעלן זיך פאַר וואָס אַזוינס דער „ווייצמאַן"־אינסטיטוט איז, וואָס פאַר אַ נוצן ער ברענגט דעם לאַנד און וואָס פאַר אַ כבוד ער פאַרשאַפט דעם אידישן פאָלק. שפּעטער, ווען איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו רעדן מיט מיליטער־עקספּערטן, האָבן זיי מיר צוגעגעבן, אַז אויב ישראל האָט מיליטעריש ניט קיין מורא פאַר די אַראַבער און פאַרן צווייטן ראונד — האָט דער ווייצמאַן־אינסטיטוט אַ גרויסן חלק אין דעם...

אויף צו קאָנען און אָנקוקן דעם וויצמאַן־אינסטיטוט — האָט זיך געלוינט די רייזע קיין ישראל.

מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין צום „אַרגענטינער־אידישן דאָרף" אויך פריינט גרושקאָ פאָרט מיט אונז. אויפן וועג דערציילט ער אונז וויפל פראָפעסאָרן, וועלט־באַרימטע וויסנשאַפטסלייט עס אַרבעטן אין אינסטיטוט. זיי באַקומען דעם מינימאַלסטן לוין! אַ שאָפער אָדער אַפילו אַ שניידער — פאַרדינט דריי מאָל אַזוי פיל מערער. ביי זיי איז אָבער די אַרבעט ליב און טייער. זיי פילן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס איינציקע וואָס זיי דאַרפן — איז באַקוועמע וואוינונגען. ווען זיי קומען אַהיים נאָך דער אַרבעט אין אינסטיטוט — מוזן זיי האָבן אַ באַקוועמע און רואיקע דירה זיך אויסצורוען און... זיין מיט זיך אַליין. אַזעלכע וואוינונגען ווערן געבויט איצט פאַר זיי און דערויף — דאַרף מען ווידער האָבן געלט...

מיר קומען אָן אין „דאָרף" אַריין שוין נאָך דער אַרבעט. ווען מיר קומען פריער — טרעפן מיר אַ פּאָר צענדליק אַרבעטער אויף די דעכער פון די מאָדערנע הייזער וואָס בויען זיך דאָרט. בלויז אַ פּאָר שומרים היטן די הייזער. פאַראַן וואָס צו היטן. פאַראַן אַ סך געהילץ, וואַסער־רערן, טירן, פענצטער, און סתם זאַכן וואָס מען דאַרף האָבן אויף צו בויען אַ שטוב.

— צע וואָס דאַרף מען היטן? פאַראַן דאָ גנבים? ווער וועט קומען אַהער גנבענען?

— ס'הייסט ניטאָ קיין גנבים? ישראל איז אַ מדינה ווי אַלע מדינות אויף דער וועלט. האָט אייגענע און אימפּאָרטירט גנבים, וועלכע קאָנען עפּעס צוגנבענען און פאַרקויפן אין „שוואַרצן מאַרק" פאַר אַ צענטל ווערט. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דאָ, ניט ווייט, געפינט זיך איינע פון די גרעסטע... מעברות. די איינוואוינער פון דאָרט זיינען „קונים" אויף אַלץ!

— וואָס זשע? אויב גנבים, מוזן זיי זיין פון די איינוואוינער פון מעברות?

— מוזן — מוזן זיי ניט זיין! אָבער, די פּראַקטיק האָט דערוויזן אַז אַזוי איז דאָס! אַזוי רעדט מען!

אָט, צוליב דעם „אַזוי רעדט מען", האָט מען עס אַריינגענעמען „אין מויל אַריין", די רומענישע אידן, די איראַקער און בכלל די נייע

עליה. אַ גליק וואָס די סטאַטיסטיק דערווייזט, אַז צווישן „סבראַ׳ס", פע־לן אויך ניט קיין גנבים און אַפילו מערדער.

מיט איינעם אַזאַ מערדער-סבראַ, האָט געטומלט גאַנץ ישראל,

אין אַ פֿאַרטאָג, האָט מען אין אַ געגנט פון תל אביב וואָס הייסט נוה שאנן, געפונען אַ יונגן מענטשן אַ דערמאָרדעטער. דער הרוג איז געווען באַקענט אַלס איינער וואָס איז געווען אַ גאָר נאָענטער קרוב מיט דער... פּאָליציי און מיט דער טיורמע, וועלכע איז געווען זיין אָפטע היים. די פּאָליציי האָט תיכף אויסגעפונען ווער דער מערדער איז און זיך גענעמען יאָגן אים צו כאַפּן! אָבער דער מערדער — אַ ניינצן־יאָריקער „סבראַ" ישראל חרבון, איז געווען אַ פיפיקער גזלן. ער האָט דעם זעלבן טאָג, געמאַכט אַן אָנפאַל אויף אַ טאַקסי-שאָפער, צוגענעמען ביי אים די פּאָר פונט וואָס יענער האָט געהאַט, צוגענעמען דעם טאַקסי און איז געלאָפן מיט אים קיין חיפה. דאָרט איז ער אַרויף אויף אַ שיף און ווען די פּאָליציי איז געוואוירע געוואָרן אַז ער געפינט זיך אויף אויף דער שיף — איז אים געקומען נעמען — איז ער מים־טעריעז פאַרשוואונדן. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ער באַפאַלן אַ צווייטן שאָפער און דערנאָך אַ דריטן, צוגענומען זייערע אויטאָס און געלט און... גערעדט טעלעפאָניש אין פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט, אַז דאָס רעדט ישראל חרבון ווענען איר זוכט!

נאָך עטלעכע און צוואַנציק שעה זיך יאָגן נאָך אים, האָט מען דעם בחור געכאַפּט. ער האָט זיך איבערגעגעבן אַן קרבנות. ער האָט דער־ציילט, אַז פון צען יאָר אָן, ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ צוציק, האָט ער שוין געהאַט אַ חשבון מיט דער פּאָליציי וועלכע האָט אים אַריינ־געגעבן אין אַ „אויסבעסערונגס-אַנשטאַלט" פון וואַנען ער איז אַרויס אַ... פאַרטיקער גנב און מערדער!

ווען אַט דער ישראל חרבון זאָל חלילה געווען זיין אַ... נייער עולה, אַ איראַקער אָדער רומעניש‍ער, וואָלט געווען אַ „זיכערער" באַווייז, אַז די איראַקער, אַז די נייע עולים זיינען קאַלטע מערדער וואָס קאָנען הרגענען אַ מענטשן ווען ער שלאָפט...

כדי, אַט די „נייע עולים" ווי ישראל חרבון און יצחק כהן (זיין קרבן) זאָלן ניט קומען גנבענען, האַלט מען עם שומרים מיט רעוואָלווערן...

פריינט קוגלער פירט אונז איבער דעם „כפר יהודי ארגענטינא". מיר ווערן אַנציקט. מיין פרוי וויל שוין ווערן אַ... אייגנטימערן פון אַט אַזאַ „דאַטשע". עס קאָסט ביליק און מען האָט אַ אייגן הויז מיט 25 דונאַם ערד. אַ שאָד וואָס איך קאָן זיך ניט פאַרגינען אַזאַ פאַרגעניגן. אָבער — אין דבר. איך וועל נאָך האָבן אַ הויז אין „כפר יהודי ארגענטינא"...

— — — — — — — — — — — — —

אויפדערנאָכט, אין דער היים, ווי שטענדיק זיינען געקומען חברים און געסט און איך האָב מיט וועמען צו רעדן. דער געשפּרעך גייט אַרויף אויף דער טעמע: „פאַרברעכנס אין ישראל".

מען דערציילט מיר וועגן אַ אינטערעסאַנטנעם פאַל, ווי אַזוי ישראל האָט שוין „פּראָגרעסירט" אין ענין פון „זיין מיט לייטן גלייך" און האָט שוין אַלע קלאַסן פאַרברעכער, — אַפילו „סעקוועסטרירער" פון מענטשן.

ערשט ניט לאַנג, פאַר מיין קומען אין לאַנד אַריין — אַזוי דער־ציילט מען מיר — האָט זיך געטראָפן אַזאַ פאַל: —

אין צענטער פון תל אביב, אין קאַפע „עטרה", אַט, דאָרט, וואו עס זיצן די סוחרים און מעקלערס פון מגרשים (טערענאַס) און הייזער, איז געזעסן אַ געוויסער בוי־אונטערנעמער וואָס הייסט שלמה בלי־זאַווסקי. ער איז געזעסן מיט עטלעכע פריינט און געמיטלעך גע־שמועסט וועגן געשעפט. פאָרט צו צום קאַפע אַ שיינער אויטאָ, אַ עלע־גאַנטנער הער גייט אַרויס פון אויטאָ און קומט צו, צו דעם שלמה בלי־זאַווסקי און לאַדט אים איין פאָרן קיין ראשון לציון אָנקוקן אַ גוט גע־שעפט. אנשטאָט קיין ראשון לציון — פאַרפירן זיי אים אין אַן אַנדער מקום, און מאַכן אים אונטערשרייבן פאַפּירן אַז ער איז זיי שולדיק גרויסע סומעס געלט. מען האַלט אים אַ שטיק צייט „סעקוועסטרירט" און ער מוז אונטערשרייבן. מען דראָט אים מיטן טויט אויב ער וועט אויסזאָגן. ער זאָגט אַיִם דערנאָך אין פּאָליציי, מען אַרעסטירט די עלע־גאַנטע „אויספּרעסער", און — ישראל מעג זיך באַרימען. זי פאַרמאָגט שוין אייגענע „מאַפיאַסעס". דאָס הייסט דאָך — אַ לאַנד ווי אַלע לענ־דער פון דער וועלט! מיינע מיטשמועסער, זיינען טאַקע שטאָלץ וואָס ישראל האָט שוין אַלע קלאַסן פאַרברעכער! אַ שאָד בלויז, וואָס זיי ווילן ניט נאָכגעבן, אַז די פאַרברעכער זיינען „אייגענע פּראָדוקציע" — אַלטע איינוואוינער פון לאַנד. ניט קיין נייע עולים.

5-טער מאַי:

אויף ביינטאָג האָבן מיר גאָר אַ וואַזשנע פּראָגראַם. מיר האָבן באַקומען אַ עקסטרע איינלאַדונג בייצווויין דעם חנוכּת הבּית פון „כּפר זקנים" — שער מנשה, וואָס דער דזשוינט-„מלבּן" עפנט אויף נעבן חדרה. כאָטש מיר זיינען שוין דאָרט געווען — ווען מיר איצט פאָרן צו דער אָפיציעלער דערעפענונג פון אָט דעם גרויסן אַנשטאַלט. מיר וועלן אים נאָכאַמאָל באַטראַכטן.

איינדערפרי האָב איך אַ באַגעגעניש מיט אַ פּאָר פריינט, ביי וועמען איך וויל זיך בעסער אינפאָרמירן וועגן דער גרויסער מילחמה וואָס עס גייט אָן אין געוויסע קיבוצים וואו „מפא"י-מפ"ם" קאָנען ניט לעבן בשלום.

מיר זיצן זאַלבע פיר. צוויי פון די חברים זיינען מפּ"איניקעס און זיי זיינען נאָענט באַקאַנט מיט דער לאַגע אין די געשפּאָלטענע קיבוצים ווייל זיי האָבן איינטיילט געגנעמען, אי אַלס פאַרטיי-מענטשן, אי אַלס מיניסטעריום-באַאַמטע, וועלכע האָבן אין זייער טעטיקייט-ספערע, די ענינים פון זאָרגן פאַר דער אויסבעסערונג פון אַגריקולטור. דער דריטער חבר אונזערע, איז אַ... מזרחי פּירער. ער איז שוין זעקס און דרייסיק יאָר אין לאַנד, האָט שוין ישׂראל-איינינקלעך, וועלכע זיינען מיט זייערע עלטערן, איינוואוינער פון אַ מזרחי-דאָרף.

דעם שמועס וועלכן איך דאַרף מיט זיי פאַרפירן איז דער פיינלעכסטער וואָס איך האָב געהאַט ביז איצט. איך האָב שוין דאָ אַ סך געהערט רעדן וועגן דער טרויעריקער לאַגע פון די קיבוצים וואָס דאַרפן זיך צעטיילן. איך האָב, אָבער, ניט געוואָלט „בלאַנדזשען" אין אָט דער פראַגע, און אָט די חברים, וואָס זיצן דאָ מיט מיר, קאָנען מיר אַ סך אויפקלערן — איידער איך באַזוך איינינקע געשפּאָלטענע קיבוצים.

מיר הויבן אָן דעם געשפּרעך וועגן דער נויטווענדיקייט וואָס עס איז צו „שפּאַלטן" דעם קיבוץ איינער פון די צוויי מפּא"י חברים, זאָגט מיר, אַז שיעור שיעור, איז שוין צו שפּעט! מען האָט זיך אַרומגעקוקט ווי אַזוי די מפּמ'ניקעס האָבן צוגענעמען ביי אונז די קינדער — און די קינדער זיינען שוין געווען ביי זיי! מען האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז די קינדער האָבן אויפגעהערט צו רעדן פון דר. הרצל און פון ביאַליק, און רעדן בלויז וועגן סטאַלינען, לעניגען און וואָראָשילאָוון! מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, אַז די קינדער ווערן דערצויגן מיט שנאה צו... ישׂראל און מיט ליבע צו סאָוועטן-לאַנד. און דאָ וואו עס איז נאָך געווען

צייט — האָט מען אָנגעהויבן ראַטעווען און לעשן דאָס פייער! גליק־לעכערווייזע, האָבן די מפּס'ניקעס באַקומען אַן אַנדער קלאַפּ — טאַקע פון זייערע אייגענע חברים די „סנה"־מענטשן — האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרגעסן אין אונז.

אין עין חרוד — די שענסטע קרוין פון די קיבוצים, איז דאָס צע־טיילן זיך צוגעגאַנגען... סקאַנדאַליעז. בלוט האָט זיך געגאָסן. פּעטש זיינען געפלויגן און... מען האָט זיך צעטיילט בעסער אָדער ערגער — מען האָט זיך צעטיילט.

ערגער איז געווען אין א ש ד ו ת י ע ק ב , איינע פון די שענ־סטע און גרעסטנסטע קיבוצים פון עמק הירדן. דאָס וואָס מען זעט אין אשדות יעקב — טרייסלט אויף די נשמה. אַ קיבוץ מיט אַ פעסטער ווירטשאַפט, אַ קיבוץ מיט אַ גוט־איינגעאָרדנטער אינדוסטרי, איז צע־בראָכן און צעשטערט געוואָרן!

אין אשדות יעקב — האָט מיר דערנאָך איבערדערציילט די פרוי טובע לערנער־שוואַרצער — ביי אונז אין קיבוץ, קומען פאָר טראַגע־דיעס וואָס רייסן ביים האַרצן. מאַן און ווייב זיינען צעטיילט געוואָרן און געוואָרן פּאָליטישע שונאים אויף מעסער־שטעכן. בלויז פּריוויט אויפדערנאַכט, קומט דער מאַן — דער מפּא'יניק — צו זיין פרוי און קינדער, אָדער פאַרקערט. גייט אַוועק דער שבת — איז מען ווידער שונאים, איז דער מאַן — אַ פאַרשטייער פון „וואָל־סטריט" און אַ „מילחמה־העצער" און די פרוי, אַ סאָוועטישע שפּיאָנקע וואָס וואַרט אַז סטאַלין אָדער מאַלענקאָוו זאָל שיקן זיין חיל איינעמען ישראל.

פאַראַן פאַלן — אין די צענדליגער — וואו ברודער און שוועסטער זיינען גרייט צו דערשטיקן איינס דאָס אַנדערע. פאַראַן פאַלן וואו שדו־כים צווישן חברים זיינען געוואָרן א ו י ס און פאַראַן צענדליגער פאַלן פון... גט'ן זיך! אַלץ צוליב דעם, ווייל איין צד האַלט מיט אַמע־ריקע און דער צווייטער — מיט רוסלאַנד.

די מאַטעריעלע שאָדנס — זיינען אומגעהויער גרויס. ווען דער קיבוץ איז געבויט געוואָרן, האָט מען ניט אויסגערעכנט אַז מען וועט עס דאַרפן אַמאָל צעטיילן אויף געוויסע „פּראָצענטן". איצט, מוז מען די פאַבריק צעטיילן — און אַ האַלבע פאַבריק טויג צו גאָרניט! מען מוז שאַפן נייע וואַסער־ברונעמער, אָבער, ביז די נייע וועלן געשאַפן ווערן טוט מען זיך אָן, איינער דעם צווייטן שפּיצלעך און שאָדנס. דער ענין וואַסער — איז דער ענסטער פון אַלץ, און ניט איינמאָל טרעפט, אַז

איין טייל קיבוץ האָט וואַסער און די צווייטע טייל — האָט ניט מיט וואָס צוגרייטן דאָס עסן אָדער געבן די בהמות און עופות אַ ביסל וואַסער. נו, איז דאָך פאַרשטענדלעך, צו וואָס אַזאַ לאַגע פירט... און דאָס אַלץ קומט פאָר, נאָכדעם ווי מען האָט, אין הונגער און אין דאָרשט, צוזאַמען געבויט דעם קיבוץ, צוזאַמען געטראָגן אַ שטיין צו אַ שטיין, צוזאַמען געגראָבן דעם ברונעם און איצט — לאָזט ניט איין גרופּע דער צווייטער, צו געניסן פון אַ ביסל וואַסער!

אַזוי איז אין אשדות יעקב, אַזוי איז אין יד חנה, אַזוי איז אין גבעת חיים און אַזוי — צו נאָך ערגער — איז אין יפתח. דאָרט, אין אָט יפתח איז מען גרייט געווען איינער דעם צווייטן, ממש צו דערשיסן! און אַלץ, ווייל איינער שרייט: — לעבן זאָל אַמעריקע און דער אַנדערער — לעבן זאָל רוסלאַנד!

ערגער איז געוואָרן די לאַגע ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם רוסישן אַנטיסעמיטיזם און מיט די פּראַגער פּראָצעסן. מרדכי אורענס אַרעסט האָט אַ טרייסל געטאָן מיט דער מפּ״ם. דאַן איז צוגעקומען אַ דריטע פּאַרטיי — די יוגנט, די קינדער פון דער מפּ״ם, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן זייערע אייגענע עלטערן מיט אַ „אייגענער פּראָגראַם״. עס איז געקומען די שפּאַלטונג פון דער סנה-גרופּע, און די מפּ״ם האָט אָנגעהויבן „רייניקן״ אירע רייען. מען האָט יעדן איינעם וואָס האָט געהאַט סימפּאַטיע צו אָט דעם מנוול, אַרויסגעשליידערט פון דער פּאַרטיי. פּשוט, געהייסן אים נעמען זיינע אָרעמע פּעקלעך און — היידא פון דאַנען! געווען צווישן די סנה׳איסטן אַזעלכע, וועלכע זיינען שוין צוואַנציק אָדער דרייסיק יאָר געווען אין קיבוץ, געפּטר׳ט דאָרט זיינע יאָרן! עס איז אָבער קיין טענה ניט געווען. מען האָט זיי אויסגערויכערט און אויסגעראַמט מיט אַ שטעלנעם בעזים. אגב, די פראַגע וועגן דער האַנדלונג בנוגע די סנה-איסטן, האָט געבראַכט צו אַ ברייטער דיסקוסיע אין דער ישראלדיקער אומפּאַרטייאישער פּרעסע. געווען מיינונגען, אַז אַזאַ „רייניקונג״ אָן פאַרגיטיקונג, איז גזלה, איז אומרעכט! די מפּ״ם-פירער האָבן זיך ניט געמאַכט וויסן און ביז היינט צו טאָג — ווער עס ווייזט אַרויס סימפּאַטיעס צו דער סנה-גרופּע, מוז פאַרלאָזן דעם קיבוץ.

די גרויסע טראַגעדיע פון דער שפּאַלטונג איז... מיט די אַלטע עלטערן פון די קיבוץ-מיטגלידער און מיט די... קליינע קינדער, ווע-

מענם טאַטע־מאַמע האָבן פאַרשידענע פּאָליטישע מיינונגען און זיי האָבן זיך „צעטיילט".

די ערשטע, די אַלטע טאַטע־מאַמע, האָבן געלעבט אין קיבוץ און אויף די עלטערע יאָרן — געהאַט נחת און געלעבט רואיק. איצט האָבן זייערע קינדער זיך צעטיילט און זיי דאַרפן זיך צוקוקן ווי זייער בלוט און פלייש ווערן זיך דם־שונאים. איצט, דאַרפן זיי גאָר באַשליסן צו... וועלכע קינדער זיי ווילן געהערן! „טאַנצן אויף ביידע שוועלן" — לאָזט מען זיי ניט! ס'הייסט, ליב האָבן אַלע קינדער — טאָרן זיי ניט! אַזוי לערנט די „סאָציאַליסטישע" תורה פון ביידע צדדים.

נאָך ערגער איז די לאַגע פון די פּיצלעך קינדער, וועמענס טאַטע־מאַמע זיינען זיך צעגאַנגען אין זייערע פאַרשידענע פראַקציעס. מיט וועמען דאַרפן זיי סימפּאַטיזירן? וועמען זאָלן זיי... פיינט האָבן? צו וועמענס רייד זאָלן זיי זיך צוהערן? צום טאַטנס — דער וואָל־סטריט־אַגענט, אָדער צו דער מאַמען — דער קאָמוניסטקע? אָפט טרעפט, אַז טאַטע־מאַמע צעטיילן זיך מיט די קינדער און — ערשט דאַן איז צו דעם גאַנצן שווידער פון דער טראַגעדיע: — ברידערלעך און שוועסטערלעך, ווערן פון קינדווייז אָן דערצויגן אַלס בלוטיקע שונאים.

— ווער איז שולדיק אין אָט דער גרויסער טראַגעדיע און נאָך גרעסערער צרה פון די ישראל־קיבוצים?

פאַר אַלץ — די גרינדער זעלבסט! שוין צוריק מיט דרייסיק יאָר, ווען זיי האָבן געגרינדעט די קיבוצים, האָבן זיי, דעם גרונט־שטיין, געלייגט אויף... פּאַרטייאישקייט. ווען איינער איז געקומען און געוואָלט ווערן אַ קיבוץ־מיטגליד האָט מען ניט געקוקט צו ער איז פּאַסיק פיזיש און מענטאַל צו זיין אַ פאַרמער, אַ ערד־אַרבעטער — נאָר מען האָט איבערגעקוקט זיין פּאַרטיי־פּאַספּאָרט. איז ער געווען אַ „סאָציאַליסט" — איז ער געווען ווילקאָמען. דאָס איז איצט די הויפּט־סיבה פון דער טראַגעדיע. דער סאָציאַליזם האָלט זיך אין איין „שפּאַלטן", דערום שפּאַלטן זיך אויך זיינע „קינדער" וועלכע ער האָט דערצויגן און אויסגעוואָרעמט...

— נו, און די רעגירונג קאָן גאָר ניט טאָן?

צום באַדויערן — גאָרניט! ערשטנס: — האָט זי, אין די קיבוצים אַ קליינע... דעה. יעדער קיבוץ — כל זמן מען קוילעט זיך ניט — איז אַ „מלוכה פאַר זיך"! דער קיבוץ פאַרוואַלטעט זיך אַליין, צאָלט זיינע שטייערן, נעמט קרעדיט ביי דער רעגירונג פאַר זיינע נויטווענדי־

קייטן און גייט אַן מיט אַן אייגן לעבן! אַיי, מען צעשטערט און מען צעברעקלט דאָס וויכטיקסטע פון שטאָטס-לעבן, די עקאָנאָמיע פון לאַנד-ווירטשאַפט? נו, מילא, וואָס קאָן מען טאָן! און, אַז מען נעמט נאָך אין אַכט, אַז אַ געוויסער טייל פון דער רעגירונג איז אַ... צד אין דער מיל-חמה, וויל מען זיך אוודאי ניט אַריינמישן, כדי זיי, די מפם'ניקעס זאָלן ניט מאַכן קיין טומל אַז די רעגירונג איז פּאַרטייאיש! אָט, האָט מען זיך אַריינגעמישט אין קיבוץ יפתח, האָט מען טאַקע געוואָרפן שמוץ אויף דער רעגירונגס פּאָליציי, דערהויפּט נאָך, ווען דער קאָמאַנדיר וואָס איז געקומען אין קיבוץ יפתח און האָט ניט דערלאָזט אַז אידן זאָלן זיך איינעם דאָס אַנדערע אויסקוילען — הייסט... עמוס בן גוריון, און איז דעם פּרעמיערס אַ זון!

ניין! בעסער איז, אַז די רעגירונג זאָל זיך ניט מישן! וואָס זי דאַרף נאָר טאָן — איז ניט געבן קיין פינאַנציעלע שטיצע די געשפּאָלטענע קיבוצים. ניט לייען זיי קיין געלט! וועלן זיי זיך וויניקער שפּאַלטן...

צו גייט נעמען אַ סוף צו דעם? אַפילו ווען עס זאָל קומען אַן ענדע-רונג אין דער באַציאונג צווישן מזרח און מערב — איז שוין דאָ, אין די קיבוצים, צו שפּעט! די שנאה איז שוין צו ווייט אַוועק. אונזער פריינט פון מזרחי, וואָס זיצט דאָ מיט אונז, זאָגט אַפילו, אַז דאָס איז... גאָטס האַנט! מען האָט געבויט די קיבוצים אויף גאָטלאָזיקייט, מען האָט גע-וואָלט דווקא סאָציאַליזם! און ביי וועמען? ביי אַ פאָלק פון קרעמער. פון סוחרים, מנחם-מענדלס! אָט, ביי אונז — ביי די מזרחי-קיבוצים, קומט דאָס ניט פאָר. אַלע קיבוצים בליען און די מענטשן לעבן ווי ברו-דער און שוועסטער! ניט פאַראַן קיין שנאת אחים און... מען ווייסט ניט פון פּאָליטיק! מען ווייסט פון לאַנדווירטשאַפט! צו אונז, אַז איינער קומט און וויל ווערן אַ חבר פון קיבוץ, פרעגן מיר אים ניט צו וועלכער פּאַרטיי ער געהער, מיר ווילן נאָר וויסן צו... ער עסט ניט קיין טרפות!

ווען מיר האָבן באַרירט די טעמע טרפות, איז פון זיך אַליין, אַרויפגעשווימען דער ענין פון... „חזירים אין ישׂראל"! דער אמת איז, מיט וועמען איך האָב ניט גערעדט פון די שטאָט-מענטשן אין ישׂראל, איז מען געווען קעגן דעם אַז אין אידישע קיבוצים זאָל מען האָדע-ווען חזירים באשר בכן, חזירים לאָזן איבער אַ גוט פאַרדינסט און זיי זיינען ניט... ראַציאָנירט. מען קאָן קויפן חזיר-פלייש וויפל מען וויל.

די „חזירים" האָבן פאַרנעמען די שפּאַלטן פון ציטונגען, שעה'ן דע-באַטן פון דער כנסת, פון די פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען און גאַסן מיטינ-

גען, און קענען זיי — זיינען געװען ניט בלויז די פרומע, נאָר יעדער דענ־קענדיקער מענטש װאָס האָט, אַ חוץ תורת מאַרקס ועננל, אויך געלערנט תורת משה.

רעדנדיק איצט מיט מיינע מיטשמועסער, זיינען ביידע „פּאַרטייען" פון לינקס װאָס זיצן איצט ביים טיש מיט מיר — קענען דער „חזירים־ליבע". זיי האַלטן, אַז עס פּאַרשאַפט ניט קיין כבוד דעם ישוב װען די גויעשע װעלט װייסט, װאָס פאַר אַ ענינים האַלטן אונז פאַרזאָרגט: זיי דענקען אָבער — װידער דאָס זעלבע: אַז דעמאָקראַטיע — איז דעמאָ־קראַטיע! מען קאָן קיינעם ניט פאַרבאָטן, ביי זיך אין שטוב צו טאָן װאָס ער װיל! די רעגירונג דאַרף זיך ניט מישן אין אָט דעם ענין זי דאַרף בלויז ניט שטיצן די... חזירים, מיט אויסגעבן דעװיזן און קויפן פאַר זיי עסן!

יאָ, אמת! איינע פון די גרויסע אומגליקן און גרויסע חסרונות פון ישראל, איז די.. צופיל דעמאָקראַטיע שוין צופיל דעמאָקראַטיע.

— — — — — — — — — — — — — —

מיר עסן היינט מיטיק אין אַ „סטריקט" — כשר'ן רעסטאָראַן. פון די הונדערטער רעסטאָראַנען פון תל אביב, זיינען, אפשר 25 פּראָ־צענט כשר'ע. אויפן פענצטער הענגט אַ צעטעלע „כשר" און דער בעל הבית גייט אָנגעטאָן אין אַ יאַרמעלקע. נאָך אַ סימן פאַראַן: — די באַ־דינער זיינען מענער — ניט קיין פרויען. אין כשר'ן רעסטאָראַן — אויב איר עסט „פלייש", װאָס קאָסט אומגעהויער טייער — זענט איר זיכער אַז עס איז ניט קיין פערדן אָדער קעמל און אייזל־פלייש! דאָך, פאַר זיכערקייט װעגן — האָב איך אין די רעסטאָראַנען פון תל אביב קיין פלייש ניט געגעסן....

דער בעל הבית אַליין דערלאַנגט דאָס עסן. מעגלעך, אַז מיר זיינען קיין מבינים ניט געװען אויף אָט די מאכלים װאָס ער האָט אונז דער־לאַנג. עפּעס האָבן זיי ניט געהאַט קיין אידישן און כשר'ן טעם. דאָס איינציקע װאָס איז געװען געשמאַק איז געװען די געקאָכטע קאַרטאָפל מיט די זויערע אוגערקעס.

דאָס מערקװירדיקסטע איז געװען. דער בעל הבית זעט, אַז מיר געבן אָפּ די מאכלים כמעט ניט באַרירט אין טעלער, און ער פרעגט ניט פאַרװאָס מיר עסן עס ניט! ער באַנוגט זיך מיט פאַרצייכענען, אַז מיר האָבן שוין „געגעסן" פאַר כך וכך פּיאַסטער...

צו איז דאָס אַ סימן אַז אַלע כשר'ע רעסטאָראַנען אין תל אביב,

טויגן אויף כפרות? חלילה! פאַראַן — מן הסתם — כשר'ע רעסטאָראַ־נען וואו דאָס עסן איז געשמאַקער און די אויפמערקזאַמקייט — אַ בעסע־רע! מען דאַרף בלויז האָבן אַ ביסעלע מזל אָנצוטרעפן אויף אַזוינע מקומות!

תיכף נאָכן עסן לאָזן מיר זיך שוין ווידער אין וועג אַריין. מיר פאָרן אין אויטאָבוס, צוזאַמען מיט אַ גרופּע זשורנאַליסטן פון ישׂראל. מיר פאָרן באַזוכן די אָפיציעלע דערעפענונג פון דעם „כפר זקנים" (דאָרף פאַר אַלטע) וואָס דער דזשוינט (מלבן) האָט אויפגעשטעלט אין דער געגנט ניט ווייט פון חדרה. אין אויטאָבוס איז פריילעך. די חברה רע־פּאָרטערס און שרייבער זיינען אַלע יונגע מענטשן און אַלע ווילן זיך אויף דער טעמע אַז... מען וועט שוין אויסקלויבן דאָרט, אין דאָרף, אַ פּלאַץ פאַר זיך אויף דער עלטער, זיי זיינען זיכער, אַז פריער אָדער שפּעטער, וועלן זיי אַהין אָנקומען! מיט איינעם פון זיי, שמועס איך דעם גאַנצן וועג. ער האַלט, אַז מיט דער צייט וועט ישׂראל דאַרפן אַ סך... „דערפער פאַר אַלטע". פון די אַכט הונדערט טויזנט נייע עולים — וועלן פריער אָדער שפּעטער, אַ דריט־חלק פון זיי — דאַרפן אָנקומען אין אַ „דאָרף פון אַלטע" און — צו וואָס לייקענען — אַ סך ותיקים (אַלטע תושבים) וועלן אויך אָנשפּאַרן אַהין. פון דער בידנער „כובי־לאַציע" וועט קלעקן אויף וואַסער מיט אַ פאַרדאַרט ברויט (אין ישׂראל זאָגט מען ניט וואַסער צו קאַשע, ווייל קאַשע איז... לוקסוס־אַרטיקל).

ווען מיר קומען אין „דאָרף פון די אַלטע" איז נאָך פרי. מיר האָבן נאָך צייט אַרומצוגיין, אַרומצופאָרן איבערן „דאָרף" און כאַפּן אַ שמועס מיט די זקנים.

פריילן ד אַ נ י ע ל ס, די אויפזעערן איבער דער פּובליציטעט פון דזשוינט אין ישׂראל, שאַפט פאַרבינדונגען צווישן אונז און די איינ־וואוינער פון דאָרף. דער יונגסטער תושב פון „כפר זקנים" איז אַלט... 65 יאָר. דער עלסטער — וויל ניט אויסזאָגן זיין אמת'ע עלטער. אַזוי זיינען זיי די זקנים.

מיר באַקאָנען זיך מיט עטלעכע פון זיי: — פאַראַן דאָרט עטלעכע דאָקטוירים, פאַראַן מוזיקער און אַפילו געוועזענער שעף־רעדאַקטאָר פון אַ גרויסער דייטשער צייטונג — איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. שפּעטער, ווען מען האָט דערעפנט דעם אָפיציעלן אַקט, און מען האָט געהאַלטן דרשות פאַר אַמעריקאַנער דעלעגאַטן וואָס זיינען ספּע־ציע געקומען צום אַקט, האָט, אַט דער געוועזענער רעדאַקטאָר געהאַלטן

אַ דרשה וואָס האָט אַרויסגערופן טרערן ביי יעדן איינעם פון די ביי־וועזנדע. מען האָט ממש געוויינט. אָט איז די דרשה. כדאי איר זאָלט הערן וואָס אַן אַלטער מאַן וואָס דאַרף אָנקומען אין אַ געזעלשאַפטלעך הויז — זאָגט:

„אין נאָמען פון מיינע חברים, וועלכע האָבן דאָ געפונען אַ היים, וויל איך אייך זאָגן:

מיר אַלע געהערן צו די „געוועזענע".

יעדער פון אונז האָט אַמאָל געהאַט זיין אייגן פריוואַט לעבן, אַן אייגענע היים, אייגענע פאַמיליע און אייגענע אינטערעסן. דורך דער היטלער־קאַטאַסטראָפע זיינען מיר מיט אַמאָל געוואָרן די שטיף־קינדער פון דער וועלט און אויך נאָך דעם ווי עס איז געקומען די באַפרייאונג, זיינען מיר געוועזן פאַר אַלעמען אַ לאַסט, אַן אָנשיקעניש, פון וועלכער מ'וויל פטור ווערן. אונז האָט קיינער ניט געוואָלט האָבן, ניט די גרויסע, פרעמדע וועלט, נישט אונזערע געוועזענע מיטבירגער און פריינט. אַפי־לו פאַר אונזערע אייגענע קינדער און משפחה זיינען מיר געוואָרן אַ שווערע לאַסט.

איצט פילן מיר ווידער אונזער מענטשלעכע ווירדע, דאָ האָבן מיר ענדלעך געפונען אַ היים און מיר וועלן אייך אייביק דאַנקבאַר זיין.

מיר דאַנקען די אידישע רעגירונג, וועלכע האָט אונז אַהער גע־בראַכט און מיר דאַנקען די אַמעריקאַנער אידן, וואָס צוליב זייער הילף זיינען מיר איצט אימשטאַנד צו פאַרענדיקן אונזער לעבן נישט ווי גע־העצטע חיות, נאָר ווי מענטשן".

נו. אַדרבא. וויינט ניט, ווען איר הערט אַזעלכע ווערטער.

אגב. די דערעפענונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ שעה. עס האָט אונז געוואונדערט. אין ישראל, הויבט מען אָן אַן אַקט, אַ זיצונג, אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, צו דער צייט. דאָ, האָט מען געוואַרט אויף „גדולים" פון דער רבנישער וועלט. עס האָבן געדאַרפט קומען די רבנים הרצאָג און עוזיאל און זיי זיינען ניט געקומען. דערפאַר איז געקומען „עמך". פאַרשטייער פון דער רעגירונג פון דער מוני־ציפּאַליטעט פון הסתדרות, און אַלע — אין קורצע הייזלעך און אין העמדלעך מיט קורצע אַרבל! אַזוי זיינען זיי די ישראל־מענטשן מען צע־רעמאָניעט זיך ניט!

שיין איז געווען אַ קוק צו טאָן אין גאָרטן וואו די זקנים און די זקנות זיינען געזעסן. ביידע „שבטים" — די אַשכנזישע באַזונדער און די תימנער מיט איראַקער זיינען געזעסן באַזונדער. די ערשטע — אָנגעטאָן אין זייערע טאָג-טעגלעכע מלבושים און די תימנער — אין טליתים! ווען איר זענט דורכגעגאַנגען דורך אַ תימנער און אים אַ זאָג געטאָן שלום. האָט איר געהאַט די גרעסטע מצווה. ווען איר לאָזט זיך — גיט ער אייך אַ קוש אין דער האַנט. ער ווייסט, אַז ער האָט צו דאַנקען די דאָזיקע היים — די אויסלענדישע אידן, און אַלע אויסלענדישע אידן, זיינען ביי אים — אַמעריקאַנער!

אויב דאָס דאָזיקע „דאָרף" איז שיין און רחבות'דיק אויסגעבויט און איינגעאָרדנט, איז דאָס צו פאַרדאַנקען, ניט בלויז די אַמעריקאַנער געלטער, נאָר אויך די באַאַמטע פון מלבן — דזשוינט אין ישראל, און ספּעציעל — דעם אומדערמידלעכן דירעקטאָר פון דזשוינט אין ישראל — דר. פּאַסמאַן. ער האָט אַוועקגעלייגט זייער אַ סך כוחות און איצט, ביי דער דערעפענונג, זעט מען אַז עס האָט ווערט געהאַט. שיין, ריין, ציכטיק, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, מיט אַלע פאַרגעניגנס וואָס עלטערע מענטשן קאָנען האָבן! אַפילו, קינאָ ווייזט מען זיי, שוין אָפּ-געדעדט פון אַ רייכע ביבליאָטעק מיט ביכער. ווען אידישע שרייבער פון דער גאָרער וועלט ווילן טאָן אַ גוטע זאַך, ווילן אַז מען זאָל זיי אַלע טאָג בענטשן — דאַרפן זיי שיקן זייערע ביכער צו די זקנים פון דאָזיקן דאָרף (אין יעדן דזשוינט-אָפיס וועלן זיי קריגן דעם אַדרעס).

ווען מיר זיינען — צו נאַכט צו — אַהיים געפאָרן קיין תל אביב האָב איך שטאַרק באַדויערט די... ישראל-אידן, וואָס האָבן זייער ווייניק געפיל און נאָך וויניקער צייט פאַר סענטימענטן. זיי וואָלטן געדאַרפט אָפט קומען אין אַזעלכע „דערפער פאַר זקנים" פאַרברענגען אַ ביסל מיט די אַלטע. טאַקע, ווער ווייסט, צו זיי וועלן דאָ אַמאָל, ניט זיין קיין תושבים. ביי אַ סך „סברא"לעך, וועט טאַטע-מאַמע אויף דער עלטער זיין אַ לאַסט און אַזאַ פּלאַץ וועט זיין פאַר זיי ווי געוואונטשן! די גרעסטע טייל פון ישראל-אידן, ווייסן גאָרניט אַז עס עקזיסטירט אַזאַ שיינער „כפר" אין ישראל. עס לוינט זיי געוואוירע ווערן!...

ווי איך האָב שוין דערציילט, איז פאַראַן, ניט בלויז אַ „דאָרף" נאָר אַ גאַנצע „שטאָט" פון זקנים. די דאָזיקע „שטאָט" פאַרמאָגט, קנאַפּע פיר טויזנט „איינוואוינער", איז שוין געבויט אויף אַ

שטאָטישן שטייגער. נעבן „פ ר ד ס ח נ ה”, איז אָט די שטאָט אויס־געבויט און מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן „נווה אבות”. איר פֿאַרוואַל־טער איז זייער אַ פֿעאיקער מענטש, א ה ר ו ן אָ ס ט ר אָ ו ו ס ק י איז זיין נאָמען, און די אַלטע האָבן אים ליב ווי אַן אייגענעם זון אָדער פֿאָ־טער, כאָטש ער איז דער יונגסטער פֿון זיי. ער איז קוים אַלט 62 יאָר.

ער האָט פֿון אַלע איינוואוינער פֿון „שטאָט” געמאַכט אַרבעטס־מענטשן. ניטאָ איינער וואָס אַרבעט דאַרט ניט. יעדערער לויט זיין „פאַך” אָדער לויט זיין סימפּאַטיע צו דער אָדער יענער אַרבעט. אַפילו די פרויען זיצן ניט ליידיק. מען אַרבעט. און אַז מען אַרבעט — פֿאַר־געסט מען צו וואַרטן אַפֿן מלאך המוות און דער עיקר — מען פֿאַר־געסט זיך... קריגן איינס מיטן אַנדערן!

די „שטאָט” „נווה שלום” פֿאַרמאָגט אַלץ וואָס אַ שטאָט דאַרף פֿאַרמאָגן אַ... חוץ אַ טיורמע. דערפֿאַר פֿאַרמאָגט זי אַן אייגענעם... בית דין, און מען דאַרף זען ווי מען פֿאָלגט אים זיינע באַשלוסן!

די שטאָט פֿאַרמאָגט איצט דריי טויזנט אַכט הונדערט איינוואוי־נער. די גרעסטע טייל פֿון זיי — געוועזענע בלי הבתים פֿון ישראל. זיי האָבן קינדער און אייניקלעך אין לאַנד וועלכע קומען זיי אַמאָל באַ־זוכן! איך זאָג אַ מ אָ ל! און טאַקע, ווען קאָן מען פֿאָרן באַזוכן אַלטע טאַטע־מאַמע? — שבת, ווען מען אַרבעט ניט! נו, איז דאָך שבת ניטאָ מיט וואָס צו פֿאָרן!... נעמען אַ טאַקסי? — ניט יעדער איז בכוח!...

און פֿאַרענדיקנדיק מיט דזשוינט אַרבעט אין ישראל:

אויב דעם דזשוינט־מלבן קומט אַ ישר כח פֿאַר זיין טעטיקייט אין ישראל — קומט אים אַ דאָפּלטן דאַנק פֿאַר זיין אַרבעט אויפֿן געביט פֿון באַקעמפֿן טובערקולאָזיס צווישן די נייע עולים.

עס איז אַ פֿעסטגעשטעלטע זאַך. אַ סך פֿון די נייע עולים, אַ סך ט ו י ז נ ט ע ר פֿון זיי, זיינען געווען קראַנק אויף אָט דער גרויזאַמער קראַנקהייט. ניט געווען זיי וואוהין אַוועקלייגן. מלבן האָט— אויף שנעל, אויסגעפּאַרטיקט וואוינונגען, אַוועקגעשטעלט אין דער געגנט ב א ר י ע ק ב אַ שפּיטאָל פֿון 30 געביידעס מיט העכער 500 בעטן, געדונגען אויך בעטן אין אַנדערע שפּיטעלער און גענעמען ראַטעווען די קראַנקע. ווען אַ קראַנקער ווערט אויסגעהיילט — נעמט מען אים אַריבער אין אַן

אַנדער אָרט, מען גיט אים אַ לייכטע אַרבעט און זיין בעטל ווערט תיכּף פאַרנעמען פון אַ צווייטן קראַנקן וואָס וואַרט אויף קוראַציע. אַזעל־כע אויסגעקורירטע און געשטעלטע אויף די פיס מיט קרעמלעך אָדער אַנדערע לייכטע פּרנסות — ציילן זיך שוין אין די טויזנטער. אינטערע־סאַנט איז: — אַכציק פּראָצענט פון אָט די הלוואה־נעמער, האָבן שוין אומגעקערט דעם מלבן די אויסגעליענע סומע.

6־טער מאי:

היינט אינדערפרי האָב איך זיך גענעמען צו אַ נייער אַרבעט. איך וויל „אויסשטודירן" די מעגלעכקייט פון... די יעניקע וואָס וואָלטן געוואָלט זיך איינאָרדענען אין ישראל. איך וויל וויסן וואָס צו ענטפערן ווען מען וועט מיך פרעגן ביים צוריקקומען: —

ביי וועלכן פאַך קאָן מען זיך איינאָרדענען און, בכלל, וואָס פאַר אַ פאַך עס גייט אָן אין ישראל?

איך האָב זיך געמאַכט אַ ליסטע פון מלאכות און איך האָב זיך גע־נעמען צו דער אַרבעט, אויספאָרשן זייער אָרט פּרנסה אין ישראל. און, פאַרשטייט זיך, די מעגלעכקייט, צו אַ עולה — ניט קיין געצוואונגענער — קאָן קריגן אַרבעט און קאָן מאַכן אַ לעבן.

איך „נעם זיך" צום דרוקער פאַך! עס איז אַ פאַך, אין וועלכן איך האָב אַ געוויסע ידיעה און טאַקע עקספּריענץ. איך מאַרשיר אַוועק צו דער גרעסטער דרוקעריי פון ישראל — צו דער צייטונג „דבר". איך האָב שוין דאָרט אַ פּאָר פריינט, עס אַרבעט דאָרט, אונזער אַמאָליקער אַר־גענטינער לערער (פון מאָזעסווילער תרבות־שולע) משה קליינמאַן, עס אַרבעט דאָרט אונזער היימישער, ליבער חבר יצחק ר י מ ו ן, איך ווער באַקאַנט מיטן אויפזעער פון דער גרויסער דרוקעריי, וועלכע פאַרמאָגט די מאָדערנסטע לינאָטיפּן, און אַפילו אַזעלכע וועלכע וואַרפן אַרויס די העברעאישע אותיות מיט נקודות פון אונטן.

דער אויפזעער יעקב הרזי הייסט ער, נעמט מיך אויף זייער פריינטלעך. ערשטנס — איז ער גלאַט אַ פריינטלעכער מענטש, צוויי־טנס — איז ער מיט אַרגענטינע אַ גאַנצער שמעלקע. ער פאַרמאָגט דאָ צוויי שוואָגערס און איינער פון זיי — איז איינער פון די בעלי הבתים פון אונזער צייטונג „די פּרעסע" און איז אויך אַ גוטער פאַכמאַן ביים לינאָטיפּ.

מיר פאַרפירן אַ שמועס וועלכער אינטערעסירט מיך. צו האָט מען פרנסה ביי דרוקעריי-אַרבעט? צו איז פאַראַן פּלאַץ פאַר נאָך דרוקער-אַרבעטער ווען זיי זאָלן קומען?

יאָ! דרוקער-פאַך, איז דאָ דאָס בעסטע! אַרבעט? — וויפל מען וויל. ניטאָ ביי זיי קיין אַרבעטסלאָזיקייט! אידן דרוקן ביכער, בראָשורן, און סתם וואָס עס לאָזט זיך דרוקן! ווען עס זאָלן זיין נאָך הונדערט דרוקערייען אין ישראל, וואָלטן זיי אויך געהאַט אַרבעט! דער בעסטער קליענט איז... די רעגירונג! פאַראַן אַפילו קיבוצים וואָס האָבן איי-גענע דרוקערייען!

רעדנדיק וועגן דרוקער-פאַך אין ישראל איז כדאי צו דערמאַנען אַז אין ירושלים ווערט איצט געפייערט דער הונדערט-יאָריקער יובל פון אָט דעם פאַך. אין ירושלים זיינען טאַקע דאָ מערער דרוקערייען ווי אין תל אביב. דאָרט דרוקט מען, מערסטנטייל, רעליגיעזע ספרים און אַלץ וואָס געהער צו כלי קודש. די דרוקער אין ירושלים באַרימען זיך, אַז דער איצטיקער פּרעזידענט בן צבי איז אַמאָל געווען אַ אידישער זעצער און דעם אינערן-מיניסטערס זיידע — רוקח איז געווען איינער פון די גאָר ערשטע זעצערס אין ישראל.

לויט מען דענקט, זיינען איצט פאַרנעמען ביי אָט דעם פאַך טויזנ-טער אידישע אַרבעטער און עס איז דאָ פּלאַץ פאַר נאָך אַזוי פיל אַרבע-טער וואָס וואָלטן געקומען קיין ישראל.

די דרוקערייען אין ישראל, נעמען אָן מיט פאַרגעניגן לערן-אינג-לעך און אַפילו עלטערע מענטשן וואָס ווילן זיך אויסלערנען דאָס פאַך.

איך שטודיר אַ צווייט פאַך: — שניידעריי! ביי וועמען צו פרעגן האָב איך געהאַט. מיין נייער פריינט נח דיקענשטיין פון לילענבלום-גאַס 24, איז אַן אינטעליגענט און קאָן אָריענטירן.

— צו איז שניידעריי אַ פרנסה אין ישראל?

— א י צ ט, ביי היינטיקע אומשטענדן — נ י ט! פאַראַן וויניק אַרבעט. די קלייטן זיינען פול מיט פאַרטיקע מלבושים און מען קויפט ניט. ניטאָ קיין געלט ביים עולם. אַ סברא, אַז דאָס ערגסטע פאַך, איצט, אין ישראל, איז שניידעריי. אגב. פאַראַן אָנגעפּאַרענע צופיל שניידער און זיי ווילן ניט גיין אין די קיבוצים וואו זיי וואָלטן יאָ געקאָנט צונוץ קומען.

— פון וואָס זשע לעבן זיי?

— ערשטנס: — ווער זאָגט אייך אַז זיי לעבן? זיי לעבן פון אויס-

נאָרן אַ פּעקל ביי אַ קרוב פון אויסלאַנד און אַנדערע — דרייען זיך דאָ אַרום און פאַרקויפן אַן אַלט רעקל וואָס זיי האָבן איבערגעניצעוועט אָדער צערעכט געמאַכט...

— פאַרוואָס זשע פאָרן זיי פּאַרט ניט אין די קיבוצים?

— ערשטנס: — אויף אַריין אין אַ קיבוץ דאַרף ער געהערן צו אַ פּאַרטיי — די גרעסטע טייל פון זיי, זיינען אומפּאַרטייאישע אָדער זיי שמעקן צו סטאַלינען!

— צווייטנס, אויף אַוועקגיין אין אַ קיבוץ און דאָרט מאַכן זיין היים אויף אייביק, דאַרף מען זיין אַן אידעאַליסט. וואָרום, וועלכער מענטש, אויב ער איז ניט קיין אידעאַליסט און סאָציאַליסט, אויב ער וויל ניט איבערבויען און איבעראַנדערשן די וועלט, וועלכער מענטש, וועט עס אַוועקגיין אין קיבוץ און אָפּלעבן זיין גאַנץ לעבן אַזוי... מאַנאַטאָן, אַזוי אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. פאַרגעסט ניט, אַז ווען ער קומט אַן אין קיבוץ אַריין און אַרבעט דאָרט אַפּ צען אָדער צוואַנציק יאָר, און צוליב דער אָדער יענער אורזאַכן, מוז ער דעם קיבוץ פאַרלאָזן, גייט ער אַוועק פון דאָרט... נאַקעט און באָרוועס. אַלע זיינע יאָרן אַרבעט גייען לאיבוד! אַזוי איז דער געזעץ, דער מינהג פון קיבוץ. די אַמאָליקע סאָציאַליסטן און איצטיקע קאָמוניסטן וואָס האָבן, אָט דעם געזעץ באַשאַפן, ליידן אַליין די קאָנסעקווענצן. אייניקע פון זיי, — מיטגלידער פון „מפ״ם״, זיינען אַוועק צו דער „סנה־גרופּע״, האָט מען זיי „אויסגע־רויכערט״ פון קיבוץ וועלכן זיי האָבן מיט צוואַנציק־דרייסיק יאָר צו־ריק געהאָלפן שאַפן. איצט זיינען זיי פון דאָרט אַוועק מיט די ליידיקע הענט. פּשוט, ווי זיי זיינען געגאַנגען און געשטאַנען! אַזוי איז גע־שטאַנען אין קאַרל מאַרקס תורה.

איך גיי אַוועק פון פריינט דיקענשטיינס שניידעריי און... גייענ־דיק מיט דער לילענבלום גאַס, וואו די שניידעריי געפינט זיך און וואו דער „שוואַרצער מאַרק״ האָט זיין הויפּט־באַזע, שטעל איך זיך אָפּ אַבי־סעלע אַנקוקן ווי אָט די מנחם־מענדלס פירן זייער „מיסחר״. איך טראַכט זיך: — אפשר איז דאָס אויך אַ פאַך וועלכן מען דאַרף שטודירן. פּלוצים אַ געלויף. אַן „אַבלאַווע״ אויף דער „בירזשע״. די פּאָליציי האָט אַרומגערינגלט די גאַס און האָט זיך אַ נעם געטאָן זוכן...

וואָס זוכט מען? טאַקע, אָט די פראַגע האָב איך געשטעלט דעם ערשטן שוטר וואָס איך האָב אָנגעטראָפן. פריער, איז ער געווען צו מיר ניט איבעריק פריינטלעך. ער האָט געמיינט, אַז ער האָט געפּאַקט עפּעס

אַ „העכט” מיט דאָלאַרן. באַלד האָב איך זיך לעגיטימירט פאַר זיין עלסטן און אים געבעטן אַז ער זאָל מיך לאָזן שטיין און אָנקוקן אָט די סצענע. דער אָפיצער איז שוין געווען פריינטלעכער און וועלנדיק ווייזן דעם פאַרשטייער פון אַן אויסלענדישער אויסגאַבע אַז זיי זוכן ניט אומזיסט, האָט ער מיר געוויזן וויפל... דאָלאַרן עס וואַלגערן זיך אויף דער ערד!

ווי קומען דאָלאַרן אויף דער גאַס? גאַר פשוט! זי ספּעקוליאַנטן וואַרפן זיי אַרוים פון דער קעשענע! ווען מען געפינט ביי איינעם די פאַר דאָלאַר — נעמט מען זיי צו און ער גייט אַוועק זיצן אויף אַ שטיק צייט! וואַרפט ער זיי אַוועק, געפינט מען ביי אים גאַרניט, און ער האָט שאַנסן זיך אויסדרייען פון אַרעסט. אַז מען פרעגט אים: ווי קומט ער אַהער? וואָס זשע, עס איז דען פאַראַן אַ געזעץ אַז מען טאָר אויף דער לילענבלום־גאַס ניט גיין? ער איז „צופעליק” דורכגעגאַנגען!

נאָך אַ שעה צייט, האָט די פּאָליציי אַוועקגעפירט אַ פאַר צענדלינג אַרעסטירטע מענטשן. מען האָט ביי זיי געפונען... ניילאָן־זאָקן, פּושקעלעך „נעס”־קאַפּע, פּושקעלעך אַרגענטינער בשר כשר, און טאַקע, גאָלד און דאָלאַרן (ביי איינעם האָט מען געפונען דריי הונדערט פּערציק דאָלאַר האָט ער גענעמען חלש'ן האָט מען אים קוים אָפּגעראַטעוועט).

מאָרגן און אַלע טאָג, בין איך ווידער געווען ביים פריינט דיקענשטיין, און די גאַס לילענבלום? — גלייך ווי נעכטן איז גאַרניט געווען.

דיקענשטיין זאָגט מיר, אַז אַ שעה, נאָך דער אַבלאַווע, האָט מען ווידער געהאַנדלט מיט גאָלד און פלייש, קאַפּע און דאָלאַרן, גלייך ווי גאַרניט איז געשען!

און, אָט מיט די אידן, וויל מען איינפירן „סאָציאַליזם בימינו”.

איך זעץ פאַר מיין „פּאַך־שטודיום”. גיט בעסער ווי שניידעריי — געפינט זיך דאָס שוסטער־פּאַך. דער שוך־מיסחר איז אויך פּאַראַליזירט. מען מאַכט זיך ניט קיין נייע שיך ווייל ניטאָ קיין מזומנים. דערפאַר אַרבעטן זייער גוט די קלייטלעך פון „צערעכט מאַכן” שיך. מען מאַכט צורעכט שיך און מען טראָגט זיי ביז מען מוז שוין קויפן נייע שיך. ביי די לאַטוטניקעס — איז איצט די בעסטע צייט. ?

איינע פון די בעסטע פאַכן איז — ציין־טעכניקעריי. פאַראַן ווייניק ציין־טעכניקער אין ישראל און — ווי דערציילט מיר אַ דענטיסט מיט וועמען איך האָב פאַרבינדן אַ געשפּרעך — זיינען די ציין־טעכניקער פאַרוואָרפן מיט אַרבעט.

זייער אַ גוט פאַך, ביי וועלכן מען האָט פרנסה ברווח — איז אַ „הויז פון רייניקן מלבושים" (טינטאָרעריאַ). מען איז, ממש פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. ביי מיר אַליין האָט געדויערט 21 טעג ביז מען האָט מיר אָפּגעגעבן צוויי איינצוגן וואָס איך האָב געגעבן רייניקן. אויך די פּרייזן זיינען גענוג „געזאַלצענע"...

זייגערמאַכעריי — איז איצט אויך אַ גוטער פאַך אין ישראל. אַביסל אַרבעט מען צו, אַביסל — האַנדלט מען צו און מען קאָן האָבן שיין פּר־נסה. וויל מען פאָרן אין אַ קיבוץ — איז אַ זייגערמאַכעריי — אויך גוט. אַ זייגערמאַכער אַרבעט פאַר זיין קיבוץ, און פון אַנדערע קיבוצים ברענגט מען אויך אַרבעט און דער קיבוץ זיינער, פאַרדינט געלט פון אים.

מעקאַניקער פון אויטאָס — זיינען אויך פאַרזאָרגט מיט פרנסה. עס פעלן מעכאַניקער און אַפילו האַלבע־מעכאַניקער. ניטאָ קיין אַרבעטס־לאָזיקייט אין אָט דעם פאַך. אויב דער מעכאַניקער טויג זיך אויס פאַ־ריכטן טראַקטאָרן — איז מה טוב. קאָן ער גיין „אין גאָלד", אויב ער שטעלט זיך אַרבעטן פאַר זיך.

אַ גוט פאַך — שוין צו אַ גוט פאַך — איז צו זיין אַ... שאָפער! אויב ער קאָן קומען מיט אַן אייגענעם אויטאָ — לעבט ער ווי אַ גראַף. אויב ניט — מאַכט מען אַ קאָמבינאַציע מיט אַ צווייטן און — מען האָט פרנסה ברווח.

אַ מוזיקער? — דאָס איז די ערגסטע פרנסה. אין ישראל נוצט מען זייער ווייניק מוזיקער. אין די קאַפעען? פאַראַן געציילטע, ממש צוויי־דריי, קאַפעען אין יעדער גרעסערער שטאָט וואָס האָט אַ פּאָר מוזיקער אַ פּאָר שעה. צו אַ חתונה? — זייער ווייניק נוצן ישראל־אידן מוזיקער צו אַ חתונה. אויב די חתונה איז שוין מיט מוזיק? — איז די גאַנצע חתונה מיט אַלץ און אַלעמען — בלויז דריי־פיר שעה. נו, וויפל קן מען צאָלן מוזיקער פאַר אַ פּאָר שעה שפּילן?

פּיאַנאָ־קינסטלער און אביסל פידל־קינסטלער, קאָנען האָבן פרנסה פון געבן לעקציעס פאַר קינדער. וואָס־וואָס, קיין פּיאַנאָ אין שטוב, פעלט ניט ביי קיינעם, אויב עס איז דאָ אַ קינד וואָס מען וויל לערנען שפּילן. מען קויפט אויף אויסצאָלן, מען צאָלט יאָרנווייז די פּיאַנאָ און דאָס קינד לערנט זיך. אַבי דאָס סברא'לע וועקט נאָר עלטער, גיט עס אַ וואַרף אַוועק די פּיאַנאָ, רירט זיך צו איר ניט צו, ווייל מען איז פאַרנע־

מען מיט װיכטיקערע זאַכן, און... עס בלייבט, לזכר, אַ פּיאַנאָ אין שטוב. שפּעטער, קומט דאָס אייניקל זיך לערנען, אָדער, גאָר אַ שכנ׳ס אַ קינד.

איינבינדער — מאַכן אַ גוט לעבן! מערקווירדיק! זעלטן אַז אין ישׂראל זאָל אַרויסגיין אַ בוך בראָשירט! יעדער בוך װערט איינגעבונדן און... שיין איינגעבונדן. איינבינדער — האָבן שטענדיק אַרבעט.

פּאַר לערער איז דאָ אַרבעט אין ישׂראל! ספּעציעל — אין די קיבוצים.

פֿאַראַן אַ גרויסער מאַנגל אין לערער. פֿאַרשטייט זיך, אַז װען אַ לערער פֿאָרט אַהין זיך באַזעצן — דאַרף ער קאָנען פּערפֿעקט — גאָר, גאָר, פּערפֿעקט — רעדן עבֿרית, אויך קאָנען תּורה... דאָרט — קאָן מען ניט אָפּנאַרן די קאָמיסיאָן! זיי, אַלע, זיינען גוטע מבֿינים...

אגבֿ. אין ישׂראל, זיינען אַ ל ע לערער אויך... אידעאַליסטן! זיי האָבן ליב דאָס פֿאַך, די קינדער און די שולע! די שולע איז פֿאַר זיי — ניט קיין אַרבעטס-פּלאַץ, מיט אַ סינדיקאַטן-צוגאַנג צו פּלאַץ — נאָר די צװייטע גייסטיקע היים זייערע, װעמען זיי געבן אַװעק זייער פֿרייע צייט און געדאַנקען.

די גרעסטע טייל לערער, זיינען פּאַרטיי-מענטשן און פּאַרטיי-טוער. פֿאַראַן זייער װייניק לערער אומפּאַרטייאישע. דערפֿאַר, זיינען פֿאַראַן אַ סך לערער װאָס האָבן א י י ג ע נ ע, פּריװאַטע שולעס, װאָס שטייען ניט אונטער קיין שום פּאַרטיי-השפּעה. די דאָזיקע לערער פֿאַרדינען... מערער פֿון די לערער װאָס אַרבעט אין אַ „אָפֿיציעלער״ שולע.

אינזשעניערן, קאָנסטרוקטאָרן, בוי-אַרבעטער, סטאָליאַרעס פֿון טירן און פֿענסטער און גלעזער — האָבן אַרבעט,, אַ סך אַרבעט און מען כאַפּט זיי, מאַמש, אוים באַלד, אַראָפּגייענדיק פֿון שיף. דאָס זעלבע איז מיט בלעכערס און „פּלאַמבערס״ (רערן-פֿאַרלייטערס).

קעלנער — האָבן אויך גוטע שאַנסן. נאָך מער שאַנסן אויף פּרנסה, האָבן קעלנערקעס. 80 פּראָצענט פֿון די באַדינערקעס אין די רעסטאָראַנען — זיינען פֿרויען. װאָס יונגער זי איז און... װאָס שענער זי איז אַלס — מערער שאַנסן האָט זי. מען דאַרף אינזינען האָבן, אַז אין ישׂראל רעספּעקטירט מען זייער אַ סך אַ פֿרוי, מען װעט איר ניט זאָגן קיין גראָב װאָרט און ניט אַריינװאַרפֿן קיין צװיידייטיקן װיץ. אָבער, מען האָט ליב, אַז מען טראָגט אייך צו עסן, אָדער מען דערלאַנגט אייך אַ קאַװע — איז: מילא, די קאַװע טויג אויף כּפּרות — זאָל כאָטש

די קעלנערקע האָבן אַ סימפּאַטישן אויסזען און אַ שמייכעלע אויף אירע נים געפאַרבטע ליפּן. יאָ! אַזוי איז דאָס! זייער ווייניק פרויען אין ישׂ־ראל פאַרבן זיך. נאָך ווייניקער, טרעפט איר אין די קאַפעען געפאַרבטע קעלנערקעס. דאָס פשוטקייט פון די פרויען פון ישׂראל, איז צו באַוואונ־דערן און באַגריסן. זי טוט אָן אינדערפרי אַ פּאָר הויזן און מיט זיי — נעמט זי אויף געסט — מעג קומען ווער עס וויל זיך. זי היט, אַז די בלוזע זאָל זיין ריין און דאָס פּנים — פריש. וועגן פודער — טראַכט זי זייער ווייניק. קאָקעטעווען — נאָך ווייניקער!

באַאַמטע אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — פעלן ניט אויס! אָבער, ספּעציאַליסטן אויף יעדן געביט — זוכט מען נאָך אַלץ! אָט, טאַ־קע האָב איך געלייענט אַן אַנאָנס אין די צייטונגען פון „אָרט” אין ישׂראל וואָס מעלדעט אַז:

„עס פאָדערן זיך פאַר פּראָפעסיאָנעלע מיטל-שולן לערער: פאַר טעכנאָלאָגיע, פאַר געצייג און מאַשינען-וויסנשאַפט, פאַר צייכענונג און טיילן צו מאַשינען, און אויך פאַר עברית, תנ״ך און היסטאָריע. אינס־טרוקטאָרן פאַר שמידעריי און שווייסן. עס קומען אין באַטראַכט נאָר ערשטקלאַסיקע פאַכמענער. פּאַסנדע קאַנדידאַטן ווענדן זיך צו דער טעכ־ניש-פּעדאַגאָגישער אָפּטיילונג פון „אָרט”, תל אביב, מגרשי התערוכה, צימער 15”.

שערער (פעלוקעראָס) האָבן שטענדיק אַרבעט. אין ישׂראל קאָסט טייער דאָס אָפּשערן און אָפּגאָלן, דאָך איז דאָרט איינגעפירט, אַז מען גאָלט זיך ניט אַליין, נאָר מען נעמט אַרויס אַן „אַבאָנאָ” אויפן חדש אין דער „מספרה” (צערולניע) און מען לאָזט זיך באַדינען. אין איין צימער, אַ שטול נעבן אַ שטול, ווערן אַטענדירט מענער און פרויען. מען זשע־נירט זיך ניט איינער פאַרן צווייטן!

פאָטאָגראַפן — מאַכן דאָרט גוטע געשעפטן. טוריסטן פון איין זייט און די גאַסן-יום-טובים פון דער צווייטער זייט, געבן גענוג אַר־בעט אָט די קונסט-מענטשן. „מיין” פאָטאָגראַף, וועלכער האָט מיר גע־מאַכט קאָפּיעס פון מיינע דריי הונדערט צוואַנציק בילדער וואָס איך האָב אָראָפּגענומען אין ישׂראל, האָט מיר דערציילט ווי אַזוי אָט דאָס פאַך איז דאָרט, און אַז עס פעלן אויס מענטשן פאַר דער גאַס און פאַר דער לאַבאָראַטאָריע.

עלעקטריסיסטן און די יעניקע וואָס קאָנען צערעכט מאַכן אַן עלעק־

טרישן אייז-קאַסטן, זיינען גאָר אַ יקר המציאות אין ישראל, און דאָס ביסל וואָס עס איז דאָ — פאַרדינען זייער אַ סך.

ווער עס וואָלט ,דאָרט געמאַכט זייער גוטע געשעפטן איז דער טיפּ איד וואָס אין זיד-אַמעריקע הייסט ער „קויענטעניק" אָדער „קליענטעל-טשיק". ביז היינט, איז נאָך אָט דער מיסחר — פון געבן אויף אויסצאָלן אויף דער וואָך אָדער מאָנאַט — אַ זעלטנהייט אין ישראל. ווען איך האָב דערציילט, אַז ביי אונז זיינען פאַראַן טויזנטער אידן וואָס געבן זיך אָפּ מיט אָט דעם מיסחר, ווען איך האָב דערציילט וועגן אונזערע גרויסע אידישע האַנדלס-קאָאָפּעראַטיוון, האָט מען אָנגעשטעלט מויל און אויערן און עס אויסגעהערט ווי אַ נייעס פון יענער וועלט. אמת. זיי זיינען באַ-קאַנט מיטן אַמעריקאַנער טיפּ „פּעדלער", אָבער — פאַר זיי, איז אונ-זער טיפּ קויענטעניק גאָר געווען עפּעס אַנדערש. ביז היינט, איז דאָרט נאָך ניטאָ קיין „סוחר" זאָל גיין מיט אַ פּעקל אויפן אַקסל און קלאַפּן פון טיר צו טיר און אָנבאָטן סחורה, אָן אַ גאַראַנטיאַ, אָן אַ וועקסל, און בלויז אויף „נאמנות" און... אויף אַ מינימאַלסטער סומע אַ וואָך. ווען אַזעלכע קומען אַהין — און מען דאַרף קומען מיט געלט — מאַכן זיי גרויסע, גאָר גרויסע, געשעפטן!

ווען איך האָב שפּעטער געזאָגט מיין פריינט שמעון ערנסט אַז איך האָב געמאַכט אַן אויספאָרשונג וועלכע פאַכמענער קאָנען קומען אַהער און וועמען איך וועל רעקאָמענדירן צו קומען, האָט ער מיר געזאָגט:

— אָבער, למען השם. איר זאָלט זיי זאָגן אַז זיי דאַרפן קומען אָן פּרעטענזיעס. קיינער וועט פאַר זיי גאָרניט אָנגעגרייטן ווייל מען האָט פאַר אונז אויך גאָרניט אָנגעגרייט! זיי דאַרפן קומען און זיין גרייט אַביסעלע צובידעווען אויך! ווען זיי וועלן קומען אָן פּרעטענזיעס און אָן אילוזיעס אַז זיי טוען עמעצן אַ טובה, דאַן, וועלן זיי זיך גוט איינאָרדענען און זיי וועלן זיין צופרידן פון לעבן.

אָט די קלוגע רייד פון חבר ערנסט, חזר איך איצט איבער פאַר יענע אידן וואָס ווילן עולה זיין קיין ישראל: — נאָר אָן פּרעטענזיעס און אָן אילוזיעס! ריכט זיך ניט אַז בן גוריון וועט שטיין ביים פאָרט אייך אָפּוואַרטן!...

— — — — — — — — — — — — —

פאַרנאַכט מאַך איך אַ שפּאַציר קיין... בני ברק.

איר האָט מן הסתם געהערט אַמאָל וועגן בני ברק? איר זענט זיכער אַ טאַטנס אַ קינד, געזעסן מיטן טאַטן ביים סדר און געזאָגט די

הגדה. דאָרט ווערט דערציילט אַ מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע ורבי אליעזר בן עזריה ורבי עקיבא ורבי טרפון שהיו מסבין (וואָס זיינען געזעסן אָנגעלייגט) בבני ברק, (ביי די בני ברק) א. אַ. וו. דאָס הייסט, אַז בני ברק — האָט נאָך עקזיסטירט אַ פאָר טויזנט יאָר צוריק.

דאָ, אין ישראל, צווישן תל אביב און פתח תקווה, איז דאָ אַ צווייטע בני ברק. דאָ, איז דאָס, חצי שטאָט, חצי, מושב און דער עיקר — דאָ וואוינען אַ סך, זייער אַ סך, פרומע אידן, דאָ איז פאַראַן אַ גרויסע ישיבה און דאָ וואוינט איינער פון די גרעסטע פערזענלעכקייטן פון דער חסידישער און פרומער וועלט דאָ וואוינט דער גאון וועמען די וועלט רופט חזון איש, (הרב קאַרעליץ).

מיט אָט דעם גרויסן אידישן געלערנטן, האָט לעצטנס געטומלט די וועלט. בן גוריון, בכבודו ובעצמו, האָט אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט, איז זיך געקומען מיט אים מתיעץ זיין וועגן אַ וויכטיקן ענין — דאָס נעמען אידישע מיידלעך אַלס סאָלדאַטקעס. מעגלעך, אַז ער האָט מיט אים גערעדט וועגן נאָך עפּעס. דער אינטערוויאו איז געבליבן אַ סוד ביז היינט צו טאָג.

צו אָט דעם מושב, פאָר איך איצט מיט מיין פריינט, דעם שרייבער הערשמאַן. דאָרט, אין בני ברק, וואוינט זיין ברודער — דער באַוואוסטער פּעדאַגאָג. וויל ער מיך באַקענען מיט זיין וואוינונג, מיט זיין פאַמיליע און דער עיקר — מיט בני ברק. מירן שוין דאָרט, אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פון קריגן אַ וועג צו האָבן אַ שמועס מיטן „חזון איש”. איך וואָלט אַוועקגעגעבן, מי יודע וויפל, אַבי אָנצוקוקן און אַ שמועס-טאָן מיט אָט דעם געטלעכן מאַן וועגן וועלכן עס גייען אַרום, ממש, לעגענדעס.

שוין דאָס אַריינפאָרן אַליין קיין בני ברק, רופט אַרויס אינטערעס. די איינציקע שטאָט וואָס האָט אַ טויער און וואָס ווערט ערב שבת פאַרשלאָסן ביז עט שפּעט מוצאי שבת. דאָס איז אַ באַוואָרעניש קעגן די תל אביבער אָדער אַנדערע אייגנטימער פון אויטאָס וואָס ווילן, דווקא, פאָרן אום שבת דאָרט וואו פרומע אידן שטייען און דאוונען. אין תל אביב, שטעלט מען נעבן דער גרויסער שול אַ פּאָליציאַנט וועלכער טראָגט ניט מיט זיך, ניט קיין רעוואָלווער, ניט אפילו — זיין „שטעקעלע” מיט וועלכן ער דירידזשירט די טראַפיק. ער, דער שוטר, איז אויך אַ שבת׳דיקער. דאָרט, אין בני ברק, לאָזט מען גאָר אינגאַנצן ניט אַריין קיין פרעמדע אויטאָס און קיין אייגענע, תושבים פון בני ברק, וועלן ניט וואַגן צו פאָרן אום שבת.

דער אויטאָבוס, פירט צו ביז צו דער שטוב וואו מיר דאַרפן אָפּ־שטייגן. איך בעט דעם חבר הערשמאַן און מיר גייען אַראָפּ פריער. איך וויל אָנקוקן די „שטאָט". מיטן אויסנאַם פון דעם קוואַרטאַל „מאה שערים" פון ירושלים, איז ניטאָ אין ישראל אַ מקום מיט אַזוי פיל אוי־סערלעכן פ ר ו .מ ע ן אויסזען. קליין און גרוים טראָגן פּאות'לעך שיי־נע, געקרייזלטע, וואָס געבן צו אַ געוויסן חן דעם פּנים. לאַנגע קאַפּאָט־קעלעך אויף טריט און שריט, ווייבער מיט „פּאַריקן" און מיט צניעות'די־קע טיכעלעך — אויב מען טראָגט ניט קיין פּאַריק...

אגב. אַ ביסעלע געשיכטע פון דער גרינדונג פון אָט דער זעלטע־נער שטאָט אין ישראל:

צוריק מיט אַ יאָר דרייסיק, איז זיך מישב אַ וואַרשעווער סוחר און אַ גרויסער חסיד, ר ב" א י ט ש ע ג ע ר ש ק אָ ר ן, נעמט און ליקווי־דירט זיינע גרויסע געשעפטן אויף די נאַלעווקעס, מאַכט פון אַלעם מזומן געלט און, צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע חסידים פאָרט ער אַוועק קיין ארץ ישראל צו גרינדן אַ מושב, אַ דאָרף פון בלויז חסידישע, בלויז פרומע אידן.

די ערשטע צייט האָט מען זיך פון אים אויסגעלאַכט. מען איז געווען זיכער, אַז פון דער גאַנצער אונטערנעמונג וועט זיך אויסלאָזן אַ טייך און זיי וועלן קומען „צופוס פון ארץ ישראל". די שוואַרצע נבואה איז ניט מקוים געוואָרן. אויף די זאַמדיקע בערג און וויסטע פעלדער, נעבן דער נייער און אפּיקורסישער שטאָט תל אביב, האָט רב' איטשע גערשענקאָרן אַוועקגעשטעלט אַ גאַנצע שטאָט מיט הייזער, און חסי־דים האָבן זיך דאָרט באַזעצט. היינט איז בני ברק אַ היפּשער מושב מיט אייגענע קלייטן, פאַבריקן, און גאַנץ גרויסע געשעפטן. לויט ווי פריינט הערשמאַן זאָגט מיר, וואוינען איצט אין בני ברק אַ דרייסיק טויזנט נפשות. אגב. בני ברק איז אַ הונדערט פּראָצענטיקע אידישע שטאָט. ניטאָ דאָרט קיין איין גוי אויף קיין רפואה. אַז מען דאַרף „פאַרקויפן דעם חמץ" האָט מען די אמת'ע אַרבעט ביז מען אימפּאָרטירט פון ערגעץ אַ ערל און מען גיט אים איבער דאָס פאַרמעגן פון די בני ברק־אידן...

רב' איטשע גערשענקאָרן איז אַלע יאָרן וואָס בני ברק עקזיסטירט, איר ר א ש ה ע י ר. ווען איך בין געווען אין בני ברק — איז ער גע־ווען אין אַמעריקע אויף אַ „טור" אין ש ל י ח ו ת פון בני ברק'ער ישי־בות צו זאַמלען געלט פאַר זיי. אַמעריקאַנער אידן געבן זייער גערן געלט פאַר די בני ברק'ער ישיבות און תלמוד תורה־אַנשטאַלטן. דאָס געלט

איז ניט אַרויסגעוואָרפן. אין קיין שום פּלאַץ אין ישראל לערנט מען ניט אַזוי ערנסט און מיט אַזויפיל התמדה ווי אין בני ברק׳ער לערן־אַנשטאַלטן.

ווי געזאָגט: — אין בני־ברק בלייבט שבת אַ ל ץ שטיין — אַ חוץ די זייגערס וואָס הענגען אויף די ווענט. די זייגערס זיינען ביים באַרג סיני ניט געווען.

און נאָ ך אַ זאַך דערציילט מען: — אין דער צייט פון דער באַ־פרייאונגס מילחמה, זיינען די בני־ברק׳ער ישיבה־בחורים און די עלטע־רע חסידים געווען די בעסטע סאָלדאַטן און זיך געשלאָגן מיט מסירת נפש...

איך שטעל זיך אָפּ אין מיטן גאַס און... קוק. עס איז גלאַט שיין און חיות׳דיק צו קוקן. ווען און וואו קאָן איך נאָך זעען אַזעלכע בילדער? איך באַשלים שוין ווידער: —

בלויז צו זיין אין בני ברק — לוינט זיך אַ רייזע קיין ישראל!

פריינט הערשמאַן האָט מיך „אויפגעכאַפּט" פון מיין שטייענדיקן „שלאָף". ווען ער האָט מיך אַ טאַרקע געטאָן און אַ זאָג געטאָן: — קומט! האָט... מיר באַנג געטאָן וואָס איך האָב זיך אויפגעכאַפּט! איך בין דאָ נאָר וואָס געווען מיט מיין טאַטן, אין דער בראַסלעווער קלויז און געזען די דאָרטיקע חסידים. איך בין דאָ נאָר וואָס געווען אין מיין קליין שטעטעלע פון דער אוקראַינע און געזען מיין מאַמען מיט מיין באַבען און מיין מומע שיפרע ווי זיי גייען פון דער שיל מיט דער זיידענער פאַטשיילע אויף זייער קאָפּ פאַרוויקלט! און, דאָ, האָט מען מיך אויפ־געכאַפּט פון אַזאַ זיסן שלאָף. אַ פאַרגעניגן, איז מיר דאָך, געבליבן. ביז מיר זיינען צוגעגאַנגען צום לערערס הערשמאַנס הויז, האָב איך נאָך באַ־געגנט אַ צענדלינג אידן און אַ צענדלינג ווייבער און אַ פּאָר צענדלינג אידישע קינדערלעך מיט געקרייזלטע פאות׳לעך מיט חסידישע היטע־לעך, וועלכע, האָבן זיך געאיילט צו גיין אין קלויז אריין ווייל עס איז שוין געווען נאָענט צו מנחה. די עלטערע אידן האָבן גערעדט צווישן זיך... אידיש. דאָס קליינוואַרג — האָבן גערעדט עברית! ווידער אַ באַ־ווייז אַז די גאַס איז שטאַרקער פון דער שטוב.

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען צום לערער הערשמאַן — האָבן מיר אים געטראָפן אַ פאַרנעמענעם ביי אַ „זיצונג". אַלס איינוואוינער פון בני ברק, אַלס אייגנטימער פון אַ גרויס הויז, נעמט ער איינטייל אין דער „פּאָליטיק" פון דעם „שטאָט־ראַט". עפּעס פירט זיך דאָרט אַ פּאָ־ליטיק, וואָס רמת־גן, וויל „איינשלינגען" בני ברק, און די לעצטע לאָזן

זיך ניט. איז איצט א בעראַטונג וועגן דעם, און מען אַרבעט אויס די „פּלענער פון פּאַרטיידיקונג". קיין בלוט וועט זיך טאַקע ניט גיסן — אָבער, מען דאַרף זיין אויף דער וואַך. מען וויל ניט דערלאָזן אַז דאָס פרייע, „צעלאָזענע", רמת גן, זאָל ווערן די הערשערן איבער דעם פרומען בני ברק! די בני ברק'ער האָבן אַ שותף צו זייער פּאַרטיידיקונג: וואָס וועט זיי העלפן קעמפן — דעם רבונו של עולם.

ביי פריינט הערשמאַן אין הויז, בין איך געזעסן אַ שטיק צייט און עס האָט זיך ניט געגלוסט אַוועקגיין. די ערשטע האַלבע שעה האָב איך זיך איינגעהערט ווי אַזוי אידן, „פּאָליטיקער", גרייטן זיך צו „מילחמה". מען „שאַרפט די שווערדן". מען וועט... זיך ווענדן אין דער אינ־סטאַנץ און מען וועט ניט דערלאָזן אַז בני ברק זאָל ווערן אַ "שיפחה" ביי דער מאָדערנער און רייכער „בעלת הבית" רמת־גן. די לעצטע האָט שוין איינגעשלונגען דאָס פאַרשטעטל „גבתים" און נחלת־יצחק. איצט האָט זי זיך פאַרנעמען אויף בני ברק! אָבער — מירן ניט דערלאָזן!...

די זיצונג איז זיך צעגאַנגען מיט האָפענונג און מיט אַ סך מוט צום קאַמף.

לערער הערשמאַן פירט מיך אַרום איבער זיין נחלה. ער באַוואוינט זייער אַ פיין הויז. אַ סך צימערן, אַ סך באַקוועמלעכקייטן. האָט עטלעכע שטייגן עופות און קיין אייער פעלט ניט! האָט אַ גאָרטן מיט גרינוואַרג און קיין ציבעלע פעלט ניט אין שטוב. איין אומבאַקוועמלעכקייט האָט ער! ער דאַרף זייער ווייט, און אַ סך צייט פאַר'ן, ביז ער קומט אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ — אין דער שולע כפר שלום. וואָלט ער געווען אַ... פּאַרטיי־מאַן, וואָלט מען אים, אפשר, געגעבן דאָס פּלאַץ אויף אַ נעענטערס...

לערער הערשמאַן, איז איינער פון די בעסטע פּעדאַגאָגן וואָס ישראל פאַרמאָגט. נאָך דער אַרבעט אין שולע, טוט ער — וואָס די גרעסטע טייל לערער טוען דאָרט — זיי נעמען מיט די קינדערס העפטן און שטודירן זיי אין דער היים. זיי לויפן ניט אַרום זוכן „לעקציעס" און אַר־בעטן „איבערשטונדן".

וואָס פאַרדינען זיי פאַר אַ געהאַלט אין שולע? גראָשנס! אַ סך ווייניקער ווי ביי אונז אַ שיק־אינגל! אָבער — זיי זיינען צופרידן! אין דבר! זיי דאַרפן מער ניט! ווי קומט צו זיי אַזאַ שטוב? — פון לע־רעריי זיכער ניט אָפגעשפּאָרט!... אַ ירושה!

די פּאָר שעה וואָס איך בין יענעם פאַרנאַכט געווען אין בני ברק

בכלל און ביים לערער הערשמאַן אין שטוב, וועלן בלייבן איינגעקריצט לאַנג אין זכרון. איך בין געווען אין אַן אַנדער וועלט, צווישן מענטשן, וועלכע ווייסן ניט פון שנאת-אחים, צווישן מענטשן וועלכע גלויבן נאָך אַז די וועלט איז ניט בלויז שלעכט און אויסגעלאָזן. איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבער די געסלעך פון אָט דער שטאָט וואָס טראָגט אַזאַ היסטאָרישן נאָמען, און איך האָב געטראַכט:

— ווען איך דאַרף קומען זיך באַזעצן אין ישראל — וואָלט איך זיך באַזעצט אין בני ברק. דוכט מיר, אַז דאָ לעבן מענטשן רואיקער און לענגער. דאָ פרעסט זיי ניט אויף אַזוי דער חשק פון זיך קריגן איינס מיטן אַנדערן. דאָ, אין בני ברק, לעבט מען אַ שטיל, הערלעך, רואיק אידיש לעבן! ניט אומזיסט, דערציילט אונז דער בעל הגדה, אַז אין בני ברק איז מען געזעסן אַ גאַנצע נאַכט — ביז טאָג — און מען האָט דערציילט די נסים פון יציאת מיצרים....

ווען איך בין אָוועקגעגאַנגען פון פריינט הערשמאַן, האָבן מיר שוין אויסגעאַרבעט די „סטראַטעגיע" ווי אַזוי צו קריגן אַן „אַאודיענץ" ביים גאון „ח ז ו ן א י ש".

7־טער מאי:

היינט האָב איך זיך פאַרנעמען דורכפירן אַ הייליקע אַרבעט. איך וועל באַזוכן דעם מיליטערישן בית עולם פון תל אביב. איך וועל לייגן אַ קראַנץ בלומען אויף אַ קבר פון אַ אידישן העלד — אַ נייער עולה וואָס איז בלויז אַ חדש צייט געווען אין ישראל און איז תיכף אַוועק אויפן פראָנט — ער האָט העלדיש געקעמפט מיטן שונא און מיטגעהאָלפן צום אידישן זיג. מיטגעהאָלפן צו דער שאַפונג פון דער אידישער מדינה.

דער געפאַלענער אידישער קעמפער האָט געהייסן ד ו ב ג ר י נ ע ם און זיין ברודער אין בוענאָס איירעס, ה' מיכל גרינעם האָט מיך געבעטן זיין ביי אים אויף קבר אבות.

מיר גייען אַהין זאַלבע פיר. עס גייט מיט מיט אונז דער הער אילון (באַראַניק), אַ לאַנדסמאַן פון נפטר און פון וועמענס הויז ער איז אַוועקגעגאַנגען צום פראָנט, צום טויט. ער איז אַוועק זייער מונטער — דערציילן זיי — ער האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן צו גיין קעמפן מיט די אַראַבער. ער איז אויסגעווען וואו אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער עס איז געווען, ער האָט ביי די נאַציס געזען הונדערט מאָל דעם טויט פאַר די אויגן. ער האָט זיך פון ד אָ ר ט געראַטעוועט און דאָ — אויפן אידישן באָדן

אויף דער ערד פון זיין אויסגעבענקט לאַנד, האָט ער — באַלד ווי ער איז געקומען אין באַרירונג מיטן שונא — פאַרלוירן דאָס לעבן.

איך קויף אַ קראַנץ בלומען, דער טאַקסי־שאָפער ווייסט שוין, אַז מען טראָגט בלומען — פאַרט מען אויפן בית עולם. ער דאַרף נאָר וויסן צו וועלכן? צום ציווילן אָדער מיליטערישן?ביידע געפינען זיך איינער קעגן אַנדערן.

ווען מען גייט אַריין אין טויער פון מיליטערישן בית עולם — גיט דאָס האַרץ אַ ציטער! אַזוי פיל יונגע אידישע נשמות, אַזוי פיל יונגע אידישע קינדער ליגן דאָ. אַלע מצבות זיינען פון איין גרויס, פון איין סטיל, ווייזן אָן דעם נאָמען פון נפטר, וואו ער איז געפאַלן און דעם טאָג ווען די קויל האָט אים געטראָפן.

דער שמש וואָס האָט געמאַכט די „אל מלא” פאַר אונזער געפאַלע־נעם העלד, דערציילט אונז שוין אויך, ווי אַזוי מען האָט די אַלע מתים אַהער געבראַכט, אַז מען היט אָפּ זייער יאָר־צייט, און אַז איינמאָל אין יאָר קומט אַראָפּ הער בן גוריון אַליין אויף קבר אבות. עס געפעלט זיי גראַדע יאָ — די שמשים — וואָס בן גוריון קומט אַהער. עס געפעלט זיי ניט בלויז, וואָס... ער לאָזט ניט איבער קיין סענט טרינק־געלט. זיי זיינען דאָ ניין פאַמיליעס וואָס לעבן פון די „אל מלא'ס”...

נו, גיי, זיי אַ שלעכטער און לאָז ניט איבער אַזאַ „טרינק־געלט” וואָס זאָל סטייען פאַר 9 פאַמיליעס.

שפּעטער האָבן מיר באַגעגענט נאָך עטלעכע אַזעלכע מיליטערישע בית עלמינ'ס, נאָר אַזוי ציכטיק־ריין, אוי אַזוי אָפּהיטן ווי מען גיט אַכטונג אויף די קברים פון אונזערע העלדן ווי מען טוט עס אויפן בית עלמין פון תל אביב — האָבן מיר אין ערגעץ ניט געטראָפן.

פון בית עולם — זיינען מיר געגאַנגען צופוס. אַ שטיק צייט זיינען מיר געגאַנגען און געשוויגן, שפּעטער, זיינען מיר „געקומען צו זיך” און מען האָט אָנגעהויבן שמועסן וועגן דער באַפרייאונגס־מילחמה. הער אילון, דער תושב פון תל אביב שוין אַ פאַר צענדלינג יאָר, האָט שוין דאָ איבערגעלעבט קאַלטס און וואַרעמס. פאַגראָמען אין ישראל, שחיטות מצד די אַראַבער, האָבן דאָ ניט געפעלט. אָבער אַזוי זיין אין סכנה ווי מען איז געווען ביי דער באַפרייאונגס־מילחמה, איז מען קיינמאָל ניט געווען... ווען די אַראַבער זיגן — ווען די אַראַבער קומען אַריין קיין תל אביב, בלייבט ניט קיין איין איד קיין לעבעדיקער. בלויז די מיידלעך

און די יונגע פרויען וואָלטן זיי געשאַנעוועט... דאָך, ביי קיינעם איז דער מוט ניט געפאַלן. מען איז געווען גרייט צו קעמפן ביזן סוף.

שפּאַצירנדיק, קומען מיר אַריין אין אַ „גאַס-גאָרטן". מיר זיינען אין „שדרות רויטשילד". מיר טרעפן אָן אַ זאַך, וואָס פאַר אונז איז דאָס פרעמד. מיר טרעפן גרופּעס קינדערלעך פון צוויי — ביז פינף יאָר, וועלכע שפּילן זיך מיט אַ פרייילין און פאַרברענגען זייער גוט. אַזעלכע גרופּקעלעך, זיינען איצט דאָ, אין גאָרטן, אַ גאַנץ טוץ. מען קלערט אונז אויף וואָס פאַר אַ גרופּעס קינדערלעך דאָס זיינען:

אין תל אביב, און בכלל אין די גרעסערע שטעט פון ישראל, איז פאַראַן אַזאַ מינהג: אַ פרייילין, אָדער פרוי, „נעמט אָן" קינדערלעך אויף עטלעכע שעה זיך צו שפּילן מיט זיי אין שטאָט-גאָרטן. זי קומט אַהיים, נעמט דאָס פּיצל קינד אַרום 9 אַזייגער אינדערפרי און ברענגט עס צו מיטיק-צייט. פאַר די שעה'ן, קריגט זי אַ געוויסן שכר — זייער אַ קליינעם, וועלכער איז צוגעגלעך צו יעדן אַרבעטערס ביודזשעט. אין דער צייט וואָס די פרייילין באַפרייט די מוטער פון איר קינד — קאָן די מוטער עפּעס טאָן אין הויז אָדער אַפילו אָנעמען אַ געוויסע לייכטע אַרבעט מיט וואָס זי פאַרגרינגערט דאָס אויסהאַלטן די הוצאות פון שטוב.

די קינדערלעך — אין גאָרטן — פאַרברענגען אויף דער פרישער לופט, מען היט זיי אָפּ, מען גיט זיי אַפילו מיט אַביסל איבערקייען, און ווען עס קומט אַהיים, און עס פאָלגט עפּעס ניט די עלטערן, איז דער גרעסטער סטראַשונאק פאַר זיי — מען וועט זיי מאָרגן ניט שיקן אין פּאַרק אַריין.

אָט, מיט אַזעלכע גרופּעס קינדערלעך, זיינען פול די ישראל-פּאַרקן. אָט, אַזוי, וואַקסן די ישראל-קינדערלעך. לופט און פרייהייט. עס ליגט ניט איינגעשפּאַרט אין שטוב און עס האָט ניט מורא פאַר אַ פאַרקילונג. איך האָב נאָר געדאַרפט מעלדן די קליינע פעמפּעקלעך, אַז איך וויל זיי פאָטאָגראַפירן — זיינען זיי שוין אַלע געווען אַרום מיר, ווי די בינען אַרום האָניק.

שפּעטער, בין איך שוין געוואוירע געוואָרן, אַז עס זיינען פאַראַן אין ישראל גאַנצע אָרגאַניזאַציעס אַזעלכע וועלכע שטעלן צו יעדער בעל הבית'טע אַ פרייילין וואָס זאָל היטן די קינדער אינדערפרי ביי טאָג און אויב די עלטערן ווילן גיין אין סינע און האָבן ניט אויף וועמען איבערצולאָזן דאָס פּיצל קינד — דאַרפן זיי נאָר טאָן אַ קליינינקייט — זיי דאַרפן אָנקלונגען צו דער אָרגאַניזאַציע, וועט מען זיי שיקן אַ פרוי אָדער אַ מאַן,

וועלכער וועט בלייבן אין הויז ביז די עלטערן וועלן קומען אהיים. די פרייז? — זייער א צוגענגלעכע. איך האב שוין געטראכט: צו קאן מען ניט ביי אונז אין ארגענטינע איינפירן אזא סיסטעם?

מיר זעצן זיך אוועק אין פארק אביסל אפרוען. פריינט אילון, א מחבר פון א פאר ווערטפולע ביכער, דערציילט מיר ווי אזוי די פארלע־גער אין ישראל — א סך פון זיי — האבן ווייניק יושר. מען באראבעוועט פשוט דעם מחבר. מען נעמט ביי אים צו די ארגינאלן און ער איז גערן אז ער — דער מחבר — דארף ניט צוצאלן דעם פארלעגער...

ניין! ביי אונז איז שוין דער ענין לייטישער...

— — — — — — — — — — — — —

בייטאג פאר איך אנקוקן דעם „האטעל וואו עס שלאפן צען טויזנט מענטשן" — אזוי האט מיר א שאפער רעקאמענדירט די „ק ר י ה". די קריה — דאס איז דאס פלאץ וואו עס געפינען זיך די רעגירונגס־אינ־סטיטוציעס. דאס גאנצע פלאץ מיט די געביידעס און גערטנער און אפילו מעבל, האט געהערט צו די דייטשן — די אמת׳ע דייטשן, וואס האבן געלעבט אין ישראל. אין דער צייט פון מאנדאט, האט מען געוואלט אפ־קויפן ביי זיי דאס פלאץ, מען האט זיי געוואלט געבן אוצרות מיט געלט דערפאר. די אידן פון תל אביב, די מוניציפאליטעט פון תל אביב האט ניט געוואלט האבן קיין נאצים אין אזא נאענטער שכנות. זיי האבן דאס פלאץ ניט געוואלט פארקויפן. זיי האבן געגלויבט, אז פריער אדער שפע־טער, וועט תל אביב געהערן צו... די דייטשן.

אין דער צייט פון מילחמה, האבן די ענגלענדער זיי „אינטערנירט", און פארנעמען זייערע געביידעס פאר ענגלישע קאזארמעס און אפיסינעס און ווי נאר עס איז געווארן די באפרייאונגס־מילחמה איז פון זיי קיין דעך ניט געבליבן, און די רעגירונג פון ישראל האט באזעצט דאס פלאץ מיט אירע ביוראען. א טייל פון די הייזער האט מען איבערגעגעבן פאר וויכטיקע געזעלשאפטלעכע און נאציאנאלע אינסטיטוציעס, ווי דעם „מגן דוד אדום", „אזע", „וויצא" א. א.

אויף אט די ביוראען, מאכט מען עס א וויץ אין ישראל, אז דאס איז דער גרעסטער האטעל אין דער וועלט וואו צ ע ן טויזנט מענטשן — דאס הייסט צען טויזנט באאמטע — שלאפן. מען טוט גארניט!

פארוואס האבן עס די ביוראען באקומען אזא שם? ווייל, אז מען דארף עפעס א „טראמיטע" שיקט איינער צום צווייטן, א צווייטער

צום דריטן, און עס געדויערט וואָכן און חדשים ביז מען קריכט פון דאָרטן אַרויס מיט אַ פּאַפּירל...

אַהינצו האָב איך זיך געלאָזט גייען. איך דאַרף דאָרט קיין שום טראַמיטע ניט מאַכן. איך וועל בלויז שטיין אין דער זייט און זיך צוקוקן ווי אַזוי די באַאַמטע . . . שלאָפן.

איך ווייס ניט צו ד אָ ר ט, אין דער אָפיסינע וואו איך בין אַריינגעגאַנגען, און אין די אַנדערע — וואו איך בין ווייניקער צייט געווען, — אָבער דאָך געווען און געזען — איך ווייס ניט, אויף וויפל זייער אַרבעט איז וויכטיק און נויטיק — אָבער, אַז די מענטשן דאָרט, ש ל אָ פ ן נ י ט, אַרבעטן שווער, און פאַרדינען שווער זייער אָרעם שטיקל ברויט — אין דעם בין איך איבערצייגט. וואָס איך האָב דאָרט יאָ באַמערקט, איז אַן איבערפלוס פון ע ל ט ע ר ע מענטשן. צווישן יעדע צען באַאַמטע, איז אפשר פאַראַן איינער — יונגער פון דרייסיק און צוויי — יונגערע פון פערציק. זיי זיצן, קריצן מיט די פּענעך, גריבלען זיך אין ביכער און די גרעסטע טייל פון זיי — טראָגן ברילן. שוין די אויגן אויסגענוצט ביי אָט די ביכער. וואָס זשע איז דאָ זיי מקנא צו זיין? צע וואָס זשע זיי האַלטן אין מויל? אין די אָפיסינעס פון דער הסתדרות זיינען פאַראַן מערער מענטשן וואָס... טוען ווייניקער, און דאָך, האַלט מען ניט אַז זיי שלאָפן...

אין איין אָפיסינע וואו איך בין געשטאַנען העכער אַ שעה צייט און אָבסערווירט, האָט מען מיך... אַכט מאָל געפרעגט וו אָ ס איך וואַרט און וואָס איך שטיי און אויף ו ו ע מ ע ן איך וואַרט. איך בין געוואָרן אַ ז ו י „פאַרדעכטיקט", אַז מען האָט זיך אָנגעהויבן סודען און מען האָט אַרויסגערופן צו מיר עפּעס אַ עלטערן „פקיד", וועלכער האָט זיך אינטערעסירט צו וויסן וואָס איך שטיי דאָ? ווען ער איז געוואָרן וואָס איך טו דאָ, האָט ער מיך שטאַרק געבעטן, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען איך וועל ענדיקן מיין „אינספּעקציע", זאָל איך זיין ביי אים און אים איבערגעבן מיין מיינונג. איך האָב אים צוגעזאָגט און געהאַלטן וואָרט בלויז אויף דער העלפט. איך בין צו אים ניט געגאַנגען. מיר האָבן זיך געטראָפן אויף דער אַלענבי-גאַס און איך האָב פאַר אים אַרויסגעבראַכט אייניקע קריטישע באַמערקונגען וועגן אַ טעכנישער אַרבעט וואָס איך האָב דאָרט געזען און איך האָב פאַרשטאַנען אַז מען דאַרף אַזוי ניט טאָן. נו, איז ער — ווי אַלע ישראלים — ברוגז געוואָרן פאַר קריטיקירן!

אַזוי זײַנען זײ דאָרט. זײ בעטן אַז מען זאָל זײ אָנװײַזן אַ פּעלער. װײַזט איר זײ אָן — װערן זײ... ברוגז פֿאַר קריטיקירן זײ.
װילט איר האָבן פֿרײַנט אין ישׂראל? — װײַזט זײ גאָרניט אָן...

— — — — — — — — — — — — — —

אויף הײַנט באַנאַכט איז פֿאַר אונז צוגעגרײט געװאָרן אַ שטיקל אויפֿנאַמע בײַ בעסאַראַבער אידן. בעסער געזאָגט — בײַם נערוו פֿון „בעסאַראַבערטום" אין ישׂראל — אין „אַרכיװ פֿון בעסאַראַבער אידנ־טום" מיט װעלכן עס גײט אָן דער אומדערמידלעכער בעסאַראַבער (דאַמ־בראָװענער) איד, מ. מ. דודזאָן.

װען מיר זײַנען געקומען אין דעם „צריף" װוּ דער אַרכיװ געפֿינט זיך, האָבן מיר אים שוין דאָרט געפֿונען איבערפֿולט מיט מענטשן. שוין ניט געװען װוּהין אַרײַנצוגײן. אויבנאָן, איז געזעסן דער באַװאוסטער ישׂראלדיקער קולטור־טוער, פּאָרזיצער פֿון חנוך ותרבות בײַם דערצי־אונגס דעפּאַרטאַמענט פֿון ירושלים, דר. בר־ד ײ ן. נעבן אים — אַ באַװאוסטער לאַטײַן־אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַל דר. אַ ד ל ע ר. נעבן אים — דער גאַסט פֿון אַמעריקע, די ישׂראל דיכטערן גרינבלאַט. אַרום זײ — שמעקט מיט בעסאַראַבער פֿאָלקסטימלעכקײט. ליפּקאַנער, דאַמ־בראָװענער לאַנדסלײַט זײַנען דאָ די מערהײט.

עס הײבן זיך אָן רעדעס און אַפֿילו דיסקוסיעס. מען רעדט װעגן אָרגאַניזירן בעסער דעם „אַרכיװ" װעלכער איז אַ װעלט־אוצר פֿאַרן אי־דישן פֿאָלק און מען רעדט װעגן שיקן אַ דעלעגאַט קײַן אַרגענטינע, בראַ־זיל, אורוגװאַי און טשילע צו די דאָרטיקע בעסאַראַבער אידן. לסוף גיט מען אַ װאָרט דעם... „בעסאַראַבער" גאַסט פֿון אַרגענטינע.

דאָס ערשטע, האָב איך געמוזט מודה זײַן, אַז איך בין אויף אַזױפֿיל בעסאַראַבער, װיפֿל עס גיט מיר דאָס רעכט אַלס לאַנג־יאָריקער מיט־גליד פֿון בעסאַראַבער פֿאַראײַן. דאָך האָב איך זײ אָפּגעגעבן אַ פֿײַנעם גרוס פֿון בעסאַראַבער אידן אין אַרגענטינע. מען איז געװען צופֿרידן צו הערן, אַז אַרגענטינע איז דאָס אײנציקע לאַנד אויף דער אידישער װעלט װאָס האָט אַ שול און אַ שולע אויפֿן נאָמען פֿון דעם בעסאַראַבער גאון און קדוש הרב יהודה לײב צירעלסאָן ע"ה.

איך בין אַװעקגעגאַנגען פֿון אָװנט מיט דער טיפֿער איבערצײַגונג, אַז די בעסאַראַבער אידן פֿון דער גאָרער װעלט — ישׂראל אַרײַנגערעכנט — טוען זײער װײניק פֿאַר אָט דעם װיכטיקן אַרכיװ װאָס איז אַ שטיק געשיכטע פֿון אידישן לעבן אין בעסאַראַביע פֿאַר די לעצטע העכער הונ־

דערט יאָר. דער אַרכיוו פון בעסאַראַבער אידן און זיין גרינדער און אויס־האַלטער מ. מ. דאַווידזאָן, איז ווערט מערער אויפמערקזאַמקייט פון די בעסאַראַבער פון דער גאָרער וועלט.

8־טער מאַי:

אינדערפרי מאַך איך אַ שפּאַציר קיין חיפה. איך האָב דאָרט אָפּצוגעבן עטלעכע גרוסן פון אַרגענטינער אידן און... גלאַט אָנקוקן און „אויס־שטודירן" די שטאָט. ביז אַהער, האָב איך געזען חיפה בלויז אויבער־פלעכלעך. מען דאַרף זיך באַקענען מיט חיפה פון „אינעווייניק". ספּעציעל וויל איך זיך באַקענען מיטן חיפה'ר טעכניקום וואָס האָט אַזאַ שם אויף דער גאָרער וועלט זייט צענדליקער יאָרן.

איך פאָר קיין חיפה מיטן „שירות". עס קאָסט טייערער, כמעט דאָפּלט, ווי מיטן באַן אָדער אויטאָבוס, אָבער, עס איז ווערט. מען פאָרט שנעלער, מען זיצט באַקוועמער און דער עיקר — מען פאָרט מיט מענטשן מיט וועלכע מען קאָן רעדן. ווילט איר קאָנען ישראל — רעדט מיט די ישראלים און דערנאָך מאַכט אַ רעזומען פון יעדנס מיינונג...

די רייזע קיין חיפה איז זייער אַ פּריילעכע און אַ נוצלעכע פאַר מיר. אויף מיין מזל, פאָרן אין אויטאָ צוויי אידן וועלכע זיינען ערשט דריי יאָר אין לאַנד,ביידע פון קאַנאַדאַ, און ביי ביידע קאָן איך ווי־סן אַ סך זאַכן. דער עיקר: איך וויל וויסן מיט וויפל געלט דאַרף מען קומען אַהער — אויב מען איז ניט קיין בעל מלאכה און אויב מען פאָרט ניט אין קיין קיבוץ, — מיט וויפל געלט קאָן מען זיך דאָ איינאָרדענען?

איינער פון די צוויי קאַנאַדיעסער — איז געווען אין דער היים א... קצב. דאָ, אין ישראל, גייט זיין פאַך ניט אָן. דאָ איז ניטאָ קיין פלייש, און אויף דעם ביסעלע פלייש וואָס קומט אָן פון אַרגענטינע, זיינען פאַראַן גענוג ותיקים־קצבים פון ישראל. קיין „גזוז"־קליוטל האָט ער ניט געוואָלט אויפעפענען און צו קיין געשעפטן האָט ער זיך ניט אויסגעטויגט. האָט ער, אין חיפה, געעפנט אַ רעסטאָראַן און האָט שיין פרנסה. וויפל געלט האָט ער געבראַכט מיט זיך? געבראַכט — האָט ער אַ סך. גאַנצע צען טויזנט דאָלאַר. ביים אויסבייטן זיי אויף ארץ ישראל פונטן, איז אים געבליבן גאָרנישט מיט גאָרנישט.. דאָך האָט ער פאַר דעם „גאָרנישט מיט גאָרנישט" אָפּגעקויפט דעם רעסטאָראַן, אים אַרויפגעאַרבעט און היינט, ווען ער וויל אים פאַרקויפן, נעמט ער אָפּ אַ צוואַנציק טויזנט פונט — דאָס הייסט — זיינע צען טויזנט דאָלאַר. אַזוי

אַרום, אַז אים — האָט בן גוריון... נ י ט באַראַבעוועט! פאַרקערט. ער איז איצט גליקלעך און ער האָט קיין יסורים ניט, אַז זיין טעכטערל זאָל א ו י ך חתונה האָבן פאַר אַ קריסט ווי עס האָט געטאָן זיין עלטסט טעכטערל, דאָרט, אין וויניפּעג. צוליב א י ר — צוליב זיין טעכטערל, וואָס ווערט שוין איצט אַלט זעכצן יאָר, איז ער אַוועק פון „גלות" און געקומען צווישן אידן...

דער צווייטער קאַנאַדער איד — אויך פון וויניפּעג, האָט שוין גע־האַט מער „מזל". ער האָט אַלע דאָלאַרן זיינע ניט „דעקלאַרירט". ער האָט אויך געהאַט מזל מיטן „באַזוכן". מען האָט אים ניט באַזוכט און ער האָט זיי איבערגעפירט בשלום. ער איז געקומען אַהער, אויך צו־ליב די קינדער. זיי זיינען געוואַקסן אָפּגעפרעמדט פון אידישקייט און ער האָט ניט געוואָלט וואַרטן ביז זיי וועלן אינגאַנצן אַסימילירט ווערן! ער האָט געבראַכט אַהער... 45 טויזנט דאָלאַר. דעקלאַרירט האָט ער בלויז פינף. די איבעריקע האָט ער אויסגעביטן אויפן שוואַרצן מאַרק. אָפּגענעמען אַ מאַיאָנטעק מיט גאָלד פאַר זיי. געמאַכט אַ „געשעפט". אַריינגעלייגט דאָס געלט איינעם אַ „קבלן" (בויער פון הייזער) וועלכער האָט אים... באַשווינדלט, באַנעמען און ער איז געבליבן אָן אַ פּרוטה. נאָך געדאַנקט גאָט וואָס ער איז ניט געגאַנגען „זיצן". אָבער — אין דבר! ער האָט געעפנט אַ געשעפט פון פרוכט, האָט פּרנסה און האָט צו קיינעם קיין טענות ניט. הייניטיקס יאָר איז אַ זונדעלע זיינס אַוועקגע־גאַנגען „דינען". זיי האָבן אים אַרויסבאַגלייט מיט פרייד — כאָטש, זיי ווייסן אַז ער דינט אין זייער אַ געפערלעכן „פּונקט", האַרט ביי דער גרענעץ. אַלע טאָג קומען דאָרט פאָר איבערשיסערייען. זיי שלאָפן טאַקע ניט דורך די נעכט, אָבער — פון אַנטלויפן פון ישראל — איז קיין רייד ניט. בעסער ד אָ. אַ טרוקן שטיקל ברויט, בעסער ד אָ זיין אויסגע־שטעלט אויף די געפאַרן פון די גרענעצן, איידער, דאָרט, אין גלות, דאָס „רואיקע און זאַטע לעבן".

ווען ער האָט דאָס געענדיקט זאָגן, האָבן די איבעריקע פּאַסאַזשירן פון אונזער „שירות" אים... אַפּלאָדירט. איך האָב דאַן אַ טראַכט געטאָן:

— וויפל זיינען דאָ אין ישראל, אַזוינע עולים וואָס זאָגן אַרויס אָט די גאָלדענע א י ד י ש ע רייד?...

מיר פירן דעם געשפּרעך אויף דער טעמע „פּרנסות אין ישראל". ווי אַזוי קאָן זיך איינאָרדענען אונזערער אַ איד — דאָס הייסט, ניט

פון יענע וואָס מוזן אַנטלויפן פון זייער היים — נאָר, אַזעלכע אידן ווי אָט די קאַנאַדער, אָדער פון אַן אַנדער אַמעריקאַנער לאַנד?

אינעם שמועס נעמען איינטייל אַלע פּאַסאַזשירן. אויך אַ פרוי וועלכע איז ביז אַהער געזעסן שטיל און איצט האָט זי אָנגעהויבן שיטן פעך און שוועבל אויף... „די אידן אין גלות", וועלכע ווילן ניט אי־בערלאָזן דעם פעטן טאָפּ מיט פיש און פלייש. זי איז אין לאַנד שוין 18 יאָר — (אַ „היטלער־חלוצה", מאַכט דער שאָפער אַ וויץ איבער איר. ד. ה. אַ דאַנק היטלערס קומען צו דער מאַכט, האָט זי געמוזט עוקר זיין פון איר היים אין ווין און איז געוואָרן אַ חלוצה אין ישראל. אגב. די גרעסטע טייל „יעקעס" וועלכע זיינען געקומען אין יענער צייט — רופט מען „היטלערס חלוצים".) זי האָט זיך איינגעאָרדנט מיט אַ מילך־גע־שעפט. און זי האָט זייער שיין פרנסה.

פון דעם שמועס מיט מיינע „אויטאָ־ברודער", ווערט מיר עטוואָס קלאָר. אין ישראל, היינט צו טאָג, ווען פאָרן דאָלאַר וואָס מען ברענגט אַריין אַלס עולה, קריגט מען שוין אַ נשקשה'דיקן פרייז אין פונטן, קאָן מען מיט צען טויזנט דאָלאַר זיך גאָר גוט איינאָרדענען. שוין אַריינגערעכנט — דעם שווערסטן פּראָבלעם — אַ „שיכון", אַ הויז. די בעסטע געשעפטן, מאַכן רעסטאָראַטאָרס און פאַרקויפערס פון עסנ־וואַרג. וויפל קלייטן און קלייטלעך עס זיינען דאָ — איז נאָך אַלץ ניטאָ קיין העלפט פון דעם וואָס מען קאָן נאָך אויפשטעלן און האָבן פרנסה. אַ חוץ אכילה־קלייטן, זיינען מוזיק און ספרים געשעפטן — די צווייטע אין דער רייע וואָס געבן פרנסה. מען דאַרף גוט געדענקען, אַז דער ישראל־איד, גיט אַוועק אַ גרויסן טייל פון זיין לוין, פון זיין טאָג־טעג־לעכער פרנסה, און פון זיינע איינקונפטן — אויף ביכער, דיסקאָס און מו־זיק. ניט איין היימישע בעל הבית'טע אין ישראל, מיט וועמענס פאַ־מיליע איך האָב זיך באַפריינדעט, האָט זיך פאַר מיר געקלאָגט:

— ביי אייך, אין חוץ לארץ, זאָגט מען אַ ווערטל, אַז „ווען דאָס מויל זאָל ליגן אין דער ערד — וואָלט מען געקאָנט גיין אין גאָלד אָנגע־טאָן". ביי אונז, אין ישראל, זאָגן מיר: — ווען ניט די מסים („רעדיטאָס", טשינזשן, נאַלאָגן) און ווען ניט די ביכער און דיסקאָס וואָס מען קויפט אַלע מאָנאַט — וואָלטן מיר זיך געלעבט ווי גראַפן...

אַלזאָ. אַ געשעפט פון מוזיק, אַ געשעפט פון ביכער און שרייב־גע־צייג — איז אַ פרנסה אין ישראל. מיט צען טויזנט דאָלאַר — האָט מען אַ שיין געשעפט. גאָר אַ שיין געשעפט.

גוטע געשעפטן מאכן די קלייטן פון... גאָלדוואַרג און אויסאַר־בעטונגען פון גאָלד. דערויף — דאַרף מען שוין האָבן אַ גרויסן קאַפּי־טאַל אָבער — עס גיט אַ סך פּאַרדינסטן. כמעט יעדער טוריסט איז אַ קונה אויף עפּעס אין אָט די געשעפטן. אגב. אין אָט די געשעפטן נאַרט מען אָפּ די... רעגירונג אויף רעכטס און לינקס. ווען איר גייט אַריין עפּעס קויפן, זאָגט מען אייך צוויי פרייזן. איין פרייז — מיטן „שטייער־אָפּצאָל״ און אַ צווייטע פרייז — אָנעם שטייער אָפּצאָל. אויב איר פאָדערט ניט קיין „פאַקטורא״ — דאַן קאָנט איר עס קויפן ביליקער ווייל... מען באַגנבעט די רעגירונג. מען טוט עס פראַנק און פריי. ווייזט אויס, אַז די רעגירונג האָט קיין צייט ניט זיך אומקוקן אויף אָט די „קלייניקייטן״ פון וועלכע עס קאָן ווערן מיליאָנען. מען איז פאַרנעמען אין אַרומלויפן... זוכן אַ גמילת חסד.

און, אפשר איז דאָס די קאָנסעקוועניץ פון דער, צו גרויסער... „דע־מאָקראַטיע״... ניט קריכן צו יענעם אין די ביכער!

געשעפטן פון גלאָז־וואַרג, פון טעפּ און טעלער — מאַכן אויך ניט שלעכט. די נייע אָכט הונדערט טויזנט עולים, האָבן נאָך ניט קיין קאָמ־פּלעט געשיר אין זייער שטוב. אַלע טאָג, קומען צו — טאַקע ווייניק, אָבער דאָך קומען — נייע עולים. און מען דאַרף אָט די אַלע שטוב־זאַכן. צו אָט דעם מסחר — דאַרף מען ווייניק געלט, ווייל די ישראל־פאַברי־קאַנטן געבן אַ סך קרעדיט זייערע קרעמער־קונים.

איינער פון אונזערע פּאַסאַזשירן האָט גאָר אַ וואַזשנע געשעפט. ער האָט געבראַכט פון אַמעריקע אַ... גראָב־מאַשין. ער פאַרדינגט זי אויף אַ טאָג, אויף עטלעכע טעג, און אַפילו אויף חדשים. ער האָט צוויי שאָפערן וואָס אַרבעטן ביי אים אויף פּראָצענט. ער וואָלט פון דער מאַשין געקאָנט ווערן אַ מיליאָנער, ווען ניט דאָס, וואָס זי ווערט אָפט קאַליע. מען דאַרף אָנקומען צו אַ מעכאַניקער, מען דאַרף ברענגען די צעבראָכענע טייל פון אַמעריקע און דאָס — עסט אויף די גאַנצע פּר־נסה. דאָך, האָט ער שוין דאָס געלט וואָס די מאַשין האָט געקאָסט, אָפּ־געגעמען, האָט זיך שוין געקויפט אַ שיכון אין פּתח תקווה, האָט שוין חתונה געמאַכט אַ טאָכטער און איר אויך געקויפט אַ „שיכון״ אין טראַכט שוין פון אַראָפּברענגען נאָך אַ גראָב־מאַשין. איי פאַרוואָס זשע קרעכצט ער אַזוי? — אַזוי איז דאָס! עס איז אַ סגולה צו די... „מסים״ (מיסים) דאָס צאָלן רעדיטאָס־שטייערן אין ישראל — איז די גרעסטע קללה.

מיר דערנענטערן זיך קיין חיפה. צוליב עפּעס אַן אַפּהאַלט אויף דעם נאַרמאַלן וועג — פאַרקערעוועט מען אונז אין אַ זייט און מיר קומען אַן אויפן הדר הכרמל.

הדר הכרמל. איין זאַך איז אָנשרייבן די ווערטער הדר הכרמל און אַ צווייטע זאַך איז זען דעם הדר. עס איז עפּעס אַזוינס וואָס לאָזט זיך ניט באַשרייבן.

חיפה בכלל, איז עפּעס אַנדערש ווי אַנדערע שטעט פון ישראל. זי איז גאָר עפּעס אַנדערש פון תל אביב און אוודאי פון ירושלים. חיפה איז אַ שטאָט וואָס שמעקט מיט מאָדערניזם. אַפילו דער פאַקט וואָס דאָרט פאָרן אום שבת די אויטאָבוסן, דער פאַקט, וואָס דאָרט איז די רעליגיעזע השפּעה ניט אַזוי גרויס, גיט צו דער שטאָט חיפה אַן אַנדער געשטאַלט. חיפה, איז אַ שטאָט פון פּראָלעטאַריאַט. דער פּאָרט מיט זיינע טויזנטער אידישע אַרבעטער, די פאַבריק „נשר" מיט די הונדערטער אַרבעטער, די פאַבריקן פון צעמענט, פון ביר, פון עלעקטראָכעמישע אַרטיקלען פון דער „ראַפינעריא פון נאַפט", די פאַבריקן פון אייז און סאָדעוואַסער, דאָס אַלץ איז אין קיין אַנדער שטאָט פון ישראל ניטאָ — אָדער זייער ווייניק. היינט ווען מען רעכנט צו, צו חיפה די פאַבריקן וואו מען שטעלט צוזאַמען די באַרימטע אויטאָמאָבילן „קאַיזער-פראַיזער", די פאַבריק געפינט זיך אין שכנות פון חיפה אין אַ אָרט וואָס הייסט „תל חנן". אין דעם דאָזיקן פּלאַץ, איז פאָרגעקומען די ערגסטע שלאַכט מיט די אַראַבער. עס איז דאָ געוועזן אַן אַראַביש דאָרף פון גאָלע רוצחים. איז פון זיי קיין זכר ניטאָ און אייער אויג גלעט דאָס האַרץ ווען איר זעט די חורבות פון אָט דעם רוצחישן דאָרף וואָס האָט געהאַלטן אין איין קוילען אידן. איצט — וואַלגערן זיי זיך ערגעץ אין דער אדמה און אויף אָט דעם פּלאַץ, אַרבעטן רואיק הונדערטער אידישע אַרבעטער.

איידער איך גיי אַראָפּ פון אויטאָ, פאַרגעסט מיך ניט דער שאָפער צו וואָרענען אַז... איך זאָל ניט ווערן איבעראַשט און זאָל היטן די קעשענע... וואָס איז? אַזויפיל גנבים זיינען דאָ אין חיפה? חלילה. אין חיפה גופא, זיינען דאָ ווייניק גנבים. פאַראַן דאָרט זייער אַ סך רומעניער! דאַרף מען זיך היטן פאַר זיי!

וואָס האָט מען זיך אַזוי אָנגעזעצט אויף אָט די אָרעמע עולים פון רומעניע? ווען איך בלייב וואוינען אין ישראל, גרינדע איך אַ „ליגע צו פאַרטיידיקן דעם כבוד פון די רומענישע עולים"...

איך דינג אַ צווייטן טאַקסי און פאָר צו צום טעכניקום. פון דעם

פּלאַץ װאו דער „שירות" האָט מיך אָפּגעלאָזט ביזן טעכניקום איז גע־װען גאַנצע... 200 מעטער. ממש צװיי קװאַדרעס. איך האָב פאַרגעסן צו פרעגן דעם פאַריקן שאָפער צו עס איז װייט צום טעכניקום. װען איך האָב דעם נייעם שאָפער געהייסן מיר פירן צום טעכניקום — האָט ער עפּעס אַ שמייכל געטאָן און מיך געפירט אפשר אַ האַלבע שעה איבער דער שטאָט לסוף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער פון דער דאָ־זיקן אינטערעסאַנטן לערן־אַנשטאַלט און איך האָב אים באַצאָלט צװיי פונט. אַזוי האָט ער געפאָדערט.

נו. זאָל מיינס איבערגיין. ער איז ניט שולדיק װאָס איך בין אַ „גרי־נע'ר". אָנקוקן און באַטראַכטן דעם טעכניקום פון חיפה, איז װערט הונ־דערט מאָל אַזוי פיל...

ידיעות װעגן טעכניקום האָב איך שוין געהאַט פון פריער. מיינער אַ „קרוב" איז דאָרט איינער פון די הויפּט־באַאַמטע. אַ קרוב? ס'רעדט זיך אַזוי אַ „קרוב". דאָס קרובה'שאַפט מיינס מיט אים איז פאָלגענדע: מיין גברת רבקה ערענסט האָט אַ שװעסטער װעלכע װאוינט טאַקע מיט אונז אין שכנות. דער שװעסטערס מאַן הייסט מישאַ אַט דער מי־שאַ איז גאָר, גאָר אַ געהויבענע פּערזאָן פון טעכניקום. ביי אים װער איך געװאוירע:

אַז דער טעכניקום אין חיפה איז געגרינדעט געװאָרן צוריק מיט 40 יאָר. אַ סך שװעריקייטן איז דעמאָלט געװען ביז מען האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש ביי דער טערקישער מאַכט אַז מען זאָל לאָזן דאָרט בוי־ען דעם אַנשטאַלט. מיט דער דערלויבעניש אַליין האָט מען ניט געקאָנט בויען. מען האָט געדאַרפט געבן „באַקשיש" (כאַבאַר) יעדן גרעסטן און קלענסטן טערקישן באַאַמטן. געװען אויך אַ דייטשע קאָלאָניע אין דער זייט װאָס האָט ניט געלאָזט פירן די מאַטעריאַלן פאַרן אויפבוי פון טעכניקום דורך זייער קאָלאָניע װייל מען... צעברעכט זיי די װעגן.

אויף צו ברענגען די שטייער צו בויען האָט מען געדאַרפט פירן אויף... אייזלען. דעם זאַמד האָט מען געבראַכט פון ברעג ים. די דער־לויבעניש צו בויען איז געװען, — ניט פאַר אַ טעכניקום — דאָס האָט מען ניט געטאָרט זאָגן — נאָר פאַר אַ הויך־שולע. ניט איינמאָל פלעגן קומען טערקישע פּאָליסלייט, אַרעסטירן די בויער מיט די פאַרװאַלטער מיט אַלעמען װאָס איז דאָרט געװען. האָט מען שוין געװאוסט װאָס דאָס מיינט. מען האָט געגעבן געלט און אין יאָר 1913 איז דער טעכני־קום פאַרטיק געװאָרן.

היינט צו טאָג, בויט דער טכניון אַ גאַנצע „שטאָט“, וואו לערער און סטודענטן וועלן וואוינען און קאָנען אָנגיין מיט זייער וויסנשאַפט־לעכער אַרבעט. די „שטאָט“ וועט אָפקאָסטן אַ 20 מיליאָן פונט. דאָס געלט ווערט געשאַפן — אַמערסטנטייל — אין אַמעריקע. פאַרוואָס דער טעכניקום האָט ניט קיין פאַרצווייגטע אָפטיילונג, קיין טוער און אַרויס־העלפער אין די זיד־אַמעריקאַנער לענדער? — דאָס איז טאַקע אַ רע־טעניש. אָדער אפשר. הכל תלוי במזל... די פופצן הונדערט סטודענטן וואָס לערנען היינט צו טאָג אין דעם טעכניקום — פאַרדינען זיכער אויפמערקזאַמקייט. דאָס זיינען דאָך די צוקונפטיקע בויער, אינזשעניערן און עלעקטראָטעכניקער וואָס וועלן דאַרפן אויפבויען און אַנטוויקלען ארץ ישראל!

ניט גרינג איז אָנגעקומען דעם טעכניקום צו ווערן דאָס, וואָס ער איז. אַ חוץ אַ מאַנגל אין געלט, איז דאָרט געווען אַ גרויסער מאַנגל אין... אייניקייט בנוגע דער „שפראַכן־פראַגע“. אויף וואָס פאַר אַ שפראַך מען זאָל לערנען אין טעכניקום? איין טייל האָט געפאָדערט אַז מען זאָל לערנען אויף דער דייטשער שפראַך. פשוט ווייל אויף העב־רעאיש — דאַן, אויף אַ טויטער שפראַך — איז דאָך אפילו קיין לערן־ביכער פאַר טעכנישער בילדונג ניט געווען. אַנדערע — די, פון דער „אַליאַנס איזראַעליט“, האָבן געפאָדערט אויף פראַנצויזיש.

אינ׳ם קאַמף צווישן דייטש און פראַנצויזיש, האָט געוואונען — ה ע ב ר ע א י ש. לויט ווי מען דערציילט — האָט אַ דעמאָלסטיקער רב געהאַלטן אַ דרשה פאַר די בויער פון טעכניקום און ער האָט זיי — מער וויניקער — מבטיח געווען אַז די אינזשעניערן פון טעכניקום וועלן מן הסתם, דאַרפן אויפבויען דעם... בית המקדש. נו, ווי קאָן מען זיך פאַר־שטעלן אַז מען זאָל אויפבויען דעם בית המקדש אויף... דייטש דאָס זאָל האָבן געווירקט, און מען האָט באַשטימט העברעאיש אַלס די לערן־שפראַך.

פאָרן פאַרלאָזן חיפה — גיי איך אַראָפ צום פאָרט. איך גיי - כאָטש, פאַר פיר פיאַסטער קאָן מען אַראָפפאָרן. איך האָב בלויז געוואָלט זען און פילן, וואָס די אַרבעטער פון חיפה וועלכע אַרבעטן ביים פאָרט, אָדער פאַרקערט — האָבן דורכצומאַכן אַ טאָג.

דאָס גיין באַרג אַראָפ איז דאָרט זייער איינגענעמען. איך ווייס ניט ווי אַזוי די דאָרטיקע איינוואוינער פילן? — פאַר מיר איז דאָס געווען אַ געשמאַקער שפאַציר וואָס האָט געדויערט 15 מינוט. ביים פאָרט האָב

איך אָנגעטראָפן אַן אַרבעטער וואָס האָט מיר אויסגעוויזן קענטלעך. עפּעס אַ היימיש פּנים. איך האָב אים אָפּגעשטעלט. אמת. אַן „אונזע־ריקער”! אַ איד פון אַרגענטינע וואָס איז שוין דאָ פיר יאָר אין לאַנד.

אין אַרגענטינע איז ער געווען אַ קױענטעניק. געאַרבעט ביי יענעם, געוואָרן אויסגעריסן ביז זיין „בעל הבית” האָט אים באַצאָלט זיין קאָ־מיסיאָן. ער איז געקומען אין לאַנד אַריין אָן פּרעטענזיעס, פון ערשטן טאָג אָן געוואָרן אַ טרעגער אין פּאָרט און ער מאַכט אַ לעבן. אַ שאָד וואָס עס קומען לעצטנס אַזוי ווייניק טוריסטן! אָבער — זיי וועלן ווי־דער אָנהויבן קומען. מען האָט געביטן די פּאָליטיק צו די טוריסטן און עולים. ער אָנערקענט אויך, אַז ב י ז ערשט ניט לאַנג, האָט מען טור־ריסטן און עולים שלעכט, זייער שלעכט באַהאַנדלט. איצט, איז אַן אַנ־דער קלימאַט אין לאַנד. מען האָט אָפּגעשטעלט די „אָפּענסיווע” אויפן „קאַפּיטאַל” און „קאַפּיטאַליזם” און מען האָט אַוועקגעשיקט אַ האַלב טוץ מיניסטאָרן קיין אַמעריקע זוכן קאַפּיטאַליסטן און קאַפּיטאַל. מעג־לעך, אַז טוריסטן וועלן ווידער אָנהויבן קומען און עס וועט ווידער ווערן פּרנסה....

ווען איך בין אַהיים געפאָרן מיט אַ „שירות” קיין תל אביב, האָב איך, אין געדאַנק, איבערגעחזר׳ט די רייד פון חיפה׳ער פּאָרט־אַרבעטער. אייגנטלעך — די רייד פון די גרעסטע טייל אידן אין ישראל מיט וועמען עס איז מיר אויסגעקומען צו רעדן — אַלע זאָגן דאָס זעלבע:

— מען האָט די ערשטע צייט — די בעסטע יאָרן פון דער גרינדונג פון דער אידישער מדינה — געמאַכט אַ גרויסן טעות אין דער באַציאונג צום טוריסט און עולה. אַ פאַטאַלן טעות. א י צ ט , כאַפּט מען אויף צוריק. נו. בעסטער שפּעטער איידער קיינמאָל. די אידן פון חוץ לארץ וועלן דאַרפן פאַרגעסן אָט די ערשטע טעותים און מען וועט ווידער באַ־קומען דעם ענטוזיאַזם צו פאָרען קיין ישראל ווי פריער.

קיין תל אביב, זיינען מיר שוין אָנגעקומען „ערב שבת”. עס האָט נאָך געפעלט דריי שעה צו נאַכט, אָבער די געשעפטן זיינען שוין געווען פאַרמאַכט. דאָ און דאָרט, האָט מען נאָך געזען לויפן אַ אידישע טאָכטער פון קלייט, דאָס האָט זי נאָך עפּעס איינגעקויפט לכבוד דעם הייליקן שבת קודש. אין לעצטן מאָמענט האָט זי, מן הסתם, באַקומען אַ מעלדונג, אַז מאָרגן וועט זי האָבן געסט — לויפט זי אין קלייטל זיך פאַרזאָגן מיט „עוגות”, מיט אַ קוילעטש און מיט נאָך אַ פּאָר קליינינקייטן וואָס מען קריגט אָן „כּרטיסים”.

איך קום צו צו מיין וואוינונג און איך טרעף אינדרויסן וואַרטן אויף מיר אַ „מענטשן". זיין אויסזען איז געווען פון איינעם וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון אַ טיורמע אָדער פון אַ וואַלד, וואו ער איז אַרומגעלאָפן צווישן חיות. ער שטעלט זיך מיר פאָר, פרעגט מיך, צו דאָס בין איך דער טוריסט פון אַרגענטינע? בעט מיך איך זאָל מיט אים צוגיין אַ פּאָר שפּאַן וואָס מיר האָבן ביז צום ראָג פון דער גאַס, וואו עס איז דאָ אַ קאַפע־הויז און דאָרט וועט ער מיט מיר רעדן אַ פּאָר ווערטער.

כאָטש איך בין מיד פון וועג — אָבער, מיט פאַרגעניגן גיי איך מיט אים. איך שטעל זיך פאָר אַז ער האָט מיר עפּעס צו דערציילן...

איך בעט פאַר מיר אַ „גזוז". מיין באַוואַקסענער „גאַסט" בעט מילך מיט קאַווע און ברויט מיט מאַרגערין. איך באַמערק אין אים אַז ער איז הונגעריק. איך לאָז אים ניט רעדן ביז ער טרינקט אויס און עסט אָפּ. איך באַשטעל פאַר אים נאָך אַ פּאָרציע און... נאָך אַ פּאָרציע. ער האָט אַלע דריי פּאָרציעס איינגעשלונגען:

ער הויבט אָן מיר דערציילן:

עס איז אים זייער שלעכט. ער איז שוין אין לאַנד פיר יאָר. האָט זיך ניט געקאָנט איינאָרדענען ווייל „האַקן שטיינער" האָט ער ניט געוואָלט און פיזיש ניט געקאָנט. קיין אַנדער פאַך האָט ער ניט גע־האַט. דאָ איז אים קראַנק געוואָרן זיין פרוי, האָט אים איבערגעלאָזט מיט צוויי פּיצלעך קינדערלעך פון 6 און 8 יאָר און ער האָט זיי ניט גע־האַט וואוהין אַריינגעבן. זיי האָבן געליטן הונגער. ביז עס האָט זיך דער־באַרעמט איבער אים עפּעס אַ פרעמדער איד וועלכער האָט צוגענעמען זיינע קינדער און זיי באַזאָרגט מיט עסן און מלבושים. ערשט שפּעטער איז ער געוואוירע געוואָרן אַז דער דאָזיקער איד האָט זיי אַריינגעגעבן אין אַ מיסיאָנערסקע שולע און דאָרט גיט מען זיי אַלץ...

— פאַרוואָס האָט ער זיי ניט אַרויסגענעמען פון דאָרט?

— וואוהין וועט ער זיי נעמען? אַז קיין פּרנסה האָט ער ניט און זיין וויי־געשריי ווערט ניט דערהערט. ער איז געווען אין אַ סך „מוס־דות" און פאַר אַזעלכע גרויסע קינדער איז דאָרט קיין פּלאַץ ניטאָ. איך האָב זיי ניט געהאַט וואוהין צו נעמען און איך האָב ניט געוואָלט אַז זיי זאָלן ליידן הונגער.

— פאַרוואָס האָט איר זיי ניט אַריינגעגעבן אין אַ בית־יתומים?

— איך האָב עס געפּרוּווט טאָן. איך האָב זיך אָנגעטראָפן אויף טויבע אויערן. מען האָט געשלעפּט און געצויגן וואָכן און חדשים. דער

תירוץ איז: — זיי זיינען ניט קיין יתומים! זיי האָבן אַ געזונטן, שטאַרקן פאָטער וואָס קאָן פאַר זיי זאָרגן! אַיי, דער פאָטער האָט אַליין ניט וואָס צו עסן — דאָס האָט מען ניט געוואָלט וויסן!

— וואָס איז איצט אייער אַרבעט? פון וואָס לעבט איר?

— פון... ש מ ד! איך האָב זיך שוין... פערצן מאָל געשמד׳ט. זעקס מאָל אין ירושלים, פיר מאָל אין נצרת און פיר מאָל אין חיפה און אין תל אביב. דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז שוין די לעצטע שפּיל מיט מיר. די מיסיאָנען האָבן שוין מיין בילד און איך וועל זיי מער ניט קאָנען אָפּנאַרן. ביי יעדער מאָל וואָס איך האָב זיך „געשמד׳ט” האָב איך באַקומען עטלעכע פונט, אַ פּאָר העמדער, אַמאָל אַן אַנצוג אויך, און איך האָב דערמיט זיך איבערגעמוטשעט ביזן... צווייטן שמד. אָבער, וויי־טער וועל איך שוין ניט קאָנען זיי אָפּנאַרן. מען האָט מיר שוין גע־שטעלט אַן אולטימאַטום, דאָס אויב איך וויל געלט — דאַרף איך „פאָרן אויף אַרבעט אין די מעברות”. איך דאַרף ברענגען, לכל לפּחות, צוויי אידן אַ מאָנאַט וועלכע זיינען גרייט זיך שמד׳ן און פאַרלאָזן ארץ יש־ראל! נו! אויף אַ ז ו י וויט און אַ ז ו י נידעריק, בין איך נאָך ניט געפאַלן!

— וואָס זשע ווילט איר פון מיר? און ווער האָט אייך געשיקט צו מיר?

— איך וויל אַז איר זאָלט מיר העלפן אַריינגעבן די קינדער אין אַ אידישן אַנשטאַלט. ווען איך וועל האָבן די קינדער פאַרזאָרגט — וועל איך קאָנען שטאַרבן רואיקער. איך האָב שוין מיינס אָפּגעלעבט און דאַרף שוין מער ניט. ווער עס האָט מיך געשיקט צו אייך? — דאָס בלייבט מיין סוד וועלכן איך וועל מיטנעמען אין קבר אריין.

— וואָס זשע, איר קלייבט זיך שטאַרבן? דוכט זיך אַז אייער פּנים ווייזט ניט אַז איר האַלט ביים שטאַרבן!

— יאָ. איך קלויב זיך שטאַרבן. איך שטעל זיך פאָר, ווי עטלעכע רעליגיעס וועלן זיך שלאָגן נאָך מיין טויט!... יעדערער וועט דערווייזן אַז דער מת איז זיינער! דאָס אייגנטלעך, וועט זיין מיין גרעסטע נקמה אין אָט די נאַרישע גוים וועלכע האָבן מיך געהאַלטן אין איין „שמדן”...

זאָגט איר מיר צו, מיר העלפן אַרויסנעמען מיינע קינדער פון זייע־רע הענט?

— איך האָב אים צוגעזאָגט און געהאַלטן וואָרט. אין פיר טעג אַרום זיינען זיינע קינדער שוין ניט געווען אין „מיסיאָן”. ער — האָט „ניט גע־

מדינת ישראל אינעם פינפטן יאָר פון עקזיסטענץ



(פון רעכטס צו לינקס) א): די פּאָליציי־סטאַנציע אין זכרון יעקב. ב): זכרון
־עקב. ג): די טיורמע אין עכו וואָס איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּי־
־אַל. ד): אַ ווינקעלע אין חיפה'ער טעכניקום. ה): דער אינערלעכער אויסזען פון
־ער אַלטער שיל אין מאה שערים (ירושלים). ו): אַ גאַס אין רמלה. ז): אין קינדער־
־לינִיק. ח): ישראל־קינדער מאַכן איבונגען. ט): אַ ישראל־בריוו־טרעגער וועמען עס
־עלט ניט קיין קאָפּ־דרייעניש צו געפינען אַ נומער.

פון די אינטערעסאַנטסטע ווינקעלעך אין מדינת ישראל



1): אַ גרופּע קינדערלעך אין „שדרות רוטשילד״ שפּילנדיק זיך מיט זייער היטערן. 2): פון דער „טעראַסע״ פון א ו נ ז ע ר ירושלים, זעט מען אַרויס די אַלטע שטאָט פון ירושלים, מיט זייערע איינוואוינער און אויטאָס. 3): דער הכנסת אורחים פאַר סטודענטן אין ירושלים. 4):ביי אַ „ביקורים״-יום־טוב אין דער „בלפור־שול״ פון תל אביב. 5): ביים „שעלטער״ פון מפלסים. 6): הייזער וואָס דער דזשוינט האָט אויסגעבויט פאַר די אייגענע באַאמטע. 7): אַ גרופּע קינדער אין אַ גאָרטן וואָס ווערן „אָפּגעהיט״ פון ספּעציעלע „קינדער־היטערנס״. 8): אַלגעמיינער אויסזען פון דעם באַרימטן קיבוץ „יד מרדכי״. 9): דער מאָנומענט פאַרן העלד פון וואַרשעווער געטאָ מרדכי אַנילעוויטש. דער אויסזען פון דער צעשאָסענער וואַסער־טאַנק. 10): אַ נייער מושב פון רומענישע עולים: 11): אויף דער שיף. מען גרייט זיך „צו שפּרינגען אין וואַסער״ אין פאַר פון אַ שריפה. 12): קיבוץ ג ע ש. די „קינדער־היים״. 13): דער באַרימטער האָטעל „פּאַלאַטין״ פון ירושלים. אין פראָנט: — צוויי אַרגענטינער קינדער שילערנס פון אוניווערזיטעט.

האַלטן קיין וואָרט". ער איז נישט געשטאָרבן, זיך נישט דערהרג'ט, און ערב מיין אַוועקפאָרן פון ישׂראל איז ער זיך געקומען מיט מיר געזעגע־נען און מיר דאַנקען פאַר מיין הילף און זאָרג פאַר זיינע קינדער. ער האָט מיר געשוואוירן ביים... אידישן גאָט, אַז ער איז געוואָרן אַן אמת'ער, כשר'ער איד און ער אַרבעט אין אַ חסידישן קיבוץ. איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו טאָן צו איך זאָל מעלדן דעם קיבוץ וועגן זיין פאַרגאַנ־גענהייט אָדער איך זאָל אים לאָזן צורו, אפשר וועט ער טאַקע ווערן אַ איד. איך האָב דעם ענין איבערגעלאָזט אין די הענט פון מיין פריינט ש. ע ר נ ס ט וועלכער וועט אַכטונג געבן אויף זיין אויפירונג.

מיט איין זאַך האָט ער געוואונען מיין צוטרוי: — איך האָב אים פאַרגעלייגט געלט — ממש אַ גרעסערע סומע — און ער האָט נישט אַק־צעפטירט...

— — — — — — — — — — — — —

אויפדערנאַכט, בין איך געגאַנגען דאַוונען אין אַ חסידיש שטיבל אויף אחד העם-גאַס. מען האָט מיר רעקאָמענדירט, אַז דאָרט וועל איך זיך פילן ווי אין דער אַלטער היים. דעם אמת געזאָגט, האָב איך געהאַט אַ סך פאַרגעניגן פון דעם חסידישן קבלת שבת. איך האָב די אידן שטאַרק מקנא געווען אויף זייער זאָרגלאָזן לעבן, אויף זייער אומבאַגרע־נעצטער אמונה, און אויף זייער התלהבות און גלויבן. איך האָב דער־פילט, אַז א י ך און מיין לעבן איז... פוסט. זיי, אָבער, זיי ג ל ו י ב ן אין עפּעס אַזעלכעס וואָס איז העכער פון מענטשלעכן געדאַנק און זייער לעבן האָט עפּעס אַ זינען.

קיין „חסיד" בין איך פון דער שיל נישט אַרויס, אָבער, אַ בענק־שאַפט האָט מיר דאָס דאַוונען איבערגעלאָזט. זייער נוסח, זייערע פּשו־טע ווערטער, מיט דער היימישער עברי — נישט ווי איך האָב אין איין הערן רעדן — זייער דאַוונען אויף „ל ש ו ן ק ו ד ש" האָט מיר געוואַ־רעמט די נשמה.

ביינאַכט, ווען איך האָב נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן, טראַכטנדיק פון די איבערלעבעכצן פון טאָג, איז מיר אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ: — און אפשר האָט דער 14-מאָליקער משומד באַזוכט אָט אַזאַ מקום קדוש ווי אָט די חסידישע קלויז, און ער איז פון דעם חסידישן ברען אָנגע־שטעקט געוואָרן און דערפאַר איז ער געוואָרן אַ בעל-תשובה און זיך אויפגעהערט שמד'ן...

9־טער מאַי:

ווידער שבת קודש. די גאַס איז שטיל, אַלע הייזער איינגעהילט אין שבת־שלאָף. מען שטייט אויף שפּעטער. ניטאָ זיך וואָס צו איילן. בלויז איך שטיי היינט אויף פרי. איך האָב אַ צוויייענדיקע באַשטעלונג. איך דאַרף זיך טרעפן גאָר, גאָר, פרי, מיט אַ אידן וועלכן איך זע אַלע טאָג ביי מיין טיר ביי זיין „מלאכה״ — צענויפנעמען דאָס מיסט פון גאַס. איך האָב מיט אים אָפּגערעדט, אַז שבת אינדערפרי טרעפן מיר זיך ביי מיין טיר אין דרויסן און פון דאָרט גייען מיר אין... מקווה. דאָרט — אַזוי זאָגט ער מיר — וועלן מיר קאָנען רעדן מיט צייט.

ביים וואָגן וואָס נעמט צענויף דאָס מיסט אויף אונזער גאַס אַרבעטן עטלעכע מענטשן. איינער פון זיי האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט מערער ווי די אַנדערע. ער גייט שטענדיק מיט אַ יאַרמעלקעלע אויפן קאָפּ, האָט אַ שיינעם און איינגענעמענעם הדרת פנים, און, ווען ער שרייט צו די איבעריקע — פאַרשטייט זיך אויף עברית — איז עפּעס מיט אַ נגון, פונקט ווי ער זאָל שרייען צו זיינע תלמידים ווען ער חזר'ט איין מיט זיי די פרשה אָדער דעם תנא רבנן!

עס איז מיר לייכט אָנגעקומען פאַרבונדן מיט אים אַ שמועס. ער האָט זיך געלאָזט רעדן און אַפילו... געשמייכלט אַ פּאָר מאָל ווען איך האָב מיט אים גערעדט...

אַז אַ ישראל־איד זאָל שמייכלען — איז אַ נייעס. בטבע שמייכלט מען דאָ זייער ווייניק. מען איז צו ערנסט. מען האָט זייער וויכטיקע דאגות אויפן קאָפּ און עס ליגט ניט אינזינען צו שמייכלען. עס פלעגט מיך קאָסטן אַ סך מי אַז מיין חבר ערנסט און זיין גברת רבקה זאָל שמייכלען און לאַכן! און אַזוי זיינען די גרעסטע טייל ישראלים. מען האָט ליב צו הערן און צו דערציילן אַ וויץ אָבער, ווען איר דערציילט עפּעס — לאַכט מען זעלטן. די ערשטע צייט האָב איך עס אָנגענומען אַז די ישראל־אידן זיינען „טרוקענע״ מענטשן. שפּעטער, האָב איך געגעמען גלויבן, אַז דאָס נעמט זיך ביי זיי פון די לעצטע עטלעכע צענדלינג יאָר וואָס זיינען געווען גאָרניט קיין שמייכלענדיקע, און זיי האָבן זיך אָפּגעוואוינט צו לאַכן.

מיין מיסט־קלייבער האָב איך באַמערקט שמייכלען און לאַכן און דאָס איז געווען דער מאָטיוו וואָס איך האָב געזוכט זיין באַקאַנטשאַפט און פריינטשאַפט.

זיין איינלאַדונג צו גיין מיט אים אין מקווה האָב איך אויך אָנגענע־

א.

מען מיט פאַרגעניגן. נאָך אַלעמען איז שוין העכער פערציק יאָר ווי איך האָב קיין מקווה ניט געזען און ווי אַזוי קוקט מען טאַקע ניט אָן אַ מקווה אין תל אביב? איך האָב אַפילו געוואוסט אַז דאָס וועט געבן שטאָף אַ חברה לצים וואָס וועלן האָבן אַ מאָטיוו חוזק צו מאַכן פון מיר אַז איך האָב באַצאָלט זעכציק טויזנט פעזעס כדי צו גיין... אין אַ מקווה אין ארץ ישראל. איך פאַרגין זיי זייער חוזק — אויב אַזעלכע וועלן זיין. עס האָט ווערט געהאַט דאָס גיין אָנקוקן די מקווה אין תל אביב וועלכע איז די העכסטע מדרגה פון היגיענע...

דערציילט מיר דער מיסט-קלייבער זיין געשיכטע:

אין דעם גאַליציאַנער שטעטל וואו ער האָט געלעבט ביז דער צווייטער וועלט-מילחמה, איז ער געווען איינער פון די ערשטע און שענסטע בעלי הבתים פון דאָרט. ער איז געווען אַ סך יאָרן גבאי און „סטאַראָסטאַ״ פרעזעס פון קהילה און אַפילו דיין. ער קומט אַרויס פון אַ גרויסן יחוס און איז געווען בעל-הבתיש רייך. אין זיין יוגנט און אין זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען אַ ציוני און געווען דעלעגאַט צו ציוניסטישע קאָנגרעסן.

ווען דער אומגליק איז געשען און היטלער האָט איבערגעשפּאַנט די פּוילישע גרענעץ, איז ער געווען דער ערשטער צו אַנטלויפן. ער האָט מיטגענעמען די פאַמיליע, געקומען קיין רומעניע און פון דאָרט קיין פראַנקרייך און אין 1942 האָט ער זיך דערשלאָגן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע צו די ארץ־ישראל גרענעצן. געגלויבט האָט ער, אַז זיין טעטיקייט פון אַלע יאָרן אויפן ציוניסטישן געביט וועט אים איצט שטיין אין די נויטן. ער איז געווען זיכער אַז ווי נאָר ער וועט — אין די ציוניסטישע מוסדות — דערמאָנען זיין נאָמען, וועט מען עפענען פאַר אים טיר און טויער און מען וועט אים העלפן זיך איינאָרדענען.

האָט ער אַ טעות געהאַט. ערשטנס — איז ער דאָ געווען עלנט ווי אַ שטיין. אָן אַ קרוב, אָן אַ גואל און אָן אַ... פאַרטיי־ביכל. ער איז אַלע יאָרן געווען אַ אומפאַרטייאישער מענטש געאַרבעט פאַר ציון פאַר ארץ ישראל, ניט פאַר אַ פאַרטיי! נו, האָט ער איצט דערפילט דעם טעם וואָס עס הייסט ניט צו האָבן אַ פאַרטיי און ניט צו האָבן עמעצן וואָס זאָל זיך אינטערעסירן אין דיר...

וואָס זשע האָט ער געטאָן? חרטה האָבן וואָס ער איז געקומען קיין ארץ ישראל — האָט ער ניט חרטה געהאַט. אַנטלויפן פון ישראל — האָט ער אַפילו ניט געטראַכט. ער האָט אָנגעהויבן גיין זוכן אַרבעט, ניט געפונען אַזוי שנעל ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַט דער „פרנסה״

פון מיסט־קליובער (באַסורעראָ) און ער איז זייער און זייער צופרידן. ער לעבט פון זיין געהאַלט און פון זיין אַרבעט וואָס הויבט זיך אָן זעקס פאַרטאָג און ענדיגט זיך צוועלף פאַר מיטיק. שפּעטער כאַפּט ער אַ דרימל אויף אַ פּאָר שעה און ביינטאָג און פאַרנאַכט פאַרדינט ער אַ שיין „זייט־געלטל". ער לערנט מיט אידן אין אַ קלויז אַ פּרק משניות און פאַרדינט עטלעכע פונט אַ מאָנאַט. גרייט צו בחורים'לעך צו בר מצווה און פאַרדינט אויך און — ברוך השם. איך האָב אַלץ און עס פעלט גאָרניט! הלוואי גיט מיר נאָר דער אויבערשטער גענוג כוח אויפצוהויבן דעם קאַסטן מיסט און אים אַריינוואַרפן אין לאַסט־וואָגן וואָס פירט דאָס מיסט פון שטאָט.

— צו געפינט איר עפּעס אַ מאָל אַ ווערטפולע זאַך אין מיסט?

— זייער און זייער זעלטן, אַ ארץ ישראל בעל הבית וואַרפט ניט אַרויס קיין זאַך וואָס קאָן נאָך עמעצן נוצן!...

— — — — — — — — — — — — —

איך גיי מיט מיין נייעם פריינט אין זיין קלויז אַריין. עס איז אַביסל ווייטלעך, אָבער, עס מאַכט ניט אויס. מירן נאָך אָנקומען אין צייט. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין בית מדרש איז טאַקע נאָך געווען פרי. דער בעל שחרית האָט אָפּגעדאַוונט ביז נשמת און מען וואַרט אויפן עולם. אַזוי איז אויך געווען ביי אונז אין טעפּליק, ווען מען האָט געוואַרט אויף נחמן לאַדיזשענסקי אָדער זעליק גערשונאָוו ע"ה. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען, האָט דער שמש אונז באַלד צוגעטראָגן צוויי טליתים, און, לויטן כבוד וואָס מען האָט אָפּגעגעבן מיין באַגלייטער — האָט זיך עס גאָרניט געפּאַסט צו זיין „פּראָפעסיע". וואָס זשע? זאָלן זיי ניט וויסן אַז אָט דער מתפלל איז אַ פּשוטער מיסט־קלייבער? ערשט, ווען מיין „מיסט־קלייבער" האָט מיך צוגעפירט צו זיין „שטאָט" וועל־כע איז געווען אין „מזרח" און ווען איך האָב באַמערקט דעם כבוד וואָס מען גיט אים אָפּ — האָב איך פאַרשטאַנען און האָב באַנעמען וואָס אַזוינס ישראל איז! דאָרט, שעצט מען ניט דעם מענ־טשן לויט זיין „פאַך", לויט זיין פרנסה, נאָר נאָך זיין ווערט! נאָך זיין תורה און חכמה.

ביי קריאת התורה האָט מען מיך מכבד געווען מיט אַן „עליה" דער בעל קורא, איז טאַקע געווען דער „מיסט־קלייבער". זיין לייענען אין דער תורה — אויפן אַלטן שטייגער און מיט דער אַשכנזישער חברה — האָט געקוויקט די נשמה. דאָך, ווען ער האָט גערעדט מיט מענטשן

האָט ער גענוצט אַ ריינעם און שיינעם עברית גלייך ווי ער זאָל גע־בוירן ווערן מיט אָט דער שפּראַך. די „סבראַ׳ס" — רעדן זיכער ניט אזא שיינעם עברית ווי ער רעדט.

נאָכן דאַווענען, האָט ער מיך פאַרבעטן צו זיך אַ היים אויף „קידוש". זיין הויז איז ניט וויט פון דער שיל און ווען מיר זיינען געקומען אַהין, האָט אונז אויפגענעמען זיין פרוי מיט אַ שיינעם „שבת שלום" און אַ האַר־ציק שמייכעלע אויף די — ניט געשמירטע און ניט געפּודערטע — ליפּן. זיין וואוינונג באַשטייט פון „אנדערהאַלבן" צימערן (ס׳הייסט: — אַ צימער און אַ קליין צימערל) און דער שבת האָט זיך דאָרט געפילט אין יעדער ווינקעלע. דאָס שיינקייט און דאָס ריינקייט פון צימער, די פאַר־דעקטע חלה אויפן טיש. די לייכטער אין וועלכע נעכטן זיינען ליכט געווען און אויף וועלכע זי האָט געבענטשט דעם שבת, דאָס אַלץ האָט מיך — אין איין סעקונדע — אַוועקגעפירט וויט וויט, און מיט אַ סך יאָרן צוריק און מיך אַריינגעבראַכט אין אונזער אַלטער היים, ביי אונ־זער טאַטנס טיש... איך האָב, ניט ווילנדיק אַראָפּגענעמען די ברילן און זיי אויסגעווישט פון די טרערן.

אין איין רגע, האָב איך אויך פאַרגלייכט, דעם מיסט-קלייבער ביי די אומות העולם און זייער פרייעם טאָג ווען זיי אַרבעטן ניט, ליגן אי־בער אין שענק און... צעשלאָגן זיך ביי די קאָרטן, און דעם אידישן מיסט-קלייבער, פון תל אביב, וואָס איז גבאי אין קלויז, וואָס איז בעל קורא, און ווי אַזוי ער פאַרברענגט דעם טאָג פון זיין רו: אין האַרצן האָב איך גערעדט צו זיך:

לעבן זאָלסטו ישראל! לעבן זאָלסטו מיט אַלע דיינע מעלות און מיט אַלע דיינע חסרונות! אינ׳ם זכות פון אַזעלכע מיסט-קלייבער — זאָלסטו לעבן!

— — — — — — — — — — — — —

איך פאַרבינדט מיט מיין „מיסט-קלייבער" עטלעכע טעמעס מיט אַ מאָל. ער האָט מיך, למשל, געבעטן, אַז איך זאָל אין אַרגענטינע — אויב איך וועל שרייבן וועגן אים — ניט אָנרופן זיין נאָמען. ווי זשע קומט עס וואָס ער שעמט זיך דאָך מיט זיין פּראָפעסיע? אָט, רופט מען אים דאָך ביים נאָמען אין קלויז און די אידן וואָס זענען צוגעקומען צו אונז אָפּגעבן אַ „שבת שלום" רופן אים ביי זיין פאַמיליע-נאָמען?

ער דערציילט מיר: — ער האָט אין אורוגוואַי און אין אַרגענטינע קרובים. ער איז זיכער אַז פאַר זיי וואָלט געווען אַ גרויסע בושה ווען

מען ווערט געוואוירע, אַז זייערם אַ פריינט איז אַ מיסט-קלייבער. אָט, ווען זיי ווערן געוואוירע, אַז ער האַנדלט אויפן „שווארצן מארק" אָדער, איז גלאַט אַ שווינדלער — וואָלט זיי, אפשר, ניט געאַרט. נו, וויל ער זיי ניט פאַרשאַפן קיין בושה. אַגב. זיינע פריינט אין אַרגענטינע זיינען גאַר, גאַר, אָנגעזעענע כלל טוער און נעבעך... גרויסע גראָבע נפשות וואָס קאָן זיך קוים איבערצלמען!... אָבער, משדך זיין זיך מיט אים, דעם מיסט-קלייבער — וואָלטן זיי זיכער ניט געוואָלט!...

אַ צווייטע פראַגע שטעל איך אים — כאַטש, איך האָב שוין די טעמע עטלעכע מאָל באַרירט מיט אַנדערע מענטשן — איך וויל ביי אים וויסן: פאַרוואָס ישראל-אידן, מאַכן אַזאַ רעש, אַזאַ טומל, ארום דעם ענין פון... חזיר. וואָס זשע? האַלטן דען די ישראל-אידן פון אַלע מצוות אַ חוץ פון אַכילת חזיר? ווייסן מיר דאָך דעם אמת, אַז אין ישראל זיינען פאַראַן גאַר, גאַר, אַ קליינע צאָל אידן וואָס זיינען פרום לשם פרום. פאַרוואָס זשע פאַרשווייגט מען זיי יענע עבירות און בלויז דאָס האָדעווען חזירים ווערט אַזוי שאַרף באַקעמפט?

מיין מכניס אורח ווערט ערנסט. עס געדויערט אַ מינוט טראַכטן און ענטפערט מיר:

— דער נאָמען חזיר, חזירים, איז פאַר אונז, אידן, גאַר עפּעס אַנדערש. עס דערמאַנט אונז אין יענע יאָרן ווען וואנקאַ און פעדקאַ האָבן אונז, אידישע קינדערלעך, געפּאַקט אין גאַס אָדער אין שול, אין אונז צעלייגט און געריבן דאָס מויל, די ליפּן, מיט חזיר! עס דערמאַנט אונז אין פּאָגראָמען, אין רדיפות, אין גזירות קשות, אַלץ דערפאַר ווייל מען האָט געוואוסט אַז חזיר איז ביי אונז ערגער פון טריף. ניט איין איד איז געריסן און געביסן געוואָרן פון פריצם הינט בלויז דערפאַר ווייל דער אומגליקלעכער איד האָט ניט געוואָלט פאַלגן דעם פריץ און עסן אַ שטיקל חזיר. אַלעס האָט דער איד געגעסן ביים פריץ — על פי נויט! צו אַלעס האָט ער זיך צוגעגרירט! נאָר ניט צו חזיר! חזיר, איז ביי יעדן אידן געווען... פע! מיאוס! עקלדיק! טומאה! רשעות! אויף אַ אידן וואָס גיט ניט קיין נדבה, אויף אַ שלעכטן אידן — האָט מען שטענדיק געזאָגט אַז ער איז אַ חזיר!

אַז אידן זאָלן — אין חוץ לארץ — עסן חזיר — איז קיין נייעס ניט! פאַראַן — צום באַדויערן — אַ סך אידן וואָס עסן חזיר! אָבער אַז אידן זאָלן האָדעווען חזירים — דאָס איז שוין נידערטרעכטיק! איך גלויב אַז אין חוץ לארץ זיינען דאָ ווייניק אידן וואָס האָדעווען חזירים!

זאָלן דערום נעמען אידן פון ארץ ישראל, פון מדינת ישראל, פון דער אידישער מלוכה און האָדעווען חזירים, בשאר בכן, חזירים געבן אַ גוט פאַרדינסט, אָדער דערפאַר וואָס חזירים-פלייש איז ניט ראַציאָנירט — דאָס איז אַ אומדערהערטע נידערטרעכטיקייט! חוץ דעם קאָן עס דינען פאַר אַ ביישפּיל פאַר די אידן פון דער גאָרער וועלט. זיי וועלן זאָגן: — אויב אין ישראל אין הייליקן לאַנד, מעג מען האָדעווען חזירים — מעגן זיי — אין גוואַטעמאַלאַ, אין אַרגענטינע, אין טשילע און אין אורוגוואַי, מעגן זיי אַוודאי האָדעווען. מיט דער צייט וועט דאָס אידישע פאָלק ווערן אַ... חזיר-פאָלק, און אַלץ דערפאַר ווייל ביי אַ „דבר אחר" קאָן מען פאַרדינען מערער! אַזוי פאַרשטייען „אייערע" פרייע און סאָציאַליסטישע קיבוצים! אַזוי באַנעמען זיי דעם „אחדות ישראל"!

דעם אמת געזאָגט — איך האָב אים ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב ביי זיך באַשטימט: — אָט דער איד, וואָס האָט זיך ניט געשעמט צו נעמען צו אַזאַ אומריינע אַרבעט ווי צעניופנעמען פרעמד מיסט איבער די גאַסן — איז זיכער אַנשטענדיקער, קלוגער און מער איד, ווי יענער פאַרטיי-פירער וואָס דערלויבט אַז די קיבוצים פון זיין פאַרטיי זאָלן האָדעווען חזירים ווייל זיי ברענגען אַריין אַ באַדייטענדן איינקונפט פאַר קיבוץ. אַ קיבוץ מיט חזירים — האָב איך אַ טראַכט געטאָן — איז אַ... חזירישער קיבוץ.

— — — — — — — — — — — —

אויף „שלוש סעודות" בין איך פאַרבעטן אין הויז פון אַ הויכן באַאַמטן פון יוסטיץ-מיניסטעריום, אדון ז-ן. דאָרט טרעף איך שוין אַ גאַנצע גרופּע געסט, איינגעלאַדענע פון פריינט ז-ן און איך ווער געוואוירע, אַז דאָס איז ניט קיין צופעליקייט. דאָס האָבן אַ גרופּע פריינט צווישן זיך אָפּגעמאַכט אַז יעדן שבת פאַרנאַכט קומט מען זיך צענויף, ראָטאַציע, ביי יעדן איינעם פון זיי און מען פאַרברענגט אַ פּאָר איינגענעמע שעהן אין... אינטערעסאַנטע שמועסן וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען פון ישראל-לעבן. שטילערהייט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן:

— ביי אונז, אין אונזערע מקומות, קומט מען זיך אויך אַזוי צענויף און... מען שפּילט אין פּאָקער אַ פינף-זעקס שעה און מען פטר'ט דאָס געזונט, די צייט און דאָס געלט.

די טעמע פון היינטיקן שמועס, איז ביי די ביייועזנדע געווען וועגן „טויט-שטראָף פאַר פאַרברעכער". מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן די

לעצטע פאַרברעכנס אין ישראל און פון זיך, און אפשר צוגעגרייטער־הייט איז שוין דער געשפּרעך וועגן טויט־שטראָף אַליין אַרויפגע־קומען.

אונזער מכנים־ אורח, אַליין אַן אַדוואָקאַט פון אַ סך יאָרן, אַ גאַר, גאַר, וויכטיקער טוער אין יוסטיץ־מיניסטעריום האָט געגעבן דעם טאָן פאַר דער דיסקוסיע. ער האָט אָנגעוויזן אַז די מאָרדן און פאַרברעכנס וואָס קומען פאָר לעצטנס אין ישראל איז צו פאַרדאַנקען וואָס די מער־דער און רויבער וויסן פון פריער אַז זיי וועלן ניט באַקומען קיין הארבע שטראָף. וואָלטן זיי געוואוסט אַז עס וואַרט אויף זיי אַן „עלעקטרישער שטול" אָדער אַ תליה, וואָלט עס זיי אָפּגעהאַלטן, זיי וואָלטן אַ ציטער געטאָן פאַרן טאָמער וועט מען זיי אויף אַזאַ תליה אַרויפ־זעצן. ער האַלט אַז מען טאָר גיט אָפּשאַפן דעם געזעץ פון טויט־שטראָף וואָס עקזיסטירט אין לאַנד און מען דאַרף אים אָנהויבן אָנווענדן אין דער פּראַקטיק.

פון אַ חבר וואָס זיצט ביי מיין זייט וועד איך געוואויר:

„טויט־שטראָף" — עקזיסטירט יאָ אין דער „ישראל־געזעצגעבונג". די ענגלענדער וועלכע האָבן געירשנט די געזעצגעבונג פון טערקישן סול־טאַן — האָבן אָט דעם שווערן געזעץ ניט אָפּגעמעקט און אים אָנגעווענ־דעט אין דער פּראַקטיק ביי דוב גרונער ע"ה און אַנדערע. די אידישע מאַכט, האָט איבערגענעמען אָט די ירושה און האָט אויך ניט אָפּגע־שאַפט טויט־שטראָף. דער איינציקער חילוק איז בלויז, וואָס מען האָט אים — דעם געזעץ — ביז היינט ניט באַנוצט און אַ סברא אַז די רעגי־רונג וויל אים ניט באַנוצן און האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געווענדעט צו דער כנסת אַז מען זאָל אָפּשאַפן טויט־שטראָף. די מיטגלידער פון כנסת זיינען צעטיילט מיט דער מיינונג. אַזוי ווי בּאַ דער פראַגע מעגן זיי האַנדלען לויט אייגענעם ווילן און לויט אייגענעם שכל און ניט לויט דעם ווי די פּאַרטיי הייסט, לכן, האָט יעדער איינער פון דער חברי הכנסת (דעפּוטאַטן) אַן אַנדער מיינונג וועגן טויט־שטראָף. ליגט אַז דער געזעץ אויפן טיש פון כנסת, מען באַהאַנדלט אים און מען ענדיקט אים ניט.

דאָס ערשטע וואָרט אין דער דיסקוסיע באַקומט אַ בייוועזנדער לע־רער — אַ דירעקטאָר פון אַ שולע אין תל אביב. ער גייט אָנגעטאָן מיט אַ יאַרמעלקעלע — אַ סימן — ער געהער צו איינער פון די רעליגיעזע פראַקציעס פון ישראל.

זיין מיינונג איז: — טויט! אויך די תורה הייסט טויטן! האָט דער מענטש געזינדיגט אַזוי אַז אים קומט טויט-שטראָף — דאַרף ער ליידן די קאָנסעקווענצן. פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף זיך גוט באַווארענען אַז דער באַשולדיקטער איז טאַקע חייב מיתה. נאָר — אויב עס איז קיין ספק ניט — איז טויט!

איינער אַ בייוועזנדער פרעגט אים: — און ווי אַזוי וואָלט איר געהאַנדלט ווען די ראָזענבערגס זיינען ניט אין אַמעריקע נאָר אין ישראל?

ער ענטפערט רואיק: — אויב עס איז דאָ אַ ספק אין זייער אַבסאָלוטער שולד — וואָלט איך ניט געהייסן זיי טויטן! איך האַלט, אָבער, אַז עס איז ניטאָ קיין שום ספק אין זייער שולד!

אַ צווייטער גאַסט, איז אַן אָנגעזעענער פירער ביי דער „מפ״ם״. ער איז אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אין ישראל און אויסער ישראל. ער איז אַ גוטער רעדנער, שרייבער און... ציוני. זיין מיינונג איז: —

מען דאַרף אָפּשאַפן טויט-שטראָף. אַפילו ווען מען ווייסט פּאָזיטיוו, אַלע הונדערט פּראָצענט פּאָזיטיוו, אַז דער וואָס זיצט אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק איז שולדיק, אַפילו ווען מען פּאַקט אים ביי דער האַנט מיט זיין פאַרברעכן — דאַרף דער שטאַט זיין העכער פון אים, זיך שטעלן העכער פון אַלץ און אים ניט טויטן.

איינער גיט אַ פרעג: — נו, אין מילחמה-צייט? ווען דער שונא וויל אונז אומברענגען און מען פּאַקט אַ שפּיאָן, אַ אידישן שפּיאָן מיט אַ פּעקל סודות׳דיקע דאָקומענטן וואָס ער וויל איבערגעבן דעם שונא און דערמיט ברענגען צו אונז פאַרניכטונג?

דער מפ״ם-ניק ענטפערט רואיק: — אויך דאַן וואָלט איך געשטימט קעגן טויט-שטראָף. עס דאַרף ניט זיין אַזאַ וואָרט אין אונזער געזעץ-בוך און אין אונזער לעבן. ווען איך בין אַ רעליגיעזער מענטש וואָלט איך געזאָגט: — קיינער, אַ חוץ גאָט האָט ניט קיין רעכט צונעמען ביי אַ מענטשן זיין לעבן!

אַלע צעלאַכן זיך. דער רעליגיעזער וואָס זיצט דאָ, ברענגט גאָט און די תורה פאַר אַ בייטפּיל אַז מען דאַרף יאָ אָנווענדן טויט-שטראָף, און דער פריידענקער, דער אָפּענער „ביעזבאָזשניק״, נעמט אויך גאָט פאַר הילף — אָבער אין דער פאַרקערטער ריכטונג, אַז מען דאַרף ניט טויטן!

מען גיט דאָס וואָרט איינעם פון די בייוועזנדע. מיין שכן רוימט מיר איין אַ סוד אין אויער, אַז ער איז אַ פירער פון... מפא״י. ער איז פלאַם-פייער פאַר טויט-שטראָף. ער לאַכט זיך אויס פון יענע סענטי־מענטאַלע מענטשן וואָס קאָנען ניט ליידן ווען זיי זעען צוויי מענטשן צעבלוטיקן זיך, קאָנען ניט זען קיין בלוט, קאָנען אַפילו ניט קוקן ווי־מען שעכט אַ אָקס אָדער אַן עוף און דאָך, ווען זיי פּאַקן אַ שטיקל פלייש ווילן זיי ניט אַז עס זאָל זיין שטאַרק אויסגעבראָטן, ווייל מיטן בלוט איז געשמאַקער. די דאָזיקע מענטשן פאַרגעסן, אַז די געזעלשאַפט האָט אַ רעכט זיך צו באַשיצן קעגן פאַרברעכער. עס איז אַ בזיון פאַר ישראל וואָס מיר האָבן, לעצטנס אַזאַ גרויסן פּראָצענט פאַרברעכער, מערדער און רויבער. לויט דער פּראָפאָרץ, האָבן מיר שוין ברוך השם, צוויי מאָל אַזוי פיל מאָרדן ווי אין אַנדערע לענדער — אויך מיט אַזאַ ציווילי־זאַציע — און אפשר אַ גרעסערער — ווי אונזערע. בלויז טויט-שטראָף קאָן העלפן פאַרמינערן די פאַרברעכנס. עס מוז איינמאָל איבער אַלעמאָל קלאָר ווערן פאַר דער וועלט און פאַר די... מערדער: — מיר זיינען אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט און מיר וועלן קעמפן קעגן פאַרברעכנס ווי אַלע פעלקער טוען עס.

מען גיט... מ י ר דאָס וואָרט. איך דערקלער דאָס ערשטע מיין מיינונג, אַז איך בין פאַר ט ו י ט-שטראָף, בלויז ווען עס האַנדלט זיך פאַר פאַראַט דער מדינה און בלויז ווען עס איז ניטאָ דער מינדסטער שעבע־מינדסטער ספק. וואָס איז שייך אַז טויט-שטראָף קאָן פאַרמינערן פאַר־ברעכנס? איז לויט מיין מיינונג נאָך, אַ טעות. אָט קום איך פון אַ לאַנד וואו טויט-שטראָף עקזיסטירט ניט און אפילו די קאַטאַרגע וואָס איז פריער געווען אויפן פייער-אינזל איז אויך אָפּגעשאַפט, דאָך איז ביי־אונז ניטאָ מ ע ר ע ר פאַרברעכנס און „האלד-האפּס״ ווי אין ניו־יאָרק וואו עס פונקציאָנירט די עלעקטרישע שטול אָדער אין לאָנדאָן וואו־די תליה שטייט גרייט צו באַשטראָפן פאַר פאַרברעכנס. מיין אָרעמע מיינונג איז: — טויט-שטראָף וועט ניט אָפּשרעקן דעם פאַרברעכער. האָט ער אין זיין בלוט אַ חיה׳שן אינסטינקט צו מאָרדן — וועט ער זיך ניט שרעקן פאַר געהרג׳עט צו ווערן, און די תליה וועט אים ניט אָפּ־האַלטן. האָט ער ניט קיין נייגונג צו מאָרדן — וועט ער עס במילא ניט טאָן! מען דאַרף שטענדיק מורא האָבן פאַר אַ יוסטיץ-טעות און בע־סער, אַז צען פאַרברעכער זאָלן זיצן זייערע אַלע יאָרן אין טורמע — איידער איינער, אַן אומשולדיקער, זאָל דערמאָרדעט ווערן ווייל דער

ריכטער האָט א טעות געהאַט אָדער בייזוויליקע עדות האָבן אים גע-וואָלט אָפּראַמען פון וועג.

מען גיט דאָס וואָרט דער... גבֿרת — דער בעלת הבית פון הויז. זי איז ניט די איינציקע פרוי אין הויז, פאַראַן נאָך צוויי פרויען — ביידע לערערינס פון א רעליגיעזער שולע פאַר מיידלעך. איינע פון זיי — די עלטערע, א שיינע פרוי מיט א גרויען קאָפּ מיט האָר — און דער-נאָך בין איך געוואוירע געוואָרן אַז זי איז גרוי געוואָרן אין יענער מי-נוט ווען מען האָט איר אָנגעזאָגט די „בשורה" אַז איר איינציקער זון איז געפאַלן אין שלאַכט ביי ירושלים — האַלט, אַז אויב מען וועט ניט אָנווענדן קיין טויט-שטראָף פאַר אַלע פאַרברעכנס — אפילו פאַר ג נ ב ה — שטייט ישראל פאַר א געפאַר פון ווערן א פריי פּלאַץ פאַר אַלערליי פאַר-ברעכערס און פאַרברעכנס. מיר זיינען ניט געוואוינט צו האָבן פאַר-שלאָסענע טויערן און טירן, מיר האָבן אָפּגעלעבט א רואיק לעבן אינעם זינען פון מורא האָבן פאַר גנבֿים און מערדער. מיר האָבן געקעמפט אויף די שלאַכט-פעלדער און זיינען ניט פעאיק צו האַלטן א רעוואָלווער אונטערן קישן, באַשר, בכן, עס קאָן זיך אַריינברעכן א רויבער אָדער מערדער און אונז ווען באַרויבן אָדער פאַרגוואַלדיקן אונזערע טעכטער. ניין! מען מוז אָנעמען שווערע, שטאַרקע געזעצן. מען מוז זיך פאַרטיי-דיקן קעגן א ערבֿ-רבֿ וואָס געפינט זיך אין אונזערע גרענעצן — אַנ-הויבנדיק פון אַראַבער און ענדיקנדיק ביי שלעכטע אידן וועלכע מען האָט געבראַכט אַהער מארבע פינות העולם. מיר מוזן זיך פאַרטיידיקן און דאָס קאָנען מיר דערגרייכן נאָר איינפירנדיק טויט-שטראָף פאַר פאַרברעכער. אָט, דאָס מיטל, וועט זיי אָפּהאַלטן!...

אינטערעסאַנט איז. דער גענעראַל-פּראָקוראָר פון ישראל, אָט דער. וואָס דאַרף שטענדיק פאָדערן די גרעסטע שטראָף פאַר רוצחים און קרי-מינאַלן, אָט ער — ח י י ם כ ה ן הייסט ער, ער איז קעגן אָנווענדן טויט-שטראָף אין ישראל. ער איז דערפאַר אַז מען זאָל דעם עקזיסטי-רענדן געזעץ אַז מען מעג פירן צו דער תליה א פאַרברעכער — אָפּשאַפן — מיטן אויסנאַם פון פאַראַט קעגן פאָטערלאַנד אין מילחמה-צייט. פאַר פאַראַטן די מולדת — איז ניטאָ קיין מחילה!...

ווען מען זאָל געווען יענעם פאַרנאַכט שטעלן צו „אָפּשטימונג" ביי אונזער מסיבה ווער עס איז דערפאַר אַז מען זאָל אין מדינת ישראל אָנ-ווענדן טויט-שטראָף, וואָלט די אָפּשפּיגלונג געווען: — ד ר י י פאַר טויט-שטראָף און א כ ט קעגן. פונקט ווי עס איז געווען ביי אונז ביי

אַ גלעזל טע — אַזוי איז אין גאַנץ ארץ ישראל: — אַ גרויסע קענגער־שאַפט אַנצונעמען אָדער אָנצוועזענדן אַט דעם גרויזאַמען געזעץ.

עס איז שוין געווען גוט שפּעט אין דער נאַכט ווען מיר האָבן פאַר־לאָזט דאָס הויז פון מיין נייעם פריינט — דעם באַאַמטן אין יוסטיץ־מי־ניסטעריום און מיר האָבן זיך געלאָזט שפּאַצירן איבער דער אַלענבי־גאַס. שבת צו נאַכטס, איז שווער צו שפּאַצירן איבער אַט דער שענסטער גאַס פון מיטעלן מזרח. טויזנטער, צענדליגער טויזנטער מענטשן, יונג און אַלט טרעפט מען דאָרט שבת אויפדערנאַכט. דער תל אביב׳ער איד, איז בטבע, ניט קיין גאַסן־שפּאַצירער. אַ גאַנצע וואָך איז ער; — אָדער אויף „אַ זיץ" אין זיין אַנשטאַלט, אָדער אויף אַ קולטור־אַקט, אויף אַ קאָנ־פערענץ אָדער פּאָליטישער באַראַטונג, אָדער, גאָר — ער זיצט אין דער היים. ווי די תל אביב׳ער אידן האָבן מיר אָנדערציילט, איז לעצטנס שטאַרק אַריין אין דער „מאָדע", זיצן אין דער היים, מיט דער פאַמיליע. אין בעסטן פאַל — גייט מען אין קינאָ. אַזוי פיל גייען אין קינאָ ווי־מען גייט אין ישראל — גייט מען ניט אויף דער גאַנצער וועלט. ממש אויף דער גאַנצער וועלט. פאַראַן אַפילו אַ סטאַטיסטיק אַז אַ, אַז די ישראלים זיינען די גרעסטע קינאָ־באַזוכער פון דער וועלט. דערפאַר, טאַ־קע, קאָן מען זיך קיינמאָל ניט צושלאָגן צו דער רייע ביי די פענסטער־לעך אין קינאָ. איך בין טאַקע איינמאָל אפילו אין קינאָ ניט געווען. עס האָט זיך ניט געגלוסט אַוועקשטעלן אין דעם לאַנגן „אָטשערעד" וועלכער הויבט זיך אָן מיט... דריי־פיר שעה פאַר דער פאָרשטעלונג.

רעדנדיק וועגן קינאָ, האָט מיר מיין פריינט, מיט פאַרביטערונג, דערציילט וועגן די לעצטע סקאַנדאַלן וואָס קומען פאַר מיט „קינאָ"־ביל־דער. מען האָט אָנגעהויבן אַריינשמוגלען פון אויסלאַנד „קינאָ־בילדער" פון אויסגעלאַסענעם כאַראַקטער און מען מאַכט אַזעלכע „מסיבות" אין הייזער וואו מען ווייזט אַט דאָס אויסגעלאַסנקייט אויפן לייוונט. דאָס איז אַ פאַרייזער „פּראָדוקציע" וועלכע האָט אין ישראל אַ געוויסן אָפּ־גאַנג און פאַר׳טמא׳ן דעם נאָמען מסיבה וואָס צענדליגער און הונדער־טער אידן פראָווען אין ישראל — אַט אַזעלכע ווי איך בין היינט ביי־געווען.

— און די רעגירונג שווייגט?

— ישראל איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד. ניטאָ קיין געזעץ וואָס זאָל דערלויבן אין אַ שבת זיך אַריינברעכן אין אַ הויז און רעווידירן וואָס מען טוט דאָרט!...

שפּעטער, האָב איך, וועגן דעם ענין, געלייענט אַ ציטונגס־קאָמענ־

טאַר און, לשם קוריאָז, געב איך אים איבער וואָרט אין וואָרט ווי ער איז געשריבן:

„פאָרנאָגראַפישע פילמען אין פּריוואַטע הייזער פאַר איינגעלאַדענע געסט.

אונטער דער מאַסקע פון „געזעלשאַפטלעכע אָוונטן" ווערן לעצטנס פאַרשפּרייט אין ישראל פאָרנאָגראַפישע פילמען, וועלכע זיינען נישט אַדורכגעגאַנגען קיין צענזור פון דער רעגירונג. די דאָזיקע פילם-פאַר-שטעלונגען קומען נישט פאָר אין די קינאָס.

די פאַרשטעלונגען קומען פאָר אין פּריוואַטע הייזער, ס'רוב אין תל אביב פאַר אַ באַגרענצטן און „באַגליובטן" קרייז מענטשן, וואָס פאַרפליכטן זיך קיינעם ניט צו דערציילן, וואָס זיי האָבן געזען. די פילם-פאַרשטעלונגען ווערן געמאַכט כלומרשט אין ראָם פון „געזעלשאַפט-לעכן אָדער פאַמיליאַרן אָוונט", וואָס הויבט זיך אָן ס'רוב מיט אַ קערטל, און ענדיקט זיך מיט אַ פילם-אַטראַקציע לכבוד די געסט.

אויף אַ ווייסן לייַלעך ווערט דעמאָנסטרירט דער פילם. דער פילם-אַפּעראַטאָר און זיין געהילף, פאַרקויפן אים אויסשליסלעך צום בעל-הבית, דעם גאַסט-געבער — אָבער ווען די פאַרווייַלונג ענדיקט זיך ווער-בירן זיי צווישן די געסט פרישע קליענטן...

דער פילם, וואָס ווערט פאַרגעשטעלט, האָט 16 מילימעטער און דויערט ניט לאַנג. די פּראָדוקציע איז אַ פראַנצויזישע, אָפטמאָל אַ דייטשע... דער אינהאַלט איז אַ פולשטענדיק פאָרנאָגראַפישער, אָן וועלכער ס'איז אַקציע. זייער ציל איז צורייצן די אינסטינקטן. אויפן לייַ-וונט ווערן געוויזן פראַגמענטן פון אויפבראויזנדיקן געשלעכטלעכן לעבן פון אַ טעמפּעראַמענטפול פּאָרל. אין דער הויפּט-ראָל דערשיינען שטענ-דיק נאַקעטע פרויען אָדער געקליידעטע אין דורכזיכטיקע מלבושים.

היות צווישן דעם פּובליקום געפינען זיך נישט ווייניק פרויען זעט מען, ווי דאָס שיינע געשלעכט רויטלט זיך בעת אַזעלכע פילמען, דער רוב צושויער שעמען זיך אָנצוקוקן און צו רעדן וועגן דעם פילם, ווען ס'ווערט ליכטיק אין צימער.

די, וואָס ברענגען און שטעלן פאָר די פילמען זיינען אומבאַקאַנטע מענטשן. וועגן זייער אַדרעס קען מען געוואויר ווערן נאָר דורך באַ-זונדערע „פאַרבינדונגען". זיי באַקומען אַ זייער געפעפערטן פּרייז פאַר יעדן פילם — צוליב דער גרויסער ריזיקע. זיי ווערן געברענגט אין לאַנ-אומלעגאַל, פאַרשטייט זיך.

די וואָס שטייען נאָענט צו די דאָזיקע טונקעלע געשעפטן האָבן ביי אַ גלעזל „משקה" אויסגעגעבן, אַז זיי ווערן אַריינגעשמוגלט אין לאַנד דורך פֿאַרשידענע וועגן. טיילמאָל אין פֿאָרם פֿון אַ פּושקע פֿון פֿו־טער אָדער אַ פּושקע פֿון „בשר כשר" און אַנדערע קאָנטראַבאַנד־אופנים. דאָס פֿאַרשפּרייטן און פֿאַרשטעלן די פֿילמען קומען פֿאַר זייער געהיים."

די געשיכטע מיט די פּאָרנאָגראַפֿישע בילדער אין ישראל, וואָס מיין פֿריינט דערציילט מיר — האָט מיר קיין נחת ניט פֿאַרשאַפֿט. ניט צוליב דעם — טראַכט איך — האָבן אונזערע קינדער פֿאַרגאָסן זייער כשר בלוט, כדי אַלטע אָדער יונגע בעלי־עבירה'ניקעס זאָלן זיך פֿרעגלען אין נחת פֿון שמוץ און טומאה. פֿון דער אַנדערער זייט — איז אפשר מיין באַגלייטער גערעכט. ער טענה'ט: —

ישראל איז אַ לאַנד ווי אַלע לענדער און עס דאַרף זיך דאָ געפֿונען אַלעס וואָס אין יעדער לאַנד געפֿינט זיך! אפֿילו פּאָרנאָגראַפֿישע קינאָ־בילדער אויך. אַגב: — וואָס זעען זיך אָן, אָט די „פּאָרנאָגראַפֿישע מסי־בות" קעגן די צענדליגער און הונדערטער שבת'דיקע און יום־טוב'דיקע מסיבות, פֿון געזעלשאַפֿטלעכע, קולטורעלע און פּאָליטישע טעמעס, ווי אָט די היינטיקע, וועלכע איך בין ביי געווען?

די, וואָס ווילן זיך פֿרעגלען אין פּאָרנאָגראַפֿיע — זאָל זיי וואויל באַקומען!

פֿאַרנעמענדיק זיך מיט אַ זייטיק געסל, איז אַ פֿאַרגעניגן... אַריינ־צוקוקן אין יענעמס פֿענצטער, אין די פֿענצטער פֿון די הייזער. כאָטש דער שבת — דער אַבסאָלוטער רו־טאָג (ניט בלויז דער שבת קודש) איז שוין אַוועק, דאָך, איז מען נאָך אָן זאָרג פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג. מען טראַכט ניט וועגן „פּאַגאַרעען" וואָס ווערן מאָרגן פֿעליג און וואָס מען דאַרף צאָלן. זייער ווייניק ישראל־אידן און אפֿילו תל אביב־אידן, האָבן אָט דעם „גלות־קאָפּווייטיק" אויף זיך. אַזוי רואיק לעבן און אַזאַ רואיק לעבן ווי די ישראל־אידן האָבן, איז ניטאָ אין קיין שום לאַנד פֿון דער וועלט. אַגב. אין די קיבוצים איז שוין דאָ מערער זאָרג. אָפֿט, אָפֿט — זייער אַ סך זאָרג. עס פֿעלן אויס אַ סך זאַכן וואָס מען דאַרף צו דער אַרבעט. עס קומט ניט אָן גענוג וואַסער, עס איז גע־פֿאַלן אַ בהמה און מען דאַרף אַנדערע און דער עיקר — דער קאַמף מיט די אַראַבישע גנבים — די אַריינדרינגער — וואָס קומען זייער אָפֿט. דאָרט, אין די קיבוצים, שלאָפֿט זיך שוין ניט אַזוי רואיק און דער שבת צו נאַכטס הויבט זיך אָן מיט זאָרג.

שפּאַצירנדיק איצט איבער תל אביב׳ער גאַסן און אָנזאָפּנדיק זיך מיט דער שטימונג און רואיקייט פון די אידן וואָס מיר זעען דורך די פענצטער, האָב איך זיך צערעדט מיט מיין באַגלייטער וועגן דעם און, ווי, להיפּוך עס איז אין די קיבוצים. מיין פריינט האַלט מיט מיר און ער ווייזט מיר אָן אויף אַ פּאַראַדאָקס — איינער פון די סך פּאַראַדאָקסן אין ישראל. נעמלעך: —

כאָטש דאָס לעבן אין שטאָט איז אַ סך לייכטער און אין די קיבוצים — איז אי שווערער אי געפערלעכער, דאָך, איז איצט דאָ אַ גרויסע שטרעמונג גיין אין דאָרף אַריין. די תל אביב׳ער אידן זיינען ניט באַגייסטערט פאַר אַ קיבוץ-לעבן, זיי זיינען פּראַקטישע מענטשן און ווילן פון זייער פּראַצע געניסן, אָן קאָנטראָל פון „מזכיר” אָדער מנהל. דערפאַר טרעפט איצט, אַז אַ גרופּע תל אביב׳ער תושבים נעמען זיך צענויף, און באַזעצן זיך אויפן פעלד, אין אַ דאָרף, און ווערן איכרים-פּויערים, אינדיווידועלע, כאָטש געוויסע זאַכן נוצן זיי שותפות-ווייז. זיי שאַפן אַ מין קאָאָפּעראַטיוו, אָבער יעדער איינער איז בעל הבית פאַר זיך. פאַראַן פון פריער, צענדליקער אַזעלכע דערפער — דערהויפּט חסידישע ,פרומע, אָדער אַנדערע פון רעכטן לאַגער און די עקספּעריענץ דערווייזט אַז זיי זיינען גליקלעכער ווי די באַרימטע סאָציאַליסטישע קיבוצים וועלכע האָבן זיך איצט ניט אַרויסגעוויזן אין גאַר אַ שיינער שיין....

די געשעענישן אין „יפתח”, אין עין חרוד, אין גבעת חיים, אין אַשדות יעקב און אַנדערע „צעטיילטע” קיבוצים, האָבן בכלל געשטעלט אויפן טאָג-אָרדענונג די פראַגע צו די קיבוצים האָבן געגעבן דעם דערוואַרטעטן רעזולטאַט און צו איז דאָ אַ האָפענונג אַז די קיבוצים וועלן פּראָגרעסירן אָדער מען וועט מוזן בייטן די גאַנצע אָרדענונג פון קיבוץ.

איצט, שפּאַצירנדיק איבער די תל אביב׳ער גאַסן, הער איך פון מיין באַגלייטער, גאָרניט קיין אָפּטימיסטישע מיינונג וועגן דער צו-קונפט פון די קיבוצים. אמת. ער — ווי טויזנטער אידן ווי ער, אנערקענען, אַז די קיבוצים זיינען, בשעתם, געווען דאָס אידעאַלסטע און דאָס הייליקסטע פון ישוב. זייער צושטייער פאַר דער אַנטוויקלונג פון ארץ ישראל-ישוב, איז ניט צו באַצאָלן און ניט אָפּצושאַצן. איצט איז די לאַגע אַן אַנדערע .איצט האָט דער אידעאַליזם אין די קיבוצים זיך אַביסעלע אויסגעוועפּט. אנשטאָט אידעאַל — איז געוואָרן מאַטעריאַליזם און וואָס נאָך ערגער — שמוציקע פּאָליטיק. און צו בעסערן — גייט עס

ניט. צו ערגערן — יאָ! אַ סך איינוואוינער פון תל אביב ווייסן עס און מעגלעך, אַז איינער פון די מאַטיוון פון גיין צוריק אין דאָרף אַריין — איז ניט ווייל אין דאָרף קריגט מען גיכער און ביליקער אַן איי אָדער אַ ביסל גרינוואַרג. גיכער איז דאָס, ווייל די תל אביב'ער גלויבן אַז מיט אַריינמישן „פריש בלוט" אין אינערן פון לאַנד, אין די דערפער און קי־בוצים, וועלן זיי האָבן אַן השפּעה אויף צו באַרואיקן און „אויסגלייכן" די צדדים.

ווער ווייסט צו עס איז שוין ניט צו שפּעט?...

10־טער מאַי:

איך האָב היינט ווידער געהאַט אַ „גלאַרייכן" טאָג. אַזעלכע טעג געדענקט מען אייביק. ניט יעדער איינער, מעג ער אַפילו פאַרמאָגן מי־ליאָנען, קאָן האָבן די זכיה צו געניסן פון אַזאַ טאָג.

אינדערפרי קומט צו מיר אַ חבר מיך נעמען אָנקוקן דאָס וואָס... מען טאָר ניט ווייזן אַבי וועמען. איך פאַר אָנקוקן געוויסע מיליטערישע אינסטאַלאַציעס, געוויסע מקומות וואו עס ווערט צוגעגרייט די פאַר־טיידיקונג פון לאַנד. מען האָט מיך גוט רעקאָמענדירט „אהין וואו מען דאָרף" און מען האָט דערלויבט אַז מען זאָל מיך נעמען און מיר ווייזן יענע פלעצער צו וועלכע ניט יעדער בשר ודם האָט אַ צוטריט. איך האָב געדאַרפט פריער געבן דאָס וואָרט אַז — דאָס וואָס מען וועט זאָגן לאַ — דאַרף מען ניט שרייבן און ניט רעדן. בכלל, אָבער, דאַרף איך קיינעם — אַפילו דער אייגענער פרוי — ניט דערציילן וואו איך בין געוועזן...

מיר פאָרן אין אַ מיליטערישן דזשיפּ. מיר זיינען עטלעכע זשור־נאַליסטן — אַלע פון אויסלאַנד. אונזער באַגלייטער רעדט עטלעכע שפּראַכן און כדי אַלע זאָלן פאַרשטיין — רעדט ער אין... אידיש. היינט, גיי לייקען אָפּ, אַז מיט אידיש קאָן מען ניט אויסקומען אויף דער גאַנ־צער וועלט...

ניין! איך וועל ניט דערציילן וואָס איך האָב געזען! ניט מען מעג דערציילן, ניט... מען וועט מיר גלויבן! ווייל, ווען מען דערציילט עס מיר — גלויב איך אויך ניט! ווי אַזוי אַזאַ קליין לענדעלע ווי ישׂ־ראל איז, ווי אַזוי זי האָט דאָס אַלץ געקאָנט דערגרייכן, אין אַזאַ קור־צער צייט? — איז ניט צו פאַרשטיין! בלויז מיט אַזאַ עקשנות, בלויז מיט דער גרויסער ליבע וואָס די ישראלים האָבן צו זייער קליין מדי־

אָט דאָס זיינען ישראל-אַנשטאַלטן און טוער!

1 און 2):די צוויי הייזער פון דער „אָזע” אין רמלה וואו עס ווערן אויסגעהאַלטן עטלעכע הונדערט קראַנקע קינדערלעך. 3 און 5): אַ טייל קינדערלעך מיט זייערע דערציערנס. 4): — דרא קאַראַליק און אַ טייל פון פערסאָנאַל. 6): אַ תמנ'ער סאָלדאַטל. 7): לערער הערשמאַן און אַ טייל יונגע לערערנס און תלמידות. 8): באַוואוסטער פעדאַגאָג הערשמאַן דירעקטאָר פון שולע „כפר שלום”, אינספעקטאָר קליינמאַן און לערער פון אויבנדערמאָנטער שולע. 9 און 10): קינדערלעך פון שולע „כפר שלום” (אין יפו) ביים ענדיקן שום-יום-טוב. 11): אַ קינדער-שפיטאָל פון „אָזע” אין באר יעקב. 12): אַ גרופע טוריסטן און עולים אויף דער טיף „קאָנטע גראַנדע”. 13): אַ מאָנומענט פאַר די געפאַלענע אין נגב ביי דער באַפרייאונגס-מילחמה. דער מאָנומענט שטייט אויפן וועג וואו עס הויבט זיך אָן דער נגב.

וואָס מען קאָן זען אין ישראל און הנאה האָבן



1, 2 און 5): — די שיינע שטאָט נ ת נ י ה אין „גן הנצחון" און הויפּט־גאַס. 3): טבריה, דער קבר פון רבי מאיר בעל הנס — אין דער זייט די ישיבה. 4): לוד — דער גרעסטער לופט־פּאָרט פון מיטעלען מזרח. 6): אַן אַלגע־מיינער אויסזען פון רמת־גן, איינע פון די שענסטע פאָרשטעטלעך פון תל אביב. 7): דער אַלגעמיינער אויסזען פון דער קריסטלעך־מוסולמ. שטאָט נ צ ר ת. 8): טבריה. דער אויסזען פון ים כנרת.

נה'לע, בלויז האָבנדיק אינזינען אַז מען איז אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל שונאים, און לסוף — בלויז געדענקענדיק אַז: — אים אין אני לי — מי לי, האָט געקענט ברענגען דערצו, אַז עס זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַזאַ שטאָלענער פּאַנצער וואָס איז מסוגל צו געבן די שונאים צו שמעקן פּול־ווער און ביי זיי אָפּשלאָגן דעם חשק פון אַ צווייטן „ראונד".

פריער, ווען אַ ישראל-סאָלדאַט אָדער אָפיציר פלעגט מיר זאָגן: — מ י ר האָבן פאַר די אַראַבער קיין מורא ניט, גיכער האָבן זיי מורא פאַר א ו נ ז — האָב איך אים ניט געגלויבט. א י צ ט, ווען איך האָב עס געזען מיט מיינע אייגענע אויגן — בין איך שוין געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג אַז עס איז אמת וואָס די ישראל-מענטשן זאָגן: —

וואָלטן די אַראַבער מיט דער „שטאַרקער" מצרים בראש, געווען איבערצייגט, אַז ווען זיי פאַלן אָן אויף אונז — א י צ ט ווען זיי האָבן שוין מאָדערנע וואפן און דייטשע גענעראַלן — געווינען זיי דעם קריג — וואָלטן זיי געפייפט אויף אַמעריקע מיט דער „און" צעזאַמען און וואָלטן שוין זיכער אָנגעפאַלן. זיי ווייסן אָבער, אַ דאַנק זייערע שפּיאָנען, אַז ישראל איז איצט ה ו נ ד ע ר ט מאָל מער שטאַרקער ווי ביי דער ערשטער קריג, זיי ווייסן, אַז ווען זיי וועלן אַרוים אין מילחמה וועט מען זיך שלאָגן אויף זייער ערד און פון עבר הירדן מיט סיריע און מיט לבנון, וועט קיין זכר ניט בלייבן — דאַנקען זיי זייער „אללא" אַלע טאָג, אַז ישראל זאָל ניט אָנפאַלן אויף זיי! דאָס ב י ס ע ל ע וואָס איך האָב היינט געזען — זאָגט עדות אַז די אַראַבער מעגן בעטן גאָט אַז ישראל זאָל זיי לאָזן צורו...

איי, די שיסערייען ביי די גרענעצן? —

דאָס טוען זיי „אומאָפיציעל", זיי ווייסן אַז צוליב דעם וועט ישראל ניט באָמבאַרדירן קאַירא אָדער רבת עמון!...

אָנבייסן — האָב איך שוין געגעסן מיט אַן אַנדער אַפּעטיט. ווען איך בין אַביסעלע יונגער — פאַרשרייב איך זיך פאַר אַ וואָלונטיר אין דער אַרמיי! יענעם אינדערפרי בין איך געווען אויפן זיבעטן הימל. וואו איך בין געגאַנגען און וואו איך בין געשטאַנען, האָב איך געזען פאַר מיינע אויגן אַ ז ו י נ ע מאַשינען וואָס וואַרפן אַרוים טויזנטער און צענער טויזנטער כלי-זין מיט וועלכע ישראל וועט זיך קאָנען פאַרטיידיקן קעגן די ווילדע שונאים און גאָר בקרוב, וועט זי — אַזעלכע כלי-זין — קאָנען פאַרקויפן צו אַנדערע, פרייהייט-ליבענדע פעלקער פון דער וועלט.

אַז דאָס אַלץ וואָס איך האָב געזען, איז מעגלעך געווען אויפצושטעלן

בלויז אַ דאַנק דער מיטהילף אוןביישטייערונג פון אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט — האָט מען מיר דערקלערט נאָך איידער איך האָב עפּעס געזען.

עס זאָגט מיר אַן אָפיצער: מיר זיינען ניט שולדיק וואָס אַלע אידן פון דער גאָרער וועלט העלפן אונז, מאַכן קאַמפּיינען און פאַרזאָרגן אונז מיט מיטלען, און מיר, אנשטאָט צו קויפן מאַשינען וואָס זאָלן ברענגען נוצן דער גאַנצער וועלט — די שכנס'דיקע אַראַבער אריינגערעכנט — קויפן מיר גאָר עקיפּן און שאַפן געווער. זאָל מען אונז לאָזן צורו, זאָל מען שליסן מיט אונז אַ שלום, וועלן מיר — מיט אונזערע מאַשינען — אויפלעבן אויך די אַראַבישע לענדער וואָס פוסטעווען. מיר וועלן שאַפן מעגלעכקייטן אַז „די איצטיקע פּליטים" און די אַמאָליקע רוצחים, וועלן קאָנען לעבן און עקזיסטירן אין די אַראַבישע לענדער.

ווילן זיי אָבער ניט פאַרשטיין! מוזן מיר זיך גרייטן און די גרעסטע טייל פון די געזאַמלטע געלטער מוזן מיר אויסגעבן אויף געווער. וואָס מער זיי פאַרציען דעם שלום — ערגער פאַר זיי!

— — — — — — — — — — — — —

תיכף נאָכן עסן פאָר איך קיין בני ברק. צו דעם דאָזיקן מקום, האָב איך אַ ספּעציעלע באַציאונג. ווי נאָר איך דערהער דאָס וואָרט „בני ברק", אַזוי, זע איך זיך שוין זיצן ביי מיין סדר-טיש, און דערציילן, פאַר מיינע קינדער און געסט, ווי אַזוי מען איז „דאָ" — מיט הונדערטער יאָרן צוריק — געזעסן און דערציילט די נסים פון מצרים, ביז עס איז שוין געוואָרן גוט ליכטיק און מען האָט געדאַרפט גיין דאַוונען „שחרית". איך האָב אפילו, אַלס קינד, געטראָגן אַמאָל אַ שנאה צו די מענטשן פון בני-ברק. געווען איז דאָס, ווען איך בין געגאַנגען צו נחום מלמד אין חדר, וועלכער איז געווען אַ איד אַ כעסן, און אַ גרויסער... שלעגער, האָב איך, געוואַגט, אים איינמאָל אַ פרעג טאָן: — וואָס האָבן עס אונזערע תנאים געדאַרפט זיצן ביי „בני ברק" אַ גאַנצע נאַכט און האַלטן אין איין דערציילן פון יציאת מצרים! וואָס זשע? — זיי האָבן דען ניט געדענקט פון פאַר אַ יאָרן און צוויי יאָרן און פאַר צען יאָרן? וואָס פאַר אַ נייעם האָבן זיי עס געהאַלטן און געדאַרפט דערציילן אַז מען האָט אַזש געדאַרפט זיצן ביז פאַרטאָג ביי די בני ברק?

אַלס ענטפער און דערקלערונג, האָט מיך דער רבי מכבד געווען מיט אַ טראַסק אין דער באַק אַריין!...

איצט, גיי איך אויך קיין בני ברק. פאַראַן דאָרט אויך גרויסע

תנאים און גאונים, צווישן זיי — דער „חזון-איש" (הרב קאַרליצער שליט"א) און פאַראַן דאָרט גרויסע אידישע לערער און מדריכים פון אונ־זער יוגנט ווי דער לערער הערשמאַן און זיין ברודער — דער שריי־בער. איך גיי אַהין, ווייל היינט וועט מען קריגן פאַר מיר די „שיחה" (אַודיענץ) מיטן „חזון-איש".

איך פאָר מיט עטלעכע שעה פריער, ווייל איך וויל האָבן אַ שמועס מיטן פּעדאַגאָג הערשמאַן, און מיט זיינע חברים-לערער, וועלכע איך וועל זיכער טרעפן, וועגן דער אָנגעווייטיקטער פראַגע וואָס דריקט אַזוי ישראל און וואָס קאָן אָנמאַכן גרויסע צרות אין ישראל — דאָס איז די פראַגע וועגן דעם:

„איינהייטלעכן דערציונגס-סיסטעם".

— — — — — — — — — — — — —

איך וועל שרייען אין אַלע גאַסן: — ישראל האָט קיין מורא ניט פאַרן אויסערלעכן שונא. ישראל וואָלט אויך ניט אונטערגעגאַנגען, ווען אין דער שפּיץ פון אַמעריקע, שטייט אַ רעגירונג וואָס איז ניט פריינט־לעך און אַפילו פיינטלעך צו ישראל און וויל איר ניט העלפן! איצט, ביי פינף יאָר עקזיסטענץ פון דער אידישע מלוכה, וואָלט שוין ישראל זיך טאַקע געמוטשעט, אָבער וואָלט שוין אויסגעהאַלטן יעדער גע־פאַר וואָס וואָלט געקומען פון אויסלאַנד. להיפוך, וועט ישראל ניט אויס־האַלטן די אינערלעכע רייסערייען. ישראל שטייט ממש פאַר אַ געפאַר — אויב עס וועלן פאַרגעזעצט ווערן די רייסערייען און אויב עס וועלן עקזיסטירן צענדליגער פּאַרטייען. די הויפּט-געפאַר איז לעצטנס — דער צעטיילטער שול-וועזן.

פונקט ווי עס איז אומעגלעך און אומלאָגיש אַז אַ לאַנד זאָל האָבן עטלעכע... אַרמייען! אַן אַרמיי פון רעליגיעזע, אַן אַרמיי פון מפ"מני־קעס, אַן אַרמיי פון מפא"יניקעס און אַזוי ווייטער, אַזוי איז ניט מעגלעך, אַז די דערציאונג זאָל זיין איינגעטיילט אין „זרמים" — שטראָמען! אַ מזרחי-שטראָם, אַ לינקער שטראָם, אַ רעכטער שטראָם, און נאָך אַ פּאָר שטראָמען. די דאָזיקע „שטראָמען", האָבן צעטיילט דעם „עם אחד" צו וועלכע מען שטרעבט און זיי קאָנען גורם זיין — די שעה זאָל ניט קומען — אַז עס זאָל אויך צעטיילט ווערן די „ארץ אחת"!..

אַזעלכע אויפריכטיקע לערער און מדריכים ווי הערשמאַן און אַנדע־רע פון זיין חבריה, און בכלל די גרעסטע טייל פירער פון ישראל, האַלטן אַז מען מוז מיט אַ שטאַרקער האַנט, מאַכן אַ סוף צו אָט דעם קאַנסער,

וואָס פרעסט דעם ישראל־קערפּער און וויל, און איז בכוח, אים אויפ־צופרעסן.

די רעגירונג פון ישראל האָט נאָך מורא אַ קלאַפּ צו טאָן מיטן קו־לאַק אין טיש אַריין און אַ געשריי טאָן: — שקאָצים! אין חדר אַריין! יעדער איינער דאַרף לערנען וואָס דאָס לאַנד דאַרף. האָט די רעגירונג געמאַכט אַן הנחה. זי פאָדערט פ אַ ר זיך בלויז 75 פּראָצענט, און די איבעריקע 25 פּראָצענט וועלן קאָנטראָלירט ווערן פון די „שטראָמען" פאַרשטייער. אָבער, אויך די דאָזיקע 25 פּראָצענט זיינען געפערלעך און — יעדער אויפריכטיקער ישראל־איד — האָפט, אַז עס וועט קומען אַ סוף צו אַט די „שטראָמען" וועלכע צעשיידן דעם ישוב...

מיר לאָזן זיך גיין צום „חזון איש". עפּעס אין גאַנג, אין די גאַסן פילט זיך אַ שטיק הייליקייט. ניטאָ דאָרט דער רעש און טומל פון אַ גאַס, וואו עס געפינען זיך קליטן אָדער פאַבריקן. די גאַסן וואָס פירן צום „חזון איש" זיינען בלויז „רעזידענציעלע". עס וואוינען דאָרט אין שכנות, חסידים און בני־תורה. יעדער הויז האָט אַ גאָרטן פון פאָרנט און עס שמעקט אַ ריח פון בלומען און פּרדסים.

כאָטש אונזער אינטערוויאו איז צוגעגרייט דאָך, ווען מיר טרעפן עפּעס אַ היימישן, אַן אייגענעם ביים „חזון איש", וואָלטן מיר ניט גע־דאַרפט לאַנג וואַרטן אויף דער אויפנאַמע. מען דאַרף אינזינען האָבן, אַז ביים „חזון איש" וואַרטן שטענדיק צענדליגער אידן גבירים, אדירים, פון דער גאָרער וועלט וועלכע וואַרטן צו באַקומען ביי אים — ניט קיין ברכה — נאָר אַ פשוטע קלוגע עצה! דער „חזון איש" איז פאַרשעמט מיט זיין גרויסער חכמה און מיט זיין קלאָרן פאַרשטאַנד אין וועלטלעכע ענינים און זיינס אַ מיינונג און עצה קומט זייער אָפט גוט צענויץ...

האָב איך טאַקע געהאַט אַ באַזונדער מזל. גייענדיק צום „חזון איש" טרעפן מיר אָן אין וועג זיינס אַ מקרוב און טאַקע קרוב, און מ י י נ ע ר אויך אַ „קרוב". ער האָט פריינט אין אַרגענטינע, אָט דער איד. ער הייסט יצחק שוואַרץ און איז אַ נאָענטער קרוב פון י. שוואַרץ געוועזע־נער רעדאַקטאָר פון „שריפטן". ווען עס קומט אים אויס צו טרעפן אַן אַרגענטינער — פילט ער ווי ער טרעפט אַן אייגענעם און איז גרייט צו טאָן אַ טובה. ער טוט אונז טאַקע די טובה און... פירט אונז תיקף אַריין צום „חזון איש". עס וואַרטן — פ אַ ר אונז — אידן גבירים פון קאַנאַדאַ און אויסטראַליע — אָבער, מיר גייען אַריין די ערשטע.

מיר זיינען שוין אין צימער פון „חזון איש". איך קוק זיך אַרום.

אַ צימער, ווייער אַ אָרימער, עם שטייט אַ טישל מיט דריי בענק-לעך, אַ ניט-פאַרבעט, אָבער ווייער ציכטיק בעטל, שטייט אינמיטן. אויפן בעט זיצט דער „חזון איש" אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל און קוקט אַריין אין אַ ספר.. ער שטרעקט אוים זיין וואָרעמע, ווייכע, האַנט גיט אָפּ „שלום" און בעט מיך זיצן. ער הויבט אָן דעם שמועס. ער וויל וויסן וואָס טוען די אַרגענטינער אידן? צו איז אמת אַז ביי אונז איז מיט כשרות, ניט אַזוי אַיי, אַיי, אַיי?... צו לערנען ביי אונז אידן תורה אָדער — לויט ווי ער ווייסט — האָבן מיר בלויז אַנשטאַלטן וואָס הייסן „תלמוד-תורה" און תורה פעלט דאָרט?...

אַזוי, שטיל, אַריינקוקנדיק אין זיין ספר, וויל ער ביי מיר וויסן וועגן סכסוך מיט די רבנים! ער קאָן הרב בלום און בעט אים איבער-געבן אַ גרוס.

מיר האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן. אַנשטאָט איך זאָל אים מאַכן אַן אינטערוויו — מאַכט ער אים מיר. אַנשטאָט איך זאָל פרעגן — פרעגט ער! ער האָט אַן אינטערעס פאַר אונזער לעבן, כאָטש ער האָט געהאַט ניט קיין וואָזשנע גרוסן פון אונזער פרומקייט... איך שילדער אים דאָס בילד פון אונזער רעליגיעזן לעבן און באַמי זיך אים צו באַרואיקן. מיר פירן אַוועק דעם שמועס אויף אַנדערע וועגן און... איך קוק אויפן זייגער. איך ווייס אַז אינדרויסן וואַרט מען. ביים געזעגענען זיך, בעט ער מיך נאָך אַ מאָל אַריינקומען צו אים פאַר מיין אָפּפאָרן. צום באַדויערן — האָב איך אים מער ניט געקאָנט זען. ער איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט זיין אָרגאַניזירן דעם... קאַמף קעגן נעמען די פרומע מיידלעך דינען. אין ישראל האָט מען געזאָגט אַז ער — „חזון איש" — איז דער גרעסטער קעמפער קעגן אָט דער „גזירה"...

„חזון איש" איז זיכער די גרעסטע רעליגיעזע פערזענלעכקייט אין ישראל. אפילו אַ גרעסערע פערזענלעכקייט פון די אָפיציעלע רבנים וואָס טראָגן דעם טיטול „רב הראשי". אגב — האָט ער זיך מיט מיר געוויצלט וועגן זיין „פערזענלעכקייט". ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז פאַר אַרגענטינער אידן וואָלט זיכער געווען אַ זכות אים צו זען איינמאָל כאָטש, האָט ער געענטפערט: — אַרגענטינער אידן האָבן שוין געזען גרעסערע פערזענלעכקייטן ווי איך און זיינען ניט נתפעל געוואָרן...

11־טער מאַי:

מיר פֿאָרן שוין װידער. מירן היינט זיין אין גליל. מירן זיין אין עטלעכע קיבוצים און שוין אויך כאַפּן אַ בליק װי אַזױ זעען אויס די „צעטיילטע" קיבוצים.

אין פּראָגראַם האָבן מיר: — קיבוץ „געש" פֿון השומר הצעיר. קיבוץ „גבעת חיים" — איינע פֿון די עלסטע און... צעטיילטע קיבוצים„ מירן אויך זיין אין אַ צװייטן קיבוץ פֿון השומר הצעיר — קיבוץ „גזית" און מיר'ן זעען נאָך אַ פּאָר „צעטיילטע" קיבוצים, װי אַשדות יעקוב, עין חרוד, און אַנדערע.

מיר פֿאָרן אַרױס פֿאַרטאָג. מיר זיינען צװיי פֿאַמיליעס װאָס האָבן געדונגען אַ טאַקסי, איך און מיין שיפֿס־ברודער אַברהם דיקענשטיין.

דער „נהג" — שאָפֿער איז זיינער אַ היימישער אָדער אייגענער און מיר — געפֿעלט ער תיקף ניט! איך בין געװאָרינט צו פֿאָרן מיט שאָפֿערן װאָס... רעדן, װאָס קאָנען דאָס לאַנד, און װאָס זיינען אייך גרייט עס צו װייזן. דער דאָזיקער שאָפֿער איז עפּעס אַ ברוגז"ער. נו. מילא. װעלן מיר זיך שוין מוזן אַליין אַן עצה געבן!

— — — — — — — — — — — — —

אונזער ערשטער אַריינפֿאָר איז אין „קיבוץ געש" װעלכער געפֿינט זיך אַ שפּאַן פֿון תל אביב. אין דאָזיקן קיבוץ געפֿינען זיך קינדער פֿון זיד־אַמעריקע, די גרעסטע טייל — אַרגענטינער. דער אַריינפֿאָר איז ניט אַזױ קיין פּאַסיקער. בערגלעך און גריבלעך. שפּעטער שוין זייענדיק אין קיבוץ, זאָגט מען מיר אַז... מען האָט קיין צייט ניט פֿאַריכטן אָט דאָס שטיקל װעג! איך געב מיין „אינפֿאָרמאַנט" אַ עצה טובה: — זיך אָפּגעבן װייניקער מיט פּאָליטיק און מיט זאָרגן זיך פֿאַר די... דעמאָקראַטישע „פֿאָלקס־רעפּובליקן" און זיך בעסער אָפּגעבן מיט אָט דעם שלעכטן שטיקל װעג איבער װעלכן מען קאָן צעברעכן אַן אַקס פֿון אויטאָ פֿאָרנדיק אַהין. ער האָט מיר גאָרניט געענטפֿערט .איך בין אָבער זיכער, אַז ער האָט געגלויבט, אַז איך בין אַ דירעקטער אַגענט פֿון װאָל־סטריט װאָס איז געקומען פֿאַרשקלאַפֿן זיין קיבוץ און אים פֿאַרקנעכטן מיט אַ פּאָר... טראַקטאָרן און מאַשינען...

דער קיבוץ האָט זייער אַ װאַזשנע סטאָלערײַ, פֿאַרמאָגט אַ פֿײַנעם שטאַל מיט בהמות און „לול" מיט עופֿות און די קיבוץ־מענטשן פֿון „געש" זיינען צופֿרידן פֿון לעבן.

מיר זוכן דאָרטן אוים אַ טאָכטער פון אַ בוענאָס איירעסער שול-טוער. חיים טשאַלקאָוו הייסט ער. זיין טאָכטער און איר „חבר" שמעון —איר מאַן און קינד זיינען גליקלעך דאָרט צו זיין. אויף צו וויזן מיר זייער שיין קינד פון אַ יאָר, האָבן זיי געדאַרפט... בעטן אַ דערלויבעניש ביי דער אויפזעערן פון קינד. אַ גאַנצן טאָג איז דאָס קינד ניט זייערס! זיי — טאַטע, מאַמע — אַרבעטן, און דאָס קינד ווערט אָפּגעהיט אין קינדער-„שטייג". אויפדערנאַכט, איידער דאָס קינד גייט שלאָפן, שפּילט מען זיך מיט דעם און... אינדערפרי — ווען די עלטערן שטייען אויף — זעען זיי זיי שוין ווידער ניט דאָס קינד!...

שפּעטער, ווען דאָס קינד ווערט עלטער ווערט עס נאָך מערער אָפּגעפרעמד פון די עלטערן. דער דערציער, איז דאָס דער וואָס וויזט דעם קינד אויף וועלכן וועג עס דאַרף גיין! און, ווי איז דעם טאַטן וואָס האָט געביטן זיין „איבערצייגונג", אָדער האָט גלאַט „אָפּגענויגט" פון דער „ליניע". זיין קינד — וועלכער האָט באַקומען אַן אָפיציעלע דערציאונג, וועט אים שוין באַטראַכטן פאַר זיין שונא וועמען מען מעג ליקווידירן...

„חבר שמעון" — זייער אַ וואוילער בחור, אַ ספרדי — פירט אונז אַרום איבערן קיבוץ, וויזט אונז און דערקלערט אונז וויפל דער קיבוץ האָט לעצטנס דערגרייכט. ווען איר גיט ביי אים אַ טאָפּ דעם דופק אין פּאָליטיק, ווען איר ווילט אים אַ פרעג טאָן וועגן ענין „סנה", און אפילו וועגן מרדכי אורען — ווערט ער פאַרשווייגן! זיי, אין די קיבוצים, האָבן מורא — פשוט מורא — צו רעדן וועגן פּאָליטיק. זיי ווייסן ניט וואָס מאָרגן וועט זיין! ווער עס וועט מאָרגן זיין „פון אויבן"...

פאַרן געזעגענען זיך באַמערק איך אַז מען האָט געבראַכט „די פּאָסט". עס זיינען אָנגעקומען די צייטונגען פון תל אביב. איך בין קוריאָז און גיב אַ קוק איבער דאָס פּעקל. פאַראַן דאָרט צוועלף צייטונגען „על המשמר" דער אָרגאַן פון מפ"ם. קיין אַנדער צייטונג קומט ניט אָן אין קיבוץ. די איינוואוינער פון אָט דעם דאָרף, דאַרפן בלויז לייענען וואָס נאַטשאַלסטווע שרייבט און וואָס די פּאַרטיי הייסט לייענען...

ווען איך האָב דעם „חבר שמעון" געפרעגט, צו מען קריגט דאָ ניט קיין „דבר" האָט ער מיך זיכער אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם!...

פון קיבוץ „געש", איז אונזער וועג קיין „גבעת חיים". אָבער, פאַרנדיק, האָבן מיר אויפן וועג די שיינע, די שענסטע ים-שטאָט נתניה.

זיין אין מדינת ישראל און ניט זען נתניה (נאַטאַניאַ), איז דאָס זעלבע ווי זיין אין ירושלים און ניט זען די כנסת אָדער זיין אין סדום און ניט זען קיין זאַלץ. נתניה, איז איינע פון די וואונדער פון ישראל. אַ שטאָט וועלכע האָט באַקומען אַ שם אַלס די „פערל-שטאָט פון ים", און מיט רעכט. אַזאַ שיינע שטאָט, אַזאַ שיינעם צוגאַנג צום ים, צו דער פּליאַזשע, האָב איך נאָך ניט געזען.

נתניה איז אויפגעוואַקסן צווישן טאָג און נאַכט. מען דערציילט מיר, אַז צוריק מיט עטלעכע יאָר, האָט אַ אידישער זשורנאַליסט געשריבן אַן אַרטיקל און האָט פאַראויסגעזאָגט פאַר אַ נתניה, אַ „גוזמא"דיקע צו־קונפט. ער האָט, בוכשטעבלעך, געזאָגט אַז אַ מעטער ערד פון, און אַרום, נתניה, וועט אין עטלעכע יאָר אַרום... פאַרדאָפּלט ווערן. נו, האָט זיך געפונען איינער וואָס האָט אויף אָט דעם זשורנאַליסט דערלאַנגט אין געריכט און אים באַשולדיקט אַז ער איז אויסן אויפצובלאָזן די פרייזן פון נתניה'ער „מגרשים" (טערענאָס). וואָס זשע טוט גאָט? זיינען די פרייזן געשטיגן אויף צוואַנציק און דרייסיק מאָל אַזוי פיל. נתניה איז געוואָרן דער שפּיגל-באָד-פּלאַץ פון די טוריסטן פון לאַנד.

מיר מאַכן מיטן אויטאָ אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט. בלויז און בלויז, כמעט נייע געביידעס. געבויטע לויטן לעצטן סטיל פון מאָ־דערניזם. ניטאָ קיין הויכע שטאָקן דאָ. מען שטופּט זיך ניט אין דער הויך. די גרעסטע געביידע פאַרמאָגט 4 שטאָק. מען בויט שיינע האָ־טעלן און עס איז קיין חדוש ניט וואָס אין נתניה איז ניטאָ קיין אַרבעט־לאָזיקייט. יעדער איינער האָט אַרבעט. מען בויט אַ שטאָט, וואָס וועט מיט דער צייט געבן „פרנסה" אין דאָלאַרן, אַ גרויסן טייל פון לאַנד.

אַז מען קומט קיין נתניה — גלוסט זיך ניט אַוועקפאָרן!...

מיר זיינען שוין ווידער אויפן גרויסן טראַקט, אויפן וועג צווישן תל אביב און חיפה. מיר דאַרפן אָנקומען קיין „גבעת חיים" און מיר פאָרן דורך חדרה. איך בין שוין דאָרט דאָס צענטע מאָל. עס ווערט מיר ניט נמאס צו זיין אין חדרה. אויב נתניה איז די שטאָט פון היינט, איז חדרה די שטאָט פון מאָרגן. די קיבוצים אַרום חדרה, וועלן שוין זאָרגן אַז חדרה זאָל וואַקסן. מען קומט אַהין קויפן און מען פאָרט אַהין פאַרקויפן און אַזוי פאַרגרעסירט אַ שטאָט.

מיר פאָרן אַריין קיין „גבעת חיים". דאָס האַרץ קלאַפּט אַביסעלע. דאָס איז דער ערשטער גרויסער און אַלטער קיבוץ וואָס האָט זיך

„צעטיילט" ניט בלויז מיט דער מיינונג: — צו מרדכי אורען איז געווען אַן אַמעריקאַנער שפּיאָן, און צו די ציוניסטן זיינען ענגלישע און וואָל-סטריט-אַגענטן — נאָר זיי האָבן זיך אויך צעטיילט מיטן קיבוץ. נאָך דריי-סיק יאָר לעבן צוזאַמען, נאָר דרייסיק יאָר ניט דערשלאָפענע נעכט און ניט דערעסענע טעג, ביז מען האָט דערלעבט צו זען דעם קיבוץ אויס-געבויט, ביז מען האָט דערלעבט צו זען אַזאַ שיינעם קיבוץ — נאָך דרייסיק יאָר פון זיין חברים — איז מען איצט געוואָרן שונאים. און, אָט, וועל איך עס זען מיט מיינע אייגענע אויגן. איך וועל, אפשר, טרעפן די שטעכיקע דראָטן צווישן שטוב און שטוב, צווישן גאָרטן און גאָרטן.

אגב. אין „גבעת חיים" וואוינט, זייט אנדערהאַלבן יאָר, אונזערער אַן אַרגענטינער איד, אַ באַוואוסטער און זייער באַליבטער תושב געווען אין סאַנטאַ-פע,ושמו, און זיין נאָמען איז: — י. רעכטשייט. דער דאָזיקער עולה — אַ זייגערמאַכער פון פאַך און אַן אַלטער מיטגליד פון די פּועלי ציון, האָט געהאַט זייער אַ גוטע פּאָזיציע אין זיין שטאָט וואו ער האָט געוואוינט. געהאַט אַ שיינע קליינט פון גאָלדוואַרג, און דאָך האָט ער ניט געקוקט אויף גאָרניט. ליקווידירט און געקומען קיין ישראל, זיך באַזעצט אין קיבוץ „גבעת חיים" — נאָך איידער דער קיבוץ האָט זיך צעשפּאָלטן. די טראַגעדיע איז געקומען תיכף נאָך זיין קומען. מען האָט געשטעלט צו אָפּשטימונג, און זיין פּאַרטיי, די מפּ"אי האָט בלויז געהאַט 42 שטימען. האָט מען צעטיילט דעם קיבוץ אויף צוויי טיילן: — 42 און 58. די דאָזיקע אַכט און פופציק זיינען געבליבן מיט אַלעם! די אַנדערע צוויי און פערציק דאַרפן נעמען זייערע פּעקלעך און זיך איבערציען דערנעבן אין די נייע געביידעס וואָס בויען זיך איצט.

מיר שפּאַצירן איבער „גבעת חיים". פריינט רעכטשייט גייט מיט אונז. עס באַגלייט אונז אויך זייער אַ סימפּאַטישע פרוי, די אויפזעערין איבער דער קיך און ווירטשאַפט. דער קיבוץ איז זייער גרויסער. פאַראַן דאָרט אַלטע, דרייסיק-יאָריקעביימער, גערטנער און שווים-באַסיין. אַלץ בלייבט ביי זיי — זאָגט אונז די אויפזעערין און טרערן שטייען איר אין די אויגן. אָט די אַלע ביימער האָב איך געהאָלפן פלאַנצן! אָבער, איך לאָז זיי איבער מיט פאַרגעניגן! ווען איך דערמאָן זיך נאָר, אַז מיר וועלן ווערן פריי! מירן ניט מורא האָבן אַז מיר וועלן בלייבן אָן קינדער, מיר וועלן ניט מורא האָבן פאַר זייער סם! גיפטיקן, אַנטיסע-מיטישן, סם! איך האָף, אַז זיי וועלן זיך נאָך קומען בעטן צו אונז! זיי דאַרפן נאָך כאַפּן עטלעכע מאָראַלישע קלעפּ! פאַרלאָזט זיך אויף מאַ-

לענקאָוון! ער וועט זיי נאָך געבן! מען זאָגט אַז ער איז אַ גוואַלדיקער שונא ישראל! זאָל ער נאָר, מיט זיין כשר מויל, אָנהויבן שרייען: — „בעי זשידאָוו" וועלן זיי אַנדערש ווערן!

מיר באַטראַכטן די „אַלטע שטאָט" פון „גבעת חיים". דער קיבוץ פאַרמאָגט אַן אייגענע פאַבריקאַציע פון פאַרשידענע געטראַנקען און פאַרדינט „שטיקער גאָלד". פאַראַן אויך שיינע, פעסטע, הייזער. דאָס אַלץ בלייבט באַ „זיי". ביי „אונז" וועט אָבער זיין שענער, באַרימט זיך די צעוויטיקטע אויפזעערן. מיר האָבן נייע, מאָדערנע געביידעם פאַר אונזערע חברים. אמת, די אַלע הייזער האָבן ניט קיין איין ביימעלע נעבן דער שטוב. ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום וועט זיין אַ סימן פון אַ בוים. דערפאַר, האָבן מיר אַ מאָדענע... שטייג פאַר די עופות, אַ מאָדערנעם שטאַל פאַר די בהמות און דער עיקר — מיר זיינען אַ ל יי ן: מען לאַכט אונז ניט אין פּנים אַריין און מען חוזק'ט ניט איבער „אונזערע" העלדן: הרצל, ביאַליק, אוסישקין א. א. ביי ז יי, איז פאַרהייליקט קאַרל מאַרקס און להבדל סטאַלין. זאָלן זיי בלייבן מיט זיי און מיר וועלן זיין צופרידן מיט דעם וואָס מיר האָבן — נאָר אַן סטאַלינען און אַן זיין געמבע איבער'ן קאָמעדאָר אָדער עס-צימער.

מיר זיינען פאַרבעטן צו „רעכטשייטן" אויף מיטיק.

איך דערמאָן זיך. צוריק מיט אַ יאָר צוואַנציק האָב איך אויך געגעסן מיטיק ביי רעכטשייטן! וואָס פאַר אַ חילוק, אָבער, פון י ע נ ע ם מיטיק ביז איצטיקן! דאָרט, ביי יענעם מיטיק, האָט די סימפּאַטישע פרוי רעכטשייט געגרייט אַ שיינעם, ריינעם טיש פון כל טוב און דער טיש האָט געשמעקט. טאַקע געוועזן בלומען אויפן טיש. דאָ, האָט זי אונז פאַרבעטן צום טיש, וועלכער איז ניט א י ר ע ר אינגאַנצן! אַרום טיש זיצן צענדליגער מענטשן, אָפט —פרעמדע איינער צום צווייטן, אָפט — פון גאָר פאַרשידענע כאַראַקטערן און... דערציאונג. עס איז דאָ אַ גאַנצער „קיבוץ גלוית". פאַראַן דאָ מענטשן פון פאַרשידענע לענדער און פון אַלע וועלט-טיילן. די אַלע, זיצן אַרום די הילצערנע טישן, עסן אַלע דעם זעלבן מאכל, וועלכע געפינט זיך אין אַ גרויסער שיסל, פונקט ווי אין אַמאָליקע קאַזאַרמעס דער באַרימטער „קאָטיאָל", און... מען טורמלט גאַנץ היפּשלעך.

איך כאַפּ אַ בליק אויף דער פרוי רעכטשייט. אונזערע אויגן באַגעגענען זיך. צו טראַכט זי אויך דאָס זעלבע וואָס איך? צו דערמאָנט

זי זיך אויך יענעם מיטיק ביי איר געדעקטן, שטילן, בעל-הבית'ישן טיש? צו איז זי דאָ גליקלעך און צופרידן מיט אַזאַ בייט?

מען דאַרף אינזינען האָבן, אַז רעכטשייט איז געווען אַ „עולה" וואָס האָט ניט „געמוזט" פאָרן. ער איז אַן אמת'ער טיפּ חלוץ! ער אַרבעט דאָ אַ סך שווערער ווי ביי זיך אין סאַנטאַ-פע אויף גאַס סאַן-מאַרטין וואו ער האָט געהאַט אַ זייגערמאַכעריי און גאָלד-געשעפט! ער — לפּחות, איז שטאַרק צופרידן! זיינע קינדער וועלן שוין בלייבן גוטע אידן און גוטע ישראל-מענטשן! זיין ניין-יעריק בחור'ל, איז שוין אַ גאַנצער „סב-רא". ער האָט שוין איבערגענעמען אַלע... חסרונות פון די סברא'ס. ער לויפט אַריין אין שטוב, מעלדעט דעם פאָטער אַז ער פאָרט אַוועק אויף אַ שפּאַציר מיטן לערער. ער פאָרט אויף... עטלעכע טעג! פרעגן טאַ-טע-מאַמע, צו זיי ווילן אַז ער, אַ צוציק, זאָל אַוועקפאָרן אויף עטלעכע טעג, פרעגן זייער דערלויבעניש — דאַרף ער ניט! די סברא'ס בעטן ניט קיין דערלויבעניש ביי זייערע עלטערן אויב דער מורה אָדער מדריך הייסט! דער טאַטע האָט ניט די דעה! די דעה האָט דער לערער! דאָס קליינע סאַנטאַ-פּעער בחור'ל האָט די „תורה", תיכף איבערגענעמען און ער לויפט אַריין צום טאַטן מיט אַ געשריי: — שלום! להתראות! ער פאָרט אַוועק! נאָך גוט וואָס ער זאָגט שלום! נאָך גוט וואָס ער געזעגנט זיך — טרייסט זיך דער פאָטער, דער נייער עולה, וואָס קוועלט אָן פון זיין זונס... חוצפּה!

ווי ווייט איז פון „גבעת חיים" ביז דער גרענעץ? אַ דריי-פיר קי-לאָמעטער! אָבער, אין דבר! מען האָט קיין מורא ניט! פאַר די פרעמ-דע שונאים ציטערט מען ניט! ערגער איז מיט די אייגענע...

אויף איין זאַך זיינען שטאָלץ די איינוואוינער פון „גבעת חיים": — ביי זיי איז אָפּגעגאַנגען אָן פעטש, אָן בלוט! מען האָט אָפּגע-האַלטן די פאַרזאַמלונג, אָפּגעשטימט, פאַרשפּילט און זיך צעטיילט.

„אָן פעטש" און „אָן בלוט", איז דער איצטיקער שענסטער סימבאָל פון די קיבוצים וועלכע מען האָט, בשותפות, מיט אַזוי פיל מי און שוויים געבויט! די מענטשן פון „עין חרוד" און „יפתח", קאָנען זיך אַזוי ניט באַרימען!

שפּאַצירנדיק איבער „גבעת חיים" ווייזט מען מיר אָן אויף „טראַגי-שע" פּערזענלעכקייטן! אָט איז אַ פרוי, וועלכע איז געבליבן אַ גע-טרייע מפּא"יניקע און איר מאַן איז געבליבן ביי „זיי". ער קומט אַהער בלויז ערב שבת און בלייבט דאָ ביז נאָך שבת. אַ סברא, אַז זיי וועלן

זיך גט'ן! זיי לעבן שוין צוזאמען דריי און צוואנציק יאר און האבן שוין אן... אייניקל. שפעטער האבן מיר געטראפן א „גרעסערע טראגע־דיע". א פאר־פאלק, וואס לעבט שוין צוזאמען 35 יאר, האבן קינדער און אייניקלעך און זיינען זיך געווארן גרינטלעכע שונאים! ער איז זיכער, אז מרדכי אורען איז געווען א שפיאן און א וואלסטריט אגענט, ער איז זיכער אז שלאנסקי וחבריה זיינען געווען פארקויפטע קנעכט צום קא־פיטאליזם! ער איז אפילו זיכער אז די אידישע דאקטוירים זיינען אויך געווען שולדיק נאר רוסלאנד האט ניט געוואלט אנמאכן קיין שלעכטן ריח אויף דער וועלט, מען וועט שרייען אנטיסעמיטיזם, דערפאר האט מען זיי באפרייט! אבער, אין דער אמת'ן זיינען זיי, און שלמה מי־כאלס, און די איבעריקע דאקטוירים, געווען פארקויפטע קנעכט צום דזשוינט און אימפעריאליזם.

זי, זיין פרוי, איז פונקט דער היפוך! זי איז מיט „אונז", זי איז קעגן דער קאמאריזשא פון קרעמלין, זי איז דערפאר, אז מען זאל ביי אמעריקע יא נעמען די גמילת חסדים און מתנות, און אויב אמערי־קע וועט שיקן אין קיבוץ אריין א נייעם טראקטאר — זאל מען אים אויך צונעמען!

ביי איינער אזא דיסקוסיע, האט זיך דאס פאר־פאלק אזוי צע־קריגט, אז מען האט זיי קוים צענעמען. פון דאן אן זיינען זיי צעשיידט! מען גייט ניט איינס צום אנדערן! אויך די קינדער האבן זיך צעשיידט און מען איז זיך דם שונאים...

ביים געזעגענען זיך מיט „גבעת חיים" פיל איך א שטיקל ווייטיק אין הארצן. איך בין שוין איבערצייגט, אז גערעכט איז, מיין מזרחי־פריינט, וועלכער האט מיר געזאגט, אז די קיבוצים זיינען לכתחילה, געבויט געווארן אויף א טעות'דיקן און געפערלעך־פאליטישן וועג! מען האט, אין קיבוץ, געזוכט „סאציאליזם", און אט, האבן זיי דעם סאציא־ליזם! זיי שניידן דאס, וואס זיי האבן פארזייט.

מיר לאזן זיך פארן קיין „גזית, אבער פריער פארפארן מיר אין דער „הויפט־שטאט" פון עמק ישראל — קיין עפולה.

פון עפולה — גאט זאל מיך ניט שטראפן פאר די רייד — האלט איך ניט! איך בין ברוגז אויף אט דעם מושב, וואס איז געווען א דארף אדער קליין שטעטל און איז געבליבן אזוי עד היום הזה. לויט מען דער־ציילט מיר — וואלט עפולה געקאנט ווערן א עיר ואם בישראל, און

איז געבליבן אָן אָפּגעשטאַנען... טעפּליק אָדער כאַשטעוואַטע. ווען ניט די פּאָר אויטאָבוסן וואָס דרייען זיך דאָרט — וואָלט מען דאָרט, געקאָנט אַנשלאָפן ווערן אינמיטן שטאָט און אינמיטן העלן טאָג — אַזאַ איינדרוק מאַכט עס אויף מיר.

מיר טרינקען אָפּ אין עפולה אַ „טאָפּ" שוואַרצע וואַסער, וואָס זיי זאָגן, אַז דאָס הייסט „קאַפּע" און מיר לאָזן זיך אויפן וועגן קיין גזית.

אַרויספאָרנדיק פון עפולה געפינט זיך איינע פון די גרויסע „מעברות" פון אָריענטאַלע עולים. מיר שטעלן זיך אָפּ, קויפן ביי זיי אַ פּאָר טוץ מאַראַנצן, צאָלן איבער עטלעכע פּיאַסטער — זאָלן זיי אויך הנאה האָבן פון אונזער קומען קיין ישראל — און מיר הויבן זיך אָן „אַראָפּלאָזן" אין עמק איזראַעל.

מיר פאָרן איבער אַ שיינעם וועג. אַרום און אַרום — בלויז גרינע פעלדער. דאָ און דאָרט, טרעפט מען זיך אָן אויף אַראַבישע פעלדער וואָס ווערן באַאַרבעט פון די ישראל־אַראַבער. דאָס זיינען „אייגענע" אַראַבער, „פריינטלעכע"! אָבער, אויף זייער פריינטלעכקייט, איז זיך ניט אַ סאַך צו פאַרלאָזן. זיי זיינען גענוג קלוג צו ווייזן אַ שמייכלדיק פּנים פון אַ צופרידענעם מיט מדינת ישראל. צו זיי אין הארצן. קאָן מען ניט אַריינקריכן, אָבער עס איז מער ווי זיכער, אַז זייער געטריישאַפט דאַרף געשטעלט ווערן אונטער אַ פראַגע־צייכן און, חלילה, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, וועלן זיי פּרוּוון רוקן אַ מעסער אין הארצן אָדער אין פּלייצע. די רעגירונג ווייסט עס זייער גוט און האַלט זיי אויפן אויג...

וואָס נענטער מיר קומען צו צום קיבוץ „ג ז י ת" אַלץ מער אַראַבער טרעפן מיר אָן אויפן וועג. עס גייט איבער אַ דראַשטש איבערן לייב ווען איר גיט אַ טראַכט, אַז, אין אַ עת צרה, האָט גזית פּאַר זיך און אונטער זיך ,אַראַבער. גזית געפינט זיך זייער נאָענט פון דער גרענעץ.

ענדלעך דערזעען מיר פאַר זיך אַ טאַבליצע: „קיבוץ אַרגענטינאַי, ג ז י ת". באַלד ביים אַריינפאָר, אַ קליינער געוויש. דאָס אַרבעט דאָרט די פאַבריק, די אינדוסטריע וואָס זיי האָבן איינגעפירט. גזית איז ניט ערגער פון אַנדערע קיבוצים וואָס האָבן זיך לעצטנס אַוועקגעלאָזט אויפן וועג פון „אינדוסטריאַליזאַציע". מען וויל פאַרדינען מערער כדי צו קאָנען האָבן מערער פּרנסה און געבן די מיטגלידער פון קיבוץ אַ באַקוועמער לעבן. דאָס איז אויך דער מאָטיוו פון פאַסען חזירים ביי וועלכע מען פאַרדינט אַ סך. פריער מיט יאָרן, ווען די קיבוצים זיינען געגרינדעט

געוואָרן, האָט מען ניט געטראַכט פון קיין זייטיקע פּאַרדינסטן און פון „אינדוסטריעס"...

אין קיבוץ גזית האָב איך געהאַט צוויי מיסיעס דורכצופירן. איין מיסיע האָט מיר איבערגעגעבן אַ בוענאָס איירעסער איד אַז איך זאָל אים איינמאָנען אַ חוב ביים קיבוץ. ער האָט זיי פאַרקויפט מאַשינען אויף עטלעכע טויזנט פּעזעס פון וועלכע עס איז געוואָרן אַ פּאָר הונדערט ישראל-פונט און אויך דאָס קאָן ער ניט אַרויסקריגן ביי זיי.

מיין אינטערווענץ — האָט ווייניק געהאָלפן! פּיר הונדערט פונט מיט אַ מאָל — אַזוי פיל געלט — האָט ניט דער קיבוץ...

מיין צווייטע „מיסיע" איז געווען: — „אָנצוטאַפּן" דעם דופק ביי אַ קיבוצניק צו ער האָט... חשק אַ היים צו פאָרן צו זיין מאַמען וועלכע איז געוואָרן אַן אַלמנה פון איר צווייטן מאַן, און האָט גערירש'נט אַ אַ פאַרמעגן.

איך האָב ניט געדאַרפט „טאַפּן". נאָך איידער איך האָב אַ וואָרט אַרויסגערעדט, האָב איך געזען, ווי דער חלוץ איז גליקלעך מיט זיין אָרים קליין צימערל, מיט זיין שווערער אַרבעט אין קיבוץ און מיט זיין וואוינען אין שכנות מיט „די אַראַבער".

אין דער היים האָט ער איבערגעלאָזט אַ שיינעם באַקוועמען צימער. עס וואַרט אויף אים אַ מאַמע מיט אַ גרויסן, לייזיקן דעפּאַרטאַמענט. עס וואַרט אויף אים אַ טיטול פון אינזשעניער-אַגראָנאָם און אַ צוקונפט. דאָך, האָט ער אַלץ איבערגעלאָזט און איז אַוועק אין אַ עק וועלט, אין אַ מקום, פול מיט סכנות נפשות, און זיי — ער מיט זיין ווייבל — האָבן ניט קיין איין פּראָצענט חשק און קיין האַלבן פּראָצענט געדאַנק צו פאָרן צוריק, צו פאַרלאָזן דעם קיבוץ. זייער קליין, ענג צימער'ל, זייער קיבוץ-„קאָמעדאָר", וועלן זיי ניט פאַרביטן פאַר די רייכע הייזער פון גלות. „זאָגט מיין מאַמען, אַז דאָ איז מיין פּלאַץ. דאָ וועל איך בלייבן! און אויב זי וויל קומען אַהער — וועט זי דאָ האָבן אַ שטילע רואיקע עלטער".

דער קיבוץ גזית איז אָרים — זייער אָרים — אַזוי דענקען מיר, די זייטיקע, די וואָס קומען אָנקוקן דעם קיבוץ! ביי זיי — ביי די גזית'ניקעס — איז עס די שענסטע היים...

געבענטשט זאָלט איר קינדערלעך זיין! כאָטש, מיט אַ סך זאַכן בין איך ניט מסכים מיט אייך! איך האָף אַז עס וועט קומען אַ צייט און איר וועט... קליגער ווערן...

אונזער וועג איז איצט קיין אשדות יעקב. מיר פאָרן זיך אָנעמען מיט א ביסל צער און צרות, און ווייטיק. אויך אשדות יעקב — איינע פון די ישראל׳ דיקע קרוין-קיבוצים, ליגט אַ צעשטערטע און פאַרשעמטע. ניט די אַראַ־בישע רוצחים האָבן דאָרט אָנגעמאַכט אַ חורבן — נאָר די אייגענע ברו־דער, די אייגענע חברים. זייער „סאָציאַליזם״ האָט זיך אויסגעוועפּט און מען האָט זיך צעשיידט מיט די מיינונגען, ווער עס איז מערער גע־רעכט: — טשאַנג, קאַי שעק, צו מיו-מא-טו? דרייסיק יאָר האָט מען געלעבט צוזאַמען און געבויט צוזאַמען, ביז מען האָט זיך צעבוצקעט איבער דער פראַגע צו שלאנסקי האָט געגעמען כאַבאַר ביי טרומאַנען און... בן גוריונען, צו אפשר איז גאָר די גאַנצע געשיכטע געווען אַ בלאָף, : אן אַנטיסעמיטישער בלאָף!

מיט איין וואָרט: — „אשדות יעקב״ איז איינע פון די „צעטיילטע״ אמת, דאָ איז אויך אָפּגעגאַנגען אָ ן בלוט, אָן פּעטש, אָבער — צעטיילט איז צעטיילט. קיינער טאָר ניט איבערגיין צום צווייטן. צוויי פיינטלעכע לאַגערן. צוויי וועלטן! אין איין זייט איז מערב און אין דער צווייטער — מזרח.

מיר פאָרן קיין אשדות יעקב. מיר פאָרן אריין אין דעם שיינעם קי־בוץ. מיר באַשטימען — ניט בלייבן דאָ לאַנג! מיר פאָרן ווייטער. ניטאָ קיין האַרץ אויסצוהאַלטן אַזאַ ווייטיק! מיר לאָזן זיך ווידער אראָפּ קיין... חיפה. מירן מאַכן אַ פיינעם שפּאַציר. פון אשדות יעקב ביז חיפה איז.. „פאַלג מיך אַ גאַנג״. מיר האָבן געהאַט אַ פאַר צענדלינג קיבוצים אויפן וועג, און נאָך וועלכע קיבוצים? דרייענדיק זיך איבער פעלדער און גערטנער, וועגן און זייטיקע סטעזשקעס (ווי געזאָגט, איז אונזער שאָפער, איצטיקס מאָל, ניט געווען קיין גראַטענער וועג-קע־נער) האָב איך פאַרצייכנט די נעמען פון די דורכגעפאָרענע קיבוצים: —

מנחמיה, אפיקים, יבנאל, שדמות דבורה, בית גן, משמר השלשה, בלפוריה, כפר גדעון, שריד, רמת דוד כפר יהושה, בית שערים, קרית עמל, שער המעקים, כפר הנוער הדתי, כפר חסידים, און י ג ו ר. אָט דער קיבוץ, איז, אַגב, איינער פון די גרעסטע נעבן חיפה. יגור, האָט אַ גאַנצע שיינע, היסטאָריע אַרום זיך.

אומעטום, וואו מיר זיינען דורכגעפאָרן, האָבן מיר געטראָפן די קיבוצים בויענדיק. אומעטום — פּאָזיטיוו אין יעדן קיבוץ — בויט מען. צו מען בויט באַקוועמלעכקייטן פאַר די נייע עולם אָדער פאַר די אייגענע

אלטע תושבים פון די קיבוצים — אָבער, מען בויט. בלויז די יע־ניקע וועלכע האָבן אַן אינטערעס אַרויסצוברענגען אַ שלעכטן שם אויף די קיבוצים ווי ביכלל אויף ישראל, געבן אָפּ ליגנערישע גרוסן אַז די קיבוצים האָבן אָפּגעשטעלט דאָס בויען, וואָס אמת איז: — די נייע באַקוועמע וואוינונגען גיט מען איבער פאַר די אַלט־געזעסענע, און זייערע אַלטע הייזער ווערן פאַרנעמען פון די נייע מיטגלידער וואָס קומען צו צום קיבוץ. אין „גזית” האָט מיר אַנגעוויזן אַ חלוץ, אַז אין דריי יאָר אַ ארום וועט ער ערשט האָבן אַ וואוינונג ווי עס דאַרף צו זיין! ער האָט צייט און גדולד צו וואַרטן! ער פּראָטעסטירט ניט, כאָטש אינדער־היים האָט ער געהאַט אַ וואוינונג מיט צענטראַלע באַהייצונג און אַ פרידזשידער!

אין קיבוץ יגור, וועלכער איז זיכער דער גרעסטער קיבוץ פון ישראל, אַלנפאַלס — ניט קלענער פון „עין חרוד”, האָבן מיר זיך אַ ביסע־לע אָפּגעשטעלט. מען קאָן פון אַזאַ קיבוץ אַזוי גיך ניט אַוועקפאָרן! לויט מען זאָגט מיר, וואוינען אין קיבוץ ביי דריי טויזנט נפשות, עס איז שוין אַ גרויסע שטאָט! ווערט זייער גוט פאַרוואַלטעט און האַלטן אין איין וואַקסן!

— — — — — — — — — — — — —

פון יגור, האָבן מיר „אַריינגעשפּאַנט” אין די פאַרשטעטלעך פון חיפה, ווי: — קרית ביאַליק, קרית חיים, קרית בנימין, רמת יוחנן, גשר און אַרום זעקס פאַרנאַכט זיינען מיר שוין געזעסן אין אַ קאַפע־הויז פון הרצליה־גאַס און געזופּט די „שוואַרצע וואַסער” וואָס האָט אַ פּנים פון... ”קאַווע„. ווי מיד מיר זיינען ניט געווען — האָבן מיר זיך גע־לאָזט פירן איבער חיפה. מיר דוכט, אַז דאָס שענסטע וואָס עס איז דאָ אין ארץ ישראל — איז חיפה! ווען איך דאַרף זיך אַריבערקלויבן קיין ישראל — וואָלט איך זיך באַזעצט אין חיפה, וואָלט געזוכט אַ וואוינונג אויפן העכסטן אָרט פון הדר הכרמל און וואָלט געשלאָפן מיט אָפענע פענסטער. מען דערציילט טאַקע, אַז אין חיפה זיינען די מענטשן געזונ־טער און מען לעבט לענגער! פאַרוואָס זאָל עס ניט זיין אמת?...

ווען מיר זיינען געקומען אַ היים, קיין תל אביב, האָב איך געטראָפן צווייַ בריוועלעך. אין איין בריוו, לאַדט מען אונז איין צו אַ חתונה וואָס קומט פאָר אין אַ קיבוץ אין נגב. דער קיבוץ איז אַ מפ”אישער, די חתן־כלה, זיינען מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער „מפּא”א”, דאָך

שטעלט מען אַ רעליגיעזע חופּה מיט אַ רב און מיטן גאַנצן קלאַפּער-געצייג. פאַראַן אַ סך „לינקע״ קיבוצים, וואו מען קאָן זיך ניט אָפּגע-וואוינען פון דער אַלטער טראַדיציע פון פראַוועמען אַ חופּה ווי ביי אידן פירט זיך. דער באַוואוסטער אידישער שרייבער דוד פּינסקי האָט פאַר-עפנטלעכט אַ פאָרשלאָג צום חופּה-געזעץ וועלכער איז געליגן אין כנסת צום באַהאַנדלען. לשם קוריאָז און טאַקע לשם אינטערעס, געב איך אי-בער דעם פולן טעקסט פון אָט דעם פאָרשלאָג:

„א) דער רב, וואָס קומט מסדר קידושין זיין, טאָר ניט פאַרמיאוסן די חתונה. ער טאָר ניט שטיין פאַר חתן-כלה אין אַ פאַרפלעקטן, אָפּגעריי-בענעם, ערטערווייז צעריסענעם לאַפּסערדאַק, אַז חתן-כלה זאָלן ניט קאָנען קוקן אויף אים מחמת מיאוס.

ב) דער רב דאַרף ניט זינגען די שבע ברכות, ווען ער האָט קיין שטי-מע ניט. זיין זינגען און רייסן זיך אויף די הויכע טענער מאַכט דעם קאָ-מישסטן איינדרוק, און חתן-כלה מוזן בייסן די ליפּן, אום ניט צוצושטיין צום אַרומיקן געלעכטער.

ג) דער רב דאַרף ניט באַשטיין, אַז אַלע מענער, וואָס ווילן הערן זיינע שבע ברכות, זאָלן צודעקן זייערע קעפּ. דער קאָפּ-צודעק מיט דער האַנט אָדער מיט אַ טיכל אָדער מיט אַן איראַקישער יאַרמולקע ווערט אַ לעכערלעכע פאַנטאָמינע, וואָס צעשטערט יעדע פייערלעכקייט.

ד) די חופּה טאָר ניט אויסזען, ווי די אָרמזעליגסטע שומר-ביידל אין פעלד. וואָס זי זאָל ניט סימבאָליזירן מיט זיך, טאָר זי ניט סימבאָליזירן איינפאַל און אונטערגאַנג.

ה) די חופּה טאָר ניט אַוועקגעשטעלט ווערן אין דרויסן, וואָס איז שוואַרץ פון פליגן. די ליידן פון חתן-כלה, וועלכע ווילן שטיין רואיק און סטאַטעטשנע, זיינען אין לשער...״

— — — — — — — — — — — —

מיר באַדויערן וואָס מיר וועלן אויף דער דאָזיקער חתונה ניט פאָרן, ווייל מיר האָבן שוין אַנדערע קאָמפּראָמיסן פון פריער אויף דעם זעלבן טאָג. איך בין אָבער זיכער, אַז איך האָב אַ סך אָנגעוואוירן, פון ניט זען אַ חתונה אין אַ קיבוץ... מיר האָבן שוין געהאַט גרוסן, אַז אַ חתונה אין אַ קיבוץ איז אָרגינאַל און באַלערנד. צוויי שעה פאַר דער חתונה — אַזוי דערציילט מען אונז — איז נאָך דער חתן-בחור פאַרנעמען אין פעלד ביים „לול״ פון עופות און די כלה-מויד זיצט נאָך אין קיך און שיילט קאַרטאָפל!...

דאָס צווייטע בריוועלע איז שוין געווען מער צוציענד: עס האָט זיך געלייענט: (אין עברית)

„ב״ה.

איר ווערט איינגעלאַדן צו דער חברים-מסיבה אין מיין הויז גאַס — — — — — פתח-תקוה, וואָס וועט פאָרקומען אי״ה מאָרגן אין אָוונט, 19 אזייגער, צו דער געלעגנהייט וואָס מיין טעכטערל חבצלת וועט זיך די טעג אינקאָרפּאָרירן אין דער אַרמיי (ח״ן).

מען בעט ניט צו ברענגען קיין מתנות.

מכבדו:

ש. י.״.

איך לייען איבער דאָס בריוועלע, קאָן זיך ניט דערמאנען ווער עס איז דער „ש. י.״ און איך שטעל זיך פאָר, אַז דאָס האָב איך, מן הסתם, צו פאַרדאַנקען עמעצנס אַ רעקאָמענדאַציע פאַר מיר.

צו אַט דער מסיבה וועל איך שוין זיכער ניט פעלן.

12־טער מאַי:

ניט קוקנדיק דערויף וואָס איך בין נאָך „צעבראָכן״ פון נעכטיקן אַרומפאָרן, בין איך היינט אויפגעשטאַנען פרי. עס שלאָפט זיך ניט אין ישראל. זיבן אזייגער אינדערפרי, לויפן שוין אַ סך „פקידים״ צו זייער אַרבעט. איניקע אַרבעטן אין די ווייטסטע פאָרשטעטלעך ווי פתח-תקווה, בני ברק, רמלה און אפילו ראשון לציון און נס ציונה און וואוינען אין תל אביב, מוזן זיי זיך „פעדערן״, כדי אָנקומען אין צייט צו דער אַרבעט. מען האָט מיר טאַקע דערציילט און מען מאַכט אפילו וויצן וועגן דעם: — וואָס לויפן אַזוי די פקידים צו דער אַרבעט, ווען זיי טוען במילא דאָרט גאָרניט? ווען זיי זאָלן אָנקומען שפּעטער — וואָלטן זיי גאָרניט אָנגעוואוירן. דער אמת איז אָבער, אַז אין קיין שום דעמאָקראַטיש לאַנד אין דער וועלט קומען ניט די באַאַמטע אַזוי פּונקטלעך צו דער אַרבעט! אין סאָוועטן-לאַנד, קומט מען אויך פּונקטלעך! דאָרט פאַר פאַרשפּעטיקן פינף אָדער צען מינוט, קאָן מען אָפּט אָנשפּאַרן אין... סיביר. מען ווערט פאַרמישפּעט „זאַ פּראָגולקאַ״. דאָ, אין ישראל, וואָלט אים קיינער גאָרניט געזאָגט ווען ער קומט שפּעטער — ער קומט אָבער צו דער צייט.

ווען איך קוק אַרויס זיבן אינדערפרי פון מיין פענסטער דורך וועלכן

מען זעט אַרויס די בן־יהודה־גאַס, זע איך צענדליגער און הונדערטער מענטשן... לויפן! מען לויפט „כאַפּן" דעם באַן, דעם אויטאָבוס און אפשר טאַקע — לויפט מען צופוס די צען אָדער צוואַנציק קוואַדרעס. ווען ער וועט „ל ו י פ ן" צופוס די לאַנגע שטרעקע, וועט ער אָנקומען צו דער אַרבעט ש נ ע ל ע ר ווי וואַרטן אויפן אויטאָבוס וואָס וועט זי־כער אָנקומען איבערפולט. דער טראַנספּאָרט, איז נאָך אין ישׂראל זייער און זייער אַן אַנגעווייטיקטער ענין. פאַראַן ווייניק קאָמוניקאַציע־מיטלען, און דאָס ביסל אויטאָבוסן, זיינען — מיט אַ קליינער אויסנאַם — אַלטע, שטאַרק אָפּגענוצטע, אומבאַקוועמע און וואָס טרייסלען אַרויס די נשמה. אין תּל אביב, צירקולירן שוין אַ פּאָר מאָדערנע אויטאָבוסן אויף דער „ליניע 4" — אין ירושלים און אין חיפה איז נאָך דאָ אַ סך צו וואַרטן ביז מען וועט קאָנען פאַרבייטן די אַלטע דראַפּטשעס אויף נייע אויטאָ־בוסן. אָבער אין דבר! דער ישׂראל־איד באַקלאָגט זיך ניט! שטייט געדולדיק אין „תור" (אטשערעד) און ווערט אַ ביסעלע צעקוועטשט אין אויטאָבוס. דער טוריסט האָט זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן! ווען ער וויל — קאָן ער אויסנוצן דעם רעגלאַמענט וואָס זאָגט, אַז טוריסטן און סאָל־דאַטן דאַרפן ניט וואַרטן אויפן „תור". ניט יעדער טוריסט נוצט אויס אָט די פּריווילעגיע. איך האָב זי א י י נ מ אָ ל אַפילו, ניט אויסגענוצט — כאָטש די ישׂראלים טרעטן אייך אָפּ זייער פּלאַץ.

אויך די סאָלדאַטן — מיטן אויסנאַם פון ד י וואָס פאָרן מיט אַ דרינגענדער שליחות — האָבן אויפגעהערט צו באַנוצן זיך מיט זייער פּריווילעגיע און זיי שטעלן זיך אין דער רייע גלייך מיט אַלעמען. בכלל איז ביי די סאָלדאַטן און סאָלדאַטקעס געקומען אַ געוויסע ענדערונג בנו־גע דיסציפּלין. אויף דער גאַנצער וועלט איז איינגעפירט, אַז ווען אַ סאָלדאַט באַגעגנט אַ עלצטן אין גאַס — דאַרף ער אים „סאַלודירן". ביים שאַפן די מדינה, ביים שאַפן די אידישע אַרמיי — איז אָט דאָס ניט געווען אין מאָדע. אַ סאָלדאַט האָט געמעגט באַגעגענען אַ „אלוף" (גענעראַל) איז ער אים פאַרבייגעגאַנגען „אומבאַמערקט". עס איז גע־ווען אַ דיסקוסיע וועגן דעם אין דער רעגירונג און אין דער אַרמיי און אַ ס ב ר א, אַז דערפאַר, טאַקע, האָט רענונסירט דער שעף פון גע־נעראַל־שטאַב. בן גוריון — אַזוי האָט מען דערציילט — דער סאָציאַ־ליסטישער מיניסטער פון זיכערקייט, איז געווען קעגן דעם מינהג פון די „קאַפּיטאַליסטישע" אַרמייען. מען האָט באַשטימט אַן אַנדער שעף פון גענעראַל־שטאַב וועלכער האָט א י צ ט דווקא יאָ איינגעפירט

דעם דאָזיקן „בורזשואַזנעם" מינהג װעלכער דאַרף די טעג אַרײַן אין קראַפט. צוזאַמען מיט אַט די ענדערונגען און נײַע רעגלאַמענטן פאַר פאַרשטאַרקן די דיסציפּלין צװישן די סאָלדאַטן, איז אױך דאָ דער רעגלאַמענט, אַז דער סאָלדאַט דאַרף װי יעדער בשר ודם זיך שטעלן אין „תור" װען ער װיל פאָרן!...

— — — — — — — — — — — — —

דעם ערשטן װיזיט װאָס איך שטאַט אָפּ אינדערפרי, איז דער „לשכת העתונאים של המדינה" — אין דער אָפּטײלונג פאַר זשורנאַליסטן בײַ דער מדינה — בעסער געזאָגט, בײַם אָפּיס פון פּרעמיער־מיניסטער. דאָרט, אין אַט דער װיכטיקסטער אָפּטײלונג פון דער מלוכה, נעמט מען אױף יעדן אױסלענדישן זשורנאַליסט און מען העלפט אים אין אַ ל ע ם אין װעלכען ער נױטיקט זיך. ספּעציעל — װײַזט מען אים ד אָ ס, װאָס קײן „פּשוטער" זשורנאַליסט קאָן ניט זען און קאָן אַהין ניט צוקומען. צו מײַן גליק, האָב איך, אַט די ביוראָ, זײער װײניק געדאַרפט באַלעסטיקן. די רעקאָמענדאַציע־בריװ און די פאַרבינדונגען, װאָס איך האָב געבראַכט און געקראָגן אין ישראל, האָבן שױן פון פריער געעפנט פאַר מיר טיר און טױער און איך האָב געזען אַ ל ע ם װאָס איך האָב געדאַרפט, געמעגט און געװאָלט זען...

װען די פירער פון „לשכה" האָבן גערעדט מיט מיר און געהערט װאָס איך האָב שױן געזען, האָבן זײ באַלד באַשטעטיקט, אַז איך בין... אַ חברה־מאַן! דער שענסטער קאָמפּלימענט װאָס אַ ישראל־איד גיט אײַך, איז — איר זענט אַ ח ב ר ה ־ מ אַ ן!

נאָך מײַן באַזוך אין דער „זשורנאַליסטן־ביוראָ" — דערמאָן איך זיך אַז איך דאַרף צופאָרן אין דער שיפס־קאָמפּאַניע „אַדריאַטיקאַ" און דאָרט רעזערװירן פאַר אונז די שיפס־קאַרטע און קאַיוטן אױף צוריק־װעג. מען האָט מיר אָפּגעגעבן אַ גרוס, אַז איך האָב שױן אַביסעלע פאַרשפּעטיקט! איך האָב עס געדאַרפט טאָן מיט אַ פּאָר װאָכן צוריק, װײַל די „קלײנע" שיפן װאָס פירן צוריק קײן איטאַליע — װערן „פאַרכאַפּט" און איבערפולט. מיט אַט די שיפן, פאָרן צוריק ניט בלױז די אידישע טוריסטן און „יורדים" אָדער „חזירים" פון ישראל — נאָר מערסטנטײל, פאָרן מיט זײ די קריסטן און גלחים װאָס זײַנען געפאָרן „עולה רגל" זײַן קײן אַלט ירושלים.

װען איך בין געקומען צו דער שיפס־געזעלשאַפט, בין איך טאַקע געװאױרע געװאָרן אַז עס איז שױן „שפּעט". די שיף „מעסאַפּיאַ" מיט

וועלכער איז וויל פאָרן קיין ווענעציע, איז שוין איבערפולט. ווער ווייסט, צו ווען איך האָב ניט ביי זיך מיין זשורנאַליסטן קאַרטע, און ווען איך דערמאָן ניט דעם נאָמען פון כערענטע פון „איטאַלמאַר" אין בוענאָס איירעס, דעם דר. ברונעללי, וועלכער איז מיט מיר פערזענלעך באַפריינדעט, ווער ווייסט, צו איך וואָלט ניט געהאַט קיין צרות מיטן קריגן א פלאַץ. איך האָב געהאַט א ספּעציעלן מזל. די פריילין וועלכע אַרבעט אין ביוראָ פון דער שיף-געזעלשאַפט און איז דאָרט די וויכטיק-סטע באַאַמטע, ביי איר האָב איך ספּעציעל נושא חן געווען און זי האָט מיר מינדלעך פאַרזיכערט אַז איך וועל האָבן א פלאַץ אויף דער „מעסאַפּיע". די דאָזיקע באַאַמטע רעדט א פּערפעקטן עברית און נאָך א פּערפעקטערן איטאַליעניש, רעדט אויך אידיש, שפּאַניש און נאָך עטלעכע שפּראַכן און פאַרדינט א דריט-חלק דערפון וואָס ביי אונז נעמט א מיידל פון אכצן יאָר אין א אָפּיסינאַ. זי האָט אָבער צו קיינעם קיין טענות ניט. זי באַנוגנט זיך מיט דעם וואָס זי פאַרדינט, און ווען איך האָב זי געפרעגט צו זי וואָלט געפאָרן קיין חוץ לארץ אָנעמען א שטעלע מיט דריי מאָל אַזוי פיל געהאַלט, מיט באַקוועמלעכקייטן און מיט... עסן א קילאָ פלייש א טאָג, האָט זי מיר געענטפערט: — תודה רבה! א שיינעם דאַנק! פאָרן — אַוועקפאָרן פון ישראל — פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט ניט!

לעבן זאָלן זיי, אַזעלכע אידישע טעכטער!

פאַרזאָרגט מיט א פלאַץ אויף דער שיף, לאָז איך זיך גיין אין א בית המשפט! מען האָט מיר דערציילט, אַז אויף היינט, איז אין דעם דאָזיקן בית המשפט! פאַראַן אַן אינטערעסאַנטער פּראָצעס. א אידענע האָט דערלאַנגט אויף א... רב! דער דאָזיקער רב, צוזאַמען מיט נאָך צוויי רבנים, האָט זי געצוואונגען — ניט געצוואונגען נאָר ממש אָפּגענאַרט — אַז זי זאָל באַקומען א גט פון איר מאַן.

ווען איך בין געקומען אין בית המשפט איז נאָך געווען צו פרי און דער זאַל איז געווען איבערפולט מיט באַקענטע פון ביידע צדדים. איך האָב געהאַט צייט זיך צוהערן, אויספרעגן און געוואָוירע ווערן וואָס דאָ קומט פאָר. די געשיכטע איז אי א קאָמעדיע, אי טראַגיש און זי איז פאָלגענדע:

דאָס פּאָרל זיינען ביידע נייע עולים פון רומעניע. זיין פרוי מיט צוויי קינדער און איר מאַן מיט איר זון זיינען אומגעקומען ביי די נאַציס. זיי האָבן זיך באַגעגנט אויף דער שיף קיין ישראל, זיך באַפריינ-

דעט און חתונה געהאַט אויף דער שיף. איצט, האָבן זיי שוין צוויי קינ-
דערלעך און זיי וואָלטן זיך געלעבט רואיק. איז ער אָבער געוואָרן אַ וואַ-
גאַבונד, אַרבעט ניט און וויל זי ניט שפּייזן! זי מוז אויך שווער אַר-
בעטן אויף אויסצוהאַלטן איר „שטוב” וואָס זי האָט אין דער „מעברה”.
זי גיט אים אויך געלט אויף צו טרינקען, צו אַלע גליקן, האָט ער זיך
גענעמען צום שיכור'ן און צו מאַכן איר סקאַנדאַלן! לעצטנס ,איז זי גאָר
געוואוירע געוואָרן אַז ער האָט אַ געליבטע וועלכע... האַלט אים
אויס. יענע, איז שוין אַ עלטערע פרוי און וואוינט שוין דרייסיק יאָר
אין לאַנד, און כאָטש ער איז מיט 20 יאָר יונגער פון איר, דאָך „פירן זיי
אַ ליבע”. זי האָט אַלץ געוואוסט און געשוויגן! די לעצטע פּאָר מאָנאַטן,
האָט ער אויפגעהערט נעמען ביי איר געלט און האָט אויך אויפגעהערט
צו שכור'ן. עס האָט געהייסן אַז ער האָט שוין אַרבעט! אָבער, זי איז
געוואוירע געוואָרן דעם אמת און האָט אים אָנגעהויבן מאַכן סקאַנדאַלן!
ביז אין אַ שיינעם טאָג, זיינען געקומען צו איר דריי אידן, זיי האָבן איר
געזאָגט אַז זיי קומען פון פּאָליציי און האָבן איר געבראַכט אַ בריוו. ווי
נאָר זי האָט גענעמען דעם בריוו אין די הענט, האָט איינער פון די דריי
איר געזאָגט: — דאָס איז דיין גט וואָס דיין מאַן שיקט דיר. זיי זיינען
אַוועק און זי געלאָזט אַ... גע'חלש'טע אויפן פּאָל. אַ דאַנק די געשרייען
פון די קינדער זיינען זיך אָנגעלאָפן די שכנים, זי אָפּגעראַטעוועט און —
אָט האָט זי איצט דערלאַנגט צום משפט אויף איר מאַן און דער עיקר —
אויפן רב וואָס האָט דעם גט געשריבן און איר אים איבערגעשיקט.

אַרום עלף אַזייגער איז געקומען דער מאַן מיט זיין אַדוואָקאַט. דער
באַשולדיקטער רב איז ניט געקומען. ער האָט צוגעשיקט אַ בריוו,
אַז ער האָט געהאַנדלט לויט דער תורה און לויט דער גמרא „גטין”. ער
קאָן בלויז קומען אַלס עדות אויב דער שופט וועט געפונען פאַר
נויטיק אַז ער דאַרף אים.

אַ קוק טאָן אויפן מאַן, האָט מען דערזען אַז מען האָט דאָ צו טאָן
מיט אַ זשוליק. אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק, מיט אַ טשופּרינקעלע וואָס
האָט געגלאַנצט פונעם פעטס מיט וועלכן ער האָט באַשמירט די האָר,
האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ „אדעסער קאַרמאַנטשיק”. גלאַט
ראַזירט, מיט אַ שיינעם געפּרעסטן אַנצוג — זיכער געקויפט ניט פאַר
זיין געלט און האָרעוואַניע — איז ער געשטאַנען נעבן זיין אַדוואָקאַט,
מיט אַ חוצפה'דיק שמייכעלע אויף די ליפּן. איך האָב געהאַט דעם איינ-
דרוק אַז ער שמייכלט — כדי ער זאָל ווייַ טאָן זיין פרוי, די מאַמע פון

זיינע צוויי קינדער. ער האָט געוואָלט וויזן, אַז אים איז גוט און וואויל און ער דענקט זיך ניט אומקערן צו איר אָרימקייט און וואַרטן אויף אירע פּיאַסטערס.

זיצנדיק אין געריכט-זאַל, ווער איך געוואוירע: לויטן אַלטן געזעץ וואָס שטאַמט פון דער מאַנדאַטן-מאַכט, האָט אַ רב די פולשטענדיקע אויטאָריטעט צו פּסקנען אין ענינים וואָס געהער דער משפּחה און מעג געבן אַ גט ווען ער איז גילטיק. אַזוי ווי ביי דער אַנשטייאונג פון דער מדינה איז געשאַפן געוואָרן אַ נייער געזעץ אָדער רעגלאַמענט אַז עס איז פאַראַן אויך אַ ציווילע מאַכט, אַ געריכט, וואָס האָט אַ דעה אין אַט די ענינים, שטיצט זיך איצט דער אַדוואָקאַט פון אַט דעם יונגערמאַן, אויפן געזעץ פון דער מאַנדאַטן-מאַכט — דאָס הייסט, אַז אויף זיין קליענט, דעם נייעם עולה, איז ניט חל דער נייער געזעץ אַז דער געריכט קאָן בטל מאַכן אַ גט אָדער צווינגען דעם מאַן צו צאָלן זיין פרוי און קינדער פענסיע.

דער שופט — איז געווען מיט אַן אַנדער מיינונג. ער האַלט אַז דער מאַן מעג טאַקע געבן אַ גט זיין פרוי אויב ער קאָן מיט איר ניט לעבן, ער דאַרף זי און זיינע קינדער מיט איר, פאַרזאָרגן מיט לעבנס-מיטלען. ביז ער טוט עס ניט — איז דער גט קיין גט ניט און אויב ער האָט שוין חתונה געהאַט ביי אַ רב מיט זיין געליבטער — איז ער עובר אויפן געזעץ פון ביגאַמיע און דאַרף דערפאַר גיין „זיצן".

מען מאַכט אַן הפסקה אויף 15 מינוט. דער שופט גייט דערנאָך אַריין אין זיין צימער, רופט אַריין אַהין דאָס פּאַר-פאָלק. אין צען מינוט אַרום גייען זיי אַרויס אַלע דריי. דער מאַן האָט צוריקגעצויגן דעם גט און אים צעריסן פאַרן פובליקום אין די אויגן. דער שופט — אַ אידישער מוח און אַ אידיש האַרץ — האָט אויף אים געווירקט...

פאַרן אוועקגיין געפין איך שוין אַ וועג צו ווערן באַפריינדעט מיטן „מזכיר" (סעקרעטאַר) פון בית המשפּט (געריכט). איך בעט ביי אים ער זאָל מיר אינפאָרמירן וועלכע אינטערעסאַנטע משפּטים עס וועלן בקרוב, באַטראַכט ווערן. איך וויל וויסן צו וועלכע צו קומען און זיי אויסהערן. לויט דער ליסטע פון די משפּטים ווייזט ער מיר די וויכטיקסטע:

א) ל. י. אַ באַאַמטער אין דער עיריה. קלאָגט אָן דעם אידעם וויל ער לאָזט אים ניט אַריין אין שטוב אַריין אָנקוקן דאָס ווייב — זיין טאָכטער און די אייניקלעך. דער איידעם האָט שריפטלעך געענטפערט אויף דער אָנקלאָגע. ער זאָגט אַז זיין שווער איז געוואָרן אַ... טרעפניאַק,

און ער האָט אים אַליין געזען פֿאָרן אום שבת מיט אַ „שירות״ — פֿאָלג־לעך וויל ער פֿון אים ניט וויסן. ער האָט מורא אַז ער זאָל ניט קאַליע מאַכן זיינע קינדער.

ב) יחיאל ש—ן. פֿאַדערט ביי זיין שווער... דעם צוגעזאָגטן נדן. סטראַשעט מיט אַ גט.

ג) ל. מ. באַאַמטער. זיין פֿרוי איז שטרענג פֿרום, וויל ניט נוצן דאָס פֿלייש וואָס קומט אָן פֿון אַרגענטינע און וואָס ווערט צעטיילט אויף די „כרטיסים״. פֿאַר זייער חתונה איז זי ניט געווען פֿרום און אויך ניט קיין „צדקת״. זיי האָבן 4 קינדער. דאָס ערשטע קינד איז געבוירן גע־וואָרן... 6 חדשים נאָך דער חתונה. פֿון דעמאָלט אָן, האָט זי אָנגע־הויבן „תשובה״ טאָן און איז געוואָרן אַזוי פֿרום, אַז זי דערגייט אים אַזש די יאָר. דער ערגסטער טאָג פֿון וואָך איז ביי אים... שבת. זי לאָזט אים, ממש, פֿון דער שטוב ניט אַרויס און היט אים אַז ער זאָל, חלילה ניט רויכערן אָדער אָנצינדן אַן עלעקטרישן לאָמפּ ביז מען זעט ניט גוט, גוט, אָן די שטערן...

פֿאַראַן אַ פּאָר משפּטים וועגן „שליסל־געלט״. מען האָט פֿאַרקויפֿט — טראַנספֿערירט — די קלייט אָדער דירה און חרטה געהאַט. די מער־סטע פֿון אָט מישפּטים זיינען צווישן נייע עולים. ביידע זיינען „ספּעקו־לאַנטן״. מען קויפֿט און מען פֿאַרקויפֿט איבער און אין איין טאָג פֿאַר־דינט מען עטלעכע הונדערט פֿונט. לשבח די ישראלים — ביי די אַלט־געזעסענע איינוואוינער איז אַ וואָרט — אַ וואָרט! פֿאַרקויפֿט — איז פֿאַרקויפֿט. דער „מזכיר״ פֿון געריכט ווייזט מיר אויף די אַלע משפּטים וועגן שליסל־געלט — זיינען בלויז צווישן די אייראָפּעער עולים.

פֿון בית המשפּט שפּאַציר איך אַוועק אין דער „עיריה״ — די מוני־ציפּאַליטעט פֿון תל אביב.

ווי יעדער דעמאָקראַטישע שטאָט, איז די „עיריה״ פֿון תל אביב — אַ מלוכה פֿאַר זיך. גראַדע ביי מיין אָנקומען אַהין האָט מען אויסגע־קליבן אַ נייעם „שטאָט־מעיאָר״, אַ נייעם אינטענדענט, אַ יונגן ענערגישן מענטשן ושמו לבון. ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אויפֿן פּלאַץ פֿון לאַנג־יאָריקן ראש העיר רוקח וועלכער איז געוואָרן אַ מיניסטער.

ביי די תל אַביב׳ער אידן איז אוודאי געווען אַ גרויסע פֿרייד וואָס זייער שטאָט־אינטענדענט איז דערהויבן געוואָרן צו אַ מיניסטאָרן־פּאָסטן, אָבער מיט זיי איז געשען דער „ויחד יתרו״. עס האָט זיי גע־

פרייט און עס האָט זיי ווייז געטאָן. זיי האָבן רוקח׳ן שטאַרק ליב גע־האַט. ער איז געווען דער אמתער געטרייער פאַטער פון דער שטאָט תל אביב. ער האָט ליב געהאַט די שטאָט און האָט זייער געזאָרגט פאַר איר. אים, רוקח׳ן, איז צו פאַרדאַנקען דעם פּראָגרעס פון תל אביב, די נייע שיינע גאַסן און די הונדערטער נייע געביידעס פאַר אַרבעטער. אַגב, רוקח — אַזוי דערציילן די תל אביב׳ער תושבים — האָט קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט קיין ערלעכן באַאַמטן צוליב מאַנגל אין אַרבעט. ער האָט שוין געפונען ערגעץ אַרבעט פאַר אים און אים געלאָזט אויף זיין פּאָסטן.

דער נייער שטאָט־בעל הבית, איז אויך אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אָבער צו רוקח׳ן —קומט ער ניט...

אין „עיריה״ איז רעש׳יק. הונדערטער און הונדערטער מענטשן יונג און אַלט, „ווייסע״ און „שוואַרצע״ זיינען דאָרט דאָ. מען קומט צאָלן שטייערן פאַר וואַסער און מען קומט זיך קלאָגן פאַרוואָס פון קראַנט רינט ניט קיין וואַסער. מען קומט צאָלן שטייערן און מען קומט זיך קלאָגן פאַרוואָס מען לאָזט ליגן אַ געפּייגערט פערד עטלעכע טעג אויף אַ פּלאַץ וואו מענטשן וואוינען און קינדער שפּילן זיך. מען קומט נאָך אַ דערלויבעניש אָף אַ קליטל אָדער קיאָסק און מען קומט מעלדן אַז מען האָט שוין פאַרקויפט דאָס קליטל אַ צווייטן.

פאַר אַ טוריסט, פאַר אַ אידן וואָס האָט תמיד געחלומט וועגן ציון און וועגן תל אביב, איז אַ דערפרייעניש. עס גלעט ביי דער נשמה, ער זעט אַז דער גרויסער עולם וואָס קומט איז בלויז אידן און אַלע באַאַמטע וואָס אַטענדירן זיינען אויך בלויז אידישע מענטשן. מען רעדט עברית! אַ סך עברית! די גרעסטע טייל רעדט מען עברית. מען רעדט אָבער אויך אידיש. מיט די נייע עולים וועלכע קאָנען נאָך ניט קיין עברית — מאַכט מען ניט קיין שוועריקייטן און מען רעדט מיט זיי אויף דער שפּראַך וואָס זיי פאַרשטייען! אין אַ שעה צייט, האָב איך געהערט רעדן: — עברית, אידיש, רוסיש, ענגליש, אַראַביש (מיט איראַקער) פּויליש, דייטש און רומעניש. געווען אויך צוויי עולים פון גריכנלאַנד וועלכע האָבן ניט געקאָנט קיין אַנדער שפּראַך ווי גריכיש — האָט מען זיך טאַקע געמוטשעט מיט זיי און זיך איינפאַרשטאַנען אויף אַ שפּראַך וואָס איז געווען חצי רוסיש און חצי... איטאַליעניש. איינער פון די באַאַמטע האָט מיר געמאַכט אַ וויץ: — מען דאַרף ברענגען בן גוריונען! ער קאָן גריכיש זאָל ער מיט זיי רעדן!

איך האָב געפּרוּווט זיך באַמיען וועגן אַן אינטערוויו מיטן הער

לבון — אָבער, עס איז מיר ניט געלונגען! ער איז איצט אין ירושלים. מען וואַרט אויפן אָנקום פון אַמעריקאַנער אויסערן מיניסטער פאָוסטער דאַלס. דאַרף דער שטאַט־אינטענדענט זיין ביי דער אויפנאַמע.

דאָס אָנקומען פון פאָוסטער דאַלס האָט זיך שטאַרק געפילט אין תל אביב. מען איז געווען אויסערגעוויינלעך נערוועזיש. די קאָמוניסטן מיט די סנה׳איסטן האָבן פאַרקלעפּט די ווענט מיט פּלאַקאַטן און פאַרשמירט מיט אויפשריפטן קעגן דאַלעסעס קומען קיין ישראל. אין פאַראַנטוואָרטלעכע אידישע קרייזן, האָט מען פּשוט מורא געהאַט אַז איינער אַ היץ־קאָפּ אָדער אַ באַצאָלטער אַגענט פון מאָסקווע זאָל אויף דער ישראל־טעריטאָריע ניט וועלן מאַכן אַן אַטענטאַט קעגן דאַלס׳ן און דערמיט פאַרערגערן די באַציאונגען צווישן ישראל און אַמעריקע. מען האָט זיך געוויצלט אין ישראל, אַז מען האָט באַשטימט עטלעכע הונדערט געניטע פּאָליציסטן וועלכע זאָלן אין טעג פון דאַלעסעס זיין אין ישראל גוט, גוט היטן די... קאָמוניסטישע פירער און זיי נאָכגיין פיס־טריט. פאַראַנטוואָרטלעכע תושבים פון ישראל האָבן שוין געבעטן גאָט אַז דער „קאַשמאַר" דאַלעס — זאָל זיך וואָס שנעלער ענדיקן. ער זאָל שוין קומען און זאָל שוין אַוועקפאָרן געזונטערהייט. אַגב. אין יענע טעג האָט זיך אויך גערודערט אין ישראל די געשיכטע מיטן באַוואוסטן שרייבער־וואַנדערער ח י י ם שאַשקעס. מען האָט דערציילט געשיכטעס ווי אַזוי ער האָט זיך אַריינגעגנב׳עט אין די אַראַבישע לענדער און איז אַזש געווען ביים כותל המערבי. אין גאַנץ ארץ ישראל האָט אַט די געשיכטע פאַרנעמען דעם אויבן אָן פון די געשפּרעכן. געווען אַ סך וואָס האָבן גאָרניט געגלויבט אַז שאַשקעס איז טאַקע דאָרט געווען. אויך די צייטונגען זיינען געווען קאַרג אויף אינפאָרמאַציע וועגן א ז א אינטערעסאַנטנעם ענין. ערשט, ווען מען האָט געזען שאַשקעס בילד מיט זיין פּרוי פאָטאָגראַפירט נעבן כותל המערבי האָט מען אָנגעהויבן צו גלויבן און מען האָט שאַשקעסן זייער שטאַרק געלויבט פאַר זיין גע־וואַגטקייט.

נאָך מיטיק האָב איך אַ באַגעגעניש מיט צוויי נייע פריינט. ביידע זיינען באַאַמטע אין אויסערן־מיניסטעריום און ביידע גרייטן זיך צו אַי־בערלאָזן תל אביב און זיך אַריבערקלייבן מיט זייערע פאַמיליעס קיין ירושלים. זיי דערציילן מיר „בסוד", אַז עס איז שוין אַ פאַרטיקער באַשלוס פון דער רעגירונג איבערפירן אַט דעם מיניסטעריום קיין ירושלים — אין דער אידישער הויפּטשטאָט, און — זאָל זיין וואָס עס וויל

זיך! מען קאָן מער ניט טאָלערירן אַזאַ סיטואַציע!... זיי ווייסן אַז דאָס וועט אַרויסרופן אַ שטורעם און אפשר קאָנסעקווענצן אָבער — מען איז אַנטשלאָסן! די וועלט האָט זיך לעצטנס צוגעוואוינט צו געשעענע פאַקטן — וועט זיין נאָך איין פאַקט מערער! אין דבר! מען וועט זיך צוגוואוינען!

רעדנדיק, אַזוי זיך, מיט מייניַ צוויי פריינט, ווער איך געוואוירע פון זיי אַז זיי זיינען ספרדים אָין זייערע אור-עלטערן זיינען דאָ געבוירן געוואָרן. אגב, געבן זיי זיך פאַר מיר אַ באַרים, אַז די ספרדים און די אָריענטאַלער, פאַרנעמען אין ישראל בכלל און אין מיניסטעריומס און אָפיסינעס — זייער אַ הויכן פּראָצענט! טאַקע ממש אַריבער פופציק פּראָצענט! און אַז זיי האַלטן זיך שוין ביים באַרימען, דערציילן זיי, אַז די גרעסטע טייל פון אָט די באַאַמטע פילן זיך אַלס בעלי הבתים פון דער סיטואַציע. זיי זיינען זיכער אַז אין אַ צענדלינג יאָר אַרום וועלן זיי יאָ זיין די אַבסאָלוטע מערהייט און די רעגירונג וועט איינשטיין ביי זיי אין די הענט...

וועגן אָט דעם ענין — האָב איך באַשלאָסן צו דיסקוטירן מיט מיינע פריינט — די אשכנזים!...

קוים דערלעבט דעם פאַרנאַכט און איך בין אַוועקגעפאָרן צו דער מסיבה פון מיין אום-אַקאַנטן פריינט אין פתח תקווה, לכבוד זיין טעכטערל וואָס גייט „דינען"... ווייסנדיק אַז איך גיי אין אַ פרומער שטוב, האָב איך זיך אָנגעטאָן אַ... גאַלסטיק און מיטגענומען מיין שליאפּע.

— — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין געקומען קיין פתח תקווה צום הויז פון הער ש. י. האָב איך שוין געטראָפן אַ היפּשן עולם. צווישן זיי — אַ פּאָר פון מיינע אַלטע פריינט וועלכע האָבן טאַקע אָנגעוויזן מיך איינצולאַדן. דער בעל הבית פון הויז, אַ מענטש אין די ווייטע פופציקער, מיט אַ שיינעם הדרת פנים און אַ שפּיציק בערדעלע אָנגעטאָן מיט אַ יאַרמעלקעלע אויפן קאָפּ, האָט מיך אויפגענומען גאָר, גאָר פריינטלעך. זיין פריילעך פנים און זיין באַנעמונג בכלל האָבן ניט אַרויסגעצייגט אַז ער זאָל שטיין ערב אַ גרויסן „אומגליק" וואָס זיין מעזינקע גייט אַוועק אין דער אַרמיי! זי גייט ווי אַ פשוטער סאָלדאַט און זי האָט זיך פאַרשריבן אין קאָרפּוס פון די „פּאַראַקאַאידיסטן". אויך די גברת פון הויז, די מאַמע וואָס באַגלייט אַרום איצט איר געצערטלט טעכטער'ל, האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום טרויער אָדער זאָרג, און האָט מיך אויפגענומען מיט אַ ברייטן

און קלינגענדיקן שלום און באַלד — טאַקע, דעם קלאַסישן; מה שלומך?
אין אַ פּאָר מינוט אַרום פירט מען מיר אַריין די „סאַלדאַטקע" אַ שיין צאַרט, מיידעלע. בלוט און מילך, איר פּנים'ל שיינט פון פרייד. זי דערלאַנגט מיר די האַנט, אַ קליין וואַרעם הענטעלע, וואָס גייט זיך לערנען ווי אַזוי צו האַלטן דעם שטריק פון „פּאַראַקאַאידאַ" ווען זי וועט מאַכן די איבונגען אויף אַראָפּלאָזן זיך אויף דער ערד. איך ווער עמאָציאָנירט, טרערן שטעלן זיך מיר אין די אויגן, און איך בעט ביי איר דערלויבעניש אַז איך זאָל איר אַ קוש טאָן דאָס הענטעלע. זי שטעלט מיר אונטער דעם שטערן אויף וועלכן איך שטעמפּל אָפּ אַ הייסן און — פון טרערן — נאַסן קוש.

15 מינוט נאָך דער באַשטימטער צייט זעצן מיר זיך אויס אַרום געדעקטע טישן. מיר זיינען 24 געסט אַ חוץ די בעלי הבתים, זייערע קינדער: צוויי זין, צוויי שנירן, אַ אויסגעגעבענע טאָכטער וועמענס מאַן איז געפאַלן אין שלאַכט און דאָס מעזינקעלע. דער צימער איז גענוג גרויס, דאָך, איז ענג און עטלעכע מענער און פרויען מוזן שטיין! אָבער, אין דבר! קיינער פילט זיך ניט געקריוודעט. שפּעטער וועט מען זיך בייטן מיט די ערטער. אויף די צוויי טישן איז אויסגעשטעלט „לחיים" — אַלץ פון תוצרות הארץ — און היימיש געבעקס.
דער בעל הבית עפנט די מסיבה. ער שטעלט זיך אויף, פולט אָן זיין כוס מיט אַ גלאָז כרמל-וויין, הויבט אים אויף און זאָגט:
„מרגן ורבנן. חברים וחברות. אורח מאַרגענטינאַ. שלום וברכה!
איך האָב אייך היינט איינגעלאַדן צו מיר אויף „קידוש". אַלס מיינע פריינט — כאָטש אַ סך פון אייך זיינען טעטיק אין פאַרשידענע מוסדות און פּאַרטייען ווי איך. איך האָב געהאַט צוויי כוונות. די ערשטע — אַלס מיינע פריינט זאָלט איר זיך מיט מיר טיילן די פרייד און פאַרגעניגן וואָס איך באַגלייט אַרום בשלום מיין טייער טעכטער'ל וועלכע גייט דינען דעם פאָטערלאַנד, גייט זיך לערנען האַלטן אַ ביקס אין די הענט כדי מיט איר קאָנען פאַרטיידיקן איר כבוד, איר לעבן, דאָס לעבן פון אירע עלטערן און דאָס לעבן פון אירע ברידער, שוועסטער און אַלע אידן פון אונזער טייערער מדינה. איך האָבן דעמאָנסטראַטיוו, געוואָלט דערוויזן מיין אָנשליסונג צו אָט דער אידעע, אַז מען דאַרף לערנען אַלע איינוואוינער פון ישראל, יונג און אַלט, מאַן און פרוי, צו האַלטן אַ ביקס און זיין גרייט ווען דער שונא וועט אונז וועלן אָנפאַלן. שוין אַוועק די צייטן ווען אונזערע טעכטער און פרויען האָבן זיך גע-

לאָזט מטמא זיין פון די רוצחים! שוין אַוועק די צייטן ווען אונזערע בחורים אין די ישיבות האָבן זיך געלאָזט אויסשעכטן פון די אויסוואור-פן! איצט איז פאַרן אידישן פאָלק אויפגעשטאַנען אַ נייע צייט! מיר האָבן דערלעבט צו זען מיט אונזערע אויגן דעם אויפקום פון דער אידישער מדינה, דאַרפן מיר פאַר אָט דעם זכות באַצאָלן!

עס הויבט זיך איצט אויף אין לאַנד אַ שטורעם קעגן דעם אַז מען זאָל נעמען פרויען צום מיליטער-דינסט. פאַראַן אַ סך גאָטספאָרטליכע מענטשן, וואָס מיינען טאַקע אין דער אמת'ן אַז זיי טוען אַ מצווה ווען זיי ווילן קעמפן קעגן דעם אַז מען זאָל לערנען אונזערע טעכטער האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט. פאַראַן צווישן אָט די פראָטעסטירער אַזעלכע וואָס זוכן אַ ראיה מן התורה אַז מען טאָר קיין פרויען ניט נעמען צום מיליטער-דינסט און מען טאָר זיי ניט לערנען האַלטן אַ רעוואָלווער אָדער אַ ביקס אין דער האַנט. אין דער אמת'ן, איז אַזאַ פאַרבאָט אין דער תורה און אינערגעץ ניט פאַראַן. וואָס איז דאָ — איז אַ בפירושער דין, אַז מיידלעך דאַרפן בשעת הסכנה, גיין העלפן פאַרטרייבן דעם שונא. עס שטייט אַפילו בפירש אָנגעוויזן ביים רמב"ם הקדוש, אַז אַפילו „כלה מחופתה" אַ כלה פון אונטער דער חופה — אויב מען דאַרף העלפן פאַר-טרייבן דעם שונא — דאַרף זי אַוועקגיין פון אונטער דער חופה און זיך אָנשליסן אין מיליטער.

וואָס זשע: — אָט די אויפריכטיקע הרידים — ניט יענע וואָס זוכן צו שאַפן פּאָליטיק פון דעם — קומען איצט און זאָגן, אַז עס איז איצט ניטאָ קיין סכנה. דער שונא פאַלט ניט אָן! ווען ער וועט, חס וחלילה, אָנפאַלן — דעמאָלט וועלן זיי ניט האָבן דאַקעגן אַז זייערע טעכטער זאָלן נעמען די ביקס און זיך גיין שלאָגן מיטן שונא! אָבער, רבותי! וואָס פאַר אַ ווערט וועט האָבן זייער גיין, ווען זיי וועלן ניט קאָ-נען האַלטן קיין ביקס אין דער האַנט? דער שונא, רחמנא לצלן, וועט זיי ממית'ן און וועט די ביקס צונעמען פאַר זיך! ווען דער שונא וועט אָבער ווייסן אַז יעדער אידישע טאָכטער קאָן האַלטן געווער אין די הענט, קאָן שיסן מיט האַרמאַטן, קאָן זיך אַראָפּלאָזן מיט אַ „פּאַראַשוט", וועט ער מורא האָבן אָנצופאַלן און מע וועט ניט שטעלן אין סכנה אונ-זער לעבן.

רבותי. חברים און חברות. כאָטש איר זענט מיינע געסט, בעט איך אייך נעמט אַ וואָרט צו אָט דעם ענין און לאָמיר הערן אייערע מיינונגען. אפשר? מעגלעך, אַז איך בין ניט גערעכט! אדרבא"!...

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט ביז איינער פון די ביווּעזנדע האָט גענומען אַ וואָרט. יעדער איינער פון אונז איז געזעסן אָן אי־בערראַשטער, אַ באַגייסטערטער פון אַ טאַטנס רייד וועלכער שיקט זיין טעכטערל אין אַזאַ שווערן וועג. דער בעל הבית — ווי איך בין עס באַלד געוואוירע געוואָרן, געהער צו דער פּאַרטיי „הפועל המזרחי" און ער איז איינער פון די ענטוזיאַסטישע שטיצער פון דער רעגירונג בכלל און פון געזעץ פון „פּרויען־דינסט" בפרט. ער איז אַ מוכר ספרים. ער האָט אַ געשעפטעלע פון ביכער אין תל אביב און האָט שוין עטלעכע מאָל אָפּ־געוואָרפן אָנבאָטן פון זיין פּאַרטיי און פון דער רעגירונג אָנצונעמען אַ באַצאָלטן פּאָסטן וואָס וואָלט אים געגעבן אַ רואיקער לעבן ווי פאָרן 4 מאָל אַ טאָג קיין און פון תל אביב.

דאָס ערשטע וואָרט האָט געבעטן אַ גאַסט, וואָס לויט זיין פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט איז ער — אַ „אגודה'ניק". ער האָט נ י ט גערעדט — נאָר געשריען! ער האָט געקלאַפּט מיט דער האַנט אין טיש און פּראָ־טעסטירט קעגן נעמען... פרומע מיידלעך צום מיליטער־דינסט. איר שרייט דאָך אַליין — זאָגט ער — אַז מיר לעבן אין אַ מאָדערנער וועלט! נו, ווען דער רמב״ם עליו השלום, האָט געזאָגט אַז אפילו „כלה מחופתה" דאַרף גיין פאַרטיידיקן איר לאַנד און כבוד, דעמאָלט זיינען געווען אַנדערע יונגעלייט און אַנדערע... סאָלדאַטן און עס איז ניט געווען קיין געפאַר אַז דאָס מיידל וועט נכשל ווערן. די סאָלדאַטן זיינען געווען גאָטספאָרטיקע בחורים וועלכע האָבן אפילו ניט געקוקט אויף קיין בתו־לה. היינטיקע בחורים, היינטיקע יונגעלייט, זיינען אַנדערע. עס וועט ווערן אַ קאָרופּציע! מען קריכט דעם שטן אין פּנים אַריין! מען רייצט זיך מיט אים, און דער שטן, די „סטרא אחרא" איז שטאַרקער פון אונז. און אַזוי ווי דער רבונו של עולם האָט אונז געהאָלפן צוריק מיט פינף יאָר און מיר האָבן מנצח געווען אונזערע שונאים — אָן דעם אָנטייל פון אונזערע בתולות, און מיר האָבן זיי באַזיגט ד אָ ן ווען מיר האָבן גאָרניט געהאַט און בלויז מיט'ן אויבערשטנס הילף, וועלן מיר זיי — חלילה וחס, בשעת הדחק, ווען עס זאָל זיך זיי פאַרגלוסטן ווידער אָנ־הויבן מיט אונז — נאָך מער צעשלאָגן! מ י ר, די מענער, אַלטע און יונגע, קינדער אפילו, וועלן גיין אין מילחמה! אָבער אונזערע טעכטער, דאָס הייליקסטע וואָס מיר האָבן, דאַרפן מיר א י צ ט לאָזן צורו! און אויב די אַפּיקורסים, די רעגירונג, וועט וועלן מיט כוח זיי נעמען, וועלן זיי גיין אויף קידוש השם און זיך ניט לאָזן פירן!...

זיינע רייד — דערהויפּט זיינע סטראַשונקעס, האָבן געמאַכט גאָר, גאָר אַ שלעכטן איינדרוק אויף אַלע בייוועזנדע. עס האָט גערויערט אַ פּאָר מינוט ביז איינער פון אונז האָט געבעטן דאָס וואָרט.

עס רעדט איצט אַ איד וואָס... איז ניט אָנגעשלאָסן אין קיין שום פּאַרטיי! זייער ווייניק אידן זיינען דאָ, אַזעלכע, אין ישראל! עס איז, ממש אומגלויבלעך, אַז עס זאָל זיך געפינען אין ישראל אַ איד וואָס זאָל ניט זיין אָנגעשלאָסן אין איינע פון די צוויי צענדלינג פּאַרטייען וואָס אַק־טואירן אין ישראל. דאָך, ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט ער דאָס ערשטע דערקלערט, אַז ער איז אַן אומפּאַרטייאישער, סימפּאַטיזירט ניט מיט קיין שום פּאַרטיי און סימפּאַטיזירט מיט אַלע פּאַרטייען וועלכע מיינען גוטס פאַר ישראל.

„איך בין דערפאַר אַז מען זאָל נעמען די מיידלעך צום מיליטער־דינסט, ווייל איך האַלט, אַז מיר געפינען זיך נאָך אין אַ עת צרה, מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט וועלף און שלענג און מיר דאַרפן זיין גרייט, מיר און אונזערע ווייבער און קינדער, צו נעמען אַ ביקס אין דער האַנט און זיך גיין פּאַרטיידיקן!

מיר זיינען זייער ווייניק קאַמפּס-פעאיקע מענער אין ישראל און אונ־זערע מיידלעך — אַ געזונט אויף זיי — האָבן דערוויזן, אַז זיי זיינען פעאיק אונדז צו העלפן צו פאַרטרייבן דעם שונא פון אונזערע גרענעצן.

אגב. כאָטש איך מיש זיך ניט אין פּאָליטיק, דאָך בין איך שטאַרק אויפגעבראַכט אויף אונזער רעגירונג פאַר איר דיסקרימינאַציע קעגן די טויזנטער און טויזנטער אידישע טעכטער אונזערע, ווען זי האָט איינ־געטיילט אין צוויי טיילן: „פרומע" וואָס האָבן פּריוועליגיעס און, רחמנא לצלן, וועלטלעכע, ווען מען מעג שיקן אויף די געפערלעכסטע ערטער מיט דער ביקס אין דער האַנט און מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס וועלכע וועגט עטלעכע און צוואַנציק קילאָ. די „פרומע" טעכטער אונזערע, דאַרפן ניט גיין דינען און ווילן אַפילו ניט גיין אַרבעטן פאַרן וואוילזיין פון לאַנד. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן לשם פּאָליטיק, כדי צו האָבן די פרומאַקעס אין דער רעגירונג! דאָס איז די גרעסטע עוולה וואָס אַ אידישע מדינה קאָן באַגיין קעגן אידישע טעכטער!

אַ טייל פון אייך ווייסן מן הסתם. איך האָב געהאַט צוויי טעכטער אין דער אַרמיי און — זאָל די וועלט וויסן — זיי זיינען געקומען צוריק פונקט אַזוי פיין און אַנשטענדיק, פונקט אַזוי מאָראַליש פיין ווי זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען! און... אָט נעבן מיין שיכון, בלויז דריי שפּאַן

פון מיר וואוינט אַ איד אַ פּרומאַק, אַ שוחט, ער פירט אַ העכט-כשרע שטוב און זיין טעכטערל שלעפט זיך אַרום מיט וואַגאַבונדן גאַנצע נעכט און אַ סברא אַז זי קלויבט זיך צו מאַכן איר טאַטן פּאַר... אַ זיידן! נו, איז עס דען קיין באַוויז אַז ווען אַ מיידל דאַרף זיין אַנשטענדיק — דאַרף זי ניט אָנקומען צו פרומע... תּרוצים?״

עס באַקומט דאָס וואָרט אַ יונגער מענטש וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן און... זיך געביסן די שפּיץ פינגער! ער האָט זיך אַלעמאָל געהויבן פון בענקל און דער בעל הבית האָט פאַרשטאַנען אַז ער וויל רעדן! ער האָט ניט גערעדט נאָר געשריען! ער האָט ממש געפינעט מיט שוים אויף די ליפּן! ער האָט אָנגעהויבן מיט גאָט אויף די ליפּן און האָט הונדערט מאָל אַרויסגעבראַכט דעם רבונו של עולם׳ס נאָמען אַלס זיין „קליענט״ וועמען ער פאַרטיידיקט!

רשעים! עוכרי ישראל! אחאב׳ס קינדער! אָט דאָס זיינען די פּאַ־סיקע ווערטער פאַר די וואָס ווילן שיקן אונזערע קינדער אין די קאַ־זאַרמעס! מען רייצט זיך מיט גאָט! מען רייצט זיך מיט׳ן „סמואל״ מען וויל שיקן אונזערע פרומע טעכטער אין גרויסע בתי זונות וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן „קאַזאַרמעס״. אַפילו דער צאַר ניקאָליי האָט עס ניט געטאָן! מיר׳ן ניט לאָזן אונזערע טעכטער גיין אַהין! יהרוג ולא יעבור! בעסער זיי שעכטן אין דער היים!...

די גאַנצע צייט וואָס דער פרומער איד האָט געשריען — איז יעדע־רער געזעסן שטיל און מען האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם! ווען ער, אָבער, האָט אויסגעשריגן זיין „יהרוג ולא יעבור״ מען וועט די טעכ־טער... אויסשעכטן — איז געוואָרן אַ געלעכטער! עס האָבן געלאַכט אַ ל ע, אַפילו די יעניקע וועלכע זיינען געווען קעגן דעם געפּלאַנטן גע־זעץ! מען האָט געלאַכט, ווייל אַ איד רעדט וועגן... קוילען זיין טאָכ־טער אויב מען וועט זי נעמען דינען. נאָך מער. לויט ווי דער נייער גע־זעץ דאַרף אָנגענעמען ווערן — וועלן גאָר די פרומע מיידלעך ניט דאַר־פן גיין דינען אין דער אַרמיי, ניט זיי וועלן שטיין אונטער דער אויפ־זיכט פון דער אַרמיי-שעפאַטור, נאָר גאָר פון אַרבעטס-מיניסטעריום. זיי וועלן דאַרפן אַרבעטן אין ערטער — ניט ווייט פון זייער היים, זיי וועלן אַרבעטן אין אַ שפּיטאָל, אין אַ מעברה, און בכלל ווי אַ פרוי — אַ פרומע פרוי — קאָן ברענגען עפּעס נוצן.

דאָס לעצטע וואָרט האָט... די נייע סאָלדאַטקע. איר שיין פּנימל איז רויט, אויפגערעגט, אין כעס! דער לעצטער רעדנער — דער פּרו־

מאַק האָט זי אויפגעבראַכט און ווען זי הויבט אָן רעדן, האַלט זי די דינע, שיינע הענטעלעך פאַרמאַכט אין קולאַקן, גרייט צום קאַמף!...

— איך וואָלט געוואָלט פרעגן דעם אדון מילניצקי: ערשטנס — וועלכע מיידלעך וועט מען שעכטן? בלויז די פרומע, אָדער א ל ע וואָס וועלן גיין דינען? איך מיין צו פרעגן: — צי די גאַנץ-פאַרטיידיקער וואָס ווילן נישט דערלאָזן אַז זייערע קינדער זאָלן גיין אין מיליטער, צו אַרט זיי ניט, וואָס די איבעריקע ניינציק פּראָצענט אידישע מיידלעך גייען יאָ און זיי ווילן בלויז „ראַטעווען" זייערע טעכטער אָדער, זיי וועלן זיך אָננעמען אונזער „קריוודע" א ו י ך! אויב זיי דענקען דאָס לעצטע? זיינען מיר זיי מוחל! מיר זיינען שטאַלץ צו גיין זיך לערנען ווי אַזוי צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד. און יענע עלטערן און יענע מיידלעך וואָס ווילן עס ניט טוען — זיינען ניט ווערט דעם זכות וואָס אין זייער דור איז אויפגעקומען מדינת ישראל!

לעבן זאָל די אידישע מדינה! לעבן זאָלן ד י וואָס האָבן זי אויפגעשטעלט און זאָרגן פאַר איר קיום! אַ טויט אירע שונאים און אַ שאַנדע פאַר יענע וואָס העלפן דירעקט אָדער אומדירעקט די שונאים פון אונדזער ליבער מולדת!

— — — — — — — — — — — — —

דעם דאָזיקער אויפדערנאַכט וועל איך קיינמאָל אין לעבן ניט פאַרגעסן! דער גאַנצער עולם האָט זיך געוואָרפן צו דער „סאָלדאַטקע" באַגריסן און קושן זי! מען האָט זי געהויבן אין דער לופטן! אַ פּאָר פון די ביייוועזנדע זיינען... אַוועקגעגאַנגען ברוגז!

אגב. דער באַרימטער אידישער זשורנאַליסט, עקספּערט אין מיליטערישע ענינים ר א ו ב ן ר ו ב י נ ש ט י י ן, האָט שפּעטער בעת דער געזעץ פּראָיעקט פון „פרויען-דינסט" איז באַהאַנדלט געוואָרן אין כנסת, אויפגעקלערט עפנטלעך אַט וואָס:

מיידלעך וועלכע דערקלערן, אַז צוליב טעמים פון רעליגיע אָדער געוויסן קענען זיי ניט דינען אין מיליטער. איז פאַראַן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָלכע קאָנטראָלירט צי איז טאַקע דאָס מיידל רעליגיעז און צי זי פירט אַ רעליגיעזן לעבנס-שטייגער.

ווער גייט אַריין אין דער דאָזיקער קאָמיסיע?

אַ פאָרשטייער פון מיליטער, אַ פאָרשטייער פון זיכערקייט-מיניסטעריום, אַ פאָרשטייער פון מיליטערישן ראַבינאַט, אַ רעליגיעזע פרוי, וועלכע רעפּרעזענטירט אַ רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע און צום סוף אַ פאַר-

שטייער פון רעליגיעס-מיניסטעריום. פון אַט די פינף קאָמיסיע-מיטגלי-דער זיינען דריי רעליגיעזע מענטשן — און דאָס איז די בעסטע באַווייזעניש, אַז דאָס פרומע מיידל, וועלכע קומט פאַר דער קאָמיסיע, געפינט אָפענע אויערן פאַר איר בקשה.

פאַרשטייט זיך, ניט אַלע פרומע מיידלעך דעקלאַרירן זייער ווילן זיך צו באַפרייען פון מיליטער-דינסט. אַנדערע רעליגיעזע מיידלעך דינען גאַנץ גערן אין מיליטער און זעען ניט אין דערין קיין שום פגימה אָדער פאַרלעצונג פון זייער געוויסן אָדער רעליגיעזע שטימונגען.

פאַרוואָס-זשע איז איצט ווידער אויפגעהויבן געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון דינסט פאַר פרומע מיידלעך? איבער אַ גאַנץ פשוטן טעם. עס איז שוין לאַנג רייף געוואָרן די שאלה: צי איז יושרדיק, אַז אַ טייל מיידלעך זאָלן דאַרפן צוויי יאָר דינען אין מיליטער און אַן אַנדער טייל זאָל לחלוטין זיין באַפרייט פון אַט דער מצווה און זאָלן ניט ביישטייערן קיין שום חלק אין דער אַרבעט פאַר דער מדינה? פאַרוואָס קומט עמעצן פון די ישראל-בירגער אַזאַ פּריווילעגיע? אין אַ דעמאָקראַטישער מדינה האָבן אַלע בירגער גלייכע רעכט און אויך גלייכע פליכטן. אַט פאַרוואָס די רעגירונג איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן איינצופירן פאַר רעליגיעזע מיידלעך, וועלכע ווילן ניט דינען אין מיליטער, אַ ציווילן דינסט.

דאָס מיידל ווערט גערופן צו אַרבעטן אין משך פון צוויי יאָר אין ריין-ציווילע אַנשטאַלטן און ווירטשאַפטן. דאָס מיידל אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט, אָבער דווקא נאָר אין אַזאַ לאַנדווירטשאַפטלעכן פּונקט, וואָס פירט אַ רעליגיעזן לעבנס-שטייגער, זי זאָל זיך קענען אויסלעבן אין אַ פרומער סביבה און קענען אָפּהיטן אַלע מצוות און מנהגים אומגעשטערט. דאָס מיידל קען אַרבעטן אין אַ צענטער פון נייע עולים, אין אַ מעברה, דאָס מיידל קען גערופן ווערן צו אַרבעט אין אַ דערציאונגס-אַנשטאַלט, אַ שולע, אין אַן אינסטיטוציע פאַר סאָציאַלער הילף, אָדער אין אַ מעדיצינישן אַנשטאַלט — ווי איר זעט אין אַזעלכע אינסטיטוציעס און ווירטשאַפטן, וואו די פרויען-אַרבעט איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. דאָס פרומע מיידל קען באַאויפטראַגט ווערן צו דערפילן אַ געוויסע אַרבעט אויך פאַר די ישראל-אַרמיי, אָבער אַ ריין ציווילע אַרבעט, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט מיליטערישע איבונגען און מיליטער-דינסט בכלל.

דאָס פרומע מיידל, וואָס אַרבעט אין נאַציאָנאַלן דינסט וועט ניט טראָגן קיין אוניפאָרמען און וועט ניט זיין אונטערגעוואָרפן קיין מילי-

טערישער דיסציפּלין. נאָך מער — מ'וועט זיך באַמיען, אַז זי זאָל אַרבעטן וואָס נענטער צו איר משפּחה, זי זאָל קענען נעכטיקן ביי טאַטע־מאַמע אין דער היים. אַ פאַרהייראַטע פרוי, אָדער אַ פרוי אין שוואַנגערשאַפט, אָדער אַ מוטער פון אַ קינד וועט זיין פּטור אויך פון נאַציאָנאַלן דינסט. און אויב אַ פרום מיידל, וואָס דינט שוין אין די ראַמען פון נאַציאָנאַלן דינסט, האָט אין אַ מזלדיקער שעה חתונה, גיט מען איר אַ מזל-טוב און מען באַפרייט זי תיכּף אינגאַנצן פון דער אַרבעט!...

אויב נאָך אַלעם דעם, ביי די אַלע פאַרלייכטערונגען און באַקוועמלעכקייטן פון נאַציאָנאַלן דינסט, דערקלערט אַ מיידל, אַז זי קען אויך די דאָזיקע ציווילע אַרבעט לטובת דער מדינה ניט טאָן, צוליב טעמים פון משפּחה, חינוך, ווירטשאַפט אָדער ווייל זי פירט אַ ספּעציפיש־שטרענגן רעליגיעזן לעבנס-שטייגער אין די ראַמען פון איר משפּחה און זי טאָר פון אָט די ראַמען בשום אופן ניט אַרויסגיין — ווערט זי אויך דאַן באַפרייט פון נאַציאָנאַלן דינסט.

בכלל, זיצן ניט היינט פרומע אידישע מיידלעך צווישן די פיר ווינקעלעך פון זייער היים. זיי אַרבעטן אין כלערליי אַנשטאַלטן, פאַרדינען אויך זייער חיונה, באַזוכן געזעלשאַפטלעכע פלעצער. און בשעת זיי וועלן גערופן ווערן צום נאַציאָנאַלן דינסט, וועלן זיי אפשר דאַרפן איבערגיין פון איין אַרבעטס-פּלאַץ אין אַ צווייטן. דערביי וועט אויף קיין האָר ניט געמינערט ווערן זייער ווירדע, זייער צניעות און זייער פרומקייט. דער איינציקער חילוק באַשטייט אפשר דערין, וואָס זי וועט פאַר איר נאַציאָנאַלן דינסט ניט באַקומען יענעם געהאַלט, וואָס זי באַקומט אַרבעטנדיק פּריוואַט. אָבער אויך יענע מיידלעך, וועלן דינען אין מיליטער פונקט ווי יעדער זעלנער, באַקומט ניט דעם יעניקן לוין, וואָס ס'איז אָנגענומען אין ציווילן, ווירטשאַפטלעכן לעבן.

אינטערעסאַנט איז אויך. אין צוזאַמענהאַנג מיטן קאַמף פון די פרומע אַרום „פרויען-דינסט", האָט זיך אין לאַנד אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינע רעאַקציע קעגן די פרומע פּאָליטיקער און רעדל-פירערס. מען האָט אָנגעהויבן אָנווייזן אַז אויב מען זאָל נאָכגעבן דאָס מאָל די פרומע, וועלן זיי מאָרגן פאָדערן, אַז מען זאָל שבת אָפּשטעלן אַלע נויטיקע באַדינונגען ווי טעלעגראַף, טעלעפאָן, עלעקטרי, און אפילו פּאָליציי! ווען מען זאָל פרעגן די פרומאַקעם — פלעגט מען אָנווייזן — וועלן זיי היישן אַז שבת זאָל קיין שום שוטר (ווייזשילאַנט) ניט שטיין אויף זיין פּאָסטן און ער זאָל גאָר זיצן אין קלויז און זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים! זיי, די

פּרומאַקעס, װעט אַפילו ניט אַרן אַז מען זאָל נעמען אַ געזעץ, אַז דאָס מיליטער ביי דער גרענעץ, זאָל שבת ניט טראָגן קיין געװער און זאָלן איבערלאָזן זייערע פּאָסטנס און אַװעקגיין אין נאָענטן בית המדרש עולה תורה זיין! שוין געװען פאַלן אין ישראל װאו אַ רעליגיעזער שוטר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דערפילן זיין פליכט אום שבת! מען האָט אָנגעהויבן פילן אין ישראל אַז עס מוז פעסטגעשטעלט װערן צו די היינטיקע, היינט־װעלטלעכע, מדינה, דאַרף געפירט װערן לויט די דינים פון דער כנסת, דאָס הייסט, פון גאַנצן פאָלק, אָדער גאָר, לויט די דינים פון דער תורה, לויטן אָרדענונג װי מען האָט זיי אָראָפּגעגעבן אונז אויפן באַרג סיני!

די לופט האָט זיך אָנגעהויבן פילן מיט... ברודער־קריג, מיט גע־שלעגן, מיט מאָביליזאַציע פון אַלע װעלטלעכע מענטשן קעגן פּאָליטי־שע פאַנאַטיקער אָדער פאַנאַטישע פּאָליטיקער!

אַז די פּרומאַקעס זיינען אַ קליינע מינדערהייט — איז געװען לייכט צו באַמערקן!

13־טער מאַי:

מיר זיינען היינט אַרויסגעפאָרן אויף עטלעכע טעג קיין ירושלים! אויף היינט האָט מען מיר געהאַט צוגעגרייט אַן אינטערװיואו מיט די גרעסטע פּערזענלעכקייטן פון ישראל. איך בין געפאָרן אויף אַן אייזערנער בריק! דאָך — און עס איז געװען דאָס ערשטע מאָל פון מיין זיין אין ישראל — האָב איך היינט געהאַט אַ דורכפאַל. פונקט אויף מיין מזל, דאַרף זיך פאַרגלוסטן דעם אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער פאָסטער דאַלעס פאַרקירצן זיין אויפהאַלטן זיך אין אַן אַראַבישער מדינה און ער קומט אָן קיין ישראל מיט אַ טאָג פריער! ער איז געקומען קיין ישראל, ניט קוקנדיק דערויף װאָס די קאָמוניסטן מיט די סנה׳איסטן און אַנדע־רע אויסװאורפן האָבן פאַרקלעפּט דאָס לאַנד מיט פּלאַקאַטן און פאַר־שמירט די װענט מיט אויפשריפטן אַז... זיי װילן ניט לאַדן אַז דאַלעס זאָל קומען צו זיי! ער האָט זיך ניט איבערגעשראָקן פאַר זיי — און למען האמת — מען האָט אָנגענומען אַ ז ע ל כ ע מיטלען, אַז מען האָט געקאָנט זיין רואיק אַז גאָרניט װעט פּאַסירן! דערװייל, אָבער, זיינען אַלע גדולים געװען פאַרנעמען.

מיר פאָרן קיין ירושלים מיטן באַן! איך נעם אַרויס צװיי בילעטן און... עס גלוסט זיך מיר זיי... אַ קוש טאָן! בילעטן מיט אידישע

אותיות! אַ בילעט אויף וועלכן עס שטייט אָנגעשריבן אויף עברית, אויף לשון קודש — יאָ! אויף לשון קודש שטייט אָנגעשריבן דאָס וואָרט „ירושלים". און אַלץ וואָס עס דאַרף זיך זאָגן אויף אַ באַן-בילעט, זאָגט זיך מיט העברעאישע אותיות! איצט, האָב איך אַ שטיקל נקמה אין דער גרויסער — ניט אידישער — וועלט! שטענדיק דאַרפן מיר לייענען אויף זייערע בילעטן אויף זייער שפּראַך, וואוהין מיר פאָרן! איצט — נעבן מיר שטייט אַ גלח און קויפט אויך אַ בילעט און ער קוקט אַריין אין אים ווי אַ האָן אין „בני אָדם". ער קאָן זיך ניט צענויפרעדן מיטן בילעטן-פאַרקויפער. ער רעדט גריכיש. איך קום אונטער מיט רוסיש העלף איך אים אַרויס און ווער אַ איבערזעצער. ער נעמט דעם בילעט, באַטראַכט אים, האַלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און לייגט אים, לסוף, אַריין אין זיין אונטערשטער קעשענע. איך אָבער האַלט מיינע בייידע בילעטן די גאַנצע צייט אין דער האַנט! איך האָב שוין געמאַכט אַ ברכה איבער זיי און איך פיר זיי — ניט בלויז קיין ירושלים נאָר איך ברענג זיי דערנאָך קיין אַרגענטינע! ווען איך וועל זיך פאַרבענקען נאָך ירושלים, וועל איך צוגיין צו דער שאַפע, אַרויסנעמען די בילעטן און זיי האַלטן אין די הענט, איך וועל זיי גוט, גוט אָפּהיטן! קאָן נאָך זיין עפּעס טייערער ווי אַ בילעט מיט וועלכן מען פאָרט קיין ירושלים?

דער וואַגאָן אונזערער איז איבערפולט. הונדערטער פּאַסאַזשירן פאָרן מיטן זעלבן באַן ביז לוד און אויך קיין חיפה. מיר, די פּאַסאַזשירן וואָס דאַרפן פאָרן קיין ירושלים האָבן אַ „פּערעסיאַדקע" מיר דאַרפן אין לוד בייטן דעם באַן. עס וועט אָנקומען אַ באַן וואָס גייט פון חיפה קיין ירושלים, דאַרפן מיר, אָט דעם באַן נעמען.

מען האָט מיר פריער געזאָגט און „געוואָרנט" אַז מיטן באַן איז אי ניט באַקוועם אי עס געדויערט לענגער ווי מיטן „שירות". מיטן קאָלעקטיוון טאַקסי פאָרט איר אַ שעה מיט עטלעכע מינוט און מיטן באַן פאָרט איר גאַנצע צוויי שעה מיט אַ סמיטשיק, וואָס איך האָב ניט געוואוסט, איז, אַז מיטן באַן איז „שרעקלעכער". די בערג זיינען גרעסער. איר קוקט אַרויס דורכן פענצטער און עס ווייזט זיך אייך אויס, אַז אָט אָט, גליטשט זיך דער באַן אַראָפּ פון די רעלסן און „פּויץ" אין טיפן אָפּגרונט.

איך און מיין פרוי „פאַרכאַפּן מיר" צוויי באַזונדערע פענצטער. מיר האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצוקוקן גלייך אין דרויסן אַרויס און זיך אָנשעפּן מיט דער לופט פון די הרי יהודה. נעבן אונז זעצט זיך אַ פּאָר-

פֿאָלק מיט אַ קינד. איך זע שוין אַז איך װעל האָבן מיט װעמען צו שמו־עסן! איז דאָך דאָס שמועסן — מיין הויפּט־אַרבעט! מיין הויפּט־קװאַל פֿון אינפֿאָרמאַציע און ישׂראל־שטודיום.

מען גיט דריי קלינג און דער באַן רירט זיך פֿון אָרט. מיר װייזט זיך אויס אַז דאָס קלינגען איז אויך... אויף העברעאיש! אַפֿילו דער פֿייף פֿון באַן איז אַ „אידישער" פֿייף. אַ באַקאַנטער פֿייף! אַ שטילער, אַ קרעכצענדיקער! אַ מין „שופר־פֿייף". איך קוק אַרויס אויפֿן „פּעראָן" און דערזע דעם „נאַטשאַלניק־סטאַנציע". אַ טיפּיטשנע אידיש־פּנים! װען איך טרעף אים אין אַ באַן־סטאַנציע פֿון חוץ־לארץ און זע װי ער איז דאָס דער װאָס שיקט אָפּ דעם באַן —מאַך איך איבער אים אַ „שהחינו" װאָס אַ איד איז אַזאַ „הויכער" באַאַמטער! דאָ, אין תל אביב, איבע־ראַשט ער מיך ניט! כ'האָב שוין געזען העכערע באַאַמטע װי ער!...

כ'הויב זיך אָן אַרומקוקן אין װאַגאָן. ער איז איבערפֿולט מיט רייזענדע. מיטן באַן קאָסט אַ סך ביליקער װי מיטן קאָלעקטיװן טאַקסי — פֿאָרט מען מיטן באַן. דער װאַגאָן איז פֿול מיט „שװאַרצע". די גרעס־טע טייל פּאַסאַזשירן פֿונ'ם באַן זיינען אָט די איראַקער, תימנער, מאַראָ־קאַנער און אַנדערע מזרח־מענטשן. „אונזעריקע" זיינען פֿאַראַן זייער װייניק! עס פֿאָרן אויך צװיי אַראַבער מיט אונז זיי זיצן ניט װייט פֿון מיר און איך הער װי זיי רעדן... עברית.

עס פֿאָרן אַ סך קינדערלעך „גרינע", ערשט אַ פּאָר יאָר אין לאַנד. מען האָט זיי געבראַכט אויף אעראָפּלאַנען פֿון פּערסיע און פֿון... אינ־דיע, פֿון דמשק און באַגדאַד. זיי רעדן שוין עברית כאָטש זייערע על־טערן װילן זיך נאָך ניט שיידן מיט זייער אַראַביש אָדער אינדיש. פֿאַ־ראַן אויך אין װאַגאָן אַ צענדלינג סאָלדאַטן מיט סאָלדאַטעכעס. אָט, די לעצטע, זיינען מלא חן. עס פּאַסט זיי אַזוי די הלבשה — כאָטש גיי צו און גיב יעדער פֿון זיי אַ קוש! אויב די פֿרומע מיידלעך װילן ניט אָנטון אָט די סאָלדאַטסקע אוניפֿאָרמס איז אַ סימן אַז עס פֿעלט זיי געשמאַק... און אפֿשר זיינען די פֿרומע מיידלעך ניט שולדיק? די עלטערן װילן פֿירן פּאָליטיק אויף זייער חשבון!...

איך האָב אָלם שכן זייער אַ סימפּאַטישן מענטשן. איך צערעד זיך מיט אים און ער דערציילט מיר אַז ער פֿאָרט קיין לוד אָנקוקן אַ װאוי־נונג, אַ שיכון. נאָך צװיי יאָר זיך כלאָפּאָטשען און אַרומלויפֿן פֿון איין אָפּיסינאַ אין דער אַנדערער, האָט ער ענדלעך געקראָגן אַ מענטשלעך װאוינונג פֿאַר זיך און פֿאַר זיינע צװיי קינדער. ער איז פֿון דער היים

אַ פאַרמאָסעווט און זיין פרוי איז אַ גוטע „קראַנקנשוועסטער״ זיי אַר־בעטןביידע אין... תל אביב. וועלן אויך ווייטער בלייבן אַרבעטן דאָרט און אַלע טאָג וועלן זיי מיטן באַן פאָרן צו דער אַרבעט! אַ ברירה האָט ער? ניט ער האָט אין תל אביב געקאָנט קריגן אַ דירה ניט ער קריגט אין לוד אַרבעט. מוז ער אָנעמען וואָס מען גיט אים.

— פון וואַנען איז ער? פון... רומעניע! אינסטינקטיוו, ניט ווילנ־דיק, האָב איך אַריינגעלייגט די האַנט אין קעשענע אַריין! איך האָב זיך דערנאָך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין! צו האָט ער עס געזען? צו ער האָט פאַרשטאַנען מיין פלוצלימדיקן ציטער און בייט פון פנים? איך האָף אַז ניין!

איך האַלט זיך ווידער ביי מיין מיינונג. אין ישראל דאַרפן די רו־מענישע עולים גרינדן „אַ פאַראיין צו פאַרטיידיקן דעם כבוד און גוטן נאָמען פון די רומענישע אידן״.

ווען דער באַן איז אָנגעקומען קיין לוד און מיין שכן איז אויסגע־שטיגן האָט ער זיך האַרציק געזעגנט מיט מיר. ער האָט מיר אַפילו גע־האָלפן „זיך אַריינוואַרפן״ אין צווייטן באַן וואָס איז תיכף אָנגעקומען אויפן וועגן קיין ירושלים. ער האָט די גאַנצע צייט זיך ניט געקלאָגט אויף זיין שווערער מערכה. ער איז געווען אין טראַנסניסטרע און ער איז גליקלעך וואָס ער האָט זיך געראַטעוועט. ער האָט צו קיינעם קיין טע־נות ניט. קיינער איז אים גאָרניט שולדיק! אדרבא! ער איז זיי אַלע שולדיק אַ תודה רבה פאַר העלפן אים זיך, ווי עס איז, איינאָרדענען.

וויפל זיינען דאָ אַזעלכע עולים וואָס האָבן קיין טענות ניט? וויפל זיינען דאָ עולים וואָס זיינען דאַנקבאַר?

וויפל מאָל מען זאָל ניט רעדן וועגן לוד און וויפל מאָל מען זאָל ניט דערציילן וועגן דער שיינקייט פון דעם לוד׳ער לופט־פאָרט — איז ווייניק. לוד אַליין איז איינגעוויקלט אין אַ סך לעגענדעס. אַ פאָר פון זיי — קאָפּיר איך און איך דערצייל זיי איבער:

רמלה און לוד אין דער לעגענדע:

ווי יעדע היסטאָרישע שטאָט, זיינען אויך רמלה און לוד איינגע־הילט אין שלייער פון ראָמאַנטיק און לעגענדעס, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן אין משך פון דורות. עס איז כדאַי זיך צו באַקענען מיט די לע־גענדעס פון די דאָזיקע שטעט.

דער קבר פון נביא צאלאך:

אַ סך יאָרן פאַרן דערשיינען פון נביא מוחמד אין די אַראַבישע לענ־דער איז געקומען אַ נביא מיטן נאָמען צאַלאַח, וואָס האָט צווישן די אַראַ־בער געפּרעדיקט דעם מאָנאָטעאיזם (גלויבן אין איין גאָט). דער נביא צאַלאַח האָט באַקעמפט דאָס געצנדינערײַ און פּראָקלאַמירט, אַז אַללאַ איז דער איינציקער גאָט אויף דער וועלט.

די מענטשן האָבן געפאָדערט פון צאַלאַח׳ן ער זאָל באַווייזן אַ נס, כדי זיי זאָלן אים גלויבן, אַז ער איז באמת אַ נביא. און צאַלאַח האָט „גע־מאַכט" פון נאָענטסטן באַרג אַ קעמל, וועלכער האָט באַלד געבוירן אַ יונג קעמל... און אָנגעזאָגט האָט דער נביא נישט צו פאַרניכטן אָט די באַשעפענישן, ווייל זיי זיינען באַשאַפן פון גאָט אַליין.

אַלע האָבן זיך איבערצייגט אין נביא׳ס כוח און אָנגעהויבן גלויבן אין אים און אין זיין תורה.

ווען אָבער די קעמלען האָבן זיך פאַרמערט און אויפגעפרעסן די תבואה אויף די פעלדער, האָט אַ גרויסע גוט־באַזיצערין פאַראָרדנט צו דערהרגענען די קעמלען.

נאָך דעם פאַרברעכן האָט צאַלאַח פאַרשאָלטן די גאַנצע סביבה און אַן ערד־ציטערניש האָט זי פאַרניכטעט.

פאַרן טויט פון צאַלאַח׳ן האָט אים אַללאַ אָנגעזאָגט, ער זאָל גיין קיין רמלה און דאָרט שטאַרבן און באַגראָבן ווערן צווישן הייליקע און נביאים. צאַלאַך האָט געפאָלגט גאָטס וואָרט און איז נאָך זיין טויט באַגראָבן געוואָרן ביים אַלטן טורעם. זיין קבר איז פאַרהייליקט אין דער מוסולמענישער וועלט.

אַ צווייטע לעגענדע: — קנאה איבער אַ טורעם:

אַזוי ווי היינט, האָט אויך אין דער פאַרגאַנגענהייט געהערשט קנאה צווישן ביידע שוועסטער־שטעט: רמלה און לוד.

רמלה איז געבענטשט געוואָרן מיט אַ הויכן טורעם און מיטן קבר פון נביא צאַלאַח. ביידע זיינען פאַרהייליקט געוואָרן צווישן די מוסול־מענישע גלויביקע און דאָס דווקא רופט אַרויס די קנאה פון די לוד־איינוואוינער, וועלכע האָבן ניט מיט וואָס זיך צו גרויסן. דעריבער האָבן די איינוואוינער פון לוד באַשלאָסן אַוועקגנבענען... דעם טורעם. זיי זיינען געגאַנגען צו אַן אַלטן שייך, וועלכער איז געווען באַרימט מיט זיין חכמה, כדי צו עצה׳נען זיך מיט אים ווי אַזוי אויסצופירן זייער פּלאַן.

דער אַלטיטשקער שייך האָט זיי געראָטן צו נעמען גומענע שטריק, אָנצובינדן זיי אַרום דעם טורעם און אים צושלעפן. די איינוואוינער פון

לוד האָבן אַזוי געטאָן און אָנגעהויבן מיט פיל ענערגיע צו רעאַליזירן זייער וואונטש. די גומי-שטריק האָבן זיך אויסגעצויגן און די „העלדי-שע" איינוואוינער פון לוד זיינען אַזוי אַרום אָנגעקומען ביז זייער שטאָט, זייענדיק זיכער, אַז דער טורעם שלעפּט זיך זיי נאָך. אַלע איינוואוינער זיינען זיי אַרויס אַנטקעגן מיט פּויקן און געזאַנג, אַז דער רמלה'ר טו-רעם דערנענטערט זיך צו זיי.

די שטריק האָבן זיך געצויגן, אָבער דער טורעם איז געבליבן אויף זיין אָרט, ביז די „העלדן" פון לוד האָבן זיך איבערצייגט, אַז דער אַל-טיטשקער שייך האָט אָפּגעשפּעט פון זיי און זיי געמאַכט פאַר כעלעמער חכמים.

אַ דריטע לעגענדע: — דער באַסיין פון דער אומגלויביקער פירשטין:

רמלה פאַרמאָגט אַ באַסיין, וועלכער איז צוגעדעקט פון אויבן מיט אַ סופיט. די לעגענדע דערציילט, אַז דעם באַסיין האָט אויסגעבויט אַן אַרטיקע פירשטין, וועלכע האָט געוואָלט פאַרזאָרגן אירע שטאָטסלייט מיט גוט וואַסער. זי האָט געבראַכט אירע קנעכט, וועלכע האָבן אויס-געבויט דעם הערלעכן באַסיין, וואָס איז געווען דער שטאָלץ פון דער פירשטין.

ווען דער באַסיין איז שוין געווען פאַרטיק, איז דורכגעגאַנגען לעבן אים אַ הייליקער, וועלכער האָט געזאָגט צו דער אומגלויביקער פירשטין: דאַנק גאָרט פאַר דעם גרויסן חסד, וואָס ער האָט געטאָן מיט דיר, אַז דיר האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן דיין וואונטש. די פירשטין האָט אים אָבער געענטפערט, אַז זי דאַרף קיינעם ניט דאַנקען דערפאַר, נאָר זיך אַליין, ווייל אַ דאַנק איר רייכקייט און שטאַרקייט האָט זי דאָס דערגרייכט.

נאָכן אַרויסזאָגן די רייד האָט אַ געטלעכער כוח איבערגעדרייט דעם באַסיין פון אויבן אַראָפּ און אַזוי אַרום האָט די פאַדלאָגע צוגע-דעקט דעם באַסיין, ווי מיט אַ סופיט און די אומגלויביקע פירשטין איז באַשטראָפט געוואָרן פאַר איר גאָטס לעסטערונג.

אַ פערטע לעגענדע: — די וואונדער-הייל ביי לוד:

ביי לוד געפינט זיך אַ וואונדערלעכע הייל, וועלכע איז פאַרהייליקט אין דער אידישער מסורה. ווי מען מיינט, פירט די הייל פון לוד קיין מודיעים. איינמאָל אין אַ הייסן זומער-טאָג זיינען אַריין אין הייל צוויי חכמים און געזעצט זיך לערנען תורה.

עס איז אָנגעקומען דער תנא רבי שמעון און זיי געזאָגט: „איך האָב

געזען, אז די שכינה רוט אויף דער הייל בין איך אריינגעגאנגען". די צוויי חכמים האבן אים דערציילט, אז זיי האבן געלערנט וועגן אהבת ישראל און אהבה צום רבונו של עולם.

האט רבי שמעון אויף דעם געזאגט: „דארט וואו אידן טראכטן וועגן גאט און אהבת ישראל דארט רוט די שכינה".

לוד מיט אירע כשר'ע טעכטער:

לוד איז געווען שטענדיק פאפולער מיט איר אידישן ישוב און מיט אירע גרויסע צדקניות. הגם די שטאט געפינט זיך א מהלך פון 50 קילאמעטער פון ירושלים און 800 מעטער אויפן בארג, פלעגן די פרויען פון לוד פארקנעטן זייער ברויט, עולה געווען קיין ירושלים, כדי דארט תפילה צו טאן און צוריקגעקומען אהיים נאך איידער דאס טייג איז זויער געווארן.

די פרויען פון לוד האבן דורכגעמאכט דעם שווערן וועגן אהין און צוריק, כדי מקיים זיין די מצווה פון תפילה טאן אין ירושלים.

די העלדן פון לוד:

איינמאל איז אין לוד דערהרגעט געווארן די טאכטער פון רוימישן קיסר און נישט ווויסנדיק ווער עס האט דאס געטאן האבן די גויים געמאכט א בלבול אויף אידן, אז זיי האבן אומגעבראכט די בת-מלכה, ווייל זיי זיינען די שונאים פון קיסר.

דער הערשער האט ארויסגעגעבן א באפעל צו דערהרגענען אלע אידן כדי נקמה צו נעמען פאר זיין אומגעבראכטער טאכטער.

ווען די לאגע איז געווארן ערנסט האבן צוויי אידישע ברידער פון לוד באשלאסן זיך מקריב זיין פארן כלל ישראל און זיך אנגעגעבן אלס די כלומרשטע מערדער פון קיסרס טאכטער.

די גויים האבן בעסטיאליש דערהרגעט די צוויי ברידער ארויס־רייסנדיק פון זיי יעדן אבר באזונדער, אבער די גזירה איבער די אידן איז דערמיט בטול געווארן.

פון דעמאלט-אן זיינען די אידישע איינוואוינער פון לוד געווארן באריהמט אלם העלדן.

אט דאס זיינען די פארשידענע לעגענדעס וועגן רמלה און לוד. פא־

רענדיק איצט מיטן באַן זיינען זיי מיר געקומען אין זכרון ווי איך האָב זיי ערשט ניט לאַנג געלייענט.

— — — — — — — — — — — — —

פון לוד ביז ירושלים איז שוין דער וועג אַ שווערער. בערג און בערג. אָפּגרונטן און אָפּגרונטן! מיין גליק איז וואָס דער באַן גייט זייער פּאַמעלעך. אויפן גאַנצן וועג שטייען אויסגעשטעלט אַרבעטער וואָס מאַכן צערעכט דעם באַן-וועג. ווען ניט ווען, דערזעט איר אויך אַ סאָל-דאַט מיט אַ ביקס אין דער האַנט וואָס „לאָזט דורך" דעם לויפענדן באַן. עס ווערט אַביסעלע לייכטער אויפן האַרצן, אָבער, מיר דוכט זיך אַז איך הער נאָך אַלץ ווי דאָס האַרץ קלאַפּט מיר און מאַכט טיאָך, טיאָך, ווי איינער רעדט: — האָב קיין מורא ניט דו ביסט אויף אידישער ערד און מען היט דיך!...

גראַדע בין איך איינער פון די וואָס האָב ליב אַז אַ באַן זאָל „פליען". אין מיינע רייזעס מיטן באַן, פלעג איך שטענדיק זוכן צו פאָרן מיטן „עקספרעס". דאָ, איצט, בעט איך ביי גאָט אַז דער באַן זאָל פאָרן טריט און טריט! עס ווילט זיך אָנקוקן די בערג, די טאָלן, די וועל-דער וועלכע מען פלאַנצט ערשט. מיך וואָלט ניט געאַרט, ווען אַנשטאָט צוויי שעה, זאָל די רייזע מיטן באַן געדויערן דריי און פיר שעה. בסך הכול, וואָלט איך געוואָלט אַראָפּגיין פון באַן און אים נאָכגיין צופוס...

איך וואָלט אפשר אַזוי פאַנטאַזירט אין דער וועלט אַריין נאָר דאָס פייפן פון באַן וועקט מיך אַלע מינוט אויף. דער באַן שלענגלט זיך צווישן די בערג און ער מוז „אָנזאָגן" די מענטשן וואָס אַרבעטן און די שוטרים וואָס היטן, אַז זיי זאָלן זיין פאָרזיכטיק. האַלט ער אין איין פייפן! ער האַלט אין איין בלאָזן שופר! ווען ער גיט איין פייף ווייזט זיך מיר אויס אַז דאָס בלאָזט ער, „תקיעה". ווען ער צעפייפט זיך שטאַרקער און אָפטער, ווייזט זיך מיר אויס אַז דאָס בלאָזט ער „שברים-תרועה".

איך דערמאָן זיך, אַז מיין גברת ערנסט׳ס „אינגעלע" דער 18 יאָריקער סטודענט פון ירושלים„ער אוניווערזיטעט, פאָרט דריי מאָל אין דער וואָך מיט אָט דעם באַן און... איך בין אים מקנא. אַזאַ שיינע נאַ-טור און אַזאַ שיינע לופט ווי מען האָט ווען מען פאָרט אין ישראל מיטן באַן — קריגט מען ניט אויף דער גאַרער וועלט.

אַ לענגערער פייף — ווייזט אויס אַ „תקיעה גדולה", גיט אונז צע-וויסן אַז מיר דערנענטערן זיך קיין ירושלים. אַ שאָד. איך וואָלט נאָך געפאָרן אַ פּאָר שעה מיט אָט דעם וועג.

דער באַן הויבט אָן גיין לאַנגזאַמער און ער „סאַפּעט" אַזוי שווער, גלייך ווי ער זאָל געווען דורכמאַכן אַ פּאָר טויזנט קילאָמעטער. פון פענצטער אַרויס, דערזע איך די טאַבליצע וואָס ווייזט אָן די פּאַסאַזשירן ווי אַזוי די סטאַנציע הייסט. דוכט זיך אַ טאַבליצע גלייך ווי אַלע טאַבליצעס פון דער גאָרער וועלט — דאָך איז זי אַ נ ד ע ר ש! אויף אָט דער טאַבליצע איז אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות אין א י ד י ש — בעסער געזאָגט — אויף ל ש ו ן ק ו ד ש, אין עברית, דאָס מאַגנעטישע וואָרט:

„ י ר ו ש ל י ם "

כאָטש איך בין שוין געווען אין ירושלים און איך בין שוין אַפילו דאָ היימיש. ד אָ ך, גיט עס אַ ציפּ ביי דער נשמה! עפּעס אַ קליינקייט! מיין גאַנץ לעבן האָב איך געלייענט: — סטאַנציע קובליטש! סטאַנציע אומאַן! סטאַנציע כריסטינאווקא, סטאַנציע „מען קען", סטאַנציע כאַשטעוואַטע, און איצט דערזע איך גאָר פּאָר זיך אַ נייע סטאַנציע, נאָך וועלכער מיר האָבן אַזוי געבענקט און געחלומט! ס ט אַ נ צ י ע — י ר ו ש ל י ם!

איך בלייב שטיין אַ ביסעלע ביי דער טאַבליצע. איך וויש אוים די פייכטע אויגן און עס גלוסט זיך מיר זאָגן אָט דער טויטער — אָבער אין האַרצן לעבעדיקע — טאַבליצע:

זיי געגריסט! איך בין געפאָרן צוועלף טויזנט קילאָמעטער דיך זען און דיר ברענגען אַ גרוס פון אידן וואָס בענקען נאָך דיר און ווילן דיך אויך זען! איך זאָג דיר צו אַז מיר וועלן ניט פאַרגעסן אונזער שבועה — איצט מערער ווי שטענדיק — „אם אשכך ירושלים — תשכח ימיני". איך וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן!

ווען מיין פרוי האָט זיך גוט אויסגעווישט די אויגן, האָב איך פאַרשטאַנען אַז זי איז אויך שטאַרק עמאָציאָנירט. מיר האָבן זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג פון באַן-הויף און מיר האָבן קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. א י צ ט, איז געווען גוט צו שוויגן און טראַכטן.

— — — — — — — — — — —

ניט באַשערט געווען מיר צו האָבן אַ סך פאַרגעניגן ביי מיין אָנקומען דאָס צווייטע מאָל קיין ירושלים. אַ ביסעלע — בין א י ך אַליין טאַקע געווען שולדיק.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּעראָן, געקוקט, באַטראַכט דעם

באַן-הויף, די אַפּטיילונגען, דעם טעלעגראַף, און אַלץ וואָס אַ סטאַנציע דאַרף האָבן. איך האָב געוואָלט — אין דער סטאַנציע ירושלים — געפונען עפּעס וואָס זאָל זיין אַנדערש פון אַלע אייזנבאַן-סטאַנציעס פון דער וועלט. איך האָב טאַקע „געפונען". די... העברעאישע אויפשריפטן וועלכע געפונען זיך אויף אַלץ און אַלעמען. העברעאיש און ענגליש. קיין אַראַביש — ווי אין אַנדערע ערטער — זעט מען דאָ ניט! קיין אידיש — אוודאי ניט! כאָטש אין ירושלים רעדט מען מערער אידיש ווי אויף דער גאַנצער ישראל-טעריטאָריע...

ענדלעך בין איך אַרויס פון וואַקזאַל. איך בין געווען זיכער אַז איך טרעף דאָ טאַקסים און איך וועל האָבן מיט וואָס אַראָפּצופאָרן אין שטאָט אַריין.

איך בלייב שטיין פאַרוואונדערט. קיין איין טאַקסי ניט! קיין איין וועגעלע ניט. דאָרט, ווייטער אַביסל, שטייט אַ אויטאָבוס וואָס נעמט אויף פּאַסאַזשירן, איין איינציקער אויטאָבוס, און אַרום אים און אויף אים, הענגען שוין אַלע פּאַסאַזשירן וואָס זיינען געקומען מיטן באַן. חוץ דעם, שטייט אַ רייע פון אַ הונדערט מענטשן, וועלכע האָבן שוין קיין פּלאַץ ניט אַריין. וואָלט איך ניט געווען געבליבן אויפן „פּעראָן" פון דער סטאַנציע אַנצוקוקן ווי אַזוי דער ירושלים'דיקער וואַקזאַל זעט אויס, וואָלט איך, אפשר, געווען געקראָגן אַ פּלאַץ פריער. דאָ אין ירושלים, רעספּעקטירט מען שטאַרק אַ טוריסט. אַלע טוריסטן „זיינען דאָך" פון אַמעריקע, און ירושלים — דער גרעסטער טייל פון ירושלים — לעבט פון אַמעריקע! דערפאַר, אַז מען דערזעט אַ טוריסט, שאַפט מען אים באַקוועמלעכקייטן.

איך מיט מיין פרוי זיינען געבליבן שטיין אַביסעלע צעטומלט. עס האָט זיך מיר ניט געחלומט אַזאַ „אויפנאַמע". גיין צופוס — ווייס איך ניט צו עס איז ווייט און מיט אַ וואַליזע — איז ניט לייכט.

אָבער, גאָט פאַרלאָזט ניט. ער פאָרט צו אַ וועגעלע וואָס צעפּירט... ברויט און אַנדערע עסנוואַרג. דער נהג (שאָפער) זעט אונזער צעטומלטקייט, קומט ער צו צו אונז און לייגט פאָר אַז מיר זאָלן פאָרן מיט אים אין שטאָט אַריין. וואַרטן אויף אַ צווייטן אויטאָבוס איז צו שפּעט. נאָר, אַזוי ווי קיין פּלאַץ פאַר אונז ביידע, איז ניטאָ פונפאַרנט, מאַכט ער אָן אָרט פאַר מיין פרוי נעבן זיך און איך קריך אַריין אין פאַרמאַכטן וועגעלע, כאַפּ דערוייל אַ קלאַפּ אין קאָפּ אַז עס ווערט מיר אַזש פינסטער פאַר די אויגן, שמיר זיך אום דעם איינצוג וועלכן מען האָט מיר אים

ערשט נעכטן געבראַכט פון דער „טינטאַרעריאַ" און װאָס האָט מיך גע־קאָסט דריי מיט אַ האַלבן פונט (אַרום 40 אַרג. פּעזעס) אויסצורייניקן, און — מיר פֿאָרן אין שטאָט אַריין!

דאָס װעגעלע טרייסלט אַז איך פֿיל דאָס איך װעל קומען צום פּלאַץ אָן קישקעס, איך דאַרף זיצן די גאַנצע צייט איינגעבויגן און איינגעקאַר־טשעט װייל, אַפֿילו זיצנדיק, שטופּט אַרויס מײַן קאָפּ דעם דאַך פֿון אונ־זער „קאַרעטאַ". איך האָב געזאָגט אונזער שאָפֿער אַז איך דאַרף צום „בית יהלם". דאָס איז דאָס הויז װוּ עס געפֿינט זיך אַ אָפּטיילונג פֿון קרן קימת. דאָרט געפֿינט זיך — אַלס איינער פֿון די אָנפֿירער — דער חבר א. פּעסקין. צו אים האָב איך באַפֿוילן אַז ער זאָל אונז אָנגרייטן אַ האָטעל אויף עטלעכע טעג. צו מײַן „גליק" װייסט ניט אונזער פֿירער װוּ דער „בית יהלם" איז? איך האָב אים אַפֿילו אָנגעװיזן אַז עס גע־פֿינט זיך נעבן דעם „בצלאל"־הויז. װייסט ער ע ק ס ט ר א ניט! ער שטעלט זיך, פֿרעגט עטלעכע דורכגייער, און ענדלעך, קומען מיר אָן אַהין. װען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיך „אַרויסגעשלעפּט" פֿון דאָרט, און װען ער האָט מיך אַרומגעטרייסלט — האָב איך געװאָלט בענטשן „הגומל". נאָך צען מינוט פֿאָרן — װאָלט איך דאָרט אָנגעהויבן חלש'ן. כדי זיך אַליין פֿריילעכער מאַכן, זאָג איך דעם שאָפֿער: איצט, שטעל איך זיך פֿאָר װי שװער און ביטער עס װעט אויסקומען די אידן זיך צו קאַטשען אונטער דער ערד פֿון די גלות־לענדער ביז ירושלים — װען משיח װעט קומען! דאָס אַריינפֿאָרן קיין ירושלים — קומט ניט אָן גרינג...

דאָס פֿאַרגעניגן צו פֿאָרן אין אַט דער „עגלה" האָט מיך געקאָסט... אַ פֿונט. אַביסעלע צו טייער, אָבער — עס האָט די װערט געהאַט פֿאַר־זוכן דעם טעם פֿון אָנקומען קיין ירושלים מיטן באַן. דאָך האָב איך נאָכאַמאָל באַשטימט: — װען איך װעל דאַרפֿן פֿאָרן קיין ירושלים, און װען איך װעל דאַרפֿן רעקאָמענדירן עמיצן װאָס פֿאָרט קיין ירושלים, װעל איך פֿאָרן און הייסן יענעם פֿאָרן ב ל ו י ז מיטן באַן! דאָס, װאָס מען זעט, װען מען פֿאָרט אין ישראל מיטן באַן — זעט מען ניט אויף דער גאָרער װעלט!

— — — — — — — — — — — — — —

איך געפֿין זיך שוין אין אַ האָטעל. „פּאַלאַטין" הייסט ער. מען האָט קוים געקראָגן אַ צימער פֿאַר אונז. ירושלים איז היינט יום־טוב'דיק. דאָס אָנקומען פֿון אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער פֿאָסטער דאַלעס, האָט

צוגעצויגן אַהער אַ מאַסע טוריסטן פון חיפה, פון תל אביב און פון גאַנצן לאַנד בכלל. פאַראַן דאָ איצט אַ סך אַמעריקאַנער אידן וועלכע זיינען געקומען אַהער אויף ל״ג בעומר, אויף שבועות און סתם פאַרברענגען, פון זיי זיינען אַ סך געקומען קיין ירושלים מיינענדיק אַז עס וועט זיי געלונגען צו זען און אפשר טאַקע צו באַגריסן זייער „סעקרעטאַריאַ אוו סטייט". דער אייגנטימער פון האָטעל האָט מיר דערנאָך דערציילט, אַז ווען ניט פעסקין און אַליסא שוואַרץ — אַ „אונזעריקע" — אַ געוועזענע באַאַמטע פון וועד החינוך — ווען ניט זיי, זייער איינפלוס — קריגן מיר ניט קיין האָטעל.

„האָטעל פאַלאַטין" איז אַן העכט כשר'ער האָטעל. דער בעל הבית און די באַאַמטע באַציען זיך צו אייך מיטן גרעסטן רעספעקט. ער לייגט אונז שוין פאַר עפּעס „איבערכאַפּן" אָבער — מיר איילן זיך! מען דאַרף לויפן אין כנסת (פאַרלאַמענט) היינט איז דאָ אַ זיצונג — די לעצטע זי-צונג פון דער וואָך און מען דאַרף זי ניט פאַרלירן!

אַריינצוקומען אין כנסת — איז ניט לייכט! ספּעציעל היינט ווען מען וועט, אפשר, דאַרפן אויסהערן מ. ווילנערס (קאָמוניסטישער דעפּו-טאַט) אַ דרשה און פאַרוואורף הלמאי מען לאָזט אַריין אַהער אַזאַ „מיל-חמה-צינדער", אַזאַ רעאַקציאָנער ווי דער אַמעריקאַנער אויסערן-מיניס-טער! אַט, ווען עס קומט אַהער מאַלענקאָוו אָדער מאָלאָטאָוו וואָלט ער געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. ביי דער טיר שטייען פיר שוטרים און קאָנטראָלירן ווער עס וויל אַריין אין כנסת. אַלס זשורנאַליסט — ווייזט מען מיר אָן אַ צווייטן אַריינגאַנג, און איך ווייס שוין פון פריער אַז דאָרט... טויג ניט פאַר מיר. די לאָזשע פון די זשורנאַליסטן איז אונטן און פאַר פרעמדע מענטשן, ספּעציעל פאַר מיין פרוי — איז דאָרט זיכער אומבאַקוועם. איך האָב ביי זיך אין קעשענע אַ בריוו צום ראש הכנסת מר. יוסף שפּרינצאַק. ווען איך ווייז דעם בריוו, עפנט זיך פאַר אונז ברייט די הויפּט-טיר פון כנסת, עס נעמט אונז אויף דער פּריוואַט-סעקרעטאַר פון שפּרינצאַקן, באַדויערט וואָס דער אדון (ניט קיין „עק-סעלענץ", ניט קיין אַנדער טיטול, פשוט — „אדון"...) קאָן אונז איצט ניט אויפנעמען. ער פּרעזידירט אַ זיצונג און ער, דער סעקרעטאַר בכבודו ועצמו, פירט אונז אַרויף „אויבן", זעצט אונז אַוועק אין דער ערשטער רייע און אין פראַנט פון ראש הכנסת — און...

צו קאָן עמעצער פילן מיין געמיט? צו זיינען דאָ ווערטער אַפּצושאַצן און איבערגעבן די עמאָציע, ווען מען ווייסט אַז מען האָט דערלעבט אַ

אייגענעם אידישן פּאַרלאַמענט, מיט אַן אייגענעם אידישן יושב ראש — וואָס איז, אגב, וויצע־פּרעזידענט פון רעפּובליק, — מיט אייגענע אי־דישע דעפּוטאַטן!

אידישע דעפּוטאַטן? ניט אַלע דעפּוטאַטן וואָס מיר האָבן געטראָפן אין כנסת זיינען געווען אידישע! עס אונטן זיינען געזעסן אַ פּאָר אַראַבישע „חברי הכנסת" עס זיינען אויך געזעסן אַ פּאָר רוסישע דעפּוטאַטן! איינער פון זיי הייסט מיקונים! אַ צווייטער — ווילנער! ניט לויט דער רעליגיע, ניט לויט זייער ליבשאַפט צום אידישן פאָלק, ניט לויט זייער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט זיינען זיי אידן! זיי פאַרטרעטן ניט דאָרט קיין אידישע אינטערעסן! ווען ווילנער האָט געבעטן אַ וואָרט האָט ער באַשולדיקט די אידישע מדינה און די אידישע רעגירונג הלמאי זי מאַכט דיסקרימינאַציעס ביים געבן אַרבעט די אַרבעטלאָזע און גיט ניט די אַראַבער קיין אַרבעט! ער רעדט — און די כנסת שטורעמט! אַלע דעפּוטאַטן שרייען אַז דאָס איז ניט בלויז אַ בילבול נאָר אַן אַבזיכט צו פאַרשווארצן דאָס פּנים פון דער אידישער מדינה ביי דער ניט אידישער וועלט. דער „חבר" הכנסת מאיר ווילנער האַלט זיך ביי זיינעם! ער האַלט אין איין שרייען אַז די מדינה וואָלט געדאַרפט טאָן דאָס און יענץ, אַלץ וואָס אים געפעלט.

דער חבר הכנסת נמיר נעמט אַ וואָרט און ער זאָגט אַז די רעגירונג וואָלט טאַקע געדאַרפט עפּעס טאָן! זי וואָלט געדאַרפט... צו־נעמען ביי מאיר ווילנער זיין דעפּוטאַטן־קאַרטע און אים אַריבער פּעק־לען קיין פּראַג וואו ער וואָלט זיך דאָרט תיכף מודה געווען אַז ער איז אַן אַגענט פון וואָל־סטריט...

מען דעבאַטירט אין כנסת דעם געזעץ־פּראָיעקט צו שאַפן נייע מסים וועלכע זאָלן אַריינטראָגן 15 מיליאָן פונט אויף צו דעקן די הוצאות פון אַרבעטסלאָזיקייט מען דעבאַטירט אויך דעם געזעץ־פּראָיעקט פון פאַראייניהייטלעכן חנוך. עס רעדן עטלעכע דעפּוטאַטן. עס רעדן מענער און פרויען. עס רעדן דעפּוטאַטן מיט יאַרמעלקעלעך אויף די קעפּ און עס רעדן דעפּוטאַטן פון די אַרבעטער־פראַקציעס וועלכע טראָגן ניט קיין שניפּסן און גייען אָנגעטאָן פריי, היימיש, אָן צערעמאָניעס. אויך די פרויען־דעפּוטאַטקעס גייען אָנגעטאָן אַזוי פּראָסט, היימלעך גלייך ווי זיי זיינען ביי זיך אינדערהיים. מיר קוקן אויך אויף די אַראַבער. איינער פון זיי דרימלט, עפּעס איז אים שווער צו... זיצן אויף אַ בענקל. ווען מען

האָט רחמנות אויף אַט דעם „חבר הכנסת" און מען לאָזט אים זיצן אויפן פּאָל מיט די פיס אונטער זיך — וואָלט מען אין אים אַ מצווה געהאַט.

אַנדערש, איז שוין דער אַראַבישער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט טו־פיק טובי. דער דאָזיקער דעפּוטאַט, איז שוין ניט אַזאַ לעמעשקע ווי די אַנדערע אַראַבישע „חברי הכנסת". ער ווייסט שוין יאָ און ווייסט שוין צופיל וואָס ער וויל. ער וואַרט ניט אַז ווילנער אָדער מיקונים זאָלן אים אָנווייזן ווי אַזוי צו שטימען. דער דאָזיקער אַראַבער האָט גאָר אַ וואָזשע פאַרגאַנגענהייט אונטער זיך, און בלויז אין אַזאַ סופּער־דע־מאָקראַטיש לאַנד ווי ישראל קאָן מען אים לאָזן זיצן אין כנסת און האָבן אַ דעה, שטימען, בנוגע פּראָבלעמען פון דער אידישער מדינה. עס איז כדאי צו באַקאַנען אייך נענטער מיט אַט דעם סוביעקט וואָס פאַר־נעמט אַ דעפּוטאַטן־בענקל אין אידישן פּאַרלאַמענט. זיין פאַרגאַנגענ־הייט, איז ערשט ניט לאַנג באַשריבן געוואָרן פון אַ באַוואוסטן ישראל־שרייבער י. בועז, און מיר געבן פאַר אייך איבער בלויז אַ טייל פון די „מעלות טובות" פון חבר הכנסת טופיק טובי.

דערציילט י. בועז:

טופיק טובי קויפט אָפּ די כנסת מיטן חן פון זיין עברית־רעדן. ער איז זייער געשיקט, זייער פלינק. אַ דאַנק זיין פלינקייט האָט ער אויך אויפגעכאַפּט דעם קלאַנג פון עברית. אין נצרת, אין דער געבורט־שטאָט פון טופיק טובי, באַנוצן די איינוואוינער אַלע שפּראַכן, וואָס זיינען „רענ־טאַבל", וואָס ברענגען אַריין „טרינק־געלט".

געווען אַ צייט, ווען טופיק טובי, שוין זייענדיק אַ קאָמוניסט, האָט גערעדט די שפּראַך פון געוועזענעם מופטי פון ירושלים — דעמאָלט איז געווען די שפּראַך פונעם מופטי „רענטאַבל". אין 1946 איז טופיק טובי געוואָרן אַ טעטיקער מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער „ליגע", וואָס האָט זיך געגרינדעט אין חיפה לויט דער איניציאַטיוו פון זיין קרוב אמיל תומה און דעם באַקאַנטן קאָמוניסטישן טוער אמיל חיביבי. די „ליגע" האָט עקזיסטירט בלויז פיר יאָר. טראָץ דער קורצער צייט פון איר עק־זיסטענץ האָט זי באַוויזן דורכצומאַכן פאַרשידענע פאַזן און גלגולים. די „ליגע" האָט געפאָדערט מיט אַ פולן מויל דאָס שאַפן פון אַן אַראַבי־שער מדינה אין גאַנץ ארץ ישראל. זי איז אָבער געווען גרייט צו אנער־קענען, די שוין אין לאַנד איינגעזעסענע אידן, אַלס בירגער פון דער אַראַ־בישער מדינה. דאָס איז געווען די איינציקע קאָנצעסיע, וואָס די „ליגע" פון טופיק טובי איז געווען גרייט צו געבן די אידן.

בעת עס איז געקומען אין יאָר 1946 די „און־קאָמיסיע" קיין ארץ ישראל, האָבן אַלע אַראַבישע פּאַרטייען, לויטן באַפעל פון מופטי באַי־קאָטירט די קאָמיסיע. אַן אויסנאַם איז געווען לכתחילה די אַראַבישע קאָ־מוניסטישע „ליגע" פון טופיק טובי, וועלכע האָט דערקלערט, אַז זי איז גרייט צו דערשיינען פאַר דער קאָמיסיע. אין לעצטן מאָמענט האָט זי זיך אָבער אַליין דערשראָקן פאַר איר דרייסטקייט און אָנגענומען דעם באָיקאָט פון מופטי.

טופיק טובי האָט ניט ליב, אַז מען דערמאָנט אים היינט אין דער כנסת — אין אַ מאָמענט פון אַ הייסער דעבאַטע — זיין שותף פון אַמאָל, דעם מופטי פון ירושלים. ער איז גרייט אים היינט צו פאַרקויפן פאַר גראָשנס. ער רעגט זיך שטאַרק אויף, ווען איר ציטירט אים היינט־צו־טאָג, וואָס זיין צייטונג, די קאָמוניסטישע „איתיחאַד" האָט געשריבן דעם 23־טן יוני 1946, ווען דער מופטי איז אַנטלאָפן פון פראַנקרייך קיין מצ־רים. „דאָס אַראַבישע פאָלק — האָט דאַן געשריבן די צייטונג — באַ־גריסט מיט אַ ברכה די דאָזיקע געשעעניש און פייערט זי פון צפון ביז דרום. דאָס פאָלק בלייבט טריי זיינע פירער". עס איז בכלל אַ סכנה צו ציטירן פאַר קאָמוניסטישע פירער אַרטיקלען און רעדעס וואָס זיי האָבן געהאַלטן נעכטן אָדער אייערנעכטן.

טופיק טובי האָט אָבער נאָך אַ גרעסערן חטא, וואָס ער האָט אויך ניט שטאַרק ליב, אַז מען דערמאנט עס אים היינט. ער איז אַנטלאָפן צוזאַמען מיט אַלע אַראַבער פון חיפה, בעת דער אַנטשטייאונג פון דער מדינת ישראל.

ער איז אַנטלאָפן קיין לבנון און מוטיק אָפּגעוואַרט די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. אָבער באַלד נאָכדעם ווי מדינת ישראל איז געוואָרן אַ געשעענער פאַקט און באַקומען דעם הכשר פון צאַראַפּקין און גראָ־מיקאָ, זיינען די קאָמוניסטישע אַראַבישע פירער פון חיפה און נצרת, אמיל חיביבי, טופיק טובי און אַנדערע צוריקגעקומען קיין חיפה. זיי האָבן באַנייט די עקזיסטענץ פון דער „ליגע" און אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט דער פאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די אידישע פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן אים מוחל געווען, פאַרשטייט זיך אין נאָמען פון פאָלק ישראל אַלע זיינע אַמאָליקע חטאים.

טופיק טובי האָט געליפערט שטימען אין די טויזנטער. אַמאָל האָבן די אַראַבער פון נצרת און דער סביבה ניט געוואָלט הערן פון אים. די

נצרת׳ער איינוואוינער האָבן נאָך אַמאָל באַשטעטיקט זייער אַלטן, טוי-זנט-יאָריקן כלל: נישטאָ קיין נביא אין זיין געבורטס-שטאָט.

נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינת ישראל, נאָך דעם ווי דאָס געשליפענע צינגל פון טופיק טובי האָט געפּעכלט קעגן דער „אונטעריאָ-כונג און פאַרשקלאַפונג" פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין דער מדינה, זיינען אָבער פלוצים די אַקציעס פון טופיק טובי געשטיגן אויך אין זיין אייגענער נצרת.

ביי וואָלן איז טופיק טובי אַ גרויסע קראַפט. ער קען די פּסיכאָלאָגיע פון אַראַבישן וויילער. ער ווייסט מיט וואָס מען נעמט אים. ער שפּילט אויף זיין נאַציאָנאַלער סטרונע, ווייסט וואו עס טוט אים וויי. ער בינדט אָפּ און פאַרבאַנדאַזשירט די וואונדן. דער אַראַבער האָט ליב, זייער שטאַרק ליב, אַז מען האָט אויף אים רחמנות. טופיק טובי צעגייט ממש דאָס האַרץ פון רחמנות פאַרן גורל פון אַראַבישן פויער און פועל, וואָס לעבט אין די ראַמען פון ישראל-מדינה. די אידישע פירער פון מק״י דאַרפן אים האָבן און פאַרטעזשירן אים שטאַרק.

די גרעסטע גדולה האָט טופיק טובי דערלעבט, מיט אנדערהאַלבן יאָר צוריק אין מאָסקווע, וואו ער האָט געווײלט אַלס דעלעגאַט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון ישראל. ראַדיאָ מאָסקווע האָט אים אָפּ-געגעבן גרויס כבוד און געווידמעט פיל צייט. ער איז דערשינען אייניקע מאָל פאַרן מיקראָפאָן און אָפּגעגעבן אַ גרוס פון מדינת ישראל.

בעת זיין ווײלן אין מאָסקווע האָבן דאָ קורסירט קלאַנגען, אַז די אַקציעס פון שמואל מיקונים זיינען שטאַרק געפאַלן און אַז טופיק טובי קלעטערט צום אויבנאָן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין ישראל.

די דאָזיקע קלאַנגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. געווען אַ צייט, ווען דער קאָמינפאָרם האָט געהאַלטן, אַז בראש פון דער קאָמו-ניסטישער פאַרטיי אין ארץ ישראל מוז שטיין אַן אַראַבער. געווען איז עס אין די צייטן, ווען ארץ ישראל איז נאָך געווען פאַלעסטינע. די דאָזי-קע צייטן זיינען פאַרשוואונדן. שוין אין די לעצטע יאָרן פון דער „פּאַ-לעסטינער קאָמוניסטישער פאַרטיי" האָט מען אין קאָמינטערן אויפ-געבן די דאָזיקע טעזע. היינט-צו-טאָג איז שוין לחלוטין ניט מעגלעך, אַז בראש פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין ישראל זאָל שטיין אַן אַראַבער!

קוקנדיק אויף דעם שונא ישראל טופיק טובי וואָס זיצט אין אידישן פאַרלאַמענט און פסקנ׳ט שאלות, באַין איך געוואָרן אַ שונא פון... דע-מאָקראַטיע! אין ראַטן-פאַרבאַנד, וואָלט שוין דאָס ניט פּאַסירט!...

אַרום די טישן זיצן אויך מיניסטאָרן. עס באַקומט דאָס װאָרט דער „שר הפנים" (דער אינערן־מיניסטער), דער „שר האוצר" (פינאַנץ־מי־ניסטער) און דער „שר המשטרה" (פּאָליציי־מיניסטער). אויף װילנערס (דעם קאָמוניסט) באַמערקונג אַז מען באַהאַנדלט ברוטאַל די אַראַבישע אַרבעטסלאָזע, זאָגט ער, אַז ער האָט ניט דאַקעגן אַז די כנסת זאָל מאַכן אַן אויפאַרשונג. ער װייסט בלויז ניט צו דער „חבר הכנסת" װילנער װאָלט מסכים געװען אַז מען זאָל אויך אויספאָרשן װי אַזוי מען באַ־האַנדלט אידן און דער עיקר — ציונים — אונטערן אייזערנעם פאָרהאַנג.

— — — — — — — — — — — — —

די זיצונג אין כנסת האָט זיך פאַרצויגן שפּעט נאָך אַ האַלבן טאָג. עס גלוסט זיך ניט אַװעקגיין — כאָטש מיר װייסן אַז מיר װעלן אָנװערן דאָס מיטיק אין האָטעל. נאָך אַלעמען, קאָן מען דאַרט ניט זיצן און װאַר־טן ביז יעדער טוריסט װעט זיך אויסקלויבן אַ שעה װען צו קומען עסן. דאָך, װען מיר זיינען געקומען אין האָטעל אַריין, האָט אונזער טיש געװאַרט אויף אונז און מען האָט אונז באַדינט מיט דער גרעסטער פּונקטלעכקייט. דאָ, אין דעם האָטעל, איז געװען דאָס ערשטע מאָל פאַר אַ מאָנאַט צייט װאָס מיר האָבן געגעסן... פליישׂ! מיר האָבן גע־האָט אַ ידיעה אַז דאָ סערװירט מען פריש פלייש (נישט קיין איינ־געפרוירנס). מיר האָבן זיך איבער אָט דעם מאכל ניט איבעריק דער־פרייט! מיר האָבן זיך שוין אָפּגעװאוינט צו עסן פלייש און עס האָט אונז ניט געפעלט. אָן פלייש, מיט די מאכלים װאָס מיר האָבן די גאַנצע צייט געגעסן געמאַכט פון גרינװאַרג און פיש — האָבן מיר זיך געפילט אַ סך בעסער און... קרעפטיקער. װען דער באַדינער פון'ם „פּאַלאַטין" האָט באַמערקט װי מיין פרוי לאָזט איבער איר חלק פלייש אין טעלער האָט ער זי געװאָלט איבערצייגן אַז זי מעג עס עסן װייל עס איז פריש און געשמאַק. מען האָט געקוילעט ספּעציעל פאַר די צאָלרייכע אַמעריקאַנער געסט װאָס זיינען דאָ דאָ. מיין פרוי האָט אים ניט גע־פאָלגט צוליב צװיי טעמים: ערשטנס — האָט ער גערעדט צו איר אין... ענגליש און זי האָט קיין װאָרט ניט פאַרשטאַנען, צװייטנס: — זי האָט זיך שוין אָפּגעװאוינט פון פלייש און װיל זיך צוריק ניט צוגעװאוינען... איך האָב עס אין עברית — אויפגעקלערט דעם קעלנער. ער האָט ניט גע־קאָנט פאַרשטיין װי אַזוי מען זאָגט זיך אָפּ צו עסן פריש רינדערן פלייש!

איך הויב זיך אָן ארומצוקוקן װער עס זיינען אונזערע שכנים איז

האָטעל? איך וויל דאָ שליסן קאָנטשאַפט — כאָטש איך בין זיכער אַז עס וועט מיר אָנקומען אַביסעלע שווער. אַרום און אַרום הער איך בלויז רעדן... ענגליש! בלויז אַמעריקאַנצעס! און פון אַזעלכע אָלרייטניקעס — וואָס קאָן מען ווסן און געוואוירע ווערן? — שפּעטער האָב איך גע־ביטן מיין מיינונג!...

א היימישע שפּאַנישע שפּראַך האָט גערופן מיין אויפמערקזאַמ־קייט. דאָס רעדן ביי א נאָענטן טיש צוויי מיידלעך — יונגע, שיינע טעכ־טערלעך, ניט קיין „סבראס". לויט דער אויסשפּראַך — האָב איך דער־קענט אַז דאָס זיינען קינדער פון אונזערע זיד־אַמעריקאַנער לענדער. איך געפין א תירוץ, פרעג אויף שפּאַניש, וויפל איז דער זייגער און איך ווער באַקאַנט מיט זיי. ביידע זיינען אַרגענטינער שילערנס פון סע־מינאַר וועלכע די סוכנות — די אידישע אַגענץ — האַלט אויס א יאָר צייט מיט אַלעם גרייטן, כדי זיי זאָלן זיך פּערפעקציאָנירן אין זייער שטודיום. זייערע נעמען; וויינשעלבלום און טאַרלאַוסקי. זייערע על־טערן וואוינען אין ב. איירעס. טאַקע די טעג דאַרפן זיי געבן עקזאַמען און זיי האָרעווען שווער. זיי ווילן ענדיקן און פאָרן... אַהיים. זיי בענ־קען נאָך זייערע עלטערן!

צו דענקען זיי ניט בלייבן אין ישראל?

— דערווייל ניט! און אויב זיי וועלן בלייבן — איז ניט אין ירוש־לים! עס איז דאָ זייער אומעטיק און מאָנאָטאָן! איר וועט דאָ בלייבן עטלעכע טעג וועט איר זען!

איך שליס קענטשאַפט מיט א אידן, א טוריסט פון באָסטאָן. ער איז דאָ מיט דער גאַנצער פאַמיליע. ער איז זייער רייך אין אַמעריקע און — אויב מען וועט אים ניט שטערן אין מאַכן „ביזנעס", וועט ער דאָ עפענען א פאַבריק פון עלעקטרישע דראָטן.

— ווי גייט עס אין די פאַרהאַנדלונגען? מאַכט מען אייך שוועריג־קייטן?

— איך בין שוין דאָ דאָס צווייטע מאָל. דאָס ערשטע מאָל בין איך אַוועקגעפאָרן מיט גאָרניט! איך האָב בלויז מיטגענעמען... פאַרבי־טערטקייט! איצט איז שוין אַלץ אויף א וועג! פריער, האָבן געוויסע ר ע ג י ר ו נ ג ס־אינסטיטוציעס געוואָלט מאַכן מיט מיר א קאָנטראַקט און אָפּקויפן די גאַנצע פּראָדוקציע פאַר פינף יאָר צייט! מען האָט מיר, אָבער, געשטעלט צוויי שלעכטע באַדינגונגען: — א ביליקע פרייז פאַר די אויסגעאַרבעטע אַרטיקלען און טייערע פרייז פאַר די אַרבעטער...

עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז פאַר מיין קאַפּיטאַל וועל איך ניט אַרויס־נעמען קיין סענט אינטערעס און וועל נאָך דאַרפן דערלייגן!

— נו, איז וואָס, און אַז מען דערלייגט צו דער אידישער מדינה איז דען אַן אומגליק? וועט איר פאַרדינען אין אייערע פאַבריקן פון באָסטאָן!

— יאָ! איך האָב אויך דאָס אייגענע געזאָגט! איך האָב, אָבער, געוואָלט אַ קאָנטראַקט אויף בלויז איין יאָר. די איבעריקע פיר יאָר האָב איך געוואָלט פאַרזיכערן אַ מינימאַלן פאַרדינסט און אַ פאַרזיכערונג פאַר דאָלאַרן. האָט מען מיר ניט געוואָלט נאָכקומען און איך בין אַוועק מיט ליידיקן. איצט — ביי דער נייער רעגירונג, האָט מען מיך גערופן צו־ריק און איך גלויב אַז מיר וועלן דורכקומען מיט די קאָנדיציעס.

— וויפל וועט דאָ באַטרעפן אייער פאַבריק ווען זי וועט שוין זיין אינסטאַלירט?

— איך גלויב אַז איך וועל דאַרפן אַריינלייגן פון אַכט ביז צען מי־ליאָן דאָלאַר.

איך געב אַזש אַ ציטער. איך באַטראַכט דעם אידן, זיין פּשוטן אויס־זען, זיין קייען מיט דער פּולקע פון עוף אין דער האַנט, זיין פליכעוואַטע קאָפּ, און אָט דער איד, רעדט וועגן אַריינלייגן אין ישראל אַ... 200 מיליאָן אַרגענטינער פּעזעס, גלייך ווי ער זאָל רעדן פון קויפן אַ פערד און וועגעלע אָדער אַ טערענאָ אין קאַסטעלאַר. דעם אמת געזאָגט — איך האָב באַקומען פאַר דעם אידן אַ ביסל מער דרך ארץ. איך האָב זיך שוין נענטער צוגערוקט צו אים און אים גענעמען אויספּוייזן וואָס פאַר אַ גרויסער זאַך ער וועט טאָן ווען ער וועט אַריינברענגען קיין ישראל אַזאַ סומע געלט — כאָטש פאַר די אַמעריקאַנער — איז דאָס ניט אַזוי פיל!

מיר דאַכט, אַז איך האָב אים איבערצייגט!

אַ צווייטער איד, אַ מענטש אין די עלטערע יאָרן, איז געקומען פון קאַנאַדאַ. ער איז דאָ מיט זיין פרוי און ער האָט געבראַכט אַ היפּשע סומע דאָלאַרן. ער וויל דאָס געלט אַריינלייגן אין אַ באַנק און וועט דאָ לעבן פון פּראָצענט. ער האָט דאָרט, אין מאָנטרעאַל, געלאָזט קינדער, ער האָט זיי אָפּגעגעבן זייער ירושה ביים לעבן, און פאַרן איבעריקן געלט, וויל ער לעבן און... שטאַרבן אין ישראל. ער האָט אַ פּלאַן זיך איינאָרדענען אין אַ „מושב" — אַ שטעטעלע אָדער דאָרף פון אַ מזרחי־קיבוץ און דאָרט זיי איבערגעבן זיין געלט און מען זאָל אים פאַרזיכערן אַ בכבודיקע עלטער.

און אָט איז דאָ פאַראַן אַ צווייטער טיפּ טוריסט. אַ הויכער שלאַנקער

מאַן. איך וואָלט געשוואוירן אַז ער איז אַן ענגלענדער. ער רויכערט אַ ליולקע און איז די גאַנצע צייט בייז און ברוגז. איך צערעד זיך מיט אים. ער רעדט אַ שווערן אידיש. ער איז פון מיאַמי-בעאַטש. ער איז אַ ביזנעסמאַן. אַ מיטגליד אין זיין קאָנגרעגאַציע און אַ פּרעזידענט פון אַ „זונטיק-שול". ער האָט ליב דאָס אידישע פאָלק. זיין פאָטער, וועלכער איז געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה, האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיין אַ „פרענד" פון ישראל. נו, איז ער אַ פריינט, געקומען אַהער, אויסגעגעבן עטלעכע הונדערט דאָלאַר און... מען גיט אים ניט אָפּ קיין גענוגענדן כבוד. דאָרט, אין מיאַמי-בעאַטש, אין זיין קאָנגרעגאַציאָן, גיט מען אים אָפּ מערער כבוד און עס קאָסט אים ווייניקער...

מיט אָט דעם טוריסט האָב איך שוין געהאַט אַ גרעסערע אַרבעט ביז איך האָב אים „איבערגעבעטן" און געפּועלט ביי אים אַז ער זאָל מוחל זיין די ישראל-אידן, וועלכע האָבן, נעבעך, אַזוי פיל קאָפּ-ווייטיק אַז זיי קאָנען זיך ניט אומקוקן אויף אַזאַ אדום חשוב ווי ער איז. איך האָב אים — למען השלום — געמוזט דערציילן, אַז אויך איך בין שטאַרק געקריוודעט, אָבער — איך בין אַלץ מוחל.

ביי טאָג. מיין פרוי איז שטאַרק מיד פון אירע איבערלעבונגען. מוז זיך צולייגן אַביסל. איך גיי... באַגעגענען דושאַן פאָסטער דאַלעס. איך וועל זיך באַמיען אים אָנקוקן און זען ווער עס איז איצט דער ווייכטיקסטער גאַסט פון גאַנצן מיטעלן אָריענט — אָבער — גאָר גאָר — פון מדינת ישראל, אויף וועלכן מען קוקט מיט... אומצוטרוי ?

ארויסגייענדיק אין גאַס, האָב איך תיכף באַמערקט די נערוועזיטעט פון יעדן איינעם בכלל און פון דער פּאָליציי — בפרט. די צענטראַלע גאַסן זיינען געווען געשלאָסן פאַר דורכפאָרער און אויך די דורכגייער זיינען גוט באַאָבאַכטעט געוואָרן. אויף דורכצוגיין צוויי גאַסן — האָב איך געמוזט האַלטן מיין צייטונגס-קאַרנעט אין דער האַנט. אין איין אָרט האָט מען גענעמען בודק זיין מיין פּאַספּאָרט. זיי האָבן, אָבער דאָרט געפונען צוויי טאַרכעטלעך פון צוויי גדולים פון ישראל — האָבן זיי מיר דעם פּאַספּאָרט תיכף צוריקגעגעבן און... זיך אנטשולדיקט. איך האָב זיי מוחל און זיי שטאַרק מיטגעפילט. קאַרג קאָפּ-ווייטיק און צרות האָט ישראל, דאַרף זי נאָך האָבן אַז מיטן אויסערן-מיניסטער פון אַמעריקע, זאָל חלילה, עפּעס טרעפן.

ביים פּשוטן עולם איז דאָלעסעס קומען געווען אַ היסטאָרישע געשעניש. אַלע תושבים פון ישראל, אַלטע און עולים, ווייסן וואָס עס

הייסט אַמעריקע און אַמעריקעס הילף פאַר ישראל. און כאָטש דער אויסערן־מיניסטער טראָגט אַזאַ „אידישן" נאָמען ווי דאַלעס (דלות) האָט יעדער איינער — אַ חוץ די קאָמוניסטן און זייערע מיטלויפער — גע־וואוסט אַז ישראל וועט ניט בדלות ווערן פון דאַלעסעס קומען אַהער. ער וועט זען וואָס מען האָט געטאָן מיט די מיליאָנען וואָס אַמעריקע שיקט, ער וועט זען וואָס ישראל האָט דערגרייכט אין אָט די 5 יאָר עק־זיסטענץ, און דער עיקר — ער וועט זען ווי ישראל איז צוגעגרייט פאַר אַן אָנפאַל דורך אַראַבער — וועט ער אפשר זיי איבערצייגן אַז זיי זאָלן זיך ניט שפּילן מיט קיין פייער און שלום מאַכן מיט דער עקזיסטענץ פון אַ אידישער מדינה, פון מדינת ישראל. בכלל. מען האָט אויף דאַלעסעס קומען אַ סך אויסגעשטעלט און אַ סך געהאָפט! מען האָט אויך געמאַכט וויצן, אַז ווען דאַלעס וועט קומען, וועט בן גוריון מיט דער גאַנצער רעגי־רונג אַרויסגיין אים באַגעגענען מיט ספרי תורות און מען וועט מאַכן הקפות אַרום אים און מען וועט זינגען: „עוזר דאַלעס (דלות) הושיעה נאָ".

עפּעס האָבן די אידן געטראָפן. אנשטאָט מיט אַ ספר תורה האָט בן גוריון אים אויפגענומען מיט אַ תנ"ך אין דער האַנט און ביידע האָבן זיך געפּילפּולט וועגן געוויסע פּסוקים פון תנ"ך.

דאַלעסעס קומען קיין ישראל און ווי אַזוי מען האָט אים אויפגענע־מען און אָפּגעהיט, האָט זייער געלונגען און ממש קינסטלעריש געשיל־דערט איינער פון באַגאַבסטע אידישע זשורנאַליסטן אין ישראל, דער רעדאַקטאָר פון „לעצטע נייעס" און קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס", הער מ. צאַנין.

קאָלעגע צאַנין איז געווען נאָענט ביי דאַלעסעס קומען, האָט אים אַ שטיק וועג באַגלייט אַלס אויטאָריזירטער צייטונגס־מאַן און ער דער־ציילט וועגן דעם אָט אַזוי:

אין דעם טאָג וועט דער אעראָפּלאַן האָט געדאַרפט ברענגען דעם מיניסטער דאַלעס און זיין סוויטע קיין ישראל פון עגיפּטן — זיינען באַ־גינען אַלע וועגן, וועלכע פירן פון תל אביב קיין לוד צום פלי־פעלד, באַ־זעצט געוואָרן מיט פּאָליציי. אויף דעם דאָזיקן וועג געפינען זיך גראָד אייניקע מעברות (מאַאַבאַראָט) און דערפער פון נייע אימיגראַנטן. זיי־נען אין אַלע אָט די פּונקטן אַריינגעשיקט געוואָרן שטאַרקע פּאָליציי־פּאַטרולן. אויף אַלע קרייץ־וועגן זיינען געשטאַנען פּאָליציי־פּאַטרולן און פּאָליציי־אויטאָס האָבן קאָנטראָלירט די וועגן. דאָס פלי־פעלד איז גע־דיכט אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט אַ פּאָליציי־קאָרדאָן. פון דעם שטח

פון דעם פלי־פעלד אין לוד זיינען באַזייטיקט געוואָרן אַלע ציווילע מענטשן, וועלכע האָבן נאָך ניט געהאַט קיין ספּעציעלן אינטערעס דאָרט צו זיין אין אַט די שטונדן. אויף דער דאָזיקער צייט האָט מען אָפּגעשטעלט יעדן פאַרקער פון וועלכע עס איז אעראָפּלאַן מיט לוד. זשורנאַליסטן זיינען ביים טויער זייער זאָרגפעלטיק לעגיטימירט געוואָרן און יעדנס נאָמען האָט זיך געמוזט געפינען אויף אַ ליסטע.

אַ שעה פאַרן אָנקומען פון דעם אעראָפּלאַן זיינען אָנגעקומען די אָפיציעלע עמפּפאַנגער פון אויסערן־מיניסטעריום בראש מיט מיניסטער שרת, פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע, דער אָנפירער פון דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע ברום מעקדעניעל און אויך אַ באַוואָפנטער גאַרד פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין תל אביב. אויף דעם מאַסט פון פלי־פעלד איז אַרויפגעצויגן געוואָרן די אַמעריקאַנער פאָן און דער עולם האָט געוואַרט אומגעדולדיק.

אַרום האַלב־צוויי מיטיק־צייט איז אויפן פעלד אַרויף אַן אָפּטיילונג פון פאַראַשוטיסטן פון דער ישראל־אַרמיי אַלס ערן־וואַך פאַר די אַמעריקאַנער געסט. אויפן האָריזאָנט באַווייזט זיך אַן אעראָפּלאַן און עס גייען ניט דורך קיין צוויי מינוט ווי אויפן פלי־פעלד לאָזט זיך אַראָפּ אַ מעטאַלענער פויגל, אַ גלאַנציקער, ווי ער וואָלט געווען אויסגעשייערט אויף יום־טוב. די פאַראַשוטיסטן פּרעזענטירן דאָס געווער. די אָפיציעלע געסט דערנענטערן זיך צום אעראָפּלאַן, פון וועלכן עס שטייגן אויס דזשאָן פאָסטער דאַלעס, העראַלד סטאַסען און זייער סוויטע. נאָכדעם ווי די געסט באַגריסן זיך מיט דעם אויסערן־מיניסטער שרת און מיט די פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע, גייען די געסט פאַרביי די אָפּטיילונג פון די פאַראַשוטיסטן, עס קלאַפּן די קאַמעראַס, די געסט ווערן צוגעפירט צו אַ זייטיקן פליגל פון דער הויפּט־בילדונג און דער אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער לייענט אַרויס פון אַ פּאַפּיר אַ קורצע דערקלערונג וועגן זיין קומען קיין ישראל און אײדער וואָס ווען — ווערט דער וועג אָפּגעשלאָסן דורך פּאָליציי. די אָפיציעלע געסט פאַרשווינדן דורך אַ באַזונדערער טיר און די זשורנאַליסטן ווערן צו זיי ניט צוגעלאָזט. זיי מוזן דורכגיין דורך אַ טויער.

און ווען איר קומט אַרויס אויפן פּלאַץ פאַר דעם פלי־פעלד — פליען שוין די מאַשינען, וואָס פירן אַוועק די געסט. פאַראויס לויפן אויף מאָטאָסיקלען מיליטער־פּאָליציי און דאַן פליען די אויטאָס. אין אַט דער צייט איז יעדע באַוועגונג אויף דעם שאָסיי קיין תל אביב

אָפּגעשטעלט געװאָרן. אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג איז ניט דערלויבט געװען צו פֿאָרן. די אויסגענג פֿון די מעברות זיינען פֿאַרשטעלט געװאָרן דורך פּאָליציי. די אויטאָס זיינען געלאָפֿן קיין רמת-גן, װאו עס געפֿינט זיך די רעזידענץ פֿון דעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין ישראל.

װען איר זענט געקומען אין שטאָט אַריין קיין תל אביב, זיינען די שטאָבן פֿון די לינקע פּאַרטייען געװען פֿאַרנומען ביים פֿאַרענדיקן די צוגרייטונגען צו דעם גרויסן מיטינג, אויף װעלכן עס דאַרף פּראָטעס-טירט װערן דאָס קומען פֿון מיניסטער דאַלעס קיין ישראל. די פּאָליציי האָט ניט דערלויבט קיין דעמאָנסטראַציעס. מיניסטער דאַלעס האָט גע-דאַרפֿט דורכפֿאָרן מיט די גאַסן פֿון תל אביב אויף אַ באַזוך אין דער אַמ-באַסאַדע פֿון אַמעריקע אויף שדרות רויטשילד. און די פּאָליציי האָט ניט געװאָלט, אַז אימיצער זאָל שטערן די פֿייערלעכקייט. אָבער אַ פּראָטעסט-מיטינג איז יאָ דערלויבט געװאָרן.

אַ שטיקל סענסאַציע איז געװען, װען די לינקע פּאַרטייען, װעלכע זיינען פֿאַראייניקט אין דעם פּראָ-סאָװעטישן „שלום-קאָמיטעט", האָבן צװוישן געגעבן אין זייערע צייטונגען, אַז איינער פֿון די רעדנער אויף דעם מיטינג װעט זיין דער אַלטער ציוניסטישער טוער יצחק גרינבוים.

יצחק גרינבוים צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן אויף אַ מיטינג קעגן אַמעריקע? איז נישט קיין געװיינלעכע זאַך. און דערפֿאַר איז צום מיטינג געקומען אַ פֿיר-פֿינף טויזנט מענטשן. אָבער יצחק גרינבוים איז צום מיטינג נישט געקומען. עס האָבן גערעדט בלויז פֿאָרשטייער פֿון די קאָמוניסטן, מפ"ם און פֿון דער סנה-פּאַרטיי. אַפֿילו סנה אַליין איז נישט געקומען צו רעדן אויף דעם מיטינג.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די רעדנער האָבן נישט געבענטשט דאַלעסן. זיי האָט אים אַריינגעזאָגט פֿון אַלע זייטן. אויב פֿאַסטער דאַלעס האָט װיי-ניק געזאָגט װעגן דעם צוליב װאָס ער איז געקומען קיין ישראל און אויך די ישראל-רעגירונג האָט נישט געזאָגט צוליב װאָס ער איז גע-קומען — האָט איר זיך װעגן דעם ציל פֿון דאַלעסעס רייזע געקענט „דערװיסן" אויף אָט דעם מיטינג.

ער איז געקומען פֿאַרשקלאַפֿן דאָס אידישע פֿאָלק צו װאָלסטריט;

ער איז געקומען אָרגאַניזירן אַ מלחמה קעגן רוסלאַנד;

ער איז געקומען אויסהונגערן די מאַסן אין ישראל און ביי זיי צונע-מען דאָס לעצטע שטיקל ברויט;

ער איז געקומען מאַכן פֿון ישראל אַ באַזע פֿון דעם אַמעריקאַנער

אימפּעריאַליזם, כדי צוזאַמען מיטן אידישן פאָלק אויך צו פאַרשקלאַפן די אַראַבישע פעלקער און צו פאַרוואַנדלען די אידישע אַרמיי אין פליישפאַר די אַמעריקאַנער האַרמאַטן...

אויסהערנדיק דאָס אַלץ וועגן דעם אויסערן-מיניסטער פון אַמעריקע האָב איך שטאַרק מורא געקראָגן פאַר פאָסטער דאַלעס, וואָס מיט אייניקע שטונדן פריער האָב איך אים געזען.

אויסזען זעט ער אויס — ניט ווי זיין פאָטער וואָלט געווען אַ גייסט-לעכער, נאָר ווי ער אַליין וואָלט געווען אַ רעווערענד, אומשולדיק ווי אַ קינד, רעדט שטיל און אַפילו מיט די ווערטער, וואָס ער האָט אַרויס-געלייענט פון פּאַפּיר איז ער געווען פאַרזיכטיק ווי מיט פייער. און גע-קומען קיין ישראל איז ער אינגאַנצן אויף אַכט-און-צוואַנציק שטונדן. איז אויב אין 28 שעה וועט ער באַוויזן צו פאַרשקלאַפן דאָס אידישע פאָלק צו וואָלסטריט, אָרגאַניזירן אַ מילחמה קעגן רוסלאַנד, אויסהונ-גערן די מאַסן פון ישראל, פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ באַזע און די סאָלדאַטן פון דער ישראל-אַרמיי אין פלייש פאַר די אַמעריקאַנער האַר-מאַטן — איז אויס רעווערענד, אויס אומשולדיק קינד, אויס אַלע קונצן, נאָר פאָסטער דאַלעס איז עפּעס אַ קונצן-מאַכער, וואָס אַ דריי מיטן שטעקעלע — און אַלע פאַלן פון הונגער, נאָך אַ דריי מיטן כישוף-שטע-קעלע — און עס וואַקסט אויס אַ באַזע, און ווידער אַ דריי מיטן שטע-קעלע — און עס פלאַקערט אַ וועלט-מילחמה.

האָב איך געטראַכט, אַז אויב מיר האָבן שוין יאָ אַריינבאַקומען אַזאַ כישוף-מאַכער, איז אפשר וואָלט געלוינט צו פאַרהאַלטן דאַלעסן אין ישראל אויף נאָך אַ פּאָר שעה און ער זאָל געבן אַ פּאָר ריכטיקע דריי מיט דעם שטעקעלע פאַר אונז אַליין?

אָט אַ שטייגער זאָל ער געבן אַ דריי און עס זאָל פאַרשווינדן די אַרבעטסלאָזיקייט, נאָך אַ דריי און אַלע פאַבריקן זאָלן אַרבעטן, דאַן אַ קליין דרייעלע, אין דער קאַסע פון דער רעגירונג זאָל אַריינפאַלן אַ הונדערט מיליאָן דאָלאַר, און דאַן זאָל ער געבן נאָך אַזאַ מין שטיקל דריי, אַז די צוויי מיליאָן סאָוועטישע אידן זאָלן שוין זיצן אין די מעב-רות. צום סוף זאָל מען אים בעטן אַ צולאָג-דריי, אַז אין די קעפּ פון אונ-זערע לינקע זאָל ליכטיק ווערן...

— — — — — — — — — — — —

איך האָב זיך אינמיסטן לענגער אָפּגעשטעלט אויף דאַלעסעס קומען קיין ישראל, ווייל ווער עס איז געווען יענע טעג אין ישראל און ווער עס

האָט זיי איבערגעלעבט — וועט זיי לאַנג האָבן אין זכרון. ניט נאָר די רעגירונגס-מענטשן און באַמטע, ניט בלויז די פאַראַנטוואָרטלעכע פּי־רער פון ישראל־ישוב זיינען געווען אומרואיק און אין מורא אַז עפּעס אַ מאַניאַק זאָל זיך ניט פאַרגלוסטן אָפּטאָן אַ פאַרברעכן און אַטענטירן אויפן לעבן פון חשובן גאַסט, נאָר מען האָט פּשוט מורא געהאַט פאַר אַ געפּלאַנטער פּראָוואָקאַציע פון יענעם צד וואָס וויל זען ישראל צעקריגט מיט אַמעריקע און וויל בכלל פאַרשאַפן צרות און קאָפּ ווייטיק דער יונ־גער מדינה. אַזעלכע — צום באַדויערן — פעלן ניט אין ישראל. דערפאַר איז דער גאַנצער ישוב געווען אויף דער וואַך און האָט פרייער אָפּגע־אָטעמט ווען די געסט זיינען שוין געווען פון יענער זייט ישראל־טויערן.

איך מאַך אַ שפּאַציר איבער ירושלים. איך גיי זוכן מיינעם אַן אַלטן פריינט, אַן עקס שעף מיינעם פון יענע יאָרן ווען איך האָב גע־לעבט אין אָדעס, געאַרבעט אין זשורנאַל „יעווריייסקי זשיזן" און „מאַ־לענקי אָדעסקיע נאָוואָסטי". דער שעף מיינער, איז געווען אַ באַוואוס־טער און באַרימטער שרייבער און איינער פון די אָנפירנדע לייטער פון „אָדעסער קאָמיטעט" און פון ציוניזם בכלל. דער דאָזיקער אַנגעזעענער שרייבער האָט אין אָדעס געהייסן: — סאַלאָמאָן באָריסאָוויטש שוואַרץ. אין אידיש — פלעג איך לייענען זיינע אַרטיקלען אונטערן נאָמען שלום שוואַרץ. ווען איך האָב אין ירושלים אָנגעהויבן זיך פרעגן אויף אים, בין איך געוואוירע געוואָרן אַז ער הייסט דאָ: „בן ברוך". גראַדע אַזאַ פאַמיליע איז מיר... ניט געפעלן געוואָרן צוליב אַ „טאַקטישער" אורזאַכע. איך הויב ניט אָן צו פאַרשטיין ווי אַזוי עם שרייבט זיך למשל, אַ טאָכטער פון איינעם וואָס הייסט „בן ברוך"? אויב זי הייסט שרה דאַרף זי זיך שרייבן: — שרה בן ברוך — עפּעס קלעפּט זיך עס ניט! אָבער, ניט דאָס בין איך אויסן געווען. איך בין געגאַנגען זוכן בן ברוך און איך האָב געמעמען בלאָנדזען איבער ירושלימער גאַסן!

אויב אין תל אביב איז דאָ אַ כאַאָס בנוגע נומערן פון גאַסן — איז אין ירושלים הונדערט מאָל ערגער. אין תל אביב זיינען לפּחות דאָ, מער ווייניקער, אויפשריפטן אויף גאַסן. אין ירושלים — עקזיסטירן ניט אַזעל־כע אָנווייזונגען. דאָרט דאַרף מען זוכן לויט דעם „בית" (הויז, קאַסאַ.) און אַזוי זוכנדיק האָב איך זיך דערשלאָגן צום „בית שוואַרץ".

איך ווייס ניט צי איר האָט אַ אָנונג וועגן דעם געפיל וואָס מען האָט, ווען מען טרעפט איינעם וואָס מען האָט אים עטלעכע און דרייסיק יאָר ניט געזען....

ווען איך האב זיך באגעגנט מיט ש. שווארץ, מיט אט דער אינטע־רעסאנטנער און אונדערמידלעכער פערזענלעכקייט פון נאציאנאלן לא־גער, האב איך, אין איין מאמענט, דערזען פאר מיר א שטיק געשיכטע פון ציוניזם און איינעם פון די יעניקע וועלכע האבן מיט צענדליגער יארן צוריק געלייגט דעם גרונטשטיין פון יענער געביידע וואס הייסט היינט: — מדינת ישראל. אוודאי! אז איר וועט א פרעג טאן א „סבראל־לע, וועט ער אייך אפחוזק׳ן פון איצטיקן שלום שווארץ — בן ברוך און פון אמאליקן סאלאמאן באריסאוויטש שווארץ. וואס האט געטאן אזא שווארץ פאר דער פראקלאמירונג פון דער אידישער מדינה? האט ער דער געטראגן געווער און געיאגט די ענגלענדער און דערנאך די אראַ־בער! איז ער דען געווען ביי דער שלאכט פון יפו און פון יד מרדכי? ביי זיי — ביי א גרויסער טייל סבראס, זיינען בלויז אט די סאלדאטן די גרינדער פון דער מדינה. ביי מיר, פאר מיר, שטייט אבער, איצט א מענטש, וואס איז אין די צייטן פון ניקאלייען און דערנאך ביי די באלשעוויקעס האט ער געבויט די אידישע מדינה. ער איז דערנאך — אין די ערשטע יאר פון דער רוסישער רעוואלוציע אוועק פון אדעס, גע־קומען קיין ישראל, און ער איז נאך קיין איין טאג ניט געזעסן רואיק! ער בויט נאך אלץ! ער איז טעטיק אין פארטיי, ער איז א נאענטער מיט־ארבעטער פון „הבוקר" און ווען מען האט געדארפט פארטיידיקן ירוש־לים, איז ער געווען אין גאס און געהאלפן מיט וואס ער האט געקאנט.

א פאר שעה האב איך מיט איב פארבראכט. עס האט זיך ניט גע־גלוסט אוועקגיין. מיר האבן ביידע דערמאנט יענע יארן פון „אדעסער קאמיטעט" וואו אוסישקין, ביאליק, חיים גרינבערג און — אים צו לענ־געקע יאר — ער, שלום שווארץ האבן אנגעפירט א ריזיקע ציוניסטישע ארבעט. ער גיט מיר מיט א גרוס צו די ארגענטינער אידן. ער בעט זיי, אז זיי זאלן לערנען זייערע קינדער צו זיין געטרייע אידן און זאלן פאר־זעצן אונזער אנגעהויבענע ארבעט.

איך קער זיך „אהיים" אין האטעל אריין. עס פעלט נאך א פאר שעה צו נאכט. איך נעם מיין פרוי און מיר גייען ארום שפאצירן אי־בער די ירושלים׳ער גאסן. עס איז א שיינער פארנאכט און עס גלוסט זיך גיין און גיין. מיר האבן, אבער עפעס מורא ווייט צו גיין. אט ערשט צוריק מיט א פאר טעג איז דא ניט ווייט געווען א שיסעריי. מיר גייען מיט דער גאס „דרך יפו". ווען מיר זאלן גיין מיט אט דער גאס

ווייט ווייט, ביז דער ענדע — וועלן מיר זיין... ביי די אַראַבער אָדער, לפּחות, נאָענט פון זיי.

אויף דער גאַנצער וועלט איז איינגעפירט אַז אַ גרענעץ איז... אַ גרענעץ. מען קומט צו אַ פּונקט וואו עס ענדיקט זיך אונזער טעריטאָריע און עס הויבט זיך אָן יענעמס טעריטאָריע. איך בין געווען אין אַרגענטינע ביי אַלערליי גרענעצן. יבשה-גרענעצן און ים-גרענעצן און יעדער איינער פון אונז, פּאַסאַזשירן, האָבן געוואוסט אַז דאָ איז אונזער לאַנד און פון יענער זייט געהער צו טשילע אָדער באָליוויע אָדער פּאַראַגוואַי און בראַזיל.

דאָ, אין ישראל בּיכלל און אין ירושלים בּפרט — איז גאָר עפּעס אַנדערש. די גרענעץ איז אינמיטן שטאָט. אינמיטן שטוב. פון מיר ביז צום שונא איז אַזוי ווייט אַז... מען דאַרף רעדן שטיל ווייל ער קאָן נאָך דערהערן וואָס מען רעדט. ספּעציעל — אין ירושלים.

מיר גייען מיט אַ גאַס און וואָס ווייטער — איז זי ווייניקער באַלעבט, שטילער און רואיקער. בלייבן מיר שטיין. מיר האָבן מורא טאָמער, וועלן מיר פאַרקריכן צו דער אַראַבישער טעריטאָריע. וויפל פאַלן זיינען שוין געווען אַזעלכע? וויפל אומגליקלעכע האָבן שוין דאָס לעבן אַזוי פאַרלוירן. אָט, איז אַ בלינדער איד, אַן איינוואוינער פון ירושלים, אַרויסגעגאַנגען פון זיין וואוינונג און על פּי טעות, זיך פאַרנעמען לינקס אנשטאָט רעכטס און ער איז אַריין אין דער אַראַבישער טעריטאָריע. צוריק האָט מען שוין געבראַכט זיין טויטן קערפּער! נו, נעם, גיי שפּאַציר אַליין אין אַזאַ שטאָט וואו דו ווייסט ניט וואו עס ענדיקט זיך אונזערס און וואו עס הויבט זיך אָן זייערס!

דער געפערלעכסטער גרענעץ-פּלאַץ, איז דאָרט וואו עס געפינט זיך דער בּארימטער קוואַרטאַל פון די פרומע „מאה שערים". דאָרט, איז ממש אַ שפּרונג פון דער גרענעץ. פאַראַן דאָרט ערטער וואו די שטעכיקע דראָטן זיינען צוגעקאָוועט צו די אידישע ווענט פון אַ גרויסער שטוב עס איז דאָרט פאַראַן אַ ישיבה. איין זייט איז אונזערע און איין זייט איז זייערע. די ישיבה-בחורים זיינען שטענדיק אין סכּנת נפשות. טאַקע מיט אַ פּאָר טעג ערב אונזער קומען קיין ירושלים, האָט זיך דאָ געגאָסן בלוט. די אַראַבער האָבן געשאָסן און דערשאָסן. אונזערע האָבן אָפּגעענטפערט און באַצאָלט כּפל כּפלים. זיי ווייסן גראָדע, די אַראַבער, אַז מען באַצאָלט דריי טויטע אַראַבער פאַר איין אידישן קרבן.

זיי טוען אָבער זייערס און אַלע טאָג זיינען דאָ שיסערייען. ירושלים-אידן האָבן זיך שוין אויסגעלערנט צו היטן.

מיר לאָזן זיך גיין ביז דער צענטראַל-פּאָסט. גראָדע ירושלים פאַר-מאָגט די שענסטע פּאָסט אין ישראל. די פּאָסט איז שוין פאַרמאַכט און אין אַ ווינקעלע קריגט מען נאָך צו קויפן פּאָסט-מאַרקעס און אָפּשיקן אַ טעלעגראַמע. דער פאַרקויפער איז אַ געוועזענער קאָלאָניסט פון מאָנ-טעפיאָרע און דערנאָך אין די אַרגענטינער פּאַמפּאַס. ער איז שוין אין ישראל 26 יאָר און ער בענקט ניט צוריק נאָכן שטיק פעטן אַסאַדאָ-פלייש און נאָך די רייכע אַרגענטינער מאכלים. ער האָט קיין מורא ניט פאַר די שיסערייען. פון אים ביז די שיסער איז „וווייט". אפשר גאַנצע פינף הונדערט... מעטער! אָבער. ער האַלט זיי אין דער ערד. ווען ער גייט אַהיים פון דער אַרבעט — ער וואוינט האַרט, האַרט, ביי דער גרעַ-נעץ — טראָגט ער מיט זיך אַ „שפּייער". על כל צרה שלא תבוא! ער איז איינער פון די וואָס גלויבן, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי זיך... שלאָגן אין רבת עמון און אין דמשק... ביז מען וועט די אַראַבער ניט געבן קיין לעקציע ווי עס דאַרף צו זיין — וועלן זיי ניט בלייבן רואיק. אגב. אַזעלכע מיינונגען זיינען דאָ אַ סך אין ישראל.

מיר קומען צו ביז צום האָטעל פון „מלך דוד" — דער שענסטער אין ירושלים און פון דאָרט גייען מיר ווייטער ביז צו דער ריזיקער גע-בײדע פון דער „ימקא". ווייטער — האָבן מיר אַליין מורא ווייטער צו שפּאַנען! אַ קשיה אויף אַ מעשה. מיר קערן זיך אום אין האָטעל אַריין עסן וועטשערע.

ווען מיר האָבן אָפּגעגעסן וועטשערע און אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן, האָבן מיר געזען, אַז די מיידלעך וויינשעלבוים און טאַרלאָווסקי האָבן ר ע כ ט ! די גאַס איז שטיל, גלייך ווי מיר זאָלן וואוינען ערגעץ אין עק וועלט און ניט אינמיטן פון שטאָט. אַ גליק נאָך, וואָס אַנטקעגן אונז, פונקט אַקעגן מיין פענצטער, איז פאַראַן דער קינאָ „עדן" און מענטשן — גרויס און קליין — שטראָמען מאַסנווייז. ספּעציעל — איז פול די גאַס מיט סאָלדאַטן און סאָלדאַטקעס וועלכע גייען פאַרברענגען אין קינאָ.

מיין פרוי גייט שלאָפן און איך גיי... צו אַ מסיבה אויף וועלכער איך בין נאָך באַשטעלט געוואָרן צוריק מיט צוויי וואָכן אין תל אביב. עס קומען זיך צענויף מענטשן אין אַ הויז פון אַ פריינט זייערן וואָס פּראַוועט זיין „זילבערנע חתונה" מיט זיין פּאַסטן אין אַ דעקאָראַציאָנס-

אינסטיטוציע און ביי אַ גלעזל טיי און קאָניאַק וועט מען דיסקוטירן אַ פּאָר אינטערעסאַנטע פראַגן. אין תל אביב האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך וועל פון אָט דעם אָוונט אַ סך לערנען און האָבן וואָס צו פאַרציי־כענען...

אויף צו קומען אויפן אַדרעס וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך גע־דאַרפט נעמען אַ טאַקסי. ווייזט אויס אַז דער נהג האָט דערקענט אין מיר אַז איך בין אַ „גרינער" אין ירושלים, האָט ער דערוויייל אויסגענוצט די געלעגנהייט און מיך אַרומגעפירט איבער דער שטאָט. געוווען אַ מאָ־מענט ווען איך האָב געכאַפּט אַ ציטער. ווער ווייסט, ווער דער טאַקסי איז און ווער זיין שאָפער איז? אפשר וועט ער מיר גאָר פאַרפירן אַ ה י ן פון וואַנען מען קערט אום אַ צעשניטענעם אויף שטיקלעך. עפּעס גע־דויערט צו לאַנג און מיר פאָרן אין פינצטערע געסלעך.

מיין שרעק איז געווען אומזיסט. מיין נהג האָט מיך צוגעפירט צו אַ הויז אין דער געגנט פון „תלפיות", זיך דאָרט אָפּגעשטעלט און ווי נאָר איך בין אַראָפּ פון אויטאָ — האָט מען געוואַרט אויף מיר און מיך פריינטלעך אַריינגעבעטן אין שטוב אַריין. איך האָבן שוין דאָרט גע־טראָפן אַ פּאָר מנינים אידן, וועלכע האָבן זיך מחיה געווען מיטן גע־שטעלטן „כיבוד".

די ערשטע צייט איז דער געשפּרעך געגאַנגען ניט אין אָרדענונג. מען האָט גערעדט פון אַלעס און פון אַלעמען. אין אַ שעה אַרום, ערשט, ווען דער עולם איז שוין געווען, אַזוי צו זאָגן, איינגעזעסן, האָט די מסי־בה באַקומען אַן אַנדער פּנים. מען איז געזעסן אַרום די טישן און דער בעל הבית פון הויז האָט געבעטן, אַז דער עולם זאָל רעדן אויף דער טעמע: „איז פאַראַן אַן ערנסטע סכנה פאַרן קיום פון אונזער מדינה, מיט די אָפטע שיסערייען און אַריינדרינגונגען פון די אַראַבער?"

די דאָזיקע טעמע איז לעצטנס געווען ביי יעדן אין מויל. ספּעציעל — אין ירושלים וואו עס זיינען געפאַלן קרבנות. אמת. א ו נ ז ע ר י ק ע האָבן באַצאָלט כפל כפלים, אָבער — עס האָט געהערשט אַ מין שרעק, אַז די אַראַבער בכלל און עבר הירדנ'יקעס בפרט, פּלאַנעווען עפּעס!

דער ערשטער האָט טאַקע גערעדט דער בעל הבית אַליין. לויט זיין מיינונג, זיינען די לעצטע אָנפאַלן פון די ירדנער אויף ירושלים גרענעצן, די אַרבעט פון... ענגלאַנד. עס איז אַ וויייטע שפּיל. מען וויל ווייזן פאַסטער דאַלעס, מען וויל ווייזן אַמעריקע, אַז ירדן איז אַ כוח וואָס קלויבט זיך אַטאַקירן ישראל, נאָר זי, ענגלאַנד, לאָזט ניט! און אפשר

ישראל, אום שבת, אינדערוואָכן און יום־טובדיק



(אויבן פון רעכטס צו לינקס) א): די אַלענבי־גאַס אין אַ שבת טאָג. אויך דער „שוטר" טראָגט ניט קיין געווער. ב): אַ טייל פון צפון זייט פון תל אביב. ג): די מאָדערנע הייזער פון דער רעגירונג פאַר אויסגעדינטע סאָלדאַטן. ד): דער פּאַרק „ככר דיזנגוף". ה): די צענטראַלע אויטאָבוס־סטאַנציע אין שבת־רו. ו): „סברא"לעך פון קיבוץ בן שמן. ז): אין אַ פאַבריק פון ירושלים. ח): קיבוץ תל יצחק.

ישראל. געזען פון אַלע זייטן און ריכטונגען











(פון רעכטס צו לינקס) א): ביי אַ חופּה. ב): אין „בית מצודת" זאב (זשאַבאָ־טינסקי) אין ת״א. ג): די אַרבעטן אין סדום ביים ים המלך. ד): אין מיניסטעריום פאַר רעליגיע. ה): אַלגעמיינער אויסזען פון חיפה׳ר פּאָרט. ו): דער פראָנט פון טעכניקום אין חיפה. ז): הרצליה — די שיינע פּלאַזשע. ה): די שולע „מקווה ישראל".

איז דאָס ענגלאַנדס ענטפער אויף דעם מאַרש פון אונזער חייל אין טאָג פון יום העצמאות, וועלכע וויל אונז ווייזן אַז די אַראַבער שרעקן זיך ניט איבער! אַ סימן — זיי זוכן צו פּראָוואָצירן! אַזוי אָדער אַזוי, די אָפּטע אָנפאַלן און שיסערייען איבער ירושלים פאַרשאַפן קאָפּ־ווייטיק.

איינער פון די ביוועזנדע נעמט דאָס וואָרט און זאָגט:

אויף וויפל די גרענעץ־אָנפאַלן זיינען שעדלעך פאַר אונזער מדינה — איז דער עצם פאַקט וואָס די ישראל־פּרעסע און די וועלט־פּרעסע צע־שמירט עס אויף אַ סך טעלערלעך — אַ גרעסערער אומגליק פאַר אונז. הונדערטער און טויזנטער אידן פון דער גאַרער וועלט וואָס ווילן קומען צו אונז אַלס טוריסטן — האָבן מורא צו פאָרן קיין ישראל, ווייל זיי ציי־טערן אַז עס וועט זיי טרעפן אַן אַראַבישע קויל. די רעגירונגס־צענזור, וועלכע קוקט איבער אַלע בריוו וואָס פּשוטע אידן שיקן אַרויס פון לאַנד און זוכט אין אָט די היימישע בריוו... „שפּיאָנאַזש", וואָלט בעסער גע־דאַרפט פאַרבאָטן — אַלס מלוכה־סוד — צו פאַרעפנטלעכן וועגן די אַראַבישע אַריינדרינגער, כדי ניט צו שאַפן קיין פּאַניק אין חוץ לארץ. אָט, האָב איך אַ בריוו פון מיינס אַ פריינטל פון קלעוולאַנד וואָס שרייבט מיר אַז ער האָט אָפּגעשטעלט זיינע פּלענער פון פאָרן אָנקוקן אונזער לאַנד, ביז... עס וועט ניט ווערן „רואיק" און די אַראַבער וועלן אויפ־הערן צו שיסן.

אַ צווייטער באַקומט דאָס וואָרט און קריטיקירט די רעגירונג און ספּעציעל די הסתדרות פאַרן חבר'ן זיך מיט די ישראל־אַראַבער. עס דאַרף איינמאָל איבער אַלעמאָל, קלאָר ווערן, די אַריינדרינגער וואָלטן גאָרניט געקאָנט טאָן ווען זיי האָבן דאָ ניט קיין אונטערהעלפער. צווישן די 185 טויזנט אַראַבער וואָס וואוינען אין ישראל — גלויב איך, אַז עס זיינען ניטאָ קיין הונדערט אויפריכטיקע פריינט אונזערע — אַ חוץ די דרוזן און טשערקעסן — און אויף די איבעריקע דאַרף מען האַלטן אַ שטאַרק אויג. מען דאַרף אַרום זיי באַזעצן חלוצים, ספּעציעל — געוויזענע אירגוניסטן — וועלן זיי מורא האָבן אויפנעמען אַ שליח פון די דרויסנ־דיקע אַראַבער און אים אויסבאַהאַלטן! אנשטאָט דעם — זוכט גאָר די הסתדרות זייערע שטימען און וויל זיי גאָר אַריינעמען צו זיך. מען נעמט אַריין אַ „פינפטן קאָלום" וועלכער וועט שפּיאָנירן פון אינעווייניק!

עס באַקומט דאָס וואָרט אַ פרוי און זי האַלט גאָר, אדרבא ואדרבא, מען דאַרף זעען מאַכן די אַראַבער פאַר אונזערע פריינט. מען דאַרף אַזוי צערטלען זיי — אַז עס זאָל זיך זיי אָפּגלוסטן צו באַקומען דעם מופטין

פאַר זייער בעל הבית. מען טאָר זיי קיין שלעכטס ניט טאָן כדי די וועלט זאָל ניט ווייזן אויף אונז מיט די פינגער אַז מיר קאָנען ניט באַהאַנדלען יושר׳דיק אַ מינדערהייט. די אַראַבער וואָס העלפן די אַריינרינגער — טוען עס פאַר מורא. מען דאַרף בעסער פאַרשטאַרקן די וואַך ביי די גרענעצן!

מען קומט צו דער הויפט-טעמע: — צו איז דאָ אַ מורא פאַרן קיום פון דער מדינה פון אַט די אַנפאַלן?

עס רעדן פיר רעדנער. אַלע זיינען מיט דער מיינונג אַז ניין! אַלע זיינען אויך מיט דער מיינונג, אַז מען דאַרף ניט פאַרשפרייטן איבער דער וועלט די פרטים פון אַריינדרינגען און אַפילו פון קרבנות. עס שאַפט אַ פּאַניק. ניט בלויז טוריסטן נאָר אויך עולים וועלן אָנהויבן איבערטראַכטן אַז... מען דאַרף איבערוואַרטן!

ווען דער געשפּרעך איז אַריבער צו „עולים”, איז פון זיך אַרויפגעשווימען די פראַגע: —

פאַרוואָס איז געפאַלן די „עליה” און עס איז געשטיגן די צאָל „חוזרים”?

איינער פון די ביייוועזענדע, אַ הויכער באַאַמטער אין אינערן-מיניסטעריום, ווייזט אָן, אַז לויט אַ פעסטגעשטעלטע סטאַטיסטיק, זיינען אין פאַרגאַנגענעם יאָר אַרויסגעפאָרן פון ישראל 50 טויזנט אידן. פון זיי, זיינען דריי פערטל געוועזן פון נייע עולים און אַ פערטל פון, אַזוי גערופענע, ותיקים — דאָס הייסט שוין עלטערע תושבים. ביים געבן זיי רייזע-דערלויבענישן, האָט מען געפּרואווט פעסטשטעלן די מאָטיוון פון זייער פאַרלאָזן דאָס לאַנד און מען קאָן קומען צו פאָלגענדע באַשלוסן:

די נייע עולים האָבן זיך ניט געקאָנט איינאָרדענען ביי לייכטער אַרבעט, און צו שווערער אַרבעט — האָבן זיי זיך ניט געוואָלט נעמען. אגב. די פאַרשטייער פון דער מלוכה וועלכע האָט זיי אַהער געבראַכט פון דייטשלאַנד אָדער אַנדערע לאַגערן, האָבן זיי צוגעזאָגט גאַנצע גליקן. עס איז אויך באַוואוסט, אַז פון די פולע עטלעכע און דרייסיק טויזנט „חוזרים”, האָבן בלויז צען פּראָצענט דערגרייכט צו אַ ענד-ציל, ד. ה. אין אַ אימיגראַציע-לאַנד. די איבעריקע וואַלגערן זיך אין די לאַגערן פון גאַנץ אייראָפּע און אין די טריפה פאַרשאָלטענע ערדן פון דייטשלאַנד. זיי וואָלטן געקושט די ערד פון ישראל ווען זיי קאָנען זיך אומקערן צוריק!

אין משך פון דער דיסקוסיע און פון גלאַט רייד, ווערט קלאָר: ביז ערשט ניט לאַנג, ביז די רעגירונג האָט ניט אַריינגענעמען די אַלגעמיינע ציונים אין דער מיט, אַלס שותּפים, איז געוועזן זיט איבעריק גוט

אין לאַנד, עס איז געווען אַ קריזיס און עס האָט געזאָלט זיין נאָך אַ גרעסערער, און — מען איז זיך צולאָפן ווער עס האָט געקאָנט לויפן!

די ביייוועזענדע מפא״י געסט, האָבן עס — בעל כרחם — געמוזט באַשטעטיקן...

שפּעט, זייער שפּעט בנאַכט, האָט מען מיך אָפּגעפירט אַהיים. מיין פרוי איז נאָך ניט געשלאָפן, זי האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, געקוקט אויפן ירושלים׳ער הימל, און כאָטש עס איז געווען ניט היימלעך, און כאָטש מיר זיינען געווען בלויז עטלעכע קוואַדראַטן — אַ פּאָר הונ־דערט מעטער — פון׳ם אָרט וואו... עס פליען אָפּט אַראַבישע קוילן, דאָך — איז זי גרייט געווען ערשט איצט אַרויסגיין אַביסל שפּאַצירן איבער ירושלים... אויך זי, וועלכע האָט אין חדר ניט געלערנט, און דעם אידיש קאָן זי פון אַ „מאָדערנעם לערער" וואָס זי האָט געהאַט אין איר געבורט-שטאָט, אין אומאַן, דאָך, האָט זי אינסטינקטיוו גע־פילט אויף זיך דאָס הייליקייט און דאָס בענקשאַפט פון, און צו, ירושלים, און האָט ניט געוואָלט פאַרשלאָפן די שעה׳ן וואָס איר איז באַ־שערט געווען צו זיין אין אָט דער הייליקער שטאָט.

און איך? בין דען געווען בעסער?...

14־טער מאַי:

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך זוכה געווען צו זען ווי אַזוי די זון גייט אויף אין ירושלים. איך בין אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, כדי ניט צו פאַרשפּעטיקן אָט דעם שיינעם „ספּעקטאַקל", וואָס ביי די ישראל-אידן, איז דאָס אַ וואָכיקע זאַך, ביי מיר, אָבער, איז דאָס געווען אַ לאַנג-יאָריקער חלום. דאָך, ווען די זון האָט אָנגעהויבן אויפגיין, האָב איך געהאַט אַ ביסעלע עגמת נפש. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די זון קומט אָן... פון עבר הירדן, פון מצרים, פון איראַק, אַז פריער גריסט זי אונזערע בלוטיקסטע שונאים און ערשט דערנאָך קומט זי קיין ישראל, קיין ירושלים, און הייבט אָן באַגילטן און באַ־וואַרימען מיט אירע שטראַלן די הרי יהודה, די הייליקע ערטער פון אונזער הויפּט-שטאָט.

צוזאַמען מיט דער זון-אויפגאַנג, האָט ירושלים אָנגעהויבן זיך באַ־וועגן. די ערשטע מענטשן וואָס האָבן זיך באַוויזן אין גאַס — זיינען אידן מיט טליתים אונטער די אָרעמס. דאָס לויפט מען צום „ערשטן" מנין. דורך מיין פענצטער זע איך איינע פון די צענטראַלסטע גאַסן פון ירוש־

לים און עס איז זייער מערקבאַר, ווי די ירושלימער אידן — איך וואָלט געזאָגט אויף דער ביבלישער שפּראַך — „פּעדערן זיך" לעבודת הבורא". מען שטייט אויך אויף פרי צו דער אַרבעט. חוץ דעם — היינט איז דאָ-נערשטיק — מען דאַרף אָנהויבן צוגרייטן דעם שבת קודש. דאָנערשטיק קויפט מען איין אַלץ וואָס מען קאָן אָוועקשטעלן אויפן שבת-טיש. דער חילוק פון דער ירושלים'דיקער בעלת הבית ווען זי האָט צוגע-גרייט דעם שבת און להבדל — דער טעפּליקער אידענע איז, וואָס אין טעפּליק, האָט די אידענע איינגעקויפט אַ שטיקעלע פלייש ביי נחמן קצב און אַ קאַרפּ אָדער העכט ביי איציק פישער און דאָ, נעבעך, האָט זי ניט און דאַרף ניט קיין פלייש. איינע פון הונדערט — קויפט אַ שטיקעלע עוף און און צוויי פון טויזנט, קויפן אַ האַלבע קילאָ פלייש אויפן „שוואַרצן מאַרק", און מען פּראַוועט אַ שיינעם שבת.

אויב דער שבת אין תל אביב אָדער אַנדער שטאָט אין ישראל איז שיין און אינטערעסאַנט — איז ער אין ירושלים — טויזנט מאָל שענער. עס לוינט זיך ממש, צו פאָרן קיין ישראל כדי דאָרט צו זיין אין אַ שבת-טאָג. מיר, די טוריסטן וואָס קומען קיין ישראל אויף אַ ווייל, האָבן טאָ-קע טענות צו דער רעגירונג הלמאי זי האָט אָפּגעשטעלט די טראַפיק, די באַנען און אויטאָבוסן אויפן גאַנצן שבת'דיקן טאָג. פאַראַן אויך זייער אַ סך ירושלים'ער וואָס קענען ניט מוחל זיין דער רעגירונג הלמאי זי האָט נאָכגעגעבן די פרומע אין הלכות שבת-טראַפיק. דער אמת, איז אָבער, אַז דאָס אָפּשטעלן שבת די באַוועגונג פון אָפיציעלער טראַפיק, גיט צו דער שטאָט — אַ חן'עוודיקן אויסזען.

דער שבת אין ירושלים — כאָטש די שטאָט איז שוין אַ מאָדערנע און עס זיינען פאַראַן דאָרט טויזנטער מאָדערנע, ניט-פרומע, און אַפילו אַפּיקורסישע אידן, דער שבת-טאָג — ווערט, אפשר, מער אָפּגע-היט פון דער יוגנט ווי פון די עלטערע. עס איז פאַר מיר, בכלל געווען אַ סורפּריז צו באַגעגענען אין ירושלים אַזוי פיל פרומע יוגנטלעכע. אויף טריט און שריט — קינדער און בחורים מיט געקרייזלטע פאה'קעלעך.

אינטערעסאַנט איז צו זיין שבת אין די בתי מדרשים פון די ירושלים-אידן. פאַראַן דאָרט פון אַלע סאָרטן און פון אַלע... קאָלירן. די תימנער — האָבן די מערסטע קלויזלעך און שילעכלעך. פאַראַן שילן פון גריכישע אידן, פון טערקישע אידן, פון איראַקער און סירישע אידן און סתם ספרדישע אידן, וואָס רעדן שפּאַניש מערער ווי עברית. אַז אַן „אונזע-ריקער" קומט אַריין אין אַזאַ שולכל פון אָט די ספרדים אָדער תימנער —

מיינט ער אַז ער געפינט זיך צווישן... גוים אָדער אומקלאָרע מענטשן! מעגלעך, אַז דאָס זעלבע טראַכטן ז י י וועגן א ו נ ז.

ווען מען קומט „אויף שבת" קיין ירושלים, איז פאַראַן וואָס צו זען. איינע פון די שענסטע שיל'ן, איז אַן איטאַליענישע, וואָס מען האָט איבערגעפירט פון איטאַליע קיין ירושלים ערשט אַ פּאָר יאָר. דעם ערשטן טאָג, ממש די ערשטע שעה וואָס מיר זיינען געקומען קיין ירושלים, האָט אונז דער עלסטער דינער פון האָטעל „פּאַלאַטין" — רעקאָמענדירט — צווישן אַנדערע זאַכן — אויך ניט פאַרפעלן צו זען אָט די גרויסע שיל. די שיל געפינט זיך אין אַ אָרט וואו פריער איז גע-ווען דאָרט אַ... קריסטלעכער קאָנווענט אָדער „מיסיאָן". איצט הערט מען דאָרט די קלאַנגען פון „לכו דודי לקראת כלה". אגב אורחא. דאָס מעבל וואָס מען האָט אַריבער געבראַכט איז שוין אַלט עטלעכע הונדערט יאָר. נו, זייט אַ קלוגער און אַפילו אַן אפיקורס און גייט ניט אָנקוקן א ז א שיל וואָס פאַרנעמט דאָס פּלאַץ פון אַ אָרט, וואו מען האָט גע-זוכט אומצוברענגען אידן און אידישקייט.

פאַראַן נאָך אין ירושלים צענדליגער און צענדליגער שילעכלעך אָבער, אַזאַ שיינע און ציכטיק-ריינע שיל ווי אָט די איטאַליענישע — איז ניט צו געפונען.

— — — — — — — — — — — — —

איך לאָז זיך אַרויס אין גאַס אַריין. איך גיי באַשטעלן אַ טאַקסי וואָס זאָל מיט אונז עטלעכע שעה אַרומפאָרן איבער דער שטאָט, איבער די „גרענעצן" און אונז ווייזן י ר ו ש ל י ם. כאָטש מיר האָבן אַן אָפיציע-לע איינלאַדונג פון הויפּט-ביוראָ פון קרן קימת און גאָר ספּעציעל — פון איר ענערגישן און אומדערמידלעכן באַאַמטן, הער מתתיהו ד ר א ז-נ י ן — אַ „חברה-מאַן" וואָס קאָן זייער גוט יעדער ווינקעלע פון ירוש-לים און וואָס האָט, ממש, ליב צו באַגלייטן אַרגענטינער אידישע געסט — דאָך, באַשליסן מיר „דערוויל" פאָרן א ל י י ן.

נאָך אַ זאַטן פרישטיק אין האָטעל, אַ פרישטיק וואָס קאָן קלעקן פאַר צען מענטשן, זעצן מיר זיך אַריין אין אַ שיינעם אויטאָ — ערשט ניט לאַנג געבראַכט פון אַמעריקע — און מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין.

וואוהין פירט אייך דאָס ערשטע אַ „נהג" פון ירושלים? — ער פירט אייך צום „הר ציון". דאָס ערשטע דאַרפט איר אָנקוקן דאָס היס-טאָרישע און טרויעריקע. אונזער שאָפער — אגב, אַ געוועזענער „איר-גוניסט און אַ יונג מיט ביינער, פירט גאָר דאָס ערשטע אונז ווייזן אידישע

גבורה. ער פירט אונז צו די מקומות וואו אידישע חברה האָבן געקעמפט מיט די אַראַבער צען קעגן טויזנט און זיי בייגעקומען!

אָט זיינען מיר ביים „קבר פון סנהדרין". צו עס איז טאַקע אמת אַז דאָ געפינען זיך די דאָזיקע הייליקע קברים פון די אַמאָליקע גדולי הדור — די סנהדרין? — ווער ווייסט. אָבער, היסטאָריש איז אָנגענומען אַז דאָס איז זייער קבר. ווען מיר זאָלן מיט אָט דעם וועג וואו מיר זיינען, אַ פּאָר טאָג א... פינף מינוט וואָלטן מיר געווען ביי די אַראַבער. מיין פרוי הויבט טאַקע אָן ציטערן פאַר אַ „פאַרבלאָנדזעטער" קויל און מיר גייען שוין צוריק. מיר קומען צו צו אַ הויז, מען גייט אַרויף אויף טרעפּ און פּאָר אייער נאָז, האָט איר גאַנץ אַלט-ירושלים. איר זעט ווי די אויטאָס פון די אַראַבער שטייען, איר זעט אַפילו קלאָר, ווי קינדערלעך שפּילן זיך. ווען איר קוקט מיט אַ שפּאַקטיוו זעט איר די מענטשן אַרומגיין אין גאַס און זעט אַפילו ווי זיי זשעסטיקולירן מיט די הענט.

אַ ציטער כאַפּט אַרום דאָס לייב. צו וואָלט איך געהאַט כוח צו וואוינען אַזוי נאָענט אין שכנות מיט דער געפאַר? צו וואָלט איך איין נאַכט, בלויז געקאָנט רואיק שלאָפן, וויסנדיק ווי נאָענט עס געפינען זיך אונזערע שונאים? איך שטעל די פראַגע אונזער נהג. ער לאַכט דערפון! ערשטנס: — האָט מען קיין מורא ניט. צווייטנס — האָבן די איינוואוינער דאָ — און איך בתוכם — זייער אַ גוט געווער וואָס רופט זיך „אין ברירה". מיט אָט דעם געווער האָבן מיר באַזיגט די אַראַבער און מיט אָט דעם געווער וועלן מיר זיי ווייטער בייקומען!...

מיר פאָרן צו די גרענעצן. אין משך פון עטלעכע מינוט, זיינען מיר ביי עטלעכע גרענעצן. מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דער „אָפיציעלער גרענעץ", ביים „מאַנדעלבאום-טויער", אָט דאָרט, וואו מען גייט אַריבער אָפיציעל, מיט אַ וויזע פון עבר הירדן. פאַרשטייט זיך, אַז בלויז קריסטן האָבן די זכיה אַריבערגיין אָט דעם טויער. דער איינציקער איד וואָס האָט אים איבערגעשפּאַנט און איז אַרוים מיט לעבן, איז געווען דער באַרימטער רייזענדער און האיאָס-טוער, דר. חיים שאַשקעס און זיין פרוי.

ביי אָט דעם טויער-גרענעץ שטייען מיר עטלעכע מינוט. עס שטייען אויך עטלעכע אַראַבער וואָס האָבן פאַרקויפט זייער „פאַרמעגן" אין ישראל און זיי קלויבן זיך אַריבער קיין עבר הירדן. זיי וואַרטן אויף אַ וואָגן וואָס דאַרף קומען „פון דאָרט" זיי נעמען צו די אַראַבער. איך כאַפּ אַ קורצן שמועס מיטן ישראל-שוטר וואָס שטייט ביי דער גרענעץ. אַ פריינטלעכער בחור, אַ בעסאַראַבער עולה, ערשט צוויי יאָר אין לאַנד

און אַלע צוויי יאָר איז ער דאָ אַ שוטר און שטייט אין געפאַר אַלע טאָג צו כאַפּן אַ קויל פון זיין „קאָלעגע" וואָס שטייט אינגאַנצן עטלעכע מעטער פון אים פון „יענער זייט".

דער שוטר האַלט, אַז די שיסער וואָס שיסן אָפּט אַריבער קיין ישראל, זיינען ספּעציעל געשיקט פון אינערן פון לאַנד. די שטענדיקע היטער דאָ, זיינען רואיקע מענטשן. אַגב. זיי ווייסן, אַז ווען זיי וועלן שיסן צו אונז — וועלן מיר זיי געבן אַ לעקציע וואָס זיי וועלן עס געדענקען טעג און וואָכן.

אין'ם קורצן שמועס מיטן שוטר ביי דער גרעניץ פון „שער מאַנדעלבוים", האָט ער מיר אויך געזאָגט, אַז אַלע אַראַבער פון ישראל — 98 פּראָצענט פון זיי — זיינען שפּיאָנען פאַר דער אַראַבישער ליגע און פאַרביטערטע שונאים פון לאַנד. זיי אינפאָרמירן אונזערע שונאים אַלץ וואָס ביי אונז קומט פאָר, און עס וואָלט ניט געווען קיין עוולה ווען די פּאַרטיי־פירער וואָס רייסן זיך אַרום ביי די נעז אין די קיבוצים, זאָלן גוט נעמען אין אַכט אַז „מען הערט" יעדער וואָרט זייערס „מען זעט" יעדן דריי זייערן!...

מיר לאָזן איבער די גרעניצן און לאָזן זיך צום „הר ציון". אונזער שאָפער שפּאַצירט מיט אונז איבער דער שטאָט און ווייזט אונז אַלע מינוט נייע „חידושים". אָט ווייזט ער אונז אַ פאַרלאָזענעם מוסולמאַנישן בית הקברות וואָס געפינט זיך אין מיטן שטאָט, ניט ווייט פון רחוב הלל הנשיא. דער בית הקברות הייסט מאַמאַלא־בית עולם און עס איז אויך פאַראַן אַ גאַס מיט אַזאַ נאָמען. מיר שפּאַצירן מיטן אויטאָ איבער דוד המלך־גאַס און פאַרדרייען זיך איבער זשאַבאָטינסקי־גאַס.

דער שאָפער איז פריילעך און אויפגעלייגט.. ער איז אַ לעבעדיקער חברה־מאַן און איז שטאַרק צופרידן וואָס כאָטש טוריסטן קומען אַהער. וואָרט אוים — טרייסט ער אונז — עס וועט ווערן בעסער אין לאַנד, עס וועט זיין מער שפּייז וועלן קומען עולים אויך. איצט, האָבן זיי מורא צו קומען ווייל זיי ציטערן אַז זיי זאָלן ניט שטאַרבן פאַר הונגער...

און אפשר איז ער גערעכט?...

מיר פאַרדרייען זיך צו אַ געגנט וואָס הייסט „דער טאָל פון בן הנום". אין דעם דאָזיקן טאָל, זאָל אַ מאָל געווען שטייען דער שרעקלעכער אָפּגאָט „מולך" צו וועמען מען האָט געבראַכט מענטשלעכע קרבנות. דער שאָפער — אַ בן תורה, ווייזט אונז אָן, אַז אין תנ"ך, ביי ירמיהו,

איז בפירוש דערמאָנט אָט דער „טאָל פון בן הנום", װען ער האָט גע־שטראָפט די אידן. דער שאָפער שטרעקט אויס די האַנט צום קעסטע־לע נעבן דעם „רעדל„ פון אויטאָ, נעמט אַרויס פון דאָרט אַ תנ״ך און װײַזט אונז װאו עס איז דערמאָנט צ װ ײ מאָל, איינמאָל אין ירמיהו און איינמאָל — אין מלכים ב. װעגן דעם קעניג יאשיהו װאָס האָט דערקלערט אַלס טמא דעם טאָל פון בן הנום און קיינער זאָל ניט ברענגען דאָרט זיין זון אָדער טאָכטער אַלס קרבן צום „מולך".

דער שאָפער גייט אַראָפּ פון אויטאָ און װײַזט אונז אַפילו אָן דאָס פּלאַץ װאו דער שרעקלעכער מזבח איז געשטאַנען. איך מאַך אַ װייץ און היים אים זוכן אַ... פאַרברענטע ביינדעלע פון אַ קרבן. דער שאָפער װערט ערנסט. עס האָט אים פאַרדראָסן װאָס מען גלויבט ניט אין די היסטאָרישע װערטער פון אַזעלכע „טאָלן".

און אפשר איז טאַקע אמת? װער װייסט צו מיר שטייען טאַקע ניט אין אָט דעם שרעקלעכן טאָל װאו טאַטעס און מאַמעס האָבן גע־בראַכט זייער קינד אַלס קרבן און דערביי געכאַפּט אַ טענצל װען דאָס קינד האָט זיך געסמאַלעט. עפּעס זיינען מיר דאָך אין ירושלים! איז אַ מ אַ ל י ק ן ירושלים!

מיר קומען צו צום פוס פון „הר ציון". דער אויטאָ קאָן װייטער ניט פאָרן. דאָ, דאַרף מען אַראָפּגיין און עס קומט אונטער אַ „מדריך" אַ װעג־װײַזער װאָס װעט אונז שוין װייטער פירן און אַלץ דערקלערן. איך הויב אויף די אויגן און דערזע אַן אויפשריפט:

„מי יעלה בהר ד" ומי יקום במקום קדשו" (װער קען אַרויפגיין צום באַרג פון גאָט און װער קאָן שטיין אויף זיין הייליקן אָרט?) עס איז אַ באַקאַנטער פּסוק פון תהילים, אַז ניט אַבי װער מעג אַרויפגיין אָט דעם באַרג צו גאָט, בלויז „ד ע ר, װאָס האָט ריינע הענט און אַ לויטער האַרץ, װאָס האָט מיך ניט דערמאנט צו פאַלשן" א. א. װ.

נו, איך פיל אין זיך אַז מ י ר מעגן ביידע אַרויפגיין דעם „באַרג צו גאָט". מיר האָבן שוין גענוג זיך אָנגעליטן אויף אונזער לעבן און — אויב געזינדיקט — זיינען מיר שוין אָפּגעקומען די זינד. דער אומגליק איז נאָר, װאָס מען דאַרף אַרויפגיין צענדליגער און צענדליגער טרעפּ. עס הויבט אַזש אָן שװינדלען פאַר די אויגן. עס דערװעקט זיך אין מיר דער פּחדן און איך בין שוין גרייט מוחל זיין מיין אידישע און זשורנאַליסטישע קוריאָזיטעט און בלייבן אונטן! מיין פרוי הויבט אָן חוזק׳ן פון מיר! איידער איך קוק זיך אום — איז זי שוין עט, עט, אפשר דרייסיק אָדער

פּערציק טרעפּ אין דער הויך. איך פאַרשעם זיך אַביסל, און לית ברירה — גיי איך נאָך! איך קריך אויף די טרעפּ און באַמי זיך זי אָניאָגן.

אַנטקעגן אונז קומען אָן גלחים, אַ סך גלחים מיט גרויסע צלמים אויף די העלדזער. דאָס גייען זיי פון זייער הייליקן פּלאַץ וואָס געפינט זיך אין „אונזערע" הענט און אין שכנות מיטן „הר ציון", גאָר גאָר אין שכנות מיט דוד המלך'ס קבר. עס גיט אַ ציפּ ביים האַרצן! אויך דאָ, ביים „הר ציון" האָבן מיר שותפים צום פּלאַץ.

ווען איך בין געקומען צום שפּיץ פון באַרג, בין איך שוין געווען אָן כוחות און אָן פּיס. איך האָב אַ ביסעלע אָפּגעוואַרט, ביז איך האָב געקאָנט פאַרזעצן — בעסער געזאָגט — אָנהויבן זען וואָס עס טוט זיך אויפן באַרג. דער „מדריך" שטייט און גיט אונז די ערשטע דערקלערונגען. נעבן אונז רוקט זיך צו עפּעס אַ איד, אָן אַ רעקל — אַ סימן אַ ישראלי — און שטעלט פראַגעס דעם מדריך און מישט זיך בכלל אַריין אין אונזער געשפּרעך. עס האַלט שוין דערביי איך זאָל ברוגז ווערן און בעטן דעם פרעמדן ער זאָל אונז לאָזן צורו. איך געב זיך אַ דריי אויס און... דערקען דעם „פרעמדן". עס איז אַ אונזעריקער, אַ אַרגענטינער געוועזענער לערער, וויצמאַן הייסט ער, אַ איד אַ בן תורה אָבער לערנען מיט קינדער אין אַמעריקע — איז אַ פּראָפעסיע צו וועלכער ער האָט זיך ניט צוגעפּאַסט. דאָרט, אין ישראל, וועט ער קאָנען אויספירן באַנוצן זיין תורה — פלעגט ער זאָגן. ער איז דאָ אַ קליין פּקיד'ל און לעבט זיך דורך.

מיר הויבן אָן שפּאַנען. דאָס ערשטע פירט מען אונז אַרויף צום פּלאַץ וואו עס געפינט זיך... דוד המלך'ס קבר. אָט, דאָס פּלאַץ, איז ביז דער מילחמה געווען ביי די אַראַבער אין די הענט. צום קבר האָבן זיי ניט צוגעלאָזט. איצט, זיצן דאָ אידן און שרייבן קוויטלעך. אַ צווייטער איד — פאַרשרייבט... מיטגלידער וואָס שטיצן דאָס אָפּהיטן דעם קבר. פאַרשטייט זיך, איך בין „געוואָרן אַ מיטגליד". פאַר צוויי פונט — ווערט איר אַ פּשוטער מיטגליד און פאַר צען דאָלאַר קאָנט איר דערגרייכן צו גאָר אַ גרויסע כבוד ביי די „היטערס פון קבר פון דוד המלך".

מיר גייען אַרוים אויף דער „טעראַסע" פון קבר. אויפן דאַך. מען שטייט דאָרט מענטשן און מען באַטראַכט די טראַגיש-קאָמישע בילד. מער טראַגיש ווי קאָמיש. פון איין זייט, אויפן שפּיץ קלויסטער וואָס שטייט אין דער זייט, זיצן אונזערע סאָלדאַטן און קייען עפּעס. מען עסט אפשר מיטיק מיט דער ביקס אין דער האַנט. פונקט אַקעגן,

אויף דער „חומה", אויף דער וואַנט וואָס רינגלט אַרום די אַלטע שטאָט, זיצן די אַראַבישע סאָלדאַטן פון „לעגיאָן" און... קייען אויך. דער זייגער איז שוין באַלד צוועלף. ווייזט אויס, אַזוי עסט מען דאָרט דעם „מיטיק"...

אויף דער טעראַסע זיינען פאַראַן אַ פּאָר צענדלינג אידן. ווען אַן אַראַבישן כוליגאַן זאָל זיך איצט גלוסטן אַ שפּיל טאָן מיט אונז — וואָלטן עטלעכע קרבנות געבליבן אויף דעם הייליקן און טראַגישן פּלאַץ!

ווי לאַנג קאָן מען אַזוי לעבן?...

מיר נידערן אַראָפּ אין „קעלער פון שווידער". דאָרט ליגן די געראַטעוועטע רעשטן פון ספרי תורות, דאָרט געפינט זיך זייף אויף וועלכער עס שטייט דער אויפשריפט „געמאַכט פון יודען פעטס". דאָרט געפינט מען מאָדעלן פון בלוזעס, פון קליידער פון שיך און פון שטיוול, געמאַכט פון... ספרי תורות. די נאַציס האָבן זיך איזדיעקעוועט אויף די הייליקייטן. ביים אַנטלויפן פון פראַנקרייך — האָבן זיי אין דעם פאַרגעסן, איצט, געפינען זיי זיך אין ישראל, אויפן הייליגסטן פּלאַץ — אויפן „הר ציון" נעבן דוד המלך'ס קבר.

ווען מען גייט אַרויס פון אָט „קעלער" ווי פון דעם „הר ציון" בכלל, ווערט מען אַ ביסל דערטשמעליעט. דאָס וואָס איר זעט, צעשרויפט אייך די נערוון. דער מדריך פירט אייך אַריין אין דער זייט וואו מען פאַרקויפט טליתים, מחזורים און אַנדערע הייליקייטן אָדער בצלאל אויסאַרבעטונגען. מען קויפט עפּעס און מען וויל וואָס פריער אַוועק פון דאָרט. אויבן — די אַראַבער מיט זייערע געלאָדענע ביקסן, אונטן — די רעשטן פון די קאָנצענטראַציע-לאַגערן, דער זייף פון אידישן פעטס — דאָס אַלץ מוז ווירקן, אַז איר זאָלט אַרויס מיט... אַ קאָפּ-ווייטיק.

מיר לאָזן זיך צוריק אין שטאָט אַריין. איך היים מיין שאָפער מיך פירן צו מיינעם אַן אַלטן באַקאַנטן. איך האָב אַ מאָל, אין אָדעס, געאַרבעט אין זיין אַדמיניסטראַציע אַ פּאָר חדשים און דערנאָך אים אַ סך מיטגעהאָלפן — טעכניש — ביי זיין אַרבעט. איצט וואוינט ער אין ישראל. ער איז שוין אַ זקן, אָבער ער שרייבט און שאַפט מערער ביכער אַ יאָר ווי צענדליגער אַנדערע שרייבער זייער גאַנץ לעבן. איך וויל זען... דעם פּראָפעסאָר דר. יוסף קלויזנער.

דערהערט אַז איך וויל פאָרן קיין „שכונת תלפיות" צו קלויזנערן — ווער איך ביי מיין שאָפער אַ חשוב. קלויזנער איז אַ רעוויזיאָניסט

און איז געבליבן ביי זיין רעוויזיאָניסטישע איבערצייגונג. מיין שאָפער, באַטראַכט אים אַלס זיין שעף. פאָרט אַן אירגוניסט!

איידער מיר קומען צו צו קלויזנערן, מאַכט דער שאָפער מיט אונז אַ שפּאַציר ביז׳ן עק פון... ישראל-טעריטאָריע — ניט ווייט פון קלויזנערס וואוינונג. מיטן אויג קאָן מען אָנזען בית לחם און מיט אַ שפּאַקטיוו — דער מוטער רחל׳ס קבר. דאָ — דערציילט דער שאָפער — זיינען פאָרגעקומען בלוטיקע שלאַכטן, אָבער, דר. קלויזנער, האָט ניט פאַרלאָזט זיין הויז און זיין ביבליאָטעק. ווען איר וועט אַריינקומען צו אים, וועט איר זען וואָס פאַר אַ ביבליאָטעק ער פאַרמאָגט! — באַרימט זיך דער שאָפער מיט „זיין״ ספּירטועלן שעף — דעם דר. קלויזנער.

איך קלינג אָן ביי דער טיר. דר. קלויזנער בכבודו ובעצמו עפנט די טיר. ער איז איצט אַליין אין הויז, ניטאָ ווער עס זאָל גיין עפענען. איך בלייב שטיין ביי דער טיר און קוק אויף דעם אַלטעטשקן, אויפן בן שמונים, וועלכער שטייט פאַר מיר מיט אַ פּען אין דער האַנט. א י ך, האָב אים תיכף דערקענט. ביי אים האָט געדויערט אַ ביסל. ווען איך האָב אָנגעהויבן רעדן וועגן „אָדעסער קאָמיטעט״, וועגן „השילוח״, וועגן זשורנאַל „יעווריסקי זשיזן״ וואו איך האָב געאַרבעט, האָט ער אויסגערופן: ש מ ך — זאב! (דו הייסט — וועלוול) מיין פאַמיליע האָט ער ניט געדענקט.

מיר גייען אַריין אינעווייניק. דער טיש — פול מיט אָרגינאַלן און קאָרעקטורן. ער אַרבעט און קאָרעגירט צוויי ביכער וואָס וועלן בקרוב דערשיינען. ער פירט מיך איבער די צימערן. איך וועל ניט איבערטרייבן ווען איך וועל זאָגן אַז עס געפינען זיך ביי אים צ ע ן ט ו י ז נ ט ביכער. ער האָט איין אַרבעט — ער לייענט און שרייבט. שפּעטער האָט מיר דער שאָפער געזאָגט: — ווען ער איז ניט פון א ו נ ז ע ר פּאַרטיי — וואָלט ע ר געוועזן אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון ישראל. זיין „אומגליק״ איז — זיין רעוויזיאָניזם.

דר. קלויזנער שיקט דורך מיר אַ גרוס צו די אַרגענטינער אידן. ער פאָדערט זיי אויף, אַז זיי זאָלן לערנען זייערע קינדער ע ב ר י ת. ספּעציעל, אָבער — די אידישע געשיכטע וועלכע איז די שענסטע און הערלעכסטע פון אַלע פעלקער.

פּראָפעסאָר קלויזנער דערמאָנט מיר, אַז איך פלעג ביי אים לייען פרץ סמאָלענסקים ביכער צו לייענען. ער גייט אַוועק צו זיך אין אַ צימער און ברענגט מיר פון דאָרט ז יי נ ע אַן אַרבעט וועגן סמאָ-

לענסקין און שרייבט מיר צו, לזכרון, אַ וואַרעמע ווידמענונג „זיין פריינט וועלוול טשערנאָוועצקי, וועלכער האָט אים דערמאָנט אין אַמאָליקע יונגע און גוטע יאָרן". איך טראַכט:

צוליב דעם — צוליב אַזאַ וואַרעמע צושריפט פון פּראָפעסאָר קלויזנער, האָט זיך אויך געלוינט צו פאָרן קיין ירושלים.

ווען דר. קלויזנער, פירט מיך אַרויס געאַרעמט פון זיין הויז ביזן אויטאָ, ווען ער געזעגנט זיך מיט מיר ווי מיט אַ נאָענטן, גאָר נאָענטן, פריינט — בין איך געוואָרן ביי מיין שאָפער געהויכט און געקרוינט. ער פירט אונז צו אַ היים, צום האָטעל, און אנשטאָט צו באַקומען געצאָלט פאַר פיר שעה — הייסט ער זיך באַצאָלן בלויז פאַר דריי שעה. די שעה וואָס איך בין געווען ביים דר. קלויזנער — גייט אויף זיין רעכענונג! דאָס האָט ער מיך מכבד געווען.

מיטיק האָבן מיר געגעסן זייער וויניק. כאָטש אויפן טיש זיינען געשטאַנען זייער געשמאַקע מאכלים און אַ געשמאַקע „זשאַרקאָיע" פון פלייש. אַז מען גייט אַרויס פון „קעלער פון שוידער" — עסט זיך ניט. ניט ווילנדיק פאַלט אייך איין אַ געדאַנק אין קאָפּ: — און אפשר איז די זייף וואָס ליגט דאָ אין „קעלער פון שוידער", געמאַכט פון פעטס פון אייער פאָטער, מוטער, שוועסטער און ברודער?...

מען כאַפּט עפּעס איבער. די פרוי לייגט זיך אַריין אין בעט אַריין מיט אַ קאָפּ-ווייטיק און איך — שפּאַציר אַרויס אין גאַס אַריין. איך וועל זיך צעשטרייטן און אפשר — עפּעס „אַרבעטן", זיך טרעפן מיט אַ אידן און עפּעס אַ שמועס טאָן מיט אים.

אין ישראל און בפרט אין ירושלים, מאַכט מען ניט קיין „סיסטעמע". מען שלאָפט ניט, אין מיטן העלן טאָג. די לעצטע צייט — שלאָפט מען ניט אוודאי. פאַראַן גענוג פּראָבלעמען וואָס לאָזן ניט שלאָפן. דער הויפּט-פּראָבלעם ביי די ירושלימער אידן, איז זיכער די געפאַר פאַר אַ... בירגער-קריג צווישן פרומע און ניט-פרומע, און אַפילו צווישן פרומע און פרומע בנוגע געוויסע געזעצן וואָס מען גייט איינפירן אין לעבן.

טרעפט איר אָן אַ פרומען אידן אין ירושלים און איר צערעדט זיך מיט אים, איז ער גרייט אייך צו זאָגן, אַז איידער אַ אידישע מלוכה וואָס זאָל ניט גיין אויף די וועגן פון די דינים וואָס מען האָט אַראָפּגעגעבן אויפן באַרג-סיני — איז שוין גלייכער אַז עס זאָל גאָר קיין מדינה ניט זיין.

מיט אָט אַזאַ אידן האָב איך זיך צערעדט ווען איך בין אַריינגעגאַנ-

גען אין אַ בוכהאַנדלונג עפּעס איינקויפן. דער מוכר ספרים און מוכר פון פּאָסט-קאַרטלעך און בילדער פון ירושלים, איז געווען אַ באַרעדעוו-דיקער. איך האָב געגעבן בלויז אַ קליינעם צי און ער האָט פריי געלאָזט די צונג. ער איז דווקא ניט פון די אגודה'ניקעס, ער געהערט צום עק-סטרעמען פליגל פון דער „מזרחי" און ער איז קעגן זיינע קאָלעגן פון כנסת פאַרוואָס מען מאַכט פּאָליטישע קאָמבינאַציעס אויפן חשבון פון דת ודין בישראל.

איך האָב געפרעגט מיין נייעם מיט-שמועסער בלויז צוויי פראַגעס: ערשטנס: — צו ווייסט ער, אַז אויב אים און זיינע חברים געפעלט ניט די מדינה ווי אַזוי זי איז איצט — צי ווילן זיי טאָן פונקט ווי מען האָט אַמאָל געטאָן מיט די רוימער — עפענען די טויערן פאַרן שונא, פאַרן בלוטיקן און בעסטיאַלן פיינט, און אים העלפן צוריק אוועק-שטעלן אַ „פּאַלעסטינאַ" ווי עס איז געווען אין יאָר 1929 אָדער אין יאָר 1936, מיט די פּאָגראָמען און שחיטות א. א. וו. והשנית: — ער איז דאָך אַ פרומער, ער גלויבט דאָך אין דער תורה און אין די הייליקע נביאים! שטייט דאָך געשריבן ערגעץ „אחרי רבים להטות" — מען דאַרף נאָכ-בויגן זיך דער מערהייט", און די מערהייט ווילן דאָך אַן אַנדער ארץ ישראל! אַ מאָדערנע ארץ ישראל, לויט ווי עס פּאַסט זיך צו דער היינ-טיקער וועלט!

מיין פרומער קרעמער האָלט זיך ביי זיינעם! דעם „אחרי רבים להטות" האָט מען געמיינט „עפּעס אַנדערש". ווען עס לוינט זיך זיי, די פרומאַקעס, ווערט די תורה אַנדערש אויסגעטייטשט.

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון זיין קלייטל האָט איך געטראַכט:

אמת. אַט די אידן זיינען אַ מינדערהייט, גאַר גאַר אַ מינדערהייט אין ישראל, דאָך קאָן אַזאַ מינדערהייט אָנטאָן אַ סך צרות. ס'איז אַ געפערלעכער „פינפטער קאָלום".

איך שפּאַציר ווייטער איבער די ירושלימער גאַסן. אַט בין איך אויף בן יהודה-גאַס — איינע פון די שענסטע גאַסן וואָס ירושלים פאַר-מאָגט און אַט בין איך שוין אויף דער יפו-גאַס. איך שטעל זיך אָפּ נעבן אַ „גזוז-קלייטל" און בין זיך מחיה מיט אַ קאַלטן טרינק. דער איד וואָס אַטענדירט דאָס קלייטל איז אַ מענטש פון אַ יאָר דרייסיק. גייט אָנגע-טאָן אין אַ יאַרמעלקעלע און האָלט נעבן זיך אָפן אַ ספר'ל. ווען עס איז ניטאָ קיין קונה — זיצט ער ניט און גענעצט, נאָר קוקט אין עפּעס אַריין. איך בעט פּאַפּיראָסן און ווען ער נעמט זיך מיר דערלאַנגען — באַמערק

איך אַז... עס פעלט אים אַ פוס און ער נוצט אַ קוליע. איר פאַרפיר שוין מיט אים אַ שמועס. ער רעדט עברית און שפּאַניש. אַ ספרדי. זיין עלטער-זיידע איז דאָ געבוירן געוואָרן. ער איז אַ קאַליקע ערשט פינף יאָר. טאַקע אין ירושלים, ביי פאַרטיידיקן די שטאָט, ביים פאָרן ברענגען וואַסער, האָט אים געטראָפן אַן אַראַבישע קויל אין פוס. ער האָט צו קיינעם קיין טענות ניט. ווען מען זאָל אים געוועז היינט אַוועק־געבן ביידע פיס און דעם קאָפּ אויך אַבי עס זאָל ווערן אַ אידישע מדינה — וואָלט ער עס מיט פאַרגעניגן געטאָן.

אין משך פון געשפּרעך, געפין איך אויס אַז ער איז זייער געלערנט און אינטעלעגענט. ער האָט געלערנט אין „אָקספאָרד" אוניווער־זיטעט פון ענגלאַנד און ווען ער האָט דערפילט אַז ארץ ישראל דאַרף אים האָבן, איז ער אין יאָר 1944, אין סאַמע ברען פון מילחמה געקו־מען „אַ היים".

מיר גייען אַרויף אַף אַ פּאָליטישן שמועס. מיר צערעדן זיך וועגן עקאָנאָמישן קריזיס וואָס דאָס לאַנד לעבט איבער און ספּעציעל — וועגן פעלן פון שפּייז פאַר דער באַפעלקערונג. ער הויבט מיר אָן צו פאַרענטפערן די אומשטענדן. — ניט די רעגירונג איז אינגאַנצן שולדיק! ער ווייזט מיר אָן, אַז אין גרויסן און רייכן ענגלאַנד איז דער שפּייז-קריזיס, ניט איבעריק בעסער ווי אין ישראל, אַז אויך דאָרט דאַרף מען וואַרטן ביז אַרגענטינע שיקט זיי אַ שטיקל פליייש צו עסן אַז אויך דאָרט איז אַלץ ראַציאָנירט. אַ סברא, אַז דאָרט פעלן אויס מ ע ר ע ר זאַכן, ווי ביי אונז, אין אונזער קליינער מדינה. נאָר ז י י, די ענגלענדער, ציען איין דעם פּאַסיק און שווייגן. עס איז ביי זיי אַ נאַציאָנאַלער שטאָלץ און פליכט זיך נ י ט צו קלאָגן! ביי אונז אידן, אָבער, קאָן מען ניט פאַר־געסן דאָס פליייש און די פיש וואָס מען האָט געגעסן אין מצרים און מען וויל צוריק גיין בויען „פתום און רמסס" — פאַרוואָס פעלט שפּייז אין ישראל? גאָר פשוט. ערשטנס, איז אין א ר ץ ישראל קיינמאָל ניט געווען גענוג שפּייז פאַר דער באַפעלקערונג. מען פלעגט אימפּאָרטירן פון אויסלאַנד און ספּעציעל פון די אַראַבישע לענדער פליייש, פיש, גרינוואַרג און אַפילו צוקער אויך. די אַראַבער אַרום אונז, זיינען געווען קליינע פאַרבראַויכער פון זייערע פּראָדוקטן און מען האָט עס אונז פאַר־קויפט. חוץ דעם, אין דער צייט פון מאַנדאַט, האָט ענגלאַנד געזאָרגט אַז עס זאָל דאָ ניט פעלן — ספּעציעל יענע פּראָדוקטן וועלכע ז י האָט געהאַט איבעריק ביי איר אין לאַנד. ה י י נ ט — איז אָט דער מקור פון

עסנוואַרג, פאַרשוואונדן. עס זיינען אויך פאַרשוואונדן די עטלעכע הונ־דערט טויזנט אַראַבער פון ארץ ישראל וואָס האָבן באַאַרבעט זייער פעלד און די פּראָדוקטן כמעט ניט פאַרנוצט און זיי געבראַכט אין שטאָט אריין צו פאַרקויפן. איצט, שטייען נאָך אַ גרויסע טייל פעלדער און פוסטעוועס ווייל די נייע עולים האָבן זיי נאָך ניט אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן... ווער איז שולדיק אין דעם? — דאָס איז אַ צווייט קאַפּיטל!

אַ גרויס חלק אינ׳ם פעלן פון שפּייז אין דער מדינה, האָבן די... קיבוצים.

כל זמן די קיבוצים זיינען געווען „אידעאַליסטיש" געשטימט און זייער הויפּט-לאָזונג איז געווען אויפלעבן די פאַרלאָזטע ארץ ישראל־ערד, האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן מיט לאַנדווירטשאַפט, קולטיווירט די ערד און אַרויסגענעמען פון שטיקל פעלד וואָס מען האָט געקאָנט. היינט, זיינען זיי געוואָרן פּראַקטישער, סוחרישער. זיי האָבן זיך אַ וואָרף גע־טאָן צו „אינדוסטריעס". זיי זיינען געוואָרן „פאַבריקאַנטן". און וואָס נאָך ערגער: — אָנהאַלטנדיק דעם „סאָציאַליסטישן פּרינציפּ", ווילן זיי ניט צולאָזן קיין לוין-אַרבעטער, ניט צום פעלד און ניט צו דער אינדוסטריע. מען נעמט אויך אַריין מיט שוועריקייט אַ נייעם „חבר" פון די עולים — אויב ער איז ניט רעקאָמענדירט פון די פּאַרטיי-אינסטאַנצן, נו, פאַר־שטייט איר דאָך אַליין, אַז די ערד-אַרבעט גיט אַרויס וויניקער פּראָ־דוקטן און דערמיט פאַרערגערט זיך דער שפּייז-קריזיס אין לאַנד.

— צו איז דאָ אַ רפואה צו אָט דער קרענק?

— זיכער! דאָס ערשטע — עפענען די טויערן פון „אימיגראַציע" אין אַלע קיבוצים און ניט בודק זיין די ציצית פון די אַספּיראַנטן צו אַרבעטן ביי פעלד-אַרבעט אָדער לאַנדווירטשאַפט. דאָס דאַרף טאָן די רעגירונג! די רעגירונג קאָן צווינגען די קיבוצים אַז זיי זאָלן אַבסאָר־בירן טויזנטער נייע עולים אין די קיבוצים! אויב ניט — לייט זי ניט די קיבוצים קיין געלט! און פאַר דעם האָבן די קיבוצים מורא, ווייל זייערע אינדוסטריעס הענגען אָפּ פונ׳ם קרעדיט וואָס די רעגירונג גיט זיי פאַר זייער אַנטוויקלונג.

צווייטנס: — מאַכן אַ סוף פון די טויזנטער דונאַם ערד וואָס גע־פינען זיך אונטער דעם „אַפּיטרופּסות"-קאָנטראָל. דאָס הייסט — די ערד פון די אַראַבער וועלכע פוסטוועט און ברענגט קיינעם ניט קיין נוצן.

פאַראַן נאָך אַ דריטער פאַקטאָר צום פעלן שפּייז אין לאַנד. דאָס איז — ווידער דאָס זעלבע — אַ רעגירונגס ענין. פאַראַן דאָ די גרויסע

קאָאָפּעראַטיוו אָדער רופט זי ווי אַזוי איר ווילט — די „ת נ ו ב ה", אַ הסתדרות־אינסטיטוציע, וועלכע קויפט אָפּ די שפּייז ביי די קיבוצים און ביי די פּריוואַטע דערפער. די דאָזיקע אינסטיטוציע, זאָרגט און פאַרזאָרגט פריער — די קיבוצים! און ביז די פּריוואַטע דערפער קאָנען קומען מיט זייערע פּראָדוקטן צו דער „תנובה", זיינען שוין אַ סך פּראָ־דוקטן... פאַרפוילט און מען דאַרף זיי אַרויסוואַרפן אין מיסט...

פאַרשטייט זיך, די „תנובה" טוט עס ניט אינמיסטן. עס איז לאָגיש אַז זי זאָל פריער פאַרזאָרגן א י ר ע קיבוצים. אָבער לאָגיק איז א י י ן זאַך און... שפּייז וואָס קאָן לאַנג ניט שטיין איז אַ צווייטע זאַך. וואָל־טן מיר געהאַט עטלעכע גוטע „אייז־קעלטערס" (פריגאָריפיקאָס) וואָלט מען די שפּייז געקאָנט באַהאַלטן אויף יענע וואָכן און חדשים, ווען עס וועט אויספעלן אין מאַרק און אין פעלד. האָבן מיר דאָך ניט און עס וואָלט ניט געשאַדט אַז אייערע אידן אין אויסלאַנד זאָלן וועגן דעם אַ טראַכט טאָן!...

— און ווען די „תנובה" וואָלט ניט געווען — וואָלט געווען בעסער?

— מעגלעך אַז... ערגער. מיר וואָלטן אַריינגעפאַלן צו די ספּעקו־ליאַנטן אין די הענט אַריין און מען וואָלט זיך ניט דערשלאָגן צו אַ ביסל מילך, אַ שטיקל קעז, און אַ פּרוכט! אָבער — די „תנובה" אַליין, קאָן אויך בעסער ווערן און אנשטאָט צו דינען אייפעריק אירע פּאַרטיי־אינ־טערעסן — זאָל זי דינען דעם גאַנצן פאָלק!...

איך שפּאַן אַרויס פון דעם דאָזיקן געשעפט, ווייל אַ פּאָר „ערנסטע" קונים זיינען געקומען. איך וויל דעם אידן ניט שעדיקן די פּרנסה און איך גיי זוכן אַ צווייטן „קרבן" אויף צו שמועסן מיט אים. מען דאַרף לאַנג ניט זוכן. יעדער איד אין ישראל און ספּעציעל אין ירושלים — וועט מיט אייך גערן אַביסל רעדן. ער פילט אַז ער טוט אייך אַ טובה, אַז ער דינט דעם טוריסט ווען ער רעדט מיט אים.

איך גיי איבער די ירושלימער גאַסן. איך לאָז זיך גיין זוכן „אונ־זער" מיכל גרייוווער, וועלכער איז ערשט אָנגעקומען אין לאַנד אַריין זיך דאָ צו באַזעצן. איך האָב שוין געהאַט פאַרשידענע גרוסן וועגן זיין אַרבעט דאָ. אַ סך פון די וואָס קאָנען זיין דינאַמישקייט, זעען פאָר אַז גרייוווער וועט זיך אָנשטויסן אויף אַ סך שוועריקייטן. דערהויפּט — קנאה פון זיינע אַרבעטס־חברים וועלכע וועלן ניט קאָנען צוזען ווי ער אַרבעט בלב ונפש, אָן אָפּרו. זיי, אַ סך פון זיי, זיינען דערצו ניט גע־וואוינט... אייניקע פון זיי — אין די אָפיסינעס פון „סוכנות" האָבן

איבער די שענסטע היסטאָרישע שטעט פון אייראָפּע



1): זשענעווע, די באַרימטע פּאָרט־שטאָט פון איטאַליע, די וויכטיקסטע שטאָט פון מיסחר. 2): באַרסעלאָנאַ — די שיינע פּאָרט־שטאָט פון שפּאַניע. 3): אַטען (אַטע־נאָם) די באַרימטע היסטאָרישע גריכישע שטאָט. אירע היסטאָרישע חורבות וועלכע ווערן באַזוכט פון מיליאָנען מענטשן אַ יאָר. 4): אַ טייל פון אַ פּאָרט אין צפרון, אָט דאָרט וואו די ענגלענדער פלעגן פאַרשלעפּן די עולים וועלכע מען האָט געפּאַקט „ביים פאַרברעכן״ פון וועלן אַריין קיין ארץ ישראל. (רעכטס) — די גראַנדיעזע שיף „קאָנטע גראַנדע״.

איבער שטעט און לענדער פון אייראָפּע

1): ווענעציע, מיט אירע קאַנאַלן און „גאַסן” איבער וועלכע מען קאָן בלויז פאָרן מיט אַ שיפל.

2): נעאַפּאָל (נאַפּאָלי) די אַלטע היסטאָרישע שטאָט, וואָס איז אויסערלעך אַזוי שיין און אינערלעך אַזוי אָרעם און קויטיק...

3): פּאָמפּעיי (פּאָמפּעזשע) ד היסטאָרישע שטאָט וועלכע איז מיט הונדערטער יאָרן צוריק חרוב געוואָרן פון אויפרייסן פון וואולקאַן „וועזאוויוס” וועלכער איז דאָרטן נאָענט.

מיר שוין געזאָגט, אַז אַזעלכע גרייוועערס זיינען דאָ פאַראַן אַ סך! ווען דער אמת איז, אַז אַזעלכע ווי גרייוועער — זיינען דאָ פאַראַן ווייניק...

דער ביטאָג און דער פאַרנאַכט איז אַ וואַרעמער. די שטימונג איז אַ „הייסע". אַזוי האָט מען גערופן יענע טעג ווען איך בין געווען אין ירושלים! „הייסע טעג". „פייערדיקע טעג". ס'איז געפלויגן — צוריק מיט אַ פּאָר טעג — פייער איבער די ירושלים-גאַסן. אין אַט די „הייסע טעג" זיינען געווען אַ סך קרבנות פון ביידע זייטן. די צייטונגען האָבן וועגן דעם אַביסל געשריבן, אָבער מען האָט געוואוסט, נאָך אַלעמען — איז ירושלים אַ קליין שטעטעלע!

גייענדיק איבער די „הייסע" גאַסן פון ירושלים האָב איך געטראַכט: — ווי פאַרשידן עס זיינען די אידן פון אַט דער שטאָט וואָס האָט דעם שונא, די "פּעטליוראָוועס" נעבן דער זייט, און דאָך, האָט מען ניט קיין מורא, מען ציט זיך ניט אַרויס פון די שכנות'דיקע הייזער, מען גייט פראַנק און פריי איבער די „גרענעץ-גאַסן", און מען ציטערט ניט טאָמער וועט זיך באַווייזן אַ שונא'ס קויל! ביי אונז, אין אונזערע אַלטע היימען, וואָלט מען שוין געלעגן אין די קעלערס אָדער ביי איוואַן זלאַדי — אַ באַקאַנטער גוי וואָס האָט צוגעזאָגט אויסבאַהאַלטן!...

די שטעכיקע דראָטן וואָס איך האָבן אָנגעטראָפן גייענדיק, האָבן מיך געשטאָכן אין האַרצן. ווען וועט שוין קומען אַ סוף דערצו?

איך גיי אַריין אין אַ צירולניע זיך אָפּגאָלן. עס איז דאָנערשטיק פאַרנאַכט און דאָ פילט זיך דער שבת מערער ווי אומעטום. אידן גרייטן זיך צום שבת קודש, ווייל מאָרגן — וועט זיין נ א ך שווערער צו קריגן אַ בענקל. עס זיצן עטלעכע מענטשן. עס זיצן אויך צוויי אידן מיט... יאַרמעלקעלעך. ערגעץ האָבן זיי געפונען אַ דין אין דער תורה אַז מען מעג זיך אונטערשערן דאָס שפּיציקע בערדעלע און פאַרגלייכן די פּאות. איינער פון זיי — נעבן וועמען איך זיץ און וואַרט, זאָגט מיר טאַקע: דעמאָלט ווען מען האָט אָנגעשריבן אַז מען טאָר זיך ניט שערן און גאָלן, זיינען אַלע „עכום", גענצנדיגער, געגאַנגען געשוירן און געגאָלט — האָט מען געדאַרפט מאַכן אַ חילוק, אַ ג ד ר, צווישן אונז און ז יי! — היינט גייט די גאַנצע וועלט געשוירן און געגאָלד און מען קאָן ניט זיין קיין גאַנצער אויסנאָם און אויסווייזן ווי ווילדע מענטשן פון וואַלד אַרויס...

איך האָב „פּראָוואָצירט" אַ שמועס. דערהערט אַז איך בין א ז ש פון אַרגענטינע, איז מען געוואָרן רעדעוודיק. איך האָב אַלץ באַרירט די

פראַגע: „צו מען האָט ניט מורא פאַר די שיסערייען ביכלל און פאַר אַן אינוואַזיע בפרט"? צום איבעריקן מאָל האָב איך זיך איבערצייגט: ישראל־אידן, איינוואוינער פון ירושלים און פון עין השלושה, פון גזית און מפלסים, איינוואוינער פון די גרענעץ־געביטן וואָס זיינען אַזוי נאָ־ענט מיט די אַראַבער, האָבן פאַר זיי קיין מורא ניט! מען האָט זיי איינמאָל צעשלאָגן, און אויב זיי וועלן אָנפאַלן — וועט מען זיי ווידער מנצח זיין! דעמאָלט איז געשען אַ נס — איצט פאַרלאָזן מיר זיך ניט אויף קיין נסים! — אונזערע שונאים — וויסן עס!

איינער פון די בייוועזנדע פרעגט מיך צו איך האָבן שוין אָנגעקוקט אין תל אביב די נייע געביידע פון הסתדרות, ווי געפעלט זי מיר?

דאָ בין איך „אַריינגעפאַלן". איך האָב זיך צעלאָזט מיט שירים ותשבחות וועגן דער גראַנדיעזער און לוקסוסרייכער געביידע וועלכע באַטרעפט עטלעכע מיליאָן אַרגענטינער פעזעס. איך האָב געמיינט, אַז וואָס מער איך לויב — אַלץ מער טוט זיי הנאה. לאָזט זיך אויס אַז ניין! מען איז גאָר ניט צופרידן, וואָס אין דער צייט ווען דאָס לאַנד ליידט פון אַזאַ עקאָנאָמישן קריזיס און עס געפינען זיך טויזנטער עולים וואָס וואוינען אין „מעברות" — זאָלן זיך אַרבעטער דערלויבן אַזאַ לוקסוס.

היינט האָב איך זיך געלייגט פריער שלאָפן. איך האָב זיך געוואָלט אויסרוען פאַרן מאָרגנדיקן טאָג אויף וועלכן מען האָט צוגעגרייט פאַר מיר אַ גרויסע פראָגראַם. אַרום צען אַ זייגער בין איך שוין געלעגן אין בעט און אַרום צוועלף — האָב איך זיך מיט שרעק אויפגעכאַפּט און בין געווען זיכער אַז די אַראַבער זיינען אונז באַפאַלן. נעבן אונזער פענצטער, אינדרויסן, איז אַ אויסערגעוויינלעכער רעש. מען הערט שטי־מען און געשרייען און אַפילו מען הערט ווי מען רופט נעמען: — שמחה! מרים! שרה! אברהם!. אין פאַרשלאָפנקייט, ווייזט זיך מיר אויס, אַז דאָס רופט מען די קינדער זיך צו גיין... באַהאַלטן אין „סעקרעט". מיר כאַפּן זיך אויף מיט שרעק און וואַרפן זיך צום פענצטער אַ קוק טאָן וואָס עס קומט פאָר אינדרויסן. לשם זיכערקייט — כדי „עס זאָל מיר ניט אַריינפליען אַ קויל" — צינד איך ניט אָן די עלעקטרישע שיין.

איך דערזע אַן אינטערעסאַנט בילד:

אַ פאָר הונדערט מענטשן שטייען אין דרויסן און טומלען אויפן קול. דאָס... גייט מען אַרויס פון „קינאָ עדן" וואָס געפינט זיך פונקט אַנטקעגן אונזער האָטעל און אַנטקעגן מיין פענצטער. אין קינאָ זיינען געווען עטלעכע הונדערט מענטשן און ביי זייער אַרויסגיין — אײַנ־

טערעסירט זיי ניט צו עמיצער שלאָפט. זיי טומלען און רעדן הויך און מען זוכט באַקאַנטע מיט וועמען אַ היים צו גיין! איינציקע פון זיי וואוינען האַרט, האַרט, ביי דער גרענעץ, איז היימלעכער ווען מען גייט אַ היים אין קאָמפּאַניע.

איך בין אוודאי געווען ברוגז אויף די ירושלימער קינאָ-באַזוכער וואָס האָבן אונז איבערגעשראָקן און אויפגעוועקט פון שלאָף. איך האָב זיי, אָבער, מוחל געווען. זייער געוואַגטקייט, זייער אומדערשראָקנהייט און זייער נ י ט רעכענען זיך מיט י ע נ ע מ ס באַקוועמלעכקייט — האָט זיי געהאָלפן אויסהאַלטן די באַלאַגערונג אין דער מילחמה מיט די אַראַבער און זיי האָבן דערגרייכט צו האָבן די כנסת ביי זיך און אַ מדינה אין ישראל.

15־טן מאַיו:

מיר זיינען ווידער אויפגעשטאַנען פרי. באַלד וועלן מיר אַרויספאָרן אָנקוקן דאָס שענסטע וואָס עס איז דאָ צו זען אין ירושלים. און ניט בלויז דאָס שענסטע — נאָר אויך דאָס טרויעריקסטע — דעם יער הק־דושים. מיר פאָרן מיטן פאָרשטייער פון קרן קימת ביורא — פריינט דראזנין.

אַרום ניין אַזייגער זיצן מיר שוין אין אויטאָ. דאָס ערשטע הויבט מען אָן מיט הרצל׳ס קבר. דאָרט, דערנעבן איז אויך דער קבר פון דוד וואָלפסאָן ע״ה און אַנדערע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער איצטיקער מדינת ישראל.

אין דער זייט — די קברים פון די פאַמיליע פון דר. הרצל. ווען איך בין אַ גלויביקער — איז דאָס ערשטע וואָס איך וואָלט געטאָן איז — זאָגן אַ קדיש. איך בין זיכער אַז ביז איצט האָט מען קיין קדיש נאָך זיי ניט געזאָגט!

אַרום די קברים — בויט מען אַ פּאַרק. דער גאַנצער פּלאַץ וועט פאַרהיילעקט ווערן און פאַרהערלעכט ווערן. פון אָט דעם פּלאַץ — זעט מען אויך אַרום די גאַנצע שטאָט און אַ גרויסע טייל פון „אַראַבישער׳ טעריטאָריע — די אַלטע שטאָט.

אַראָפּפאָרנדיק פון דעם „הר הרצל״, לאָזן מיר זיך , דאָס ערשטע, אָנקוקן די נייע מאָדערנע „שכונה״ ע י ן כ ר ם. דאָס דאָזיקע פּלאַץ, איז פריער געווען אַן אַראַביש דאָרף און אַראַבישע רוצחים האָבן גע־וואַרט אויף אַ אידישן דורכפאָרער כדי אים צו באַרויבן און דער־

מאָרדן. היינט איז דער „דאָרף" איבערגעבויט געוואָרן און באַזעצט פון באַאַמטע און לערער. נייע שיכונים באַצירן די גאַנצע געגנט. אויך אונזער ליבער מיכל גרייוועד וועט דאָרט האָבן זיין וואוינונג וועלכע מען בויט און מען ענדיקט איצט אָרויס. פון עין כרם, גייט דער וועג צום קיבוץ „צובה" וואָס איז אויך געווען דער טעראָר פון ירושלימער איינוואוינען אין צייט פון קריג. די פל"מח, האָט געמאַכט אַ סוף צו זיי.

אונזער אויטאָ פאָרט אַריין קיין „רמת רזיאל". איצט איז דאָס אַ „מושב שותופי", אַ שותפותדיקע דאָרף. די מענטשן וואָס וואוינען דאָ, זיינען ניט קיין פאַרטייער און זיי לעבן זיך ז י י ע ר לעבן, זייער ג ל י ק ־ ל ע ך לעבן. דער דאָזיקער פונקט איז אויסגעקעמפט געוואָרן פון די „אירגון"־מענטשן. זיי האָבן דאָרט פאַרגאָסן אַ סך בלוט. דאָס פאָלק אין ישראל אנערקענט די העראָישע מעשים פון „אירגון". מען אנערקענט, אַז זיי האָבן גאָר גאָר אַ גרויסן חלק אין דער באַפרייאונג פון ישראל פון ענגלענדער און פון די אַראַבער. דאָס פאַרטרייבן די אַראַבער פון י פ ו — איז זייער אַרבעט געווען! מען אנערקענט עס. בלויז די פאַרטייען פון דער רעגירונג ווילן עס ניט אנערקענען!...

אין רמת רזיאל איז די ערד פייכט געוואָרן פון דעם בלוט פון די „אירגוניסטן".

מיר פאָרן פאַרביי דעם קיבוץ כ ס ל ו ן וואָס איז באַזעצט מיט רומענישע אידן. אונזער שאָפער איילט זיך! ער מאַכט אַ וויץ! ער האָט מורא זיך דאָ אָפּצושטעלן טאָמער וועט מען ביי אים צוגנב'ענען דעם אויטאָ! אַן אומגליק מיט די רומענער!

מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין אַ אינטערעסאַנטנעם אָרט. קיין „משתות אשתאיל". דאָס איז אַזאַ אָרט וואָס ביי אונז רופט מען עס „וויוועראַ", אַ פּלאַץ וואו מען גרייט צו די ביימער. אַט, אין דעם אָרט, גרייט מען עס צו די ביימער פאָרן „יער הקדושים" און פאַר די וועלדער פון יהודה.

דאָס אויג פאַרכאַפּט אַ מאַיעסטעטיש בילד. טויזנטער, צענער טויזנטער ביימעלעך פאַרזעצטע אין טעפּעלעך פון וואַנען זיי ווערן דערנאָך איבערגעפירט צו זייער מקום וואָס דאַרפן באַוואַלדן דאָס לאַנד. ספּעציעל ווערן אָפּגעהיט די ביימער וועלכע דאַרפן איינגעזעצט ווערן אין „יער הקדושים". דער קרן קימת האָט זיך פאַרנעמען פאַרפלאַנצן אין אָט דעם וואַלד ז ע ק ס מיליאָן בוימער לזכר די זעקס מיליאָן אומגעקומענע קדושים.

פאָרנדיק, האַלט חבר דראַזנין אין איין דערציילן און דערקלערן. יעדער

שפּאַן איז עפּעס היסטאָריש און עס איז כדאי אים צו קאָנען. דער גאַנ־צער „פּרוזדור" פון ירושלים איז און וועט בלייבן אַ שטיק אידישע גע־שיכטע, אַ היסטאָריש פּלאַץ פון אידישער גבורה, מוט און נצחון! ווען מען פרעגט מיך, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער גאַנצער געגנט זאָל הייסן „מקום קידוש השם". דאָ, איז מען געגאַנגען אויף קידוש השם און מען האָט מנצח געווען!

מיר פאָרן אריין אין דער „טעריטאָריע" פון „יער הקדושים". מיר בלייבן שטיין און מיר דראַפּען זיך אַרויף אויף איינעם פון די בערג. אויף יעדער טריט און שריט איז פאַרזעצט אַ ביימעלע. וואו עס איז געווען אַ שטיקעלע פרייע ערד — נישט קיין שטיין — האָט מען אַריינגעזעצט אַ ביימעלע. מען דאַרף האָבן געדולד. מיט דער צייט — וועט דאָ זיין אַ געדיכטער וואַלד. אָט דאָ, וועט זיין דער „יער הקדושים". באַלד אין דער זייט, געפינט זיך דער „יער סאַן מארטין", און, אָט דאָ נאָענט אין שכ־נות, געפינט זיך דער „יער יצחק קאַפּלאַן" און טאַקע, באַלד ניט ווייט — דער „יער חיים אַלטער בערקאָוויטש". צוקומענדיק צו אָט דעם פּלאַץ, האָט מיר הארציק באַנג געטאָן וואָס חיים אַלטער בערקאָוויטש האָט ניט דערלעבט זען וואו זיין „יער" וואַקסט שוין. ווען ער זעט עס — לעבט ער, אפשר, לענגער.

אין דעם צענטראַלן פּונקט פון „יער הקדושים" איז איינגעאָרדנט אַ מין טריבונע פאַר אַן אַקט ווען לאַנדסלייט פּלאַנצן אַ „יער" אויפן נאָ־מען פון זייער חרובער היים. דאָס אָנקוקן אָט די טריבונע איז ווערט געווען דאָס דראַפּען זיך אויף אָט די בערג און דאָס קומען קיין ישראל.

למען האמת. איידער איך האָבן עס געזען, אין חוץ לארץ, האָב איך, ניט איינמאָל געצווייפלט אין דעם אמת פון דער פּראָפּאַגאַנדע וואָס די קרן קימת-טוער מאַכן וועגן קרן קימת בכלל און וועגן „יער הקדושים" בפרט. איך האָב גאָרניט געוואוסט ווי וויכטיק דער קרן קימת איז פאַר אונז, פאַרן לעבן און פאַרן אויפבוי פון דער מדינה. איך האָב זיך אָנגע־הערט און אָנגעלייענט אין די צייטונגען און אין פּראָפּאַגאַנדע בראָשורן וואָס דער קרן קימת טוט אויף. איך האָב, אָבער, קיינמאָל זיך ניט פאָר־געשטעלט די רעאַליטעט פון אָט דער אַרבעט. איך האָב קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען וואָס אַזוינס עס איז די טעטיקייט פון דעם קרן קימת פאַר דער עקזיסטענץ פון דער מדינה — איצט, און פאַר דער פאַר־פעסטיקונג און דאָס אויסלייזן באָדן וואָס דער ק. ק. ל. האָט געטאָן פריער. ווען מען פאָרט אַרום די „וועלדער" וואָס ווערן איצט גע־

פלאַנצט, ווען מען טרעפט אָן טויזנטער עולים וואָס אַרבעטן אויף אָט די פעלדער און באַקומען אַ מעגלעכקייט צו האָבן פרנסה און ניט דאַרפן טראַכטן פון צוריק-פאָרן, ווען מען דראַפּעט זיך אַרויף אויפן שפּיץ פון העכסטן באַרג וואו קרן קימת באַאַרבעט און באַוואַלדעט — מוז מען אָוועקפאָרן פון דאָרט אַ באַגייסטערטער פאַר קרן קימת לישראל. און ווען איך וועל אַריינוואַרפן מיין באַשטייערונג אין דער פּושקע פון קרן קימת ווען איך וועל קומען אויף אַן אַקט — וועל איך פריער, די מטבע אַ קוש טאָן! איך וועל איר זאָגן: — גיי, טייערע, העלף פלאַנצן אַ ביימעלע אין אָט די בערג וועלכע וואַרטן אויף דיר, גיי, גיב אַ נייעם עולה אַרבעט און העלף אים ברענגען נוצן דעם לאַנד!

ס'האָט זיך פון אָט דעם פּלאַץ ניט געגלוסט אַוועקגיין. ספּעציעל — מיין פרוי, זאָל לעבן. זי האָט דראַזנינען ניט צורו געלאָזט. זי איז „געגאַנגען" אויף... אַלע פיר — פאָרויס, און איך מיט דראַזנינען זיינען איר נאָכגעגאַנגען. דאָס הייליקייט פון פּלאַץ האָט זייער געווירקט. מיט נאַסע אויגן האָבן מיר זיך ביידע געלאָזט אין וויטערן וועג אַריין.

מיר פאָרן אַריין אין קיבוץ „נוה אילון", דאָס איז אַ דאָרף פון פראַנצויזישע „מאַקים". זיי האָבן געקעמפט אין פראַנקרייך און דערנאָך אויף אָט דעם פּלאַץ אין ישראל. ווען עס איז געוואָרן שטיל — האָבן זיי זיך דאָ באַזעצט און געשאַפן דעם שענסטן קיבוץ פון אָט דעם געגנט.

און איצט — אַ ביסעלע עגמת נפש. מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין אַ דאָרף וואָס איז באַזעצט פון אַראַבער. דאָס דאָרף הייסט „אבו-גוש". זיי זיינען ניט אַנטלאָפן בעת דער מילחמה און זיי זיינען „געבליבן לאָיאַל" דער מדינה. זיי זיינען טאַקע לאָיאַל, נאָר, אַלע סמנים פון די אַריינדרינגער אין דער געגנט פון ירושלים — פירן צום דאָרף „אבו- גוש". אַ סברא, אַז די רעגירונג וועט זיי מוזן נעמען אויפן אויג...

דאָס דאָרף — ווי אַלע אַראַבישע דערפער, איז שמוציק און פאַרנאַכלעסיקט. זייערע פאַרשטייער אין כנסת — די אידישע און אַראַבישע קאָמוניסטן — פאַרגיסן קראָקאָדיל-טרערן וועגן זייער מצב, אָבער — טאַקע מ ע ר ווי טרערן — טוט מען פאַר זיי גאָרניט!

כדי אונז צו פאַרגיטיקן פאַרן דאָרף „אבו-גוש", פירט אונז דראַזנין אַוועק אין דעם אַלטן שיינעם קיבוץ „ק ר י ת ע נ ב י ם". דער דאָזיקער קיבוץ איז איינער פון די רייכסטע קיבוצים אין לאַנד. ער געהערט אידעאיש, צו דער „מפ'אי". דער קיבוץ — וועלכן מיר שפּאַצירן איצט אַרום, האָט אַן אייגענעם „בית עולם צבאי" — אַ מיליטערישן בית הק־

ברות. דאָ ליגן די זין פון אָט דעם קיבוץ וועלכע זיינען געפאַלן אין די פאַרשידענע שלאַכטן פון דער לעצטער באַפרייאונגס-מילחמה ווי אויך אין די שלאַכטן פון די „פּאַלעסטינער אומרוען". דאָ איז אויך פאַראַן אַ גראַנדיעזער דענקמאָל פאַר די געפאַלענע אין די שלאַכטן.

גייענדיק אַנקוקן דאָס לעבעדיקע, טרעפן מיר אין „קרית ענבים" אַ רייכע, גאָר רייכע ווירטשאַפט. צענדליגער טויזנטער עופות. אַ שטאַל מיט די שענסטע בהמות. עס פעלט דאָרט גאָרניט. וואָס עס פעלט זיי — איז אַ ביסעלע... סאָלידאַריטעט מיט די אָרעמע קיבוצים, ווען — אַזוי האָט מען מיר דערציילט — זיי העלפן ניט מיט גאָרניט! אַ סברא טאַקע, אַז איינע פון די נעגאַטיווע זייטן פון די קיבוצים — איז זייער עגאָיזם. איינער דעם צווייטן — אַפילו פון דער זעלבער פּאַרטיי — העלפן זיך ניט אַרויס. סיידן, ווען מען דאַרף לייען... מענטשן כדי צו „פאַרכאַפּן" פּאָליטיש אַ פּאָזיציע פון דער צווייטער פּאַרטיי ווי אין „יפתח".

מיר פאָרן שוין צוריק קיין ירושלים. דאָ און דאָרט, טרעפן מיר אָן אויפן באַקאַנטן טאַבליצקעלע: „ע מ ו ד", ס ט אָ פּ! ע צ ו ר! גבול! סכנה!" ס'הייסט, מיר געפינען זיך נאָענט פון דער גרענעץ און מען טאָר ווייטער אַהין ניט פאָרן. מיר פאָרן פאַרביי און מיר שטעלן זיך אָפּ אין די געוויסע מקומות וואו עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע שלאַכטן מיט די אַראַבער, ווי למשל: ק ס ט ל, א ר צ אָ מ ו צ אָ א. א. אין „קסטל" („קאַסטעל") איז געווען דאָס ערגסטע און ביטערסטע. אַ סך בלוט איז דאָרט פאַרגאָסן געוואָרן ביז מען האָט עס דעראָבערט.

מיר זיינען געווען אין „וועג" בלויז דריי שעה. אָבער, מיר דוכט זיך אַז מיר האָבן געזען אַלעס אין אָט די 3 שעה אָנהויבנדיק פון בויגן דעם קאָפּ ביי הרצל'ס קבר און ענדיקנדיק מיט באַוואונדערן אידישע גבורה ביי קאַסטעל — אָט די מאָמענטן — ווער קאָן זיי אַ מאָל פאַרגעסן?

ווען מיר האָבן זיך, אין האָטעל, געזעצט צום טיש עסן — איז די עמאָציע געווען אויף אונז צו דערקענען. די אורחים און טוריסטן פון אַמעריקע, האָבן אונז תיכף געפרעגט:

נו! ווי געפעלט אייך א ו נ ז ע ר ירושלים?

תיכף נאָכן עסן, האָב איך נאָך אין איין אָרט צוצוגיין. מען האָט מיר געגעבן אַן אדרעס פון אַ פרוי, אַן אלמנה, וועלכע וואוינט שוין אין ירושלים עטלעכע און דרייסיק יאָר און איז, כמעט, אַ „בית עיר" מיינע. טאַקע נאָענט פון מיין שטעטעלע. די דאָזיקע פרוי האָט פאַרלוירן אירע

צוויי קינדער אין דער באפרייאונגס מילחמה. איך האָב זי געטראָפן אין דער היים מיט אירע „נייע" צוויי „קינדער". זי האָט אדאָפטירט צוויי אינוואלידן, צוויי אידישע יונגע בחורים וועלכע האָבן קיינעם ניט אין ישראל און וואָס זיינען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן נעבן ירושלים. די דאָזיקע אומגליקלעכע מאַמע האָט זיי אריינגענומען צו זיך און זי רופט זיי... מיט די נעמען פון אירע דערהרג'עטע קינדער. איך בין אַרויס פון איר שטוב אַ צעבראָכענער. זי, די מאַמע, איז שטאַרקער פון אייזן וואָס זי האַלט עס אויס. גיט איבער אייערע חברים אין חוץ לארץ, אַז זיי זאָלן שיקן אַהער זייערע קינדער. זיי דאַרפן קיין מורא ניט האָבן פאַר האָבן מיין גורל! קיין צווייטע מילחמה מיט די אַראַבער וועט שוין ניט זיין! זיי וועלן שוין פאַרזאָגן אַ צענטן ניט אָנצוהויבן מיט אונז. מיר דאַרפן האָבן יונגע קינדער, מיר דאַרפן חלוצים, וועלכע זאָלן פאַר־נעמען דאָס אָרט פון די געפאַלענע ביים אויפבויען דאָס לאַנד. אַן דער יוגנט פון חוץ לארץ, וועלן מיר גאָרניט דערגרייכן!

די „סברא"ם פון ישראל זיינען מיט אַן אַנדער מיינונג...

— — — — — — — — — — — — —

געקומען די שעה פון פאַרלאָזן ירושלים. עס גלוסט זיך ניט אוועק־פאָרן. איך וואָלט געבליבן ביז איבער שבת! עפּעס איז דאָך דער ירוש־לים'דיקער שבת פאַרשעמט אין דער גאָרער וועלט! ווער ווייסט ווען איך וועל נאָך האָבן אַ געלעגנהייט און דעם זכות צו פּראַווען שבת אין ירושלים. איך טו זיך אַ נדר, אין הארצן, אויב איך וועל לעבן, זאָל איך נאָך פּראַווען אַ שבת אין אָט דעם שטילן, רואיקן, הייליקן אָרט וואו די שכונה רוט אויף אַלץ און אַלעמען — אַפילו אויף די פריי־דענקער.

איך אייל זיך אַהיים. ווייל מאָרגן בין איך איינגעלאַדן צו אַ בר־מצווה יום־טוב. אָט די געלעגנהייט, פון בייזיין אַ בר־מצווה־צערעמאָניע, טאָר איך ניט פאַרלאָזן.

איך האָב נאָך אַ פּאָר שעה ביז'ן נעמען דעם „שירות" אויף צוריק. קיין באַן איז שוין ניט פאַראַן אין די שעה'ן. אין ישראל בלייבן שטיין די באַנען פון פרייטיק ביטאָג ביז שפּעט, שפּעט אין מוצאי שבת אריין.

איך גיי אַרויס אויפן באַלקאָן פון האָטעל און וויל אין זיך אַריינ־זאַפּן דאָס הייליקייט פון דער שטאָט. עס האָט מיר דאָ אַ איד געזאָגט, אַז ירושלים איז טייער און הייליק ביי יעדן איינעם אָבער וואוינען, וויל מען אין תל אביב, אָדער חיפה, ווייל דאָרט איז פּריילעכער. ווען איך דאַרף אויסקלויבן מיין זיץ־פּלאַץ אין ישראל, וואָלט איך אפשר, אין

ירושלים ניט געקאָנט לעבן, אָבער, איך וואָלט געפאָרן אהין אַ ל ע וואָך. דער צויבער פון ירושלים, פון די הרי יהודה, פון אַלץ אַרום און אַרום, ציט איך אַהין.

לטעון האמת. ניט אַלץ בלישטשעט אין ירושלים. פאַראַן דאָ טונקע-לע זייטן אויך. ספּעציעל — אַרום דער היגער מוניציפּאַליטעט. עפּעס גייט דאָ ניט אין אָרדענונג מיט די פינאַנסן און מיטן צאָלן דעם פּערסאָ-נאַל און מען דראָט מיט אַ שטרייק. אַז די ירושלימער שטאָט-פאַרוואַל-טונג לעבט איבער שווערע טעג — האָב איך נאָך געהערט אין תל אביב. מען האָט אַפילו דערציילט וועגן אַ גרויסער עוולה פון דער דאָזיקער שטאָט-פאַרוואַלטונג, וואָס האָט געוואָגט צו נעמען און אָפּשניידן דאָס וואַסער אַ מעברה ווייל מען איז געווען שולדיק שטייערן פאַר דער וואַ-סער עטלעכע חדשים! אָפּשניידן וואַסער פון אַן אָרט וואו עס וואוינען עטלעכע טויזנט נייע עולים, מיט ווייב און קינדערלעך — איז פאַרברע-כעריש. צום באַדויערן — איז דאָס געווען אמת. מען האָט אַזוי געטאָן און עס האָט, טאַקע, אויפגעשטורעמט דאָס לאַנד!

פאַרוואָס איז אין דער שטאָט-פאַרוואַלטונגס אַ קריזיס? ווייל... ירושלים איז אַ „שמעלץ-טאָפּ״, ניט בלויז פון פּאַרטייען און פּאַרטיי-טעקעלעך, נאָר אויך פון פאַרשידענע, ממש צענדליגער קהילה'לעכלעך. יעדער קהילה באַזונדער גייט זיך אויף אַן אַנדער וועג און טוט אַן דער צווייטער קהילה צרות וויפל זי קאָן. קיין שום פּאַרטיי אָדער קהילה האָט ניט קיין מערהייט אין שטאָט-ראַט און מען פירט די ווירטשאַפט מיטן קאָפּ אַראָפּ. דער רעזולטאַט איז: — מען צאָלט ניט קיין געהאַלט אין צייט און מען מוז אָנקומען צו אַזעלכע עקסטרעמע מיטלען ווי אָפּ-שניידן די וואַסער אַ גאַנצער מעברה!

דער וועג אַ היים מיטן „שירות״ איז געווען ניט קיין איינגענעמענער. מיר האָבן געהאַט אַלס „שירות-שוועסטער און ברודער״ אַ פּאָר'ל אידן פון דייטשלאַנד. זיי זיינען שוין אין לאַנד עטלעכע יאָר. קאָנען שוין רעדן עברית. צווישן זיך, אָבער, האַלט מען אין איין רעדן אויף אַט דער שפּראַך פון היטלערן, און עס גרילצט אין די אויערן. ווען איך קאָן אַראָפּ-גיין פון אויטאָ און וואַרטן אויף אַ צווייטן, ווען עס איז ניט ערב שבת — פאַר איך ווייטער ניט. צו אַלע גליקן, האַלט זי אין איין רעדן מיטן נהג (שאָפער) און... מיר פאָרן באַרג אַראָפּ, אַט יענע באַרימטע בערג פאַר וועלכע איך ציטער אַזוי! איך קאָן ניט אויסהאַלטן און פּראָטעס-טיר צום שאָפער. איך זאָג אים, אַז איך וויל זיך אין תל אביב קלאָגן ביי

דער קאַמפּאַניע צו װעלכער דער אויטאָ געהער, אַז ער היט ניט אָפּ די זיכערקייט פון די פּאַסאַזשירן. עס װערט אַ שטיקעלע אינצידענט און מיין דייטשע „מאַדאַם" װערט אַנטשוויגן. װען מיר האָבן געענדיקט פאָרן בארג אראָפּ און געקומען צום פלאַך „כביש", האָב איך, אין וויץ, געמעלדעט דעם נהג אַז ער מעג שוין ווידער רעדן, ווייל דאָ איז שוין ניטאָ אזא געפאַר פון ניט שענקען גענוג אויפמערקזאַמקייט די גע־שלענגלטע וועגן. מיין שאָפער איז שוין געזעסן אַ ברוגזער און ניט געענטפערט. מיר — האָט עס... הנאה געטאָן. געפאָרן זיכערער.

איך קום קיין תל אביב מיט צייט. איך טו זיך איצט איבער און גיי מקבל שבת זיין אין אַ חסידישער קלויז. דאָרט דאַוונט זיך געשמאַ־קער, אידישלעכער און מיר דאַכט זיך, אַז גאָט פאַרשטייט בעסער װען מען דאַוונט צום אים אויף... לשון קודש װי אויף „עברית". זאָגט מיר װאָס איר װילט: — רעדן עברית — איז איין זאַך און דאַוונען אויף עברית — איז אַ צווייטע זאַך. גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד — ניט דאָס דאַוונען, ניט דאָס לייענען אין דער תורה, האָט אַ „אידישן" טעם אויף עברית.

נאָכן שבת־עסן, גיי איך אַרויס אין גאַס. די שטימונג איז אַ נער־וועאישע. עס פילט זיך אין דער לופט עפּעס אַנאָרמאַל. דאַלעסעס וויזיט און זיינע דרשות, האָבן ניט איבערגעלאָזט קיין איינגענעמענעם איינ־דרוק. עס איז אַ מיינונג ביי די ישראלים, אַז פּאָוסטער דאַלעס איז ניט קיין גוטער פריינט — און מעגלעך אויך אַ שונא — דער יונגער מדינה. אנשטאָט ער זאָל פאַרדאַמען די טאָג־טעגלעכע אָנפאַלן און אַריינדרינ־גונגען פון די אַראַבישע רוצחים — האָט ער גאָר — מיטן תנ״ך אין דער האַנט — גערעדט װעגן פאַרגיטיקן די אַראַבער און זיי — אָדער אַ גרויסן צאָל פון זיי — צוריק אַריינלאָזן אין לאַנד אַריין.

נעבן „מוגרובי" טרעף איך אַ פּאָר פריינט, אַרבעטער אין אַ טעג־לעכער צייטונג — און מיר זעצן זיך אַוועק עפּעס טרינקען. מיר פאַר־בינדן אַ שמועס, טאַקע, װעגן די אַראַבישע רוצחים װאָס קומען אַלע נאַכט און מאַכן אַן צרות! מען קוילעט אויס אידישע פאַמיליעס. מען לייגט אונטער דינאַמיט אין די קיבוצים.

צוויי זאַכן מוז פאַר אונז קלאָר װערן — זאָגט איינער פון די צייַ־טונגס־לייט. ערשטנס — אַז די אַראַבישע רוצחים באַקומען שטיצע פון אונזערע „אייגענע" „ליבע" אַראַבישע שכנים. צו די לעצטע טוען עס

פאַר מיצווה אָדער פאַר מורא — איז אונז ניט וויכטיק. עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז זיי טוען עס פאַר מורא! נו, ווערט אונז דען בעסער?

די צווייטע זאַך. פריער אָדער שפּעטער וועט מען מוזן מאַכן אַ סוף צו אָט די אָנפאַלן! אויב די רעגירונג קאָן עס ניט טאָן, ווייל זי מוז, אָפיציעל היטן די כּללים פון וואָפנשטילשטאַנד, וועלן עס דאַרפן טאָן די ישראלים אַליין! איך האָב מורא אַז דער אירגון וועט ווידער אויפלעבן און זיין לאָזונג וועט זיין: — נקמה פאַר פאַרגיסן אידישן בלוט! אָט, דאַן — וועט זיין ווי צו די אַראַבער פון די גרענעץ-געביטן. פאַר יעדן אידן — וועלן די אירגוניסטן אויסמאָרדן פופציק, הונדערט און אַפילו טויזענט! זיי, די אַראַבער, וועלן שאַפן פּאַרטיזאַנער, און אויך מיר די ישראלים, וועלן עס טאָן! דאַן — דאַן קאָן ווערן אוים וואָפנשטילשטאַנד! מיר דאַרפן זיין גרייט דערויף!...

— צו דענקט איר אַלזאָ, אַז עס קאָן אויסברעכן אַ מילחמה?

— מעגלעך, אַז יאָ! מיר, די ישראלים, וועלן די מילחמה ניט פּראָוואָצירן! מיר, די ישראלים, זיינען ניט פאַראינטערעסירט אין אַ צווייטער מילחמה! אויב, אָבער, זי וועט אויסברעכן, אויב מען וועט אויף אונז אָנפאַלן — וועלן מיר זיי ניט בלייבן שולדיק קיין קלעפּ!

— און אַמעריקע וועט דערלאָזן צו אַ מילחמה?

— וועלכע אַמעריקע? עס זיינען פאַראַן צוויי אַמעריקעס! איין אַמעריקע, וואָס הייסט פּרעזידענט אייזענהאָוער און דער גרעסטער טייל פון אַמעריקענער פאָלק וואָס זיינען מיט אונז און ווילן אונז העלפן, און אַ צווייטע אַמעריקע וואָס איז דער סטייט-דעפּאַרטאַמענט וואָס פירט אַן אַנדער פּאָליטיק בנוגע ישראל... דאָס זעלבע איז געווען בימי טרומאַן. ער — איז געווען פאַר ישראל און זיין סטייט-דערפּאַרטאַמענט — קעגן ישראל.

— און ענגלאַנד? און טשוירטשיל? און פראַנקרייך? ווי אַזוי וועלן זיי — לויט אייער מיינונג האַנדלען?

— מען איז מיט זיי ניט זיכער. ערשטנס: — מוזן זיי האַנדלען לויט אַמעריקעס ווילן. צווייטנס: — ביי זיי, איז אויך אַ צווייענדיקע בוכהאַלטעריע. פון איין זייט, ווויל ענגלאַנד זיך אונטערחנפענען צו די אַראַבער און ספּעציעל — צו עגיפּטן און זיי ווייזן אַז ענגלאַנד איז זייער שיצערן. און פון דער צווייטער זייט, וואָלט ענגלאַנד ניט געאַרט אַז די אַראַבער זאָלן כאַפּן אָנגעבראַכן די ביינער. דאָס זעלבע איז מיט פראַנקרייך. איין זאַך, אָבער, איז זיכער: — טשוירטשיל — איז אונזער פריינט

און צו די אראבער האט ער ווייניק צוטרוי. מיט פאסטער דאלעס — איז פארקערט דער ענין! ער וועט אונז נאך אנטאן צרות! הלוואי איך זאל ליגן זאגן!

— און וואס דענקט איר וועגן זיין רייזע אהער? דוכט זיך, אז נאך אזא „פיינעם קבלת פנים" וואס ער האט געהאט אין די אראבישע לענדער, דארף ער דאך זען ווער זיי זיינען און אויטאמאטיש ווערן אונזער פריינט?

— און אפשר פונקט פארקערט! ווייל זיי האבן אים דארט אזוי שלעכט באהאנדלט וועט ער, אפשר, וועלן זיי איבערבעטן... אויף אונזער חשבון! עפעס זאגט מיר דאס הארץ אז ער וועט וועלן אונז שלעכטס טאן, כדי צו געפעלן די אראבער!...

אט, דאס איז היינט די שטימונג אין ישראל, אין די טעג פון דאלעסעס וויזיט אין די אראבישע לענדער בכלל און אין ישראל — בפרט. מען פילט אז עפעס א כמארע רוקט זיך אן!

16־טער מאי:

איך גיי דאווענען אין א חסידישער קלויז. ווען איך וואוין אין ישראל — ווער איך א חסיד! בלויז פאר זייערע שיינע, טראדיציאנעלע, מינהגים וואס זיי מאדערניזירן ניט און וואס דערמאנט מיך פיל אין מיינע קינדער־יארן און אין מיין פארברענטער היים. קום איך צווישן אט די פשוטע מענטשן, פיל איך זיך היימישער און... זיכערער. א שאד וואס זיי ווילן ניט רעדן קיין עברית! זיי זיינען פאר'עקשנ'ט צו רעדן אידיש. מיט מיין גאנצער ליבע צו אידיש, האלט איך, אז טאן צו להכעיס אין ישראל און בלויז וועלן רעדן אידיש און קיין איין ווארט ניט קיין עברית — איז א גרויסע עוולה קעגן דער צוקונפט פון לאנד. מען מוז זיך איינמאל פאר אלעמאל צוגעוואוינען צום געדאנק, אז ארץ ישראל איז געווארן — מדינת ישראל, און די שפראך פון מדינת ישראל — די אפיציעלע שפראך און די לאנדעס־שפראך — איז און מוז זיין עברית!

עס איז היינט אין קלויז א שטיקל יום־טוב. פאראן צוויי בר־מיצווה־בחורים. לויט א גורל, האט איינער געדאוונט שחרית און דער צווייטער מוסף. דער וואס האט געדאוונט שחרית, איז אויך געוועזן דער בעל קורא! זיין לייענען די תורה האט געהאט אלע טעמים. מען האט מיך מכבד געוועזן מיט אן „עליה", און איך בין זיי געוועזן זייער דאנקבאר.

על פּי גורל, האָט מען אויך בײדע „בר-מיצווה-בחורים" אויפגערופן, אײנעם — „ששי" און דעם צווייטן — „מפטיר". בלויז כדי צו זען ווי אַזוי מען פּראַוועט דעם רעליגיעזן טייל פון אַ בר-מיצווה, איז כדאַי צו פאָרן קיין ישראל. עס בלייבט אייביק אין זכרון. זייערע צוויי דרשות, זיינען אויך געווען פאַרשידן. איינער, האָט גערעדט מיט התלהבות וועגן דער תורה און דער צווייטער — אויף אידיש, וועגן די ראָל פון אַ אידן אין דער וועלט און וועגן דער צוקונפט וואָס אים, דעם נייעם אידן, שטייט פאָר. הינטער אים איז נ י ט געשטאַנען זיין לערער און האָט אים ניט „סופלירט" און אונטערגעזאָגט...

באַלד, אין שיל, האָט מען געגעבן לעקעך און בראַנפן. מען האָט דערנאָך געבראַכט קוגלען און געבעקס, אָבער איך בין אַהיים געגאַנגען. די צוויי ביסלעך בראָנפן — ישראל בראָנפן — האָבן מיר אַ ביסל דעם קאָפּ פאַרדרייט.

פאַרנאַכט בין איך געפאָרן צו אַ צווייטן בר-מיצווה יום-טוב. אַהין בין איך ספּעציעל איינגעלאַדן געוואָרן מיט מיין פרוי. מיר האָבן יענעם אידן געבראַכט אַ גרוס פון זיין שוועסטער פון אַרגענטינע, און מיר זיינען אַזוי אַרום היימיש געוואָרן!

מיר פאָרן אין אַ וויטן פאַרוואָרפענעם ווינקל, ווייט פון דער שטאָט, „ערגעץ הינטער דעם רוסישן קלויסטער". מיר נעמען אַ טאַקסי און מיר באַדינגען זיך: — אַכציק פּיאַסטער. איך ווייס, אָבער, אַז ער וועט לסוף, מיר העכערן די פּרייז. ניטאָ קיין קאָנטראָל דערויף און קיינער וויל זיך ניט שטעלן דינגען מיט אים. אויב ער איז אַ באַרעדעוודיקער און אויב ער פאַרט — איינמיסטן — איבעריקע צוואַנציק קוואַדרעס — אַרט מיך ניט! זאָל ער א ו י ך הנאה האָבן.

אַהין וואוהין מיר זיינען איצט געפאָרן — דאַרף מען זיין אַ נביא צו טרעפן. עס איז דאָ געווען דער אַראַבישער „מושב", „אַבו כביר" אינמיטן-דערינען — אַ וואַנט וואָס לאָזט גאָר ניט דורכפאָרן, דאַרף מען זיך אומקערן און פאָרן אַרום און אַרום. נאָך אַ האַלבע שעה בלאָנדזען — קומען מיר אַהין. איך געב דעם שאָפער אנדערהאלבן פונט און ער בלייבט צופרידן! ער האָט ניט גערעדט זיך דינגען מיט מיר...

דאָס הויז פון פאָטער פון בר-מיצווה-בחור איז פון די „כאַפּ-לאַפּ-הייזער". דאָס איז דאָס שענסטע הויז וואָס מען האָט פאַרכאַפּט ווען די אַראַבער זיינען אַנטלאָפן. מען צאָלט דירה-געלט דער אַפּיטרופּסות קאָמיסיע און מען האָט אַן אייגענעם גאָרטן אַפילו. די איבעריקע הייזער פון

געגנט, זיינען ליימענע כאַטינקעס. באַלד אין דער זייט איז פאַראַן אַ שטיבל וואָס מען האָט פאַרוואַנדלט אין אַ... מקום קדוש. אַהין קומט מען אַלע טאָג און מען דאַוונט צוויי מאָל. צוויי מנינים. ווען מען זאָל, אַמאָל, געווען זאָגן אַ אידן אין תל אביב, אַז אָט, אין דעם פלאַץ, וועט אַ מאָל זיין אַ בית מדרש, וואָלט ער געמיינט אַז איר זענט אַראָפּ פון זינען. אַ איד האָט דאָך דאָ ניט געקאָנט דורכגיין אום ער זאָל ניט קריגן אָנגעבראָכן די ביינער אָדער מיט אַ מעסער אין רוקן.

מיר גייען דאַוונען מינחה. איך כאַפּ שוין ווידער אַן „עליה". דוכט מיר, אַז פאַר מיינע דריי און דרייסיק יאָר וואוינען אין אַרגענטינע, בין איך ניט אַזוי פיל מאָל „עולה-תורה" געווען, ווי פאַר די עטלעכע וואָכן אין ישראל. אָבער, ווי גוט מען פילט זיך אין ישראל ווען מען שטייט ביי דער ספר תורה און דער בעל קורא שאָקלט זיך, ווי אין טעפּליקער בראַסלעווער קלויז, און לייענט אַזוי שיין, אַזוי אידישלעך אין דער תורה. איך ווייס ניט פאַרוואָס יעדער מאָל, ווען איך בין אין ישראל געשטאַנען נעבן דער תורה, האָב איך געהאַט נאַסע אויגן! יעדן מאָל, האָב איך געוואָלט אַ קוש טאָן, ניט בלויז די תורה, נאָר דעם טיש, אויף וועלכן דאָס „הייליקייט" איז געלעגן. פאַרוואָס איז דאָס?...

איך כאַפּ אַ שמועס מיטן „בר-מיצווה-בחור". ער איז ערשט פיר יאָר אין לאַנד. רעדט שוין אַ פּערפעקטן עברית. אויך זיינע עלטערן, וועל־כע האָבן, ערגעץ אין שטאָט, אַ געוועלבל פון עסנוואַרג, רעדן אַ שיינעם עברית. זיי זיינען זייער צופרידן און זייער גליקלעך. מעגלעך, אַז אַ דאַנק דעם וואָס זיי האָבן באַלד „געכאַפּט" אַ וואוינונג, זיינען ניט גע־לעגן אין די „מעברות" און ניט געוואָלגערט זיך אין „פּאַלאַטקעס" — דאָס אַלץ, האָט אַ סך צו זאָגן פון זייער צופרידנהייט מיטן לאַנד.

— וואָס ווילסטו ווערן ווען דו וועסט זיין אַ גרויסער? — פרעג איך דעם „נייעם אידן".

— איך וויל ווערן אַן אָפיציער. איך וויל דינען אין ים-פלאָט און פאַרטיידיקן מיין פאָטערלאַנד. (מולדת).

— ווייסטו די געפאַר פון זיין אַ סאָלדאַט? ביסטו גרייט צו גיין אין געפאַר?

— אַפילו שוין! איך בין ניט קיין „רעליגיעז מיידל" וואָס זוכט אַ טיידיקן דאָס פאָטערלאַנד וועלכע מיר האָבן געוואונען נאָך צוויי טויזנט תירוץ זיך אַרויסצודרייען פון גיין לערנען זיך ווי אַזוי מען דאַרף פאַר־יאָר אין גלות.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז די אַלע זיבן זאַכן מיט די רעליגיעזע מיידלעך וואָס ווילן ניט גיין דינען? וואָס זשע, ביסט שוין אַ פּאָליטיקער אויך?

— איך בין ניט קיין פּאָליטיקער, נאָר דער טאַטע לייענט אַלע טאָג דעם „הבוקר”, ווייס איך אויך וואָס עס טוט זיך אין לאַנד און אויף דער וועלט? . . .

איך ווייס ניט. זאָל איך זיך פרייען וואָס אין ישראל ווערן קינדער געבוירן... גרויסע אָדער איך זאָל באַדויערן, וואָס אין ישראל, מישן זיך שוין 13 יאָריקע קינדער אין „פּאָליטיק” און... לייענען די זעלבע צייטונג וואָס דער טאַטע. אפשר, דערפאַר ווערן זיי, צו פרי אַלט און צו יונג זעלבסשטענדיק?

ווען מיר זיינען אַ היים געפאָרן איז שוין געווען זייער שפּעט. מען האָט אונז אַרויסבאַגלייט צום הויפּט-וועג, און מיר האָבן זיך געשטעלט וואַרטן אויף אַן אויטאָבוס אָדער שירות וואָס קומט אָן פון לוד אָדער ירושלים. עס האָט געדויערט אַביסעלע. עס קומט אָן אַ „שירות” און, כאָטש ער איז פול, הייסט דער שאָפער זיינע פּאַסאַזשירן אַז זיי זאָלן זיך „קוועטשן” אַ ביסל. איבערלאָזן טוריסטן אינמיטן פעלד — וויל ער ניט! פאַרנדיק שוין, פרעגן מיר אים, צו איז געווען אַ געפאַר אַז עמעצער זאָל אונז דאָ באַפאַלן? לאַכט ער, דער מברא! איר זענט אין אידישן לאַנד. קיינער וועט אייך דאָ ניט באַפאַלן! נאָר אַזוי ווי איר קומט פון די גלות-לענדער וואו דאָרט זענט איר יאָ דערצויגן אויף מורא צו האָבן, האָב איך ניט געוואָלט, אַז איר זאָלט זיך דאָ פילן אומהיימלעך און ציטערן! אַלע, אין אויטאָ, לאַכן. איך ווער אַ ביסעלע פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. איך בין אים, דעם שאָפער, מקנא, וואָס ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט. אפילו ניט פאַרן נאָענטן שכן וואָס וואַרט אויף אַ געלעגנהייט אָנ-פאַלן אויף אים מיט אַ לאַנגן מעסער!

17־טער מאַי:

עס איז די לעצטע וואָך פון אונזער זיין אין ישראל. מען דאַרף אַריינ-כאַפּן וואָס מער! ווען איך דערמאָן זיך, אַז דער טאָג פון אונזער פאַר-לאָזן ישראל איז נאָענט — גלוסט זיך... וויינען. כאָטש איך און מיין פרוי בענקען אַזוי שטאַרק אַ היים, דאָך, גלוסט זיך ניט אוועקפאָרן. איך וועל בענקען נאָך גאַנץ ישראל. ספּעציעל, אָבער, וועל איך בענקען נאָך תל אביב, נאָך תל אביב׳ער גאַסן.

װען מען קומט, אַלס טוריסטן, קײן ישראל, שטײט מען אײן אין תל אביב. דאָ, איז די הױפּט־סטאַנציע. פון דאַנען מאַכט מען די פּלענער אויף אַרויסצופאָרן איבערן לאַנד, איבער די קיבוצים, איבער די שטעט און דערפער. דערפאַר, קאָן זײער געמאָלט זײן, אַז איר זאָלט גוט, גוט, אָנקוקן דאָס גאַנצע לאַנד און װײניקער פון אַלץ — זען תל אביב. און, אין תל אביב איז דאָ װאָס צו זען און װאָס צו באַטראַכטן. פאַראַן אַ סך זאַכן װאָס מען קאָן אַראָפּנעמען אַ בײשפּיל פון תל אביב. אַלץ האָט דאָ טויזנטער חנ׳ען. אַפילו דער שוטר װאָס זיצט אַזוי מאַ־יעסטעטיש אויף זײן װײסן פערד און טוט גאָרניט! ער זיצט און קוקט. טוען — דאָס איז די אַרבעט פון די „פוס־גײער״ שוטרים, װעלכע די־ריזשירן די טראַפיק, װעלכע שטעלן אָפּ דעם אויטאָ און דעם פוס־גײער װאָס האָבן שלעכט געקרײצט די גאַס, שטעלן זיך מיט אים דיסקוטירן און... מען מאַכט אים אַ „שטראָף״ (מולטאַ).

שײן איז צו קוקן אין תל אביב אויף די מענטשן, מיט די קורצע הויזעלעך, מענטשן אין די עלטערע יאָרן, װאָס טראָגן זײער „פּאַרטמאַ־נע״ אין דער האַנט און ער לויפט אויף זײן שטעלע. שײן איז צו באַ־טראַכטן די תל אביב׳ער מײדלעך, װאָס גײען אָנגעטאָן אין סאָלדאַטסקע מונדירן און גרוסן זיך מיליטעריש. שײן איז גלאַט צו באַטראַכטן די תל אביב׳ער מײדלעך, װעלכע טראָגן הויזן און פאַרבן זיך זעלטן די ליפּן און דאָס פּנים. און שײן איז צו באַטראַכטן די תל אביב׳ער מילך־צעפירער, ברויט־טרעגער װאָס פאָרט אויף אַ װעגעלע און צעפירט „װיש־ניעװסקים״ געבעקס װאָס צעגײט זיך אין יעדן אבר. און לסוף: — שײן צו באַטראַכטן די תל אביב׳ער מענטשן װאָס שטײען אינדרויסן בײ די צײטונגען און — שפּאַרן זיך אײן געלט — לײענען זײ די אַרויס־געהענגטע „װאַנט־צײטונג״.

דאָס אַלץ איז שײן צו זען און צו באַטראַכטן. ניט יעדערער האָט, אָבער, צײט דערויף. אונזערע טוריסטן, קומען קײן תל אביב און מען לויפט איבערן לאַנד.

— — — — — — — — — — — —

אין שיפס־קאָמפּאַניע, האָט מיר די סימפּאַטישע פרײלין געזאָגט, אַז עס זײנען פאַראַן צענדליגער אַרגענטינער טוריסטן אין ישראל. איך האָב ביז הײנט באַגעגנט בלויז עטלעכע, ניט מער! אָט האָב איך זיך געטראָפן מיטן באַװאוסטן אַרגענטינער אינדוסטריאַל הער יעקב זינגער און פרוי סאָניע און אָט טרעף איך זיך מיט אַ גרופּע טוריסטן —

באַוואוסטע פערזענלעכקייטן פון אַרגענטינע ווי: — שמואל יואל הור-וויץ, מ. בערגמאַן, אברהם לוצקי, אורבאַנאַ שאַר, ברוך ישמחה, ה' שמער-קין, כוליאַ דאַווידזאָן, וועלכע זיינען געקומען מיט זייערע פרויען האָבן אַ ביסעלע פאַרגעניגן פון ישראל. איך וויל וויסן צו עמעצער פון זיי איז עפּעס אומצופרידן? חלילה! אַפילו אונזער פריינט כוליאַ דאַווידזאָן, ווען די ישראל-גנבים האָבן מכבד געווען מיט אַן אמת'ער „עליה", ווען ער מיט זיין פרוי זיינען אַוועק אין טעאַטער, אויך ע ר איז ניט ברוגז אויף ישראל! אַנדערע אויף זיין אָרט, וואָלטן שוין געשיט פעך און שוועבל אויף ישראל! אַ לאַנד פון גנבים! אַ סימן — מען האָט א י ם באַגנב'עט. דאַווידזאָנען, און ספּעציעל זיין פרוי — אָרט עס ניט! זאָלן די ישראל-גנבים, אויך הנאה האָבן!...

איך פיל אַז איך האָב נאָך תל אביב געהעריק ניט פאַרצייכנט! אַט, למשל, האָב איך ניט פאַרצייכנט דעם תל אביב'ער „באַר קאָמערסיאַל". דאָ, אין תל אביב, הייסט ער — „כ ז י ת". אַהערצו קומען זיך צונויף די שרייבער און קינסטלער, די אַרטיסטן פון טעאַטער און די באַהעמען וואָס דרייען זיך אַרום טעאַטער, אַהער קומען זיך צונויף געזעלשאַפט-לעכע מענטשן און הויכע באַאַמטע פון דער „עירה" אָדער אַנדערע אינ-סטיטוציעס, מען זופּט דאָ די פאַרציע שוואַרצע וואַסער און... מען רעדט און מען באַרעדט. שטענדיק איז דאָ פול מיט מענטשן און שטענ-דיק — רעדט מען. האָב איך געוואָלט זען דעם באַוואוסטן שרייבער מ. צאַנין, בין איך געגאַנגען אין „כזית". האָב איך געוואָלט טרעפן שעפ-נערן — איז אַוודאי אין „כזית". דער חילוק פון אונזער „באַר קאָמער-סיאַל" ביזן תל אביב'ער „כזית" איז, וואָס ביי אונז אין „קאָמערסיאַל" שאַפט מען ליסטעס צו די וואַלן אין „קהילה" אָדער אין באַנק, אין „באַר קאָמערסיאַל" רעדט מען וועגן קליינשטעטלדיקער „פּאָליטיק" און אין „כזית", רעדט מען וועגן דער ה י י נ ט י ק ע ר פאַרשטעלונג אין „הבי-מה", אָדער וועגן אַ וויכטיק אַרטיקל אין אַ צייטונג און אין אַ זשורנאַל, און אויב מען רעדט וועגן פּאָליטיק — באַהאַנדלט מען די וויכטיקסטע און נוויטיקסטע פּראָבלעמען פון ישראל, פון נאָענטן מזרח און פון דער גאַרער וועלט.

ניט אַלע אַרגענטינער טוריסטן זיינען געווען אין „כזית" אַזוי פיל מאָל ווי איך! פון דאָרט האָבן איך געשעפּט אַ סך אינפאָרמאַציע וועגן ישראל און אַ גוטע רעקאָמענדאַציע אין אַ מיניסטעריום — קריגט מען א ו י ך אין "כזית". איצט, דאַרף איך עס אַלעם איבערלאָזן, און זיך אומ-

קערן צו אונזער היימישן „באַר קאָמערסיאַל" און ווידער רעדן און חש־בונען, ווער וועט זיין פרעזידענט אין באַנק אין יאָר 1980 און אין קהילה אין יאָר 1960!

איין זאַך געפעלט מיר ניט אין תל אביב. זייערע נייע און אַלטע הייזער. עס מאַכט אַן איינדרוק פון אַ שטאָט וואָס איז געבויט געוואָרן פון... סאָלדאַטן. אַלע האָבן איין פּנים. גלייך, אויסגעצויגן, מאָנאָטאָן, אָן סטיל און אָן איבעריקע באַפּוצונגען. איר פאָרט אַרום פון שטאָט און כאַפּט אַ בליק אויף דער גרויסער מענגע הייזער, צוויי און דריי שטאָקיקע, הייזער וואָס פאַרנעמען גאַנצע צענדליקער קוואַרטאַלן, און אַלע האָבן איין פּנים, אָן אַ טראָפּן עסטעטישן געשמאַק. גאָרניט! גענעמען, אויסגעבויט, און גייט קינדערלעך וואוינען אַהין. מען איז גליקלעך אַז מען קריגט אַזאַ וואוינונג. ניט יעדערער האָט אַ זכות צו קריגן אַזאַ „שיכון". פאַר אונז, פאַר די וואָס קומען ניט פון די לאַגערן, נאָר פון באַוואוינטע שיינע שטעט — זיינען אַזעלכע וואוינונגען, דער סימבאָל פון... קאַזאַרמעס!

וואָס יאָ! ניט קוקנדיק אויף דעם גרויסן פּראָצענט „שוואַרצע" וואָס האָבן זיך באַזעצט אין, און אַרום, תל אביב, איז די שטאָט נאָך אַלץ געבליבן אַ הונדערט פּראָצענט אידישע שטאָט. איך בין ניט זיכער צו אין תל אביב וואוינען איין פּראָצענט ניט־אידן. וואָס מען טוט אין פרומע הייזער מיט פאַרלעשן די ליכט און איינהייצן ווינטער דעם אויוון? — ווייס איך נאָך אַלץ ניט. אין, און אַרום תל אביב, וואוינען ניט קיין גוים. מען קאָן פון דאָרט ניט „אימפּאָרטירן" קיין שבת־גוי. סיידן ברענגען פון נצרת. אָבער, אַ סברא, אַז אויך דאָרט איז מען געוואָרן „קלוגער". זיי האָבן זיך שוין אָרגאַניזירט אין אַ פאַראיין און די קאָמוניסטן זוכן שוין צו האָבן דאָרט זייערע מענטשן און וועלן ניט לאָזן עקספּלאָטירן דעם „שבת־גוי־פּראָלעטאַריאַט".

עס גלוסט זיך ניט פאַרלאָזן תל אביב. ניטאָ אין ערגעץ אַזאַ „בית ביאַליק", אַזאַ שיינער „גן החיות" (זאָאָלאָגישער גאָרטן) און אַזאַ שיינער מוזעאום מיט אַזוי פיל קונסט־בילדער. ניטאָ אין דער גאָרער וועלט אַ אָרט וואו דער קאָמענדאַנט פון שטאָט (קצין העיר) זאָל זיין אַ איד און זיין „סגן", פאַרטרעטער, זאָל זיין אַ אידישער בחור וואָס הייסט גרשון, און וואָס זאָרגט זיך אַזוי פאַר די אידישע סאָלדאַטן וואָס קומען קיין תל אביב אויף אָפּרו. ניטאָ אין ערגעץ אַזאַ „שפת ים" (פּלאַזשאַ ביים ברעג ים) וואו הונדערטער און טויזנטער פּאָרלעך זאָלן שפּאַצירן,

זאָלן רעדן עברית און אידיש און זאָלן ניט מורא האָבן אַז עמעצער זאָל זי ניט נאָכוואַרפן אַן... אַנטיסעמיטיש וואָרט. גיי ביינק נ י ט נאָך אַזאַ שטאָט!

איך מאַך מיר אַ פּראָגראַם פון אַרבעט. דאָס ערשטע-מעלדע איך דער פאַרוואַלטערן פון „אָזע", דער זייער אינטעליגענטנער דאָקטאָרן קאָראליק, אַז איך בין גרייט מיט איר מיטצופאָרן און אָנקוקן די „אָזע" אינסטיטוציעס.

אין אַרגענטינע איז אויך דאָ אַן „אָזע". פאַראַן דאָרט גוטע, זייער גוטע און זייער קאָמפּעטענטנע טוער, וואָס ווילן עפּעס שאַפן — אָבער, ביי די לאָקאַלע אומשטענדן, קאָן מען מ ע ר ווי אויסלערנען עטלעכע מיידלעך פאַר „קראַנקנשוועסטער", ניט דערגרייכן. קריגן זיי, אין אַרגענטינע, אַריין עטלעכע פּעזעס — שיקן זיי עס קיין ישראל. ניט אַלע „אָזע" טוער פון אַרגענטינע, און במילא — ניט אַלע אידן פון אַרגענטינע, ווייסן וואָס אַזוינס דער „אָזע" אין ישראל טוט אויף. ניט אומזיסט האָט מיר אַ הויכער באַאַמטער פון געזונטהייטס-מיניסטעריום — אַזוי געלויבט דעם „אָזע" אין ישראל! זיי האָבן אונז אַראָפּגענומען אַ קלאָפּאָט פון קאָפּ! אָט דעם „קלאָפּאָט" בין איך איצט געפאָרן אָנקוקן! פאַראַן אַ סך „קלאָפּאָטן" וואָס דער „אָזע" זאָרגט פאַר זיי און האָט זיי פאַרנומען פון רעגירונגס דאגות. איינער, אַזאַ "קלאָפּאָט" געפינט זיך ניט ווייט פון פּתח תקווה. אַ פּרימיטיווער שפּיטאָל וואו עס ווערן אויסגעהאַלטן עטלעכע צענדליגג קראַנקע קינדערלעך פון די נייע עולים און מען פּרואווט זיי ראַטעווען. דאָס ערשטע, הויבן מיר אָן פון דער שטאָט גופא. דאָרט אין „קריה" אַקעגן דעם „מגן דוד אַדום", האָט דער „אָזע" אַ פּראַכטפולע געביידע פון צענדליגער צימערן וואו עס געפינען זיך עטלעכע הונדערט קינדערלעך און — ביז זיי ווערן ניט געזונט — לאָזט מען זיי ניט אַרויס פון דאָרט. דער פאַרוואַלטער פון „אָזע" דר. וואָלף און די דאָקטאָראַ קאָראַליק ווייזן מיר אָן, לשם אינפאָרמאַציע, אַז עס געפינען זיך דאָ קינדערלעך פון אַ ל ע טיילן פון דער וועלט און פון דאַנען ווען זיי אַרויס געזונטע בירגער. זיי וועלן איבערגעגעבן ווערן די עלטערן אָדער מען וועט זיי שיקן אין ספּעציעלע קינדער-קאָלאָניעס וואו די רעגירונג האַלט אויס און דערציט אַזעלכע קינדער וואָס קאָנען אין דער היים ניט זיין. איינעם, אַזאַ פּיצעניונעק, שטעל איך אַוועק אויף אַ בענקל און פרעג אים: וויפל יאָר ביסטו אַלט? — ער ווייזט מיר מיט

זיינע דינע פינגערלעך אַז ד ר י י! אויף מיין צווייטער פראַגע: — וואָס איז ער? — ענטפערט ער שוין היימישלעך: — י ה ו ד י!

נו, גיי האַלט איין טרערן! גיי, ווער ניט עמאָציאָנירט פון אַזאַ ענטפער פון אַ דריי־יאָריק בחור׳ל. וואָלט אונזערס אַ קינד אויך געענטפערט „יהודי״?

מיר קומען קיין רמלה. דאָרט געפינען זיך צוויי שיינע געביידעס וואָס אַן אַראַבישער עפענדי האָט אַ מאָל באַוואוינט. אין ביידע געביי־דעס האָט ער מן הסתם געהאַלטן אַ פּאָר צענדלינג ווייבער און זיך גע־פרעגלט אין עולם הזה און געהאָפט אַז אַללא וועט אים אויך געבן עולם הבא. איז געוואָרן אַ מילחמה. די אַראַבער זיינען אַנגעפאַלן אויף די אידן און געכאַפּט אַ מפּלה און זיינען „ציטוויילעך״ אַנטלאָפן פון זייערע היי־מער. אין אָט די צוויי הייזער, געפינען זיך איצט אַ שיינע פּאָר צענדלינג קינדערלעך וועלכע מען היילט אויס פון זייערע קראַנקהייטן וואָס זיי האָבן געקראָגן ביים שמוגלען די גרענעצן צווישן תימן, איראַק, מצרים און ישראל. פאַראַן דאָ אַ גרעסערע צאָל קראַנקנשוועסטער און דאָקטוי־רים וועלכע זאָרגן שוין אַז די קינדער זאָלן וואָס שנעלער געזונט ווערן. ווען נ י ט דער „אָזע״ וואָלט די רעגירונג געהאַט אָט דעם „קלאָפּאָט״ אויפן קאָפּ.

אין רמלה עסן מיר מיטיק. מען ווייזט מיר די ליילעכער און די שפּייז וואָס דער אַרגענטינער „אָזע״ האָט צוגעשיקט. מען שיקט די אַר־גענטינער טוער אַ „תודה רבה״ און מען בעט די אַרגענטינער אידן ניט פאַרגעסן אין „אָזע״. אגב. אַ ספּעציעלן גרוס שיקט מען מיט מיר, פאַרן פּראָפעסאָר באַסע מאַטוסעוויטש — פּרעזידענט פון „אָזע״, פאַרן דר. דוד סיגאַל — לאַנג יאָריקער טוער פון „אָזע״, פאַרן הער פעליפּע גאַרענשטיין און פּאַר די איבעריקע טוער פון „אָזע״. זייער הילף קיין ישראל, קומט שטאַרק צוניץ!

פון רמלה, פירט דער וועג אין אַ צווייטן פּלאַץ וואו „אָזע״ איז טע־טיק און האָט דאָרט אַ שפּיטאָל. דאָס איז אין „באר יעקב״, אַ מקום וואו עס איז צוגעפּאַסט פּאַר סאַניטאַרע אַנשטאַלטן. צווישן די „וואונדער״ וואָס איך טרעף דאָרט — ווייזט מען מיר אַ קינד וואָס איז אַלט צ וו י י יאָר, וועגט... פינף קילאָ און האָט פ ע ר צ ן ברודערלעך און שוועסטער־לעך אין דער היים. „אָזע״־טוער, די דאָקטאָרא קאַראַליק איבערהויפּט, וויל, אָט דאָס נפש׳ל, ראַטעווען! עס גייט איר אין לעבן. דאָס קינד

פלאַפּלט שוין אַ סך ווערטער אין עברית און האָט מיר געענטפערט אויף מיין „שלום" מיט אַ אויסגעצויגענעם ש-ל-ו-ם!

זיי אַ גיבור און זאָג די אויגן: — טרערט ניט!

ווען איך בין געקומען אַ היים, האָב איך פאַרצייכנט:

„יעדער אידן אין חוץ לארץ, וואָס גיט פאַר די „אָזע"-אַנשטאַלטן אַ דאָלאַר אָדער אַ פּעזע, העלפט ראַטעווען און געזונט מאַכן אַ אידיש קינד אין ישראל".

— — — — — — — — — — — — —

בייטאָג האָב איך געהאַט אַ באַגעגעניש מיט אַ אידן פון אַ „מושב כללי" — אַ פּריוואַטן דאָרף. דער איד איז אַן אורוגווייער. ער איז אין לאַנד שוין פיר יאָר. ער איז געקומען אַהער מיט זיין פרוי און צוויי קינדער. געבראַכט מיט זיך צ ע ן טויזנט דאָלאַר און איז אַוועק אויפן דאָרף. ער איז אַ פּויער, אַ קאָלאָניסט, אַ בעל הבית איבער זיין פּראַצע און איבער זיין פאַרמעגן. פאַראַן אין דאָרף אַ קאָאָפּעראַטיוו איז ער דאָרט אַ מיטגליד און געניסט פון אַלע פּריווילעגיעס. ער האָט דאָרט אַקציעס אַ געוויסן חלק און עס קאָסט אים ביליקער אַלעס און ער פאַרקויפט דאָרט זיינע פּראָדוקטן. אָפיציעל — איז זייער דאָרף אַ אומפּאַרטייאישער. אומאָפיציעל — שטיצן זיי די ציונים כללים. דערפאַר האָבן זיי ניט קיין גרויס מזל ביי דער „תנובה", און עס טרעפט, אַז זייערע פּראָדוקטן ווערן פאַרפוילט ביז מען דערמאַנט זיך אין זיי... אָבער — אין דבר! אויך ד אָ ס וועט איבערגיין! נאָך די נעקסטע וואַלן, וועט קומען אַן ענדערונג. די אַלגעמיינע ציונים וועלן באַקומען מ ע ר ע ר פאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט, וועט מען זיך רעכענען מיט זייערע אָפיציעלע און ניט-אָפיציעלע קיבוצים...

— וויפל דאַרף א י צ ט האָבן אַן אַרגענטינער איד, אַז ער זאָל קאָנען זיך באַזעצן אין אַזאַ אומפּאַרטייאישן דאָרף און זיך אויסלעבן זיינע יאָרן ביי ערד-אַרבעט און ביי לאַנדווירטשאַפט?

— ווען ער קומט אַהער מיט צען טויזנט דאָלאַר — האָט ער אַ בכבוד'יק פּלאַץ. ווען ער קומט מיט מ ע ר — קאָן ער לעבן ווי אַ „פּאָמעשטשיק". ער מוז אָבער זיין ביי די כוחות און וועט מוזן אַרבעטן. די ערשטע צייט — שווער, און דערנאָך — וועט ער שוין קאָנען זיך פאַרגינען אַרבעטן לייכטער. ער וועט, אָבער, אַרבעטן ב י י זיך און פ אַ ר זיך, און וועט ביי קיינעם ניט דאַרפן בעטן קיין דערלויבעניש אויב עס וועט זיך אים פאַרגלוסטן אַ פּאָר טאָג קיין תל אביב אָדער חיפה און

אויב עס וועט זיך אים פאַרגלוסטן קויפן נאָך אַ העמדל פאַר זיך אָדער פאַר זיין קינד.

— אויב עמיצער האָט ווייניקער געלט, למשל פינף טויזנט דאָ־לאַר, קאָן ער זיך ניט איינאָרדענען אין אַ מושב?

— פאַרוואָס ניט? ער וועט נאָר האָבן ווייניקער באַקוועמלעכקייט און וועט דאַרפן מערער און שווערער אַרבעטן!

איך קום אַ היים און מאַך ביי זיך אַ פאַרצייכענונג:

וויל מען בויען אַ „בעסערע וועלט" פאַר דער מענטשהייט, פאַר אונ־זערע אייניקלעך אָדער אור־אייניקלעך, וויל מען בויען אַ „סאָציאַליזם" — דאַרף מען פאָרן אין אַ קיבוץ, גוט אויסגעריסן ווערן און מען וועט אַמאָל שניידן די פרוכט פון אָט די קרבנות — פאַרשטייט זיך — אויב מען וועט זיך ניט צוקריגן איבער אַ פסוק פון דער תורה קאַרל מאַרקס און מען וועט לעבן בשלום.

וויל מען בויען אַ רואיקע אידישע היים פאַר זיך און פאַר די קינדער און אייניקלעך דאַרף מען קומען אין דאַרף אַריין קריגן אַ שטיקל ערד — וואָס פעלט ניט, — זיך אויפבויען אַ „כאַטא", פריער אַ קליינע, דערנאָך אַ גרויסן „שיכון" און מען... פאַרגעסט אַז עס זיינען פאַראַן... פאַגאַרעען אויף דער וועלט און טעג וואָס מען דאַרף צאָלן און גליקלעכע טעג ווען... די באַנק איז פאַרמאַכט און צרה'דיקע טעג ווען די באַנק איז אָפן און עס „דאַרף אַריין" אַ טשעק. אין אָט אַזאַ מושב — ווייסט מען ניט פון אָט די אַלע מאָדערנע און ציוויליזירטע מיט־לען וואָס פאַרקירצן דעם מענטשנס לעבן.

פאַרנאַכט האָב איך אַ טרעפעניש מיט אַ צווייטן אידן. ער איז גע־קומען איבערשיקן אַ גרוס זיינע קרובים קיין אַרגענטינע. ער וואוינט אין ישראל אַ פאָר און צוואַנציק יאָר. האָט שוין אויסגעגעבענע קינ־דער און איז... עלנט ווי אַ שטיין. דער איד רעדט אפשר אַ שעה אָן אָפּהאַלט. ער דערציילט מיר ווי שווער עס איז אים געווען צו לערנען זיינע קינדער אין די שולעס. דאָ קאָסט זייער אַ סך שכר לימוד. פון ערשטן גראַד אָן ביזן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט — איז רק געלט און געלט. אין די מיטל־שולן (סעקונדאַריאָס) קאָסט אויסהאַלטן אַ קינד אַרום הונדערט פונט אַ יאָר (1200 פעזעס) אַ חוץ ביכער און אַ חוץ אַנדערע זאַכן וואָס אַ תלמיד דאַרף האָבן.

— נו, אַז מען איז אַ קבצן און מען האָט ניט קיין הונדערט פונט?

— איז ניט גוט! לערנט מען דאָס קינד אַ מלאכה און די מיטל־שול לאָזט מען איבער פאַר די גבירים!

—נאָך טייערער קאָסט שיקן אַ קינד אין חיפה'ער טעכניקום. מען דאַרף צאָלן און צאָלן

— אויף וואָס זשע געבן אַמעריקאַנער אידן געלט פאַרן טעכניקום?

— ווען זיי זאָלן ניט געבן, וואָלט דער שכר לימוד געקאָסט צוויי אָדער פיר מאָל אַזוי פיל...

מיר דוכט, אַז דאָס טייערסטע וואָס עס קאָסט אין ישראל — איז לערנען קינדער. מען מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען און מען שיקט די קינדער לערנען. ביי אונז, אין די לענדער פון חוץ לארץ איז מען דערצו ניט געוואוינט!...

איידער דער טאָג ענדיקט זיך מיר, פאַר איך אָנקוקן די גרעסטע און שענסטע געביידע פון גאַנץ ישראל און פון גאַנצן מיטעלן מזרח. דאָס איז די נייע געביידע פון דער הסתדרות.

ווי איך האָב שוין דערציילט, זיינען געווען אַ סך קריטישע באַמער־קונגען אויף דער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך דערלויבט אין אַזאַ קריטישע צייט אויסבויען אַזאַ לוקסוס־פּאַלאַץ. אַנדערע — האָבן זי פאַרענטפערט. זייער ענטפער איז: — פריינט, פרייען זיך מיט דער דערגרייכונג פון דער ישראל אַרבעטערשאַפט, שונאים — מען מיינט זיכער די אַראַבער — זאָל עס זיי וויי טאָן!

אַ טאַקסי פאַר צוויי פונט פירט אייך צו ביז דער טיר פון דער געביידע. עס איז אַ ריזיקער, עטלעכע־שטאָקיקער פּאַלאַץ. ער מאַכט אַן איינדרוק פון דרויסן. מען באַקומט רעספּעקט צו דער הסתדרות ווען מען קומט אַהין. אַ באַאַמטער וואָס וועט די נאָענטסטע טעג האָבן דאָרט זיין אָפיס, איז גאָר פריינטלעך מיך צו באַדינען און מיר ווייזן די גע־ביידע פון אינעווייניק. ער חדוש'ט זיך בלויז וואָס איך בין ניט געקו־מען מיט די גרופּעס טוריסטן וואָס באַזוכן די געביידע אַלע טאָג. און נאָך מער איז זיין וואונדער, וואָס קאָנענדיק דעם חבר נ. ת מ י ר, האָט ער מיך ניט געבראַכט אַהער. איך מוז פאַרענטפערן תמיר'ן, וועלכער האָט מיך עטלעכע מאָל דווקא איינגעלאַדן צו פאָרן אָנקוקן די געביידע און איך האָב... געוואָלט פאָרן אַליין! דער „מדריך" דערקלערט מיר פאָלגענדעס:

די בוי־אַרבעט פון בנין, האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1949.

עס האָט געדויערט דאָס בויען, ווייל עס האָט געפעלט געלט און בוי־מאַטעריאַלן. אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן אַ גרויסן חלק אינ׳ם בנין.

דער בנין פאַרמאָגט דריי הונדערט צימערן פאַר אַפּיסינאַס. פאַראַן אויך אַ גרויסער זאַל פאַר אַקט׳ן, פאַראַן אַ גרויסער קאָמעדאָר פאַר די אַרבעטער און באַאַמטע פון אָט דער „קליינער שטאָט״ און פאַראַן באַזונדערע זאַלן פאַר די באַזונדערע פּראַקציעס פון וועלכע די הסתדרות איז צוזאַמענגעשטעלט. אגב. דער באַאַמטער באַרימט זיך פאַר מיר, אַז מיטן אויסנאַם פון די אַסענסאָרן, איז די גאַנצע געביידע אויסגעבויט געוואָרן פון ארץ ישראל מאַטעריאַלן, פון „תוצרות הארץ״.

באַטראַכטנדיק די געביידע, האָבן מיינע ליפּן געשעפּטשעט אַ תפילה: גאָטעניו! זאָל עס אונז ניט פאַרשטערט ווערן! אין געדאַנק, האָב איך אינזינען די... אַראַבישע אַוויאָנען!

איך קום אַהיים אַ ביסעלע אַ מידער. איך דענק אַז איך וועל זיך היינט לייגן פריער שלאָפן. איך האָב אָבער, חשובע געסט וועלכע איך דאַרף אָטענדירן. עס קומט אַ דעלעגאַציע פון קיבוץ עין השלושה און בעט מיך צו מאַכן אַ ספּעציעלן וויזיט אין זייער קיבוץ און אָפּגעבן אַ ספּעציעלן גרוס פון זייערע עלטערן.

איך קאָן זיי ניט צוזאָגן ווייל פאָרן אין קיבוץ עין השלשה, דאַרף מען זיך שטאַרק אָנשטרענגען. אָט דער קיבוץ, איז דער געשטראָפּסטער פון אַלע. ער געהער צו דעם „הנוער הציוני״. וואָלט ער געווען אַ „מפ׳אי״ קיבוץ, וואָלט דאָרט ניט געפעלט קיין רעפלעקטאָר, וואָלטן זיי ניט געליטן פון אַ מאַנגל אין אַ „קאַמיאָן״, פּשוט דערפאַר ווייל די אַראַבער האָבן אויפגעריסן זייער גרויסן קאַמיאָן... עין השלושה, ליגט אָרט, אָרט, ביי דער גרעניץ און איז אַ שטיף־קינד ביי די פאַרזאָרגער און זאָרגער פון די קיבוצים. אָט, דאָס איז דאָך, איינגטלעך, איינער פון ישראל־חסרונות — מען האָט אינזינען בלויז אייגענע, פאַרטיי־קיבוצים. פאַר די אַנדערע — זאָל זיך יענע פאַרטיי זאָרגן. אין ערגערע קאָנדיציעס — געפינט זיך דער רעוויזיאָניסטישער קיבוץ „ביתר״. די בעסטע און בראַווסטע חברה — דאַרפן גראָבן די ערד מיט די ציין. זיי מוזן וואַרטן אויף הילף פון זייערע פאַרטיי־גענאָסע פון אויסלאַנד...

איך זאָג צו די מוטיקע חברה פון עין השלושה, אַז ווען איך וועל קומען אַ היים, וועל איך אויפאָדערן די ציוניסטישע אינסטאַנצן, די עלטערן זייערע, און יעדן אידן בכלל, אַז מען זאָל העלפן אָט דעם קיבוץ

וועלכער שטייט דער ערשטער אויפן פייער און טראַכט ניט צו פאַר־לאָזן אים.

ווען מיינע געסט זיינען אַוועקגעגאַנגען און איך בין געבליבן מיט מיינע געדאַנקען האָב איך געטראַכט:

ווען איך האָב מיינס אַ קינד אין „עין השלושה" — וואָלט איך קיין איין נאַכט רואיק ניט געשלאָפן, זאָל איך עס אויסזאָגן אונזערע אַר־גענטינער אידן וועלכע האָבן דאָרט קינדער? זאָל איך עס דערציילן דעם חבר בן עמי אָדער שאַריפקער אָדער פאָך, אַז זייערע קינדער זיינען אויסגעשטעלט אויף אַ גרעסערע געפאַר פון די אַריינדרינגער, בלויז דערפאַר, ווייל מען שענקט זיי ווייניקער אויפמערקזאַמקייט? איך באַ־שליס ביי זיך: — דערציילן! דערציילן און אויפרודערן דעם אידישן ישוב פון אַרגענטינע און פון אורוגוויי און בראַזיל, פון טשילע און פאַ־ראַגוויי, און זיי זאָגן:

העלפט אייערע קינדער אין עין השלושה. העלפט זיי! מיינט ניט, אַז דערמיט וואָס זיי וועלן ניט האָבן אייער הילף, וועלן זיי איבערלאָזן דעם קיבוץ און קומען אַ היים! זיי וועלן דעם קיבוץ „עין השלושה" ניט פאַרלאָזן... און אַז איר וועט זיי ניט העלפן — וועלן זיי אַ סך צייט דאַרפן ליידן...

18־טער מאַי:

אויף היינט אינדערפרי האָב איך באַשטימט זיך צו באַקאַנען נענ־טער מיט דער „וויצאָ"־טעטיקייט. עפּעס האָב איך געהאַט אַ שלעכטן גרוס פון דער ישראל־וויצאָ. האָט זי אַ רעסטאָראַן אויף בן־יהודה־גאַס — איז ער פאַרמאַכט. האָט זי אַ קלייט אויף אַלענבי־גאַס — איז די דאָ־זיקע קלייט די... טייערסטע פון אַלע פּריוואַטע קלייטן. ווען איך בין אינדערפרי געקומען אין קלייט אַריין, האָב איך געטראָפן די קלייט פול מיט... מיידלעך־באַאַמטע. אמת איינע, שענער פון דער אַנדערע, און אַלע רעדן אַ שיינעם עברית, כאָטש בלויז צוליב דעם לוינט זיך אַהין אַריינצוגיין! איך האָב, טאַקע, דאָרט גאָרניט געקויפט, און — אַ חוץ אַמעריקאַנערינס וואָס קומען מיט דאָלאַרן — איז טאַקע דאָרט אומעג־לעך צו קויפן. די „וויצאָ" אין ישראל, האָט אַ גרויסן ביודזשעט. די דאָרטיקע ווייבער — זיינען ניט ווי אונזערע, וואָס לויפן אַרום טאָג־טעגלעך, פאַרקויפן ענטראַדעס אויף אַלערליי „טעע" און „קאַנאַסטאַ" פאַרטייען, און מען זאַמלט געלט פאַר דער וויצאָ אין ישראל. זיי, דאָרט,

אין ישראל, באַקומען אַלץ פון גרייטן. לאָזן זיי איבער די אַרבעט אויף געצאַלטע באַאַמטע און... אָן אַ בעל הבית.

איך האָב נאָך געהאַט וואָס אויסצוזעצן קעגן דער וויצאַ פון ישראל. אַזוי ווי אָבער, איך האָב צוגעזאָגט מיין פרוי — און ספּעציעל דער פרוי הורוויץ — אַז וועגן וויצאָ, וועל איך ניט דערציילן — מוז איך זיך באַנוגענען מיט אַט דער קליינער אינפאָרמאַציע. אָבער, אונזערע ווייבער פון חוץ לארץ, וואָלטן געמעגט שרייבן זייערע וויצאָ-טוערנס אין ישראל, אַז... זיי מעגן זיין אַ ביסעלע טיכטיקער! נישקשה. עס וועט זיי ניט שאַדן ברענגען אויב זיי וועלן בעסער פאַרוואַלטן די באַקומענע געלטער פון אויסלאַנד...

איך קום אין שיפס-קאָמפּאַניע. מען מוז דרינגענד האָבן פרישע פּאַטאָס צו די נייע וויזעס. אַ גליק וואָס איך האָב ביי זיך פּאַטאָס. ווען מען פאָרט אַריין, מוז מען שטענדיק האָבן ביי זיך אַ חוץ אַ איבעריקן דאָלאַר — אויך איבעריקע פּאַטאָס. ווער ווייסט וואָס אַ קאָנסול קאָן איינפאַלן צו בעטן...

איך גיי אַוועק אין פּאָסט אָפּנעמען אַ בריוו. מען שרייבט מיר פון דער היים אַז... דאָס איז דער לעצטער בריוו קיין ישראל! עס גיט מיר אַ שניט ביים האַרצן! וואָס? איך פאָר שוין טאַקע אַוועק? שוין! אוים גן עדן? אוים ירושלים און תל אביב? אוים נתניה און פּתח תקווה? אמת. איך בענק שטאַרק אַהיים. איך בענק נאָך די קינדער און נאָכמער — נאָך די אייניקלעך! דאָך, ווען עס קומט אַ טעלעגראַמע אַז די „זשוליאַ סעסאַרי" וואָס דאַרף מיך אויפנעמען דעם 4-טן יוני אין זשענעווע, האָט פאַרשפּעטיקט אויף **צען** טעג — וואָלט איך זיך מחיה געווען!

איך פיל אַז איך... הויב שוין אָן בענקען נאָך ישראל. איך האָב געזען אַזוי פיל שיינע זאַכן און סתם אַזוי פיל זאַכן וואָס האָבן אַ ציפּ געטאָן ביים האַרצן. אַט קאָן איך ניט פאַרגעסן די „מעברות" און ספּעציעל — די אָרימע און „דערשלאָגענע" מעברה „היובל". עס וואוינען דאָרט בולגאַרישע עולים און איין גאָט ווייסט דעם אמת ווי אַזוי זיי מוטשען זיך. אין קאָפּ דרייט זיך אַ געדאַנק: — די „מעברה" „היובל" און דער „מושב יהודי ביאַליסטאָק"! דוכט זיך די זעלבע אידן וועמענס עלטערן משה האָט, צוזאַמען, אַרויסגעצויגן פון מיצרים! און, דאָך, ווי גרויס איז דער חילוק פון זייער לעבן און באַקוועמלעכקייט?

ווער איז שולדיק אין דער אָרימקייט פון דער מעברה „היובל"? די

רעגירונג? — זיכער ניט! זי, האָט געטאָן וואָס איז געווען אין איר כוח: — זי האָט זיי געבראַכט קיין ישראל!

אפשר זיינען די ישראל-אידן שולדיק? — אָן ספק **אַז די ישראל**-אידן האָבן אויך געטאָן זייער פליכט. זיי טיילן זיך מיט זיי דאָס ברויט און דאָס ביסל פלייש וואָס זיי באַקומען. שולדיק זיינען די אידן פון חוץ לארץ וואָס האָבן ניט געענטפערט אין אַזאַ גורל'דיקער שעה זייערע אומגליקלעכע ברידער!...

מיט אָט דעם געדאַנק, לאָז איך זיך אַוועקגיין פון פאָסט. איך געזעגן זיך מיטן באַאַמטן וואָס האָט מיר אין משך פון עטלעכע וואָכן אָפּגעגעבן בריוו — כמעט אַלע טאָג — און ביי יעדער מאָל האָט ער... געפאָדערט מיין דאָקומענט. אויך ביים דרייסיקסטן מאָל האָב איך אים געדאַרפט ווייזן מיין פאַספאָרט אָדער זשורנאַליסטן-קאַרנעט. ביי אונז אין אַרגענטינע, וואָלט ער, אויפן צווייטן טאָג געוואָרן מיין „גוטער ברודער" און אויפן דריטן טאָג — וואָלטן מיר שוין אינצווייען אַרומ-געגאַנגען שפּאַצירן...

איך לאָז זיך גיין איבער „אַלענבי". איך גיי און קוק אין די געשעפטן. איך וויל אין מיינע געדאַנקען אַריינעמען אַלע געשעפטן כדי איך זאָל זיך קאָנען שטענדיק אויסמאָלן תל אביב. עס שטעלט מיך אָפּ אַ איד און פרעגט מיך... וואו איז דער „ועד הפועל"? שיינע יאָרן דערלעבט! איך בין שוין דער „וויסער" פון תל אביב! דער איד האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ „וותיק", פאַר אַן אַלטן תושב. איך ווייז אים אָן וואו דער „ועד הפועל" איז! עפּעס האָב איך דאָך דאָרט אַ „פּיס אין טשאָלנט". מיין תמיר און מיין דר. יורים און דער עיקר — מיין חנן געפינט זיך דאָרט! חנן'ן קאָט איר דאָך? ניט קאָנען חנן'ן, הייסט — ניט קאָנען תל אביב. ער זיצט אַ גאַנצן טאָג ביי דער טיר פון „ועד הפועל". און איז ברוגז אויף אייך אויב איר גריסט אים ניט געהעריק, און פרעגט אים ניט וואָס ער מאַכט? ער באַקומט זיין „געהאַלט" צוגעשיקט פון אַמעריקאַנער איד. קאָמיטעט און ער איז שטאָלץ דערויף וואָס ער איז אַ מיוחס אין אַמעריקע. לויט אים, קומט אויס, אַז דאָס גרויסע אַמעריקאַנער פאָלק — העלפט דעם פאָלק ישראל און די אידן פון אַמעריקע — העלפן חנן'ן!

גייענדיק צום „ועד הפועל" מיט מיין אידן, ווער איך שוין ביי אים געוואוירע אַז ער איז פון באַוואוסטן מושב „מעלה החמשה" וואָס געפינט זיך נאָענט פון ירושלים. ווען איך בין געווען אין ירושלים האָב איך זיך

ווען אַט דעם מושב אַנגעהערט וואונדערלעכע זאַכן. טאָקע בלויז אי־דיש און חלוצישע הענט האָבן עס געקאָנט דערגרייכן. כדאי עס איבערדערציילן:

מעלה החמשה, וועלכער ציילט איצט העכער פיר הונדערט נפשות איז געגרינדעט געוואָרן צוריק מיט פופצן יאָר. דעם נאָמען „מעלה החמשה" האָט ער באַקומען צוליב די ערשטע פינף קרבנות פון די ערשטע גרינדער פון מושב וואָס זיינען געפאַלן פון די אַראַבישע הענט. יונגע חברה פון לאָדזש, האָט די גרופּע געאַרבעט ביי אויפרייסן בערג און פאַרזייען גערטנער, און מאַכן פון אַ מידבר — גן עדן. די דאָזיקע גרופּע איז געווען קאָנצענטרירט אין אַ קבוצה וואָס האָט געהייסן „מע־לה". פלעגן אירע חברים אַלע טאָג גיין צו דער אַרבעט און... רייסן שטיינער פון די ירושלימדיקע בערג. אין איינעם אַ טאָג זיינען אַוועק־געגאַנגען פינף חברים און ניט צוריקגעקומען. אין גלות — וואָלט מען שוין אַנטלאָפן פון יענעם שרעקלעכן אָרט וואו עס וואַרט דער טויט. אין ישראל אַנטלויפט מען ניט. פונקט פאַרקערט. אַנשטאָט שיקן אַהין חברים אויף אַרבעט — איז מען אינגאַנצן אַוועק אַהין און פאַרלייגט אַ מושב, און ליזכרון די פינף קרבנות, אים אַ נאָמען געגעבן „מעלה החמשה". זינט דאַן, איז אָט דער מושב — דער צווייטער, בעסטער און גרעסטער מושב אַרום ירושלים. — (דער ערשטער איז: „קרית ענבים"). אין צייט פון דער באַפרייאונגס־מילחמה, האָט ער געהאַט אויסצושטיין קאַלטס און וואַרימס.

„מעלה החמשה" פאַרמאָגט היינט אַ פּאָר הונדערט קי, קרוב צו צען טויזנט עופות און אַ סך פּרוכט־ביימער, און די איינוואוינער האָבן פּרנסה בכבוד ובנחת. דער מושב האָט אויך אַ אַפּרו־פּלאַץ, אַ מין „דאַ־טשע" וואו מען קומט פון אַנדערע ערטער אויף די וואַקאַציעס. מען מאַכט אַ וויץ אין ירושלים, אַז דער ריח פון די בלומען פון „מעלה הח־משה" דערגרייכן אַזש ביז... מאה שערים. ווען אָט דער ריח קומט אָן — פאַרמאַכט מען דאָרט די לאָדן ווייל די מאה־שערים׳ניקעס זיינען ניט געוואוינט אויף בלומען־ריח.

די איינוואוינער פון „מעלה החמשה" זיינען ניט אַנגעשלאָסן אין קיין פּאַרטיי, האָבן אויך ניט קיין גרויסן שייכות מיט דער הסתדרות. איצט קומט זייער פאַרשטייער מיט זיי פאַרהאַנדלען וועגן אַ ענין. וועגן וואָס? — דאָס איז שוין אַ סוד... ביים געזעגענען זיך בעט ער מיך איבערגעבן אַ גרוס די אידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע.

אויף ביימאָג זיינען מיר פאַרבעטן צו אַ קינדער־פאַרשטעלונג לכבוד שבועות, וואָס די שולע „באַלפור" פירט דורך. די דאָזיקע שולע איז איינע פון די גרעסטע שטאָטישע שולעס וואָס תל אביב פאַרמאָגט. עס לערנען דאָרט קרוב צו דריי טויזנט תלמידים און אויף צו פּראַווען אַ „ביקורים־יום־טוב" האָט מען אים געמוזט איינטיילן אין צוויי מאָל, ווייל עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַלע תלמידים און זייערע עלטערן. איך האָב עס שוין געוואוסט פון פריער און היינט — האָב איך זיך צום איבעריקן מאָל איבערצייגט, אַז צו אַ קינדער יום־טוב אין ישראל קומען זייער אַ סך עלטערן בייזיין די פאַרשטעלונג און באַגריסן די לערער און תלמידים. דאָ אין דער „באַלפור־שול" האָבן מיר געטראָפן, אָן גוזמא, פ י נ ף הונדערט עלטערן!

די פאַרשטעלונג? — איך האָב נאָך אַ זעלכעס אויף מיין לעבן ניט געזען! עס איז עפּעס אַזוינס, וואָס מיר, אין חוץ לארץ, זעען עס ניט און קאָנען ניט האָבן דעם באַגריף וועגן דעם. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ברענגען די „ביקורים"־גרינוואַרג און פּרוכטן וואָס ווערן איצט צייטיק. קינדערלעך, צענדליגער און הונדערטער קינדערלעך, האָבן — פּונקט ווי אין די ביבלישע צייטן — געטראָגן אויף די פּלייצעס די קאָרזינקעלעך מיט די „מתנות"־ביקורים. אַ גרויסער קינדער־אָרקעסטער, טאַקע פון די תלמידים פון שולע, האָט געשפּילט די גאַנצע צייט.

דער דירעקטאָר פון שול — אַ שטיקל לאַנדסמאַן מיינער, אַ איד פון טערנייווקע — פאַרנעמט זיין בכבודיקן פּלאַץ אַ פּאָר און דרייסיק יאָר. ער איז אַ פ ע ר ז ע נ ל ע כ ק י י ט! ער באַטראַכט זיין אַרבעט און זיין פאָסטן — אַלס מלאכה הקודש. ווען איך האָב געפּראַווט געוואוירע ווערן ביי אים וויפל זיין געהאַלט איז? — האָט ער זיך, כמעט, ווי באַליידיקט. וואָס פאַר אינטערעס האָט ער אין געהאַלט צו ער איז מ ע ר ע ר אָדער ווייניקער? לא על הלחם לבדו יחיה האדם! ניט אינגאַנצן איז דאָס געלט. אַבי מען לעבט זיך דורך. עס פעלט אים גאָרניט. ער ד אַ ר ף ניט מערער וויפל ער פאַרדינט. ווען די מדינה וועט קאָנען צאָלן מערער — וועט מען אים אויך ניט פאַרגעסן. אגב. פאַראַן מאַנאַטן וואָס מען צאָלט ניט אויס דעם געהאַלט, ניטאָ קיין געלט ביי דער שטאָט־פאַרוואַלטונג! נו, מוטשעט מען זיך און מען האָט קיין טענות ניט! אויב מען הערט וועגן אַ שטרייק פון לערער אָדער גלאַט אָנגעשטעלטע — איז דאָס אָן אונטערגעהעצטער פון די קאָמוניסטן און זייערע מיטלויפער — די מפּ'ם־מענטשן.

איך האָב שוין געטראַכט: — צו קאָנען מיר, אין חוץ לארץ, זיך אויך אַזוי באַרימען מיט אונזערע לערער און דירעקטאָרן?..

גייענדיק פון דער „באַלפור"-שול, זיינען מיר אַריינגעגאַנגען אויף רחבֿ מז'אה אין אַ מזרחי-רעסטאָראַן. דער בעל הבית גייט אָנגעטאָן אַ יאַרמעלקעלע און איז שוין אַ „וותיק". לכבוד אַזעלכע געהויבענע געסט — ווי מיר זיינען — לייגט ער... סערוויזשעטקעלעך פון פּאַפּיר אויפן טיש און.. בייט איבער דאָס טישטוך. נאָך דער וועטשערע — מאַכט ער אונז אַ חשבון כך וכך און... נעמט אַראָפּ דעם הכנסה-שטייער פאַר דער רעגירונג איך פרעג אים, וואָס פאַר אַ קאָנטראָל האָט די רעגירונג אַז מיר האָבן געגעסן און אַז מיר האָבן „איינגעצאָלט" אונזער „מס"? — בלייבט ער אונז שולדיק אַן ענטפער. מיר ווייסן שוין אַליין, אַז מען באַגנבֿ'ט די רעגירונג ווי נאָר עס לאָזט זיך. ניט בלויז וואָס מען שמוגלט אַריין דורך דער אַדואַנאַ זאַכן — נאָר גאָר, גאָר, אַ סך אין די געשעפטן און רעסטאָראַנען! פאַרוואָס די רעגירונג לאָזט זיך אַזוי באַנעמען? בלייבט ביי מיר אַ סוד. אָט, דאָ, ביי דער וועטשערע אין „מזרחי"-רעס-טאָראַן, וועלכע האָט באַטראָפן פ י נ ף פונט, (אַ זעכציק פּעזעס) האָט ער איינגענומען פאַר „שטייערן" דער רעגירונג אַ האַלבן פונט. אַ סך אַזעלכע ה אַ ל ב ע פונטן, האָט ער — און צענדליקער אַנדערע רעס-טאָראַנען — אין די הונדערטער אַ טאָג און אין די טויזנטער אַ מאָנאַט. איך געב אַ טראַכט: ווען די רעגירונג, זאָל אַנשטאָט שיקן שליחים נאָך ביישטייערונגען, שיקן אָט די שליחים אין די געשעפטן און רעסטאָראַ-נען, וואָלטן זיי וויניקער געקאָסט און מערער אַריינגעבראַכט!

איך האָב היינטיקן אָוונט אַ באַשטעלונג אין „כזית". איך האַלט ביי אונטערציען דעם חשבון פון מיין זיין אין ישראל, ווייל איך זיך טרעפן מיט עטלעכע חברים-שרייבער און וויל — מיט זייער הילף — פאַרציי-כענען דאָס וויכטיקסטע פון ישראל-לעבן: —

— די העברעאישע און אידישע פרעסע וואָס אָריענטירט דאָס לאַנד און — וועגן ט עאַ ט ע ר אין ישראל.

אין אַ ווינקעלע פון „כזית" זיצן מיר עטלעכע חברים און נאָך אונ-זער „קורצן שמועס" וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז אַרום צוויי פאַרטאָג, קאָן איך פאַרצייכנען אָט וואָס:

די וויכטיקסטע ה ע ב ר ע אי ש ע פרימאָרגן-צייטונגען פון ישראל זיינען פאָלגענדע:

„הארץ", כמו ווי אַן אומפּאַרטייאישע, אָבער מיט אַ טענדענץ צו

אַלגעמיינע ציונים — איז די מער פאַרשפּרייטסטע אויסגאַבע. איר טי־ראַזש — אַזוי גלויבט מען — דערגרייכט צו פערציק טויזנט עקזעמפּ.

„ד ב ר" — דער אָרגאַן פון דער רעגירונגס-פּאַרטיי — פון הסתדרות גייט די צווייטע אין דער רייע און איר צירקולאַציע איז קלענער. דער־פאַר איז איר ווירקונג — אַ סך גרעסער. איר צירקולאַציע איז אַרום 34 טויזנט עקז. צווישן וועלכע, אַ גוטע העלפט, זיינען לייענער ווייל... אַלס באַאַמטע אין הסתדרות אָדער ביי רעגירונגס-אַנשטאַלטן, מוזן זיי באַקומען די צייטונג...

די דריטע צייטונג — איז דער „הבוקר" — דער אָפיציעלער אָר־גאַן פון די אַלגעמיינע ציונים און איז די מער געשעצטע אין ישוב צו־ליב איר ערנסטקייט — כאָטש אין אָפּאָזיציע, אַ סך מאָל. איר צירקולאַ־ציע דערגרייכט ביי די 30 טויזנט עקז.

די פערטע צייטונג אין דער רייע איז דער „על המשמר" — דער אָר־גאַן פון „מפ׳ם". צירקולאַציע — אַרום 18 טויזנט עקז. דערנאָך גייט דער „הצופה" פון דער מזרחי און צו לעצט — די "חרות" פון רעוויזיאָניסטן. אגב. די לעצטע ווערט זייער געשמאַק געלייענט...

פאַראַן נאָך אָפיציעלע און ניט אָפיציעלע צייטונגען ווי„ הדור" א. א. וועלכע האָבן ספּעציעלע לייענער און ווירקן זייער ווייניק.

אָוונט-צייטונגען זיינען פאַראַן עטלעכע. די גרעסטע אָוונט-צייטונג וואָס ווערט געלייענט פון צענדליגער טויזנטער מענטשן, איז „מעריב". מען שאַצט די צירקולאַציע פון דער דאָזיקער אויסגאַבע אין זעכציק טויזנט עקז. די צווייטע: — „ידיעות אחרונות", איז שוין ווייניקער אינ־טערעסאַנט און ווייניקער פאַרשפּרייט. אגב. אַ וויץ וועגן אָט דער צייטונג:

די צייטונגס-פאַרקויפער — מערסטנטייל אינגלעך, לויפן איבער דער גאַסן און שרייען: „ידיעות", „ידיעות"! זיי רעדן דאָך מיט דער „הברה הספרדית" — מיט דער ספּאַרדישער אויסשפּראַך, קומט אויס אַז אויף „ידיעות" — שרייט מען: — „אידיאָט"! דערצייילט מען:

גייט אַ איד אַ נייער עולה איבער תל אביב׳ער גאַסן. ער איז גע־קומען קיין ישראל פון די אַמעריקאַנער לענדער, געבראַכט מיט זיך עט־לעכע טויזנט דאָלאַר און מען האָט זיי אים אויסגעביטן אויף... 35 פּיאַס־טער דעם דאָלאַר — אַ זעקסט-חלק פון זיין אמת׳ן ווערט. ער איז אָפּ־געוועזן אַ שטיקל צייט אין ישראל און געפּאַטערט אָט די פּיאַסטערס און מוטשעט זיך נעבעך.

גייענדיק אַזוי איבער דער גאַס, הערט ער ווי איינער שרייט אונ־טער זיינע פּלייצעס: — „אידיאָט"! אידיאָט"! דרייט ער זיך אויס און רופט זיך אָן צום צייטונגס־פאַרקויפער:

— פון וואַנען קאָנסטו מיך? ווער האָט דיר דערציילט מיין גע־שיכטע?...

עס איז אַ ביטערער וויץ, אָבער וועגן פאַרגאַנגענע צייטן פון דער אידישער מלוכה, ווען מען האָט געהאַנדלט ניט קאָרעקט בנוגע דעם עולה — מעג מען איבערדערציילן אָט דעם וויץ. מען דערציילט אים אין פריידן, ווייל איצט, גיט מען שוין דעם נייעם עולה צוויי פונט פאַר יעדער דאָלאַר און... ער איז שוין ניט קיין „אידיאָט".

רעדנדיק ווידער וועגן דער העברעאישער פּרעסע: מען פאַרזי־כערט, אַז אַ האַלבער מיליאָן אידן לייענען די טעגלעכע העברעאישע צייּ־טונגען. אויב מען קויפט ניט אַליין, ווייל ניט יעדערער קאָן זיך פאַר־גינען אָט דעם פאַרגעניגן — לייענט מען ביי דער וואַנט פון דער רע־דאַקציע, מען לייענט פאַרנאַכט אין ביבליאָטעק, און דער עיקר — מען לייענט אין שותפות מיט אַ חבר. אין די קיבוצים, קומען אָן צען אָדער צוואַנציק צייטונגען און עס לייענען זיי... צוויי הונדערט נפשות. מען לייענט אַ נעכטיקע צייטונג, אַ אייערנעכטיקע און אַפילו פון דריי־פיר טאָג צוריק! אָבער מען לייענט. ניט פאַראַן קיין איין קיבוצניק אָדער חבר פון אַ מושב העובדים, וואָס זאָל ניט לייענען קיין צייטונג! פאַר־שטייט זיך, מען לייענט בלויז די אייגענע צייטונג. די צייטונגען פון צווייטן צד, קומען ניט אָן, און קיינער וואָלט ניט געוואַגט זיי אויס־צושרייבן!

מיר, וועלכע קומען פון פרייע לענדער, וואו יעדער איינער מעג — אויב ער וויל — לייענען וואָס ער וויל — פאַרשטייען ניט אָט דעם „סיסטעם". מעגלעך, אַז אַזוי ווי זיי טוען איז בעסער?...

איצט — וועגן דער אידישער פּרעסע אין לאַנד.

עס איז אָן ספק, אַז אין ישראל זיינען פאַראַן צענדליגער און צענדלי־גער טויזנטער מענטשן וואָס ווילן לייענען אידיש. אַ סך פון זיי — זיינען די נייע עולים וואָס קאָנען נאָך ניט קיין העברעאיש. פאַראַן אויך אַ געוויסע גרופּע פון אַלטע תושבים, איבערהויפּט — בונדיסטן, לינקע פּועלי־ציוניסטן, קאָמוניסטן און... אגודיסטן און סתם פרומאַקעס, וואָס ווילן בלויז לייענען אידיש. אָט פאַר זיי, גייען אַרויס אין ישראל פאָלגענדע אידישע אויסגאַבעס:

1) די „לעצטע נייעס" — די פאַרשפּרייטסטע אידישע צייטונג אין ישראל. איר רעדאַקטאָר, מ. צ אַ נ י ן, איז איינער פון די פעאיגסטע שרייבער אין אידיש וואָס ישראל פאַרמאָגט. ער איז אויך דער אָפיציעלער קאָרעספּאָנדענט פון „פאָרווערטס" פון ניו-יאָרק. זיינע קאָרעספּאָנדענצן אין „פאָרווערטס" זיינען אַ סך פריינטלעכער צו ישראל און צו דער ישראל-רעגירונג, ווי זיינע אַרטיקלען אין די „לעצטע נייעס". דאָ, איז ער שטאַרק אָנגרייפענד, און זעלטן ער זאָל געפינען עפּעס אַ וואַרים וואָרט אָדער אַ זכות אויף דער בן גוריון-רעגירונג. די צייטונג גיט אויך זייער פיל פּלאַץ די באַוואוסטע „בריוו אין רעדאַקציע", אין וועלכע יעדער עולה האָט אַ מעגלעכקייט זיך צו קלאָגן קעגן אַ קריוודע וואָס רעגירונגס-אינסטאַנצן זיינען קעגן אים באַגאַנגען. עס איז אַ פאַקט, אַז אין די רעגירונגס-קרייזן רעכנט מען זיך זייער שטאַרק מיט די „לעצטע נייעס", און ווי נאָר עס איז געדרוקט אַן ערנסטע אָנקלאַגע אָדער אַרטיקל, קומט באַלד אַ דערקלערונג פון דער רעגירונג. דער טיראַזש פון דער צייטונג ? — אַרום 25 טויזנט עקז. די צייטונג דערשיינט דריי מאָל אין וואָך אָבער, זי קלויבט זיך בקרוב דערשיינען אַ ל ע טאָג — אויב... אויב זי וועט קריגן אַ דערלויבעניש אויף פּאַפּיר. אויב זי וועט אַזאַ דערלויבעניש נ י ט קריגן — ווייל אין די רעגירונגס-קרייזן, וויל מען ניט אַז אַ אידישע צייטונג זאָל זיך אַזוי אויסשפּרייטן — וועט מ. צאַנין געפינען אַ מיטל און וועט די אידישע צייטונג זיינע דערשיינען אַלע טאָג!

2) די צווייטע צייטונג אין אידיש וואָס דערשיינט אין ישראל, איז „אונזער היינט" — אַ אויסגאַבע פון די אַלגעמיינע ציונים. איר רעדאַקטאָר איז אַ פעאיקער מענטש וואָס הייסט ו י נ אָ ג ר אַ ד. די צייטונג איז זייער אַ לעבעדיקע, אינטערעסאַנטע און... קאָנסטרוקטיווע. זוכט ניט ב ל ו י ז חסרונות ביי דער רעגירונג. איר צירקולאַציע איז קלענער אָבער איר איינפלוס — איז גרעסער. מען רעכנט זיך שטאַרק מיט איר קריטיק. און כאָטש די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן שוין וויכטיקע פאַרטרעטער אין דער רעגירונג, דאָך — קריטיקירט „אונזער היינט" זייער אָפט די מעשים פון דער רעגירונג. אָט ד אָ ס הייסט דעמאָקראַטיע! שוין צופיל דעמאָקראַטיע!...

דער טיראַזש פון דער צייטונג ? — אַרום 15 טויזנט עקז.

3) די דריטע צייטונג הייסט „אונזער וואָרט" און געהער צום רעכטן פליגל פון דער מפ״ם. זי איז, פאַרשטייט זיך, אויך אָפּאָזיציאָנעל געשטימט און האַלט אַלץ אין איין קריטיקירן. זי האָט זייער פעאיקע מיט-

אַרבעטער, צווישן זיי — דעם באַוואוסטן שרייבער משה גראָס־מאַן. טיראַזש פון דער צייטונג — אַרום צען טויזנט עקז.

עס דערשיינט אויך אין אידיש דער באַרימטער זשורנאַל „די גאָל־דענע קייט" רעדאַקטירט פון אַ. סוצקעווער, און אַרויסגעגעבן פון הס־תדרות. דער טיראַזש איז אַ קליינער ווייל... ער קאָסט צו טייער. זיי־נע הויפּט-לייענער זיינען אין אויסלאַנד.

אַ צווייטע אויסגאַבע אין אידיש הייסט „לעבנס-פראַגן", אַ בונ־דיסטישע אויסגאַבע, רעדאַקטאָר איז ב. צאַלעוויטש און פאַר־שטייט זיך שטאַרק, שטאַרק אָפּאָזיציאָנעל צו אַלץ וואָס איז... רעגי־רונג, ציוניזם און העברעאיש. טיראַזש? — גאָר אַ קליינער. לייענער? — ספּעציעל אין אויסלאַנד.

צווישן די וויכטיקסטע וואָכן אָדער מאָנאַט-זשורנאַלן אין ישראל, דאַרפן פאַרצייכנט ווערן:

1) „דבר השבוע" פון הסתדרות און... „999" (אַזוי, טאַקע, הייסט דער זשורנאַל) פון דער פּאָליציי. ביידע זשורנאַלן זיינען אילוסטרירטע און זייער אינטערעסאַנטע. זייער צירקולאַציע איז זייער גרויס.

וועגן „טעאַטער אין ישראל".

ווען מען רעדט וועגן טעאַטער אין ישראל, דאַרף מען אינזינען האָ־בן דעם העברעאישן טעאַטער. דער אידישער — שפּילט דאָרט זייער אַ קליינע ראָל!

דער הויפּט-טעאַטער, איז, אָן ספק די „הבימה". ווען מען דערמאָנט בלויז דאָס דאָזיקע וואָרט, גיט אַ צי ביי דער נשמה. מען דערמאָנט זיך אין דער „הבימה" פון ווילנע, פון דער אַלטער היים, פון יענע מקומות וואו „הבימה" איז געבוירן געוואָרן און פּאָפּולער און באַרימט געוואָרן. דאָ, אין ישראל, איז דער העברעאישער „הבימה" דער סימבאָל פון שיינקייט און קינסטלערישקייט. דער טעאַטער האָט אָן אייגענע פּראַכטפולע גע־ביידע, און דער עיקר — האָט אַ גרויסע טרופּע פון יונגע שוישפּי־לער. די טרופּע איז אַזוי גרויס, אַז בעת מען שפּילט אויף דער בינע איין פּיעסע — מאַכט די צווייטע טייל טרופּע צוגרייטונגען (רעפּעטיציעס) צו אַ צווייטער פּיעסע. אָדער בעת איין טייל טרופּע שפּילט אין תל אביב — שפּילט די צווייטע טייל טרופּע — אַן אַנדער פּיעסע — אין חיפה, אין ירושלים אָדער אין אַ קיבוץ.

דער צווייטער טעאַטער אין ישראל איז דער „האהל". (דער גע־

צעלט) עס איז אַ טעאַטער אויסגעהאַלטן פון הסתדרות און ער ווערט באַזוכט פון דער ברייטער אַרבעטערשאַפט וועלכע קריגן זייער לייכט „הנחה-בילעטן" צו די פאָרשטעלונגען.

דער דריטער טעאַטער אין ישראל, איז דער „קאַמעראַ"-טעאַטער. דאָס איז שוין עפּעס העכערס און ער ציט שטענדיק אַ גרויסן פּובליקום.

פאַראַן אויך אַ „אָפּערע-טעאַטער" און... להבדל, אַ טעאַטער וואָס הייסט „המטאַטאַ" וואו מען גייט קנאַקן קערלעך.

א י ד י ש ע טעאַטערן, זיינען פאַראַן צ וו י י. ביידע מוטשען זיך מיט אַלע כוחות אויסצוהאַלטן און ניט אונטערגיין. דער ערשטער און בעסטער טעאַטער איז פון זיגמונד טורקאָוו. ער שפּילט אין אַ סאַלאָן וואו מען דאַרף אַרויפגיין אויף טרעפּ און אויף דער בינע איז שווער זיך אויסצודרייען. ווען ער האָט געשפּילט א י ד י ש, חנה גאַטעס-פעלדס „מחותנים" האָט ער געהאַט פולע סאַלאָנען. ווען עס האָט זיך אים פאַרגלוסט איבערגיין צו העברעאיש און ער האָט אויפגעפירט "אני האשם" (איך בין דער שולדיקער) איז דער זאַל געווען ליידיק... טור-קאָוו האָט געהאַט אַ לעקציע ניט צו קריכן אין פרעמדע גערטנער...

דער צווייטער טעאַטער איז דער „גאָלדפאַדען-טעאַטער". ער שפּילט, מערנסטייל, אויף דער פּראָווינץ, און ער מוטשעט זיך זייער און זייער. פאַרוואָס די א י ד י ש ע ישראל-שוישפּילער שיקן ניט קיין שליח אי-בער דער אידישער וועלט און שאַפן דאָרט ניט קיין פאָנדן פאַר זייער קיום, פאַרן קיום פון אַ טעאַטער אויף אידיש אין ישראל? — איז ביי מיר אַ סוד. מיר דוכט, אַז מען וואָלט זיי דאָ שטאַרק געהאָלפן... אויב מען העלפט אַזוי פיל ישיבות וואָס עקזיסטירן און יתומים-הייזער וואָס עקזיסטירן נ י ט — פאַרוואָס זאָל מען ז י י ניט העלפן?...

19־טער מאַי:

ס'איז ערב שבועות. שוין, פון פאַרטאָג אָן, פילט זיך דער פיבער פון צוגרייטן זיך מקבל פנים זיין דעם יום-טוב.

זיבן אַ זייגער אינדערפרי, איז שוין גברת רבקה אויפגעשטאַנען און זיך געגרייט צו גיין דאָס ערשטע איינהאַנדלען די חלה אויף מאָרגן. דער יום-טוב הויבט זיך אָן מיט צוגרייטן די שיינע חלות וואָס וועלן באַצירן דעם יום-טוב-טיש. די בעקערייען קאַפּולסקי און ווישניעווסקי און אַנ-דערע אַרבעטן שוין די גאַנצע נאַכט און עס וועט ניט פעלן קיין חלה ביי קיין שום אידן פון תל אביב און אומגעגנט. ווען איך גיי אַראָפּ אין גאַס,

איז נאָך גאַנץ פרי, אָבער, די קלייטן זיינען שוין אָפן און אומעטום פאַר-קויפט מען זאַכן לכבוד יום-טוב. אגב. אין אַלע פענצטער פון די קלייטן, איבער דער גאַנצער לענג פון בן יהודה-גאַס און אַלענבי, זיינען אַריינ-געשטעלט קאַרטעלן מיט גרויסע אויפשריפטן: „חג שמח" (אַ פריילע-כער יום-טוב). אין ישראל, איז יעדער יום-טוב בכלל, און שבועות — בפרט, אַ גרויסער, פייערלעכער און טראַדיציאָנעלער יום-טוב וועלכן מען פראַוועט אַ סך שענער ווי, אפילו, אין אונזער אַלטער היים. מען גיט דאָרט צו דעם יום-טוב אַ כאַראַקטער פון אַמאָליקן ארץ ישראל און אַמאָ-ליקע מנהגים.

מיין האַרציקער מכניס-אורח, חבר ש. ערנסט דערציילט וועגן שבועות אַט וואָס:

דער שיינער פאַרצייטיקער מנהג פון שבועות איז די לעצטע יאָרן באַנייט געוואָרן אין ארץ ישראל. ניט נאָר ווערט ער געפראַוועט מיט גרויס פאַראַד אין תל אביב נאָר אויך אין די פאַרשידנסטע חלוצים-קבו-צות אין עמק יזרעאל. די שענסטע פייערונג קומט פאָר אין תל אביב. פון אַלע קאָלאָניעס פון יהודה קומען דעמאָלט אָן קינדער מיט די ביכורים פון די פעלדער און גערטנער פון זייערע עלטערן (אין ארץ ישראל ווערט דאָן צייטיק די תבואה און אויך די ווייַנטרויבן); זיי קומען אָן מיט גע-זאַנג אונטער דער פירונג פון זייערע לערער. צו זיי קומען צו די קינדער פון תל אביב גופא, וועלכע ברענגען אויך זייערע „ביכורים" פאַרשידענע געזאַמלטע מתנות, און אַ גאַנצע רייע אָרקערסטערס שפּילן די מעלאָדיע פון אַ ניי פאַרפאַסטן ליד וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „סלינו על כתפינו (אונזערע קוישן אויף אונזערע פלייצעס) און אַלע טויזנ-טער קינדער זינגען עס און מאַרשירן אַזוי איבער די גאַסן. אין דעם ליד ווערט דערציילט ווי זיי קומען פון גאַנצן לאַנד „מיהודה ומשומרון, מהעמק ומהגליל" (פון יהודה און פון שומרון, פון עמק און פון גליל) און האָבן מיט זיך געבראַכט די ביכורים. די שמחה אין שטאָט איז דעמאָלט אויסערגעוויינלעך. די געבראַכטע מתנות גייען פאַר דעם „קרן קימת". אין דער גרויסער פּראָצעסיע פון קינדער פאַרנעמען אַ ספּעציעלן אָרט יונגע מוטערס מיט זייערע ערשטע קינדערלעך (דאָס איז אויך „ביכורים" — „די ערשטע פּרוכט") אין וועגעלע, און די שענסטע און געזונטסטע ערשט-געבאָרענע קינדערלעך באַקומען ספּעציעלע פּריזן.

און דאָס וואָס תל אביב איז פאַר יהודה, איז „עין חרוד" פאַרן עמק און פאַרן גליל. אויף שבועות קומען זיך צונויף אין דער קאָלאָניע „עין

חרוד" חלוצים פון די אַלע אַרומיקע קאָלאָניעס און קבוצות. מען ברענגט די בעסטע נייע פּרוכטן און תבואות. מען מאַכט דערפון אַן אויסשטעלונג, מען זינגט און מען טאַנצט און מען פרייט זיך מיט דעם „חג הביכורים".

נו, זאָגט אַליין! האָט זי דען ניט געלוינט צו מאַכן אַ רייזע קיין ישׂראל כדי מיט די אייגענע אויגן זעען אַזאַ יום־טוב? און ווען איך לעב הונדערט יאָר, וואָלט איך דען פאַרגעסן דעם נעכטיקן ביכורים יום־טוב אין דער „באַלפור"־שול?

אויך אין די אינסטיטוציעס פּילט זיך דער ערב שבועות. איך קום אַריין אין ועד הפועל, אין אַ פּאָר בענק, אומעטום איז מען איליק. מען דאַרף היינט ענדיקן שנעל די אַרבעט ווייל עס איז ערב שבועות. אַרום איינס אַ זייגער ביינאָג, איז שוין גאַנץ תל אביב געוואָרן יום־טוב'דיק. די גאַסן שטיל. ווייניק טראַפיק. יעדער איינער איז שוין ביי זיך אין דער היים און איז פאַרנעמען מיט צוגרייטן זיך צו זיין יום־טוב. איז ער אַ פרייִדענקער? איז ביי אים שבועות דעם יום־טוב פון „ביקורים". איז ער אַ רעליגיעזער? גרייט ער זיך צום פייערלעכן טאָג פון „קבלת התורה". אַ שאָד וואָס איך בין ניט אין ירושלים אויף שבועות. דאָרט — זאָגט מען — איז דער שבועות גאָר גאָר אַן אינטערעסאַנטער. מען גייט אויף קבר־אבות צו דוד המלך אויפן „הר ציון" און מען צינדט אָן 150 ליכט לויט דער צאָל פון די קאַפּיטלעך תהילים וואָס דער גרויסער קעניג האָט געשאַפן. לויט דער מסורה, איז דער צווייטער טאָג שבועות — דוד המלך'ס יאָר־צייט.

נאָך שענער איז צו זיין אויף שבועות אין... צפת. פון דאָרט דערציילט מען גאָר אינטערעסאַנטע זאַכן. טויזנטער מענטשן גייען אַוועק אין פעלד אַריין וואו עס שטייט אַ אויסגעהאַקטער פעלז. מען זאָגט, אַז דאָס איז אליהו הנביא'ס שטול. ווען ער וועט קומען און אָנזאָגן די בשורה פון ביאת המשיח, וועט ער זיך אַוועקזעצן אויף אָט דעם פעלז־שטול... די צפת"ער אידן האָפן אַז זיי וועלן האָבן די זכיה צו זען אליהו הנביא זיצן אויף דעם פעלז. דערווייל — גייען זיי אַהין — ערב שבועות — תפילה טאָן.

נאָכן עסן, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין אייניקע הייזער. כמעט אַלע וועמען עס איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן, זענען געווען פרייִדענקער. דאָך האָט זיך דער יום־טוב שטאַרק געפילט און אין שטוב — כמעט אומעטום — איז געווען... גרינס, גרינע ביימעלעך, גרינע צווייגן,

און סתם גרינס. פונקט ווי אונזערס אַ בעל־הבית׳טע פאַרפּוצט איר הויז מיט „שפּילערייען״, אַזוי פּאַפּוצט מען אין ישראל די שטוב מיט גרינס. אין איין הויז האָב איך געפרעגט אַ בחור׳ל פון אַ יאָר צען, פאַרוואָס מע באַפּוצט שבועות די שטוב מיט גרינס, האָט ער — ניט טראַכטנדיק מיר געענטפערט: דער באַרג „סיני״ אויף וועלכן מען האָט געגעבן די אידן די תורה איז געווען באַוואַקסן מיט גראָז. אומעטום איז געווען גרין. אַלס אָנדענק, באַפּוצן מיר די הייזער מיט גרינס!

ווער ווייסט צו אַ סך פון אונזערע קינדער (און אַפילו לערער) פון חוץ לאָרץ, ווייסן אָט די באַדייטונג פון „גרינס אויף שבועות״?

אויפדערנאַכט בין איך שוין ווידער געגאַנגען אין דער גרויסער שול אויף אַלענבי און... עס האָט מיר שוין ווידער באַנג געטאָן. דער „קבלת יום־טוב״ מיט דער ספרדישער הברה, האָט קיין טעם ניט געהאַט...

20־טער מאַי:

אינדערפרי גיי איך דאַוונען אין דער מזרחי שול אויף לילענבלום־גאַס. לויט מיין מיינונג נאָך, איז אָט דער בית המדרש דאָס שענסטע און בעסטע וואָס תל אביב פאַרמאָגט און אויך דאָס בעסטע וואָס די מזרחי האָט אויפגעטאָן פאַרן גייסטיקן לעבן פון תל אביב. פון דאַנען, פון אָט דעם פּלאַץ, גייען אַרויס וואוילע אידישע בחורים און געטרייע אידן פאַר דער מדינה.

אויף מיטיק זיינען מיר איינגעלאַדן צום הער אילון (באַראניק) ער קומט אונז נעמען און עס געשעט מיט אונז אַ שטיקל „אינצידענט״. איך רוף צו אַ טאַקסי כדי צו פאָרן צו אים, וויל ער זיך אין קיין טאַקסי ניט אַריינזעצן. צוליב מיין פרוי — מוזן מיר פאָרן מיטן טאַקסי און ער גייט צופוס די גאַנצע שטרעקע. ביים טיש דיסקוטיר איך מיט אים וועלכע עבירה איז גרעסער? צו גיין צופוס אַזוי פיל וועג אָדער זיך אַריינזעצן אין אַ אויטאָ וואָס אַ צווייטער האָט געדונגען און אַ צווייטער צאָלט און קומען אַהיים אַ רואיקער און ניט אויסגעמאַטערטער ווי ער איז געקו־מען? ער, דער יונגער מענטש, וואָס וואוינט אין ישראל דריי צענדלינג יאָר, ער, דער „פריימוערער״ (מאַסאָן) האַלט, אַז ער דאַרף אין ישראל זיך פירן ווי ער און זיינע טאַטע־מאַמע, זיידע און באָבע, האָבן זיך נוהג געווען אין אסטראה, אין זיין געבורטס־שטעטעלע. אויך דאָרט וואָלט ער אום שבועות ניט געפאָרן!

מעגלעך, אַז ער איז געווען גערעכט!...

פארנאכט זיינען מיר צו גאסט ביי א פאמיליע ליפשיץ. די שוויגער פון אט דעם „פקיד" איז א מומע פון אונזער פאפולערן אידן אין ארגענטינע הער קארלאס טשערווין. די פרוי דארף אלט זיין א יאר אכציק. דאך, רעדט זי א שיינעם פליסיקן עברית, איז א גרויסע פאט־ריאטקע פון ישראל און איר איינציקע האפענונג איז — צו זען איר פלימעניק דא, אין ישראל. פארן קיין חוץ לארץ זיך זעען מיט אים? — דאס טאר מען אפילו ניט דערמאנען. לויט אירע רייד, טאר קיינער פון ישראל ניט אוועקפארן. מען זינדיקט קעגן לאנד, קעגן ישוב און קעגן גאנצן אידישן פאלק. אויף איין מינוט האט איך א טראכט געטאן: — כאטש אונזער קארלאס טשערווין איז א גרויסער ארץ ישראל-פריינט, דאך — צו זיין אכציק יאריקער מומע קאן ער זיך ניט פארגלייכן! ביי איר, איז יעדער איינער וואס פארלאזט איצט ישראל — א פאר־ברעכער און די פופצן טויזנט אידן-וותיקים — וואס האבן לעצטנס פאר־לאזט ישראל און געפארן זוכן גליקן אין די גלות-לענדער, זיינען 15 טויזנט פארברעכער וועלכע זי שענקט אוועק דעם גלות מיטן גרעסטן פארגעניגן...

ביי א שיין געדעקטן טיש זיצן מיר און מיר שמועסן וועגן דעם איצטיקן מצב פון ישראל. הער ליפשיץ איז אן אלטער תושב אין לאנד. האט דא איבערגעלעבט אלע צרות פון דער מאנדאטן מאכט, פון די „אומרוען" און דערנאך — פון דער באפרייאונגס-מילחמה. ער איז א אינטעליגענטנער מענטש, און איז איינער פון די גאר וויניקע וואס זיינען פאראן אין ישראל — ער איז א אומפארטייאישער! אין משך פון אונזער געשפרעך, פיל איך אין אים די זארג פאר די נאענטסטע גע־שעענישן אין ישראל. להיפוך צו אנדערע, איז ער זיכער, אז פריער אדער שפעטער, וועט קומען צו א צוזאמענשטויס מיט די אראבער. זיי וועלן עס מוזן טאן צוליב אינערלעכע מאטיוון פון זייערע לענדער. עס הערשט ביי זיי א גרויסע ארימקייט און נויט. דער באיקאט קעגן ישראל טרעפט זיי מערער ווי אונז. זיי וועלן מוזן ווייזן זייערע פעלקער אז זיי טוען עפעס. פון דער צווייטער זייט, ווערן זיי שטארק געמוטיקט פון די קאמוניסטן — אפילו פון אונזערע אייגענע קאמוניסטן אויך — וועלכע זאגן זיי צו שטיצע.

—צו שטייט ישראל פאר א געפאר אומצוקומען אין אזא קאמף?

— חלילה! מיר זיינען זיכער אז מיר וועלן זיי באזיגן!

— צו איז דאָ אַ מיטל אַז עס זאָל זיי אָפּשרעקן און עס זאָל זיך זיי ניט גלוסטן אָנהויבן אָט דעם צװײטן „ראונד״?

— פאַראַן עטלעכע מיטלען! דאָס בעסטע מיטל, אָבער, װאָלט געװען, װען עס הױבט זיך נאָך אַמאָל אָן אַ גרויסע עליה. מיר דאַרפן האָבן אין ישראל לכל הפּחות דריי מיליאָן אידן. װען מיר װעלן האָבן מערער אידן דאָ, װעלן זיי אפילו ניט טראַכטן פון פאַרטשעפּען זיך מיט אונז.

דער ענין פון אַ פאַרגרעסערטער עליה, האָב איך לעצטנס אַ סך מאָל געהערט אין ישראל. װי אַזוי קאָן מען אָנהויבן צוציען אידן פון חוץ לארץ אַז זיי זאָלן קומען קיין ישראל? אַלע זיינען מיט איין מיינונג: — מען דאַרף בייטן די פּאָליטיק לגבי די נייע עולים. מען דאַרף זיי שענקען גענוג אויפמערקזאַמקייט און מען דאַרף זיי אַ סך, גאָר אַ סך, העלפן זיך איינאָרדענען! מיט איין װאָרט: — מען דאַרף פאַרבייגן די פּאַרטיי־פּאָליטיק און אפילו פּאַרטיי־אינטערעסן און מען דאַרף יעדן נייעם עולה באַטראַכטן װי אַ װיכטיקן בויער פון לאַנד. אויב די רעגירער װעלן עס פאַרשטיין און װעלן עס באַשטימען — װעט זיך די עליה צוריק אָנהויבן...

באַנאַכט טרעף איך זיך אין „כּזית״ מיט חברים שרייבער. פאַראַן צװישן זיי אייניקע װאָס קאָנען דאָס אידישע לעבן פון אַרגענטינע אַ דאַנק די צייטונגען און זשורנאַלן װאָס װערן באַקומען אין די רעדאַקציעס אָדער אין די ביבליאָטעקן. מען װיל ביי מיר אָפּנעמען אַ גרוס פון אידישן לעבן אין די זיד־אַמעריקאַנער לענדער. איינער פון זיי װיל ביי מיר װיסן װער עס איז... דער „שלום גדול״ אונזערער? זיי שטעלן זיך פאָר אַז דאָס איז אַ איד אַ מיליאָנער װאָס האָט אװעקגעלייגט אַ מיליאָן דאָלאַר אויף פּראָפּאַגאַנדע כּדי אידן זאָלן פרומער װערן. אינטערעסאַנט. דער „חזון איש״ האָט מיר אויך געשטעלט די זעלבע פראַגע. װען איך האָב זיי געזאָגט אַז דער „שלום גדול״ אונזערער איז אַן עמך איד און צום מיליאָן דאָלאַר פעלט אים, אפשר, גאַנצע... 980 טויזנט פון אָט דער מטבע, האָבן זיי ער ניט געקאָנט פאַרשטיין! ערשט, װען איך האָב זיי געזאָגט אַז ער איז אַ פאַרברענטער ראַדזימירער חסיד — האָט מען עס אָנגעהויבן באַנעמען. ביי זיי, אין ישראל, װאָלט קיין פריװאַטער איד — אפילו אַ גביר — ניט אויסגעגעבן אַזוי פיל געלט כּדי צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע אַז מען זאָל אָפּהיטן שבת...

חברים װילן ביי מיר װיסן: צו פאַר איך אװעק אַלס פריינט פון

ישראל? צו האָט מען מיך גוט באַהאַנדלט? און לסוף — וואָס פאַר אַ מיינונג בכלל איך האָב וועגן מיין באַזוך אין ישראל? זיי בעטן מיך זיין אויפריכטיק מיט זיי! זאָגן דעם אמת — אַפילו ער זאָל ווײ טאָן!

אַ טייל אמת — זאָג איך זיי! איך בין שטאַרק, זייער שטאַרק צופרידן פון מיין באַזוך! איך פּערזענלעך, האָב זיך ניט וואָס צו קלאָגן און באַקלאָגן. איך האָב געהאַט אָפענע טירן אומעטום! שוין צופיל אָפענע טירן! איך פאָר אַוועק אַלס פריינט פון גאַנץ ישראל, ניט בלויז פון איין „ריכטונג” און פון איין „שטראָם”.

מיין אַלגעמיינע מיינונג? — איך האַלט, אַז די „ריכטונגען” און די „שטראָמען” וועלן ניט זיין אומשטאַנד אומצוברענגען דאָס לאַנד, זיי וועלן נאָר מאַכן אַז דער ישראל-איד זאָל ניט קאָנען קומען צו זיך אין משך פון די נאָענטסטע 25 יאָר!

— וואָס איז דאָס שענסטע וואָס איך האָב געזען אין ישראל?

— די ישראל-קינדער! אַזעלכע אידישע קינדער ווי עס זיינען פאַראַן אין ישראל — איז ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט! בלויז אַזעלכע קינדער האָבן געקאָנט באַזיגן די זיבן אַראַבישע מלוכות וועלכע זיינען געווען הונדערט מאָל מערער אין צאָל!

— הייסט עס, אַז איר זענט גאָר אַנציקט פון אונזערע „סברא׳ס?

— צום באַדויערן — ניט! איך האָב זיך שטאַרק אַנטוישט אין זייער דערציאונג, אין זייער באַציאונג צו זייערע עלטערן און צו אַלץ און אַלעמען וואָס איז עלטער פון זיי! דאָס איז דאָס ערגסטע און דאָס מיאוסטע וואָס איך האָב באַגעגנט אין ישראל!

— איר זענט געווען אין די קיבוצים. נו, ווי געפעלן אייך די נייע און אַלטע קיבוצים?

— איך האַלט אַז די קיבוצים האָבן שוין אָפּגעשפּילט זייער חלוציש ראָל. פריער אָדער שפּעטער וועלן די חלוצים בייטן זייער סיסטעם פון „סאָציאַליזם” און וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין פּשוטע דערפער, אין מושב עובדים, אין קאָלאָניעס פון קאָלאָניסטישע איינוואוינער ווי מיר, אין אַרגענטינע און אין אַנדערע לענדער זיינען געוואוינט צו זעען. הגם. וואָס פריער זיי וועלן עס טאָן — אַלץ געזונטער וועט זיין פאַר זיי און פאַרן לאַנד.

— זיינען, הייסט עס, די קיבוצים אַן אומגליק פאַרן לאַנד?

— חלילה! קיין אומגליק — ניט! אָבער קיין גרויס גליק — זיינען זיי איצט — אויך ניט! די גרעסטע און שענסטע קיבוצים

רייסן זיך אַרום צווישן זיך און די קלענערע — ספּעציעל די נייע קי־בוצים קעמפן מיט איבער־מענטשלעכע כוחות פאַר זייער עקזיסטענץ און זיינען אַ שפּיל־צייג אין די הענט פון די פּאַרטייען, וועלכע, נוצן זיי בלויז אויס, און פאַקטיש טוען זיי פאַר די קיבוצים, זייער ווייניק וואָס אויף!

— וואָס, לויט אייער מיינונג, קאָן אָדער דאַרף געטאָן ווערן פאַר די קיבוצים?

— די רעגירונג דאַרף נעמען די קיבוצים אין אירע הענט. זי דאַרף דערקלערן אַלע קיבוצים, אַלס נאַציאָנאַלע אייגנטום, פאַר נאַציאָנאַלן אינטערעס, פאַר נאַציאָנאַלער זיכערקייט. אַלע קיבוצים וועלן מוזן נעמען אינסטרוקציעס אין אַ „רעגירונגס־מיניסטעריום פאַר קיבוצים" און דאַרט וועלן זיי אַלע באַהאַנדלט ווערן אַלע גלייך, אָן אונטערשיד פון פּאַרטייען און אַז אַ טוריסט וועט קומען אין אַ רע־גירונגס־ביוראָ ,וועט מען אים ניט פרעגן צו ער איז שוין געווען אין... מפלסים? מען וועט אים אויך ניט פרעגן צו ער איז שוין געווען אין „געש", אין „ביתר", אין „עין השלשה" און אין „יבנה"? וועט מען עס ניט טאָן, און עס וועט אָנגיין די פּאָליטיק פון „אונזערע קיבוצים" און „זייערע קיבוצים", וועט פון די קיבוצים קיין לייט ניט זיין! הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן!...

21־טער מאַי:

היינט איז דער טאָג פון געזעגענען זיך. איך האָב געסט פון אינדער־פרי אָן. באַלד אינדערפרי קומט צו גיין צו מיר איינער פון די ישראל־אינטעלעקטואַלן וועלכער איז געווען אַ סך יאָרן פּראָפעסאָר פון אוני־ווערזיטעט פון קאָלומביאַ און דערנאָך — אין עקוואַדאָר, הער מ. אַד־לער. ער שיקט מיר איבער אַ גרוס צו זיין פעטער קיין אַרגענטינע דעם באַוואוסטן כלל־טוער הער לואיס אַלטמאַן. דער לעצטער וויל אים ברענגען קיין אַרגענטינע וואו ער וואָלט געקאָנט זיין אַ גוטער לערער אין אַ העברעאישער שולע. דר. אַדלער האָט אַ חשק צו פאָרן, אָבער בתנאי — בלויז אויף אַ פּאָר יאָר. אַוועקפאָרן אויף שטענדיק פון יש־ראל — דאָס וויל ער ניט.

אין אַ צען מינוט אַרום האָב איך אַ צווייטן גאַסט — אַן אַרגענ־טינער פרוי וואָס איז מיט איר מאַן און קינדער ערשט פיר יאָר אין לאַנד. זי איז געקומען מיר בעטן הילף צו... קאָנען צוריק אויסוואַנדערן

קיין אַרגענטינע! זי קאָן שוין מער ניט אויסהאַלטן פון דער זומערדיקער היץ און ווינטערדיקער קעלט אין איר „צריף" (אַ צימער פון ברעטער) וואָס זי האָט אין פּתח תקוה. איך האָב געטאָן אַלעס מעגלעכעס זי אָפּצורעדן און ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק אַז מיינע רייד זיינען געווען אומזיסט! זי האָט זיך זיכער פאַרבענקט נאָך דער גרויסער „פּוטשערא" מיט די צוויי קילאָ „אַסאַדאָ" ביי מיטיק. איך האָב זי אין האַרצן געוואָלט שעלטן, איך האָב זיך אָבער דערמאַנט אין דעם געזעץ פון „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו" (זאָלסט ניט משפּ'טן דיין חבר, ביז דו וועסט ניט זיין אויף זיין פּלאַץ) און איך האָב זי בלויז באַדויערט! וואָס אמת איז — קיין שלעכטס אויפן לאַנד האָט זי ניט גערעדט! אפשר קאָן זי טאַקע ניט אויסהאַלטן?

איך האָב צו גאַסט אַ „גאַליציאַנער" מיידל, זי איז געקומען קיין ישׂראל פון אַרגענטינע מיטן צוועק צו קריגן דאָ אַ בחור. ביי די יאָרן וועלכע זי פאַרמאָגט שוין, איז פאַר איר שווער עפּעס צו קריגן. וויל זי צוריק קיין אַרגענטינע.

איך האָב צו גאַסט דעם באַוואוסטן קאָרעספּאָנדענט פון „די פּרעסע" אין אַרגענטינע דעם שרייבער יצחק רימון. אויך ער קלויבט זיך צו פאָרן קיין אַרגענטינע אויף אַ באַזוך. ער וועט זיכער האַרציק אויפגענעמען ווערן פון זיינע אַרגענטינער לייענער. מיר שפּאַצירן ביידע אַרויס פון דער שטוב און לאָזן זיך גיין אויף אַ באַזוך צו דעם קאָמענדאַנט פון דער שטאָט. דער „קצין העיר" פון תל אביב, איז דער יעניקער וואָס זאָרגט פאַר אַלע סאָלדאַטן וואָס קומען אַהער אויף אורלויב.

מיר קומען צום קאָמענדאַנט און טרעפן אים ניט. מיר טרעפן זיין „סגן" — זיין שטעל-פאַרטרעטער, אַ יונג בחור'ל. איך קוק אויף אים און טראַכט זיך:

דאָס איז דער צווייטער שטאָט-קאָמענדאַנט וואָס איך זע אויף מיין לעבן. דעם ערשטן אידישן שטאָט-קאָמענדאַנט האָב איך געזען מיט 35 יאָר צוריק אין... אומאַן ער האָט געהייסן: וואָול, און האָט געדינט ביי די באָלשעוויקעס. אין אַ שיינעם בייטאָג, האָט ער אַרומגערינגלט דעם אומאַנער קרעטשמאַטיק, אַרעסטירט אַ פּאָר הונדערט אידן, און ביינאַכט האָט ער פיר אידן — צווישן זיי זיין אייגענעם שוואָגער, זיין ווייבס ברודער און פאָטער פון זיינע פינף פּלימעניקעס — דערשאָסן! עס האָט ניט געהאָלפן די געוויינען פון די

ווייבער און פון זיין אייגענער שוועסטער! ער האָט געדאַרפט אָנסטראָ־שער די „קאָנרעוואָלוציאָנערן" און „ספּעקולאַנטן".

און, אָט זיץ איך פאַר אַ צווייטן אידישן קאָמענדאַנט. אָבער, וואָס פאַר אַ חילוק? אַזוי האַרציק, אַזוי פריינטלעך־פּשוט, און זיך אַזוי פאַראינטערעסירן מיט די אידן פון דער גאַרער וועלט — איז ניט צו באַשרייבן! מיר האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן. ער, גרשון, דער קאָ־מענדאַנט פון תל אביב, האָט געמאַכט מיר אַן אינטערוויאו. זיין הויפּט פראַגע וועלכע ער האָט ניט פאַרשטאַנען, איז געווען: — פאַרוואָס קומען ניט די אידן קיין ארץ ישראל! פאַרוואָס האָבן זיי זיך געריסן צו קומען ווען מען האָט ניט געקאָנט, ווען עס זיינען געווען שווערי־קייטן, קוואָטעס, „סערטיפיקאַטן" און אַנדערע שלעק! פאַרוואָס קומען זיי ניט איצט, ווען עס איז פריי דער וועג און ווען מען דאַרף זיי אַזוי נויטיק האָבן?

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט־קאָמענדאַנטור, האָב איך אויך דאָס זעלבע געטראַכט, כאָטש איך האָב געהאַט אַ סך תרוצים דערויף!...

בייטאָג פאַר איך אָנקוקן דעם מגן דוד אדום. איך בין שוין דאָרט געווען ניט איינמאָל. היינט וועל איך פּרואוון פאַרענדיקן מיין „באַזוך". אויף מאָרגן האָט מען מיר צוגעזאָגט קומען פון מגן דוד אדום און אונז אַרומפירן. איך בלייבט ביי מיין סיסטעם: — פריער — פאָרן אַליין! אַ היימישער טאַקסי וואָס שטייט שטענדיק אויף טרומפּעלדאָר און בן יהודה־גאַס, פירט מיך אַרום און ווייזט מיר וואָס דער מגן דוד אדום טוט אויף אין ישראל.

ווען איך בין מיט עטלעכע טעג צוריק געווען אין מגן דוד אדום, האָט זיך מיר דר. קאַט, דער פּרעזידענט פון מגן דוד אדום אין יש־ראל פאַרקלאָגט אַז עס פעלן אוים אַמבולאַנסן. די שטאָט איז גרויס און די אַמבולאַנסן פון מגן דוד אדום דערגרייכן דאָס גאַנצע לאַנד. מיר האָבן איינמאָל, פאָרנדיק אין נגב, זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אַמבולאַנס פון מ. ד. א. ער איז געלאָפן אַהין ברענגען הילף אַן אַרבעטער וואָס האָט געהאַט אַן אַקצידענט אין דער פּאָטאַש פאַבריק פון סדום.

רעדנדיק מיט די טוער פון דער צענטראַלע פון מגן דוד אדום, האָבן זיי מיר דערציילט און אָנגעוויזן די גרויסע פאַרדינסטן פון אַר־גענטינער אידנטום פאַרן „מגן דוד אדום". ספּעציעל האָבן זיי מיר גע־

לויבט די טעטיקייט פון פּרעזידענט פון אַרגענטינער אָפּטיילונג דעם באַרימטן דאָקטאָר א ב ע ל פ ר י ל ו ק און זיינע מיטהעלפער.

זיי האָבן אויך געהאַט אַ ווארים וואָרט פאַרן אַרגענטינער פאַריין פון איד. האָלץ-אינדוסטריאַלן וועלכע האָבן געשאָנקען אַ פּראַכטפולן און פיין-אויסגעשטאַטן אַמבולאַנס פאַרן מ. ד. א. מיט אָט דעם אַמבולאַנס האָט מען מיך טאַקע דעם ערשטן מאָל ווען איך בין געווען אין זייער הויפּט-אָפּיס אין „קריה״, אַ היים געשיקט. איך האָב זיך דערנאָך באַרימט אין דער היים, אַז זייענדיק אין ישראל, האָבן מיר פאַרזוכט אַ ל ע טראַנספּאָרט-מיטלען אויף אַרומצופאָרן איבער דער שטאָט און איבער דעם לאַנד. דאָס בעסטע און ביליגסטע פאָרן וואָס איך האָב געהאַט — איז געווען מיט דער אַמבולאַנס פון מגן דוד אדום. מען וואָלט געדאַרפט זען ווי אַזוי מען האָט אָפּגעשטעלט דעם טראַפיק כדי אונז צו מאַכן אַ וועג!...

פאַרוואָס ניט דערמאַנען? אין ישראל, מיט וועמען איך האָב גערעדט און געפרעגט, לויבט מען שטאַרק די טעטיקייט פון מגן דוד אדום. מען אנערקענט זיינע פאַרדינסטן פאַר דער מלוכה אין צייט פון מילחמה און נאָך מער — איצט אין דער פרידלעכער צייט. ספּעציעל — ווערט געלויבט דער אומדערמידלעכער טוער פון אָט דער אָרגאַניזאַציע, דר. ק אַ ט. ווען איך האָב געהאַט מיין שמועס מיט אים, האָט ער אויסגעדרוקט זיין זאָרג וואָס דעם מגן דוד אדום פ ע ל ן נאָך אַ הונדערט אַמבולאַנסן. מען דאַרף זיך ריכטן אויף אַלץ — זאָגט ער אונז — און דאָס ערשטע וואָס מען דאַרף גוט אָרגאַניזירן איז — די מעדיצינישע הילף פאַרן פריוואַטן בירגער און פאַרן סאָלדאַט...

ביים באַזוכן די קאָנסולטאָריעס פון מגן דוד אדום — איינע אַ זעלכע איז צוגעפּאַסט צו האַלטן אַ עלנטן קראַנקן ד ר י י טעג — האָב איך געטראַכט:

פאַרוואָס טאַקע זאָלן אַרגענטינער אידן נישט שענקען דעם ישראל מגן דוד אדום כ אָ ט ש צ ע ן אַמבולאַנסן אַ יאָר? וואָס זעט זיך אָן ביי אונז אָט די סומע וואָס 10 אַמבולאַנסן דאַרפן קאָסטן?

אויף ביינאַכט בין איך איינגעלאַדן צו גאָר אַן אייגנעמענער „מסיבה״. אין „ועד הפועל״ וועט מען געזעגענען אונזער ליבן און באַרימטן אידישן דיכטער א ב ר ה ם ס ו צ ק ע ו ו ע ר ערב זיין אָפּפליען קיין אַרגענטינע אויף אַ לעקציע-טור. ווען איך בין געקומען אַהין, האָבן איך שוין געטראָפן אַ גאַנץ גרויסע גרופּע שרייבער און פּאַרטיי-אָנפירער, צווישן

זיי — יואל מאַסטבוים, גראָס-צימערמאַן, ראובן רובינשטיין, יצחק רימון, זרובבל, דר. יורים א. א. אַנגעפירט מיטן אַקט האָט אונזער גוט באַקאַנטער און באַליבטער נ. תמיר, װעלכער האָט געװאונטשן סוקצעװערן דערפאָלג אין זיין רייזע. װען מען האָט מיר געגעבן דאָס װאָרט, האָב איך זיי פאַרזיכערט אַז סוקצעװער װעט האָבן דערפאָלג. אגב. די גאַנצע צייט האָט מען גערעדט װעגן אַרגענטינער איד. ליטעראַטן און זשורנאַליסטן-פאַראיין װאָס האָט סוקצעװערן איינגעלאַדן און עס איז שטאַרק געלויבט געװאָרן דער איצטיקער פרעזידענט פון פאַראיין, חבר יעקב באָטאָשאַנסקי, װעלכער האָט אַרויפגעפירט דעם פאַראיין אויף אַ ברייטן און פרעסטיזשפולן װעג.

צװישן „װאָרט" און „װאָרט" כאַפּ איך אַ שמועס מיטן באַרימטן שרייבער יואל מאַסטבוים. ער האָט גרויס חשק צו קומען און זיך באַקאַנען מיטן אידישן ישוב אין אַרגענטינע. עס איז טאַקע געװענדעט אין... באָטאָשאַנסקין — אַזוי גלויבט ער!

מען האָט רעדעס אין העברעאיש. זרובבל רעדט אידיש און דער טאָן פון זיין רעדע איז: — אידיש דאַרף פאַרנעמען אַן אַנגעזעען פּלאַץ אומעטום. ניט אַלע בייװעזנדע זיינען מיט אים מסכים... כאָטש, די גרעסטע טייל פון זיי שרייבן אויף אידיש אין אַלע צייטונגען װאָס דערשיינען אין ישראל און אין די לענדער פון חוץ לארץ. ביי אַ טייל העברעאישע שרייבער איז זייער נעגאַטיװע באַציאונג צו אידיש אַ טייל פון זיין קנאה אָדער שנאה און ביי אַ טייל — פּשוט די מורא אַז מען זאָל זיי װייניקער לייענען און מערער לייענען יענע װאָס שרייבן אויף אידיש..

סוקצעװער האָט ניט „געענטפערט" נאָר געדיכטעט! זיין רעדע איז געװען אַ שטיק ליד און אַ גרויסע דיכטונג. ער ציילט שוין די מינוטן צו קאָנען אונזערע ישובים! גאָטעניו, האָב איך געטראַכט — זאָל ער ניט אַנטוישט װערן!...

אויפדערנאַכט האָבן מיר זיך געגעמען צום... פּאַקעװען. מען דאַרף זיך שוין אָנהויבן, מיט צייט, גרייטן אין װעג אַריין װען איך האָב נאָר אַרויסגענעמען די װאַליזעס פון זייער אָרט, האָט מיך שוין געגעבן אַ שטאָך אין האַרצן! שוין! אוים חלום! אוים זיין אין אַן אַנדער װעלט! װען מיין פרוי האָט ניט באַמערקט — האָט איך אויסגעװישט די אויגן... װאָס פאַר אַ מאַגנעט האָט עס דאָס דאָזיקע לאַנד װאָס עס גלוסט זיך ניט עס פאַרלאָזן? נאָך אַלעמען, בין איך דאָס אין דער

פרעמד, ווייט פון קינדער און אייניקלעך, ווייט פון פריינט און.. גע־שעפטן. ווי גוט עס איז אונז דא, ביים פריינט ערנסט, איז דאך די איי־גענע שטוב, דאס אייגענע בעט, דער אייגענער טיש א סך באקוועמער און איינגענעמענער! דאך, ווי עס גלוסט זיך ניט אוועקפארן פון דאנען! ווי עס בענקט זיך שוין נאך יעדער ווינקעלע פון דעם דאזיקן לאנד, פון דער דאזיקער שטאט און פון דעם דאזיקן הויז אויף טרומפעלדאר 20 וואס שטייט פונקט אקעגן דעם אלטן, היסטארישן, בית עולם פון תל אביב. עס העלפט אבער ניט קיין טראכטערנישן. בעל כרחך אתה חיי, שטייט געשריבן און מען האט פארגעסן צוצושרייבן: „בעל כרחך — מוזטו איבערלאזן ארץ ישראל. איבערלאזן דאס שענסטע וואס דו האסט געחלום׳ט אלע דיינע יארן און.. מען דארף מאכן די פעקלעך און זיך גרייטן אין וועג אריין. זונטיק 2 א זייגער ביי טאג וועט צופארן א אויטא — א טאקסי און וועט דיך פירן צום חיפה׳ער פארט".

איין זאך באדויער איך שטארק. איך בין שולדיק געבליבן א סך ווי־זיטן. צוגעזאגטע וויזיטן. ספעציעל — דעם אינזשעניער כספי, גאר, גאר א אינטערעסאנטע פערזענלעכקייט פון ישראל אגב. א נאענטער קרוב פון ארגענטינער פאפולערן כלל טוער הער אפרים מילמאן. א צווייטן וויזיט — אן ארגאניזירטע מסיבה אין זיין הויז, בלייב איך שול־דיק דעם הארציקן דאקטאר מ. אדלער. ער האט שוין אפילו ארויסגע־שיקט איינלאדונגען פאר א גרעסערער מסיבה פאר מיר. גאר, גאר ברוגז וועט בלייבן דער חבר נ. תמיר! אים האב איך פעסט צו־געזאגט צו געניסן פון זיין גאסטפריינטלעכקייט און כבוד און איך וועל ניט קאנען מקיים זיין איך באשטים ביי זיך:

אז מען קומט קיין ישראל, דארף מען אראפרעכענען פון דער גאנ־צער צייט, וואס מען דענקט דארף זיין, לפחות צען טעג און געבט אויף וויזיטן ביי די ישראל־מענטשן. אז מען קומט ניט צו זיי — האבן זיי א סך מאטיוון זיך צו באליידיקן. זיי טייטשן אויס, אז „דער רייכער פעטער פון אמעריקע" שעמט זיך מיט זיין ארימען קרוב...

פאר פארדרוס, לייג איך אוועק דאס פאקעווען, נעם דעם חבר ערנסט און מיר גייען ארויס אין גאס אריין א ביסל א שמועס טאן. יעדער מאל וואס איך האב א לענגערן שמועס מיטן חבר ערנסט ווער איך פראקטישער מיטן ישראל לעבן און מיט די ישראל־פראבלעמען. אזוי קאנען דאס לאנד ווי עס קאן עס שמעון ערנסט — קאן עס קיינער ניט אין ישראל. א שאד וואס אט דער מענטש האט ניט קיין עלענבויגנס און

איז ניט קיין פּאַרטיי־מאַן. אגב, ש. ערנסט איז דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער שטאָטישער ביבליאָטעק וואָס הייסט „שערי ציון”. די ביבליאָטעק געפינט זיך אויף גאַס מאָנטעפּיאָרע און פֿאַרמאָגט צענליגער טויזנטער ביכער אין אַלע שפּראַכן! אין אידיש? — זייער ווייניק. ש. ערנסט איז אָבער ניט קיין שונא פֿון אידיש. מען מעג זאָגן אַז ער איז אַ פֿאַרהערער פֿון דער אידישער שפּראַך. עס טוט אים וויי ווען מען קומט אין ביבליאָטעק בעטן אַ אידישן בוך און ער האָט אים ניט. וויל ער איצט אויסנוצן די געלעגנהייט פֿון מיין זיין אין ישראל און וויל מ י ך און דעם חבר הלל פֿרידמאַן איינשפּאַנען אין אַ איניציאַטיוו צו שאַפֿן אין אַרגענטינע אַן איניציאַטיוו פֿאַר אַ קאַמפּיין פֿון אידישע ביכער פֿאַר זיין גרויסער שטאָט־ביבליאָטעק. איך זאָג אים צו צו העלפֿן פֿאַרשפּרייטן אַט דעם געדאַנק אַז אַרגענטינער אידן וועלכע ווייסן אַזוי אויפֿן גורל פֿון אידיש אין ישראל, זאָלן שיקן אַהין א י ד י ש ע ביכער וועלכע מען וועט אויפֿנעמען מיט פֿאַרגעניגן.

איך פֿאַרפֿיר מיטן חבר אַ געשפּרעך וועגן... קינדער וואָס... מען טרעפֿט אויף אַלע וועגן אָן טאַטע־מאַמע! פֿאַראַן צום באַדויערן, אַ סך קינדער וואָס פֿאַרלאָזן די מעברות, די ענגע צימערלעך פֿון זייערע עלטערן וואָס וואַלגערן זיך אין די פּראָוויזאָרישע „הייזער” און זיי לאָזן זיך אויף אַלע וועגן זוכן עפּעס פֿאַר זייער אויסהאַלטונג. דעם גרעסטן פּראָצענט פֿון אַט די היימלאָזע קינדער געבן די עולים פֿון די מזרח לענדער, ספּעציעל די איראַקער און מאַראָקאַנער. ניט די רעגירונג, ניט די שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען טוען עפּעס פֿאַר זיי. קיין סך בית יתומים׳ס איז אין ישראל ניטאָ און די דאָזיקע וואָס זיינען יאָ פֿאַראַן — זיינען איבערפֿולט פֿון קינדער. אין אַלגעמיין: אַט ד י אַנשטאַלטן וואָס זיינען לרוב פֿאַראַנען אין די גלות־לענדער, ווי אַ בית יתומים, אַ קינדער־היים און ענלעכע אַנשטאַלטן — זיינען אין ישראל פֿאַראַן זייער ווייניק און — מען קומט ווידער צום זעלבן באַשלוס: די דאָזיקע קינדערלעך דאַרפֿן געהאָלפֿן ווערן פֿון כלל ישראל און די ישובים פֿון אייראָפּע און אַמעריקע דאַרפֿן זיי העלפֿן אויסהאַלטן...

און ווידער באַשטים איך ביי זיך: ווען איך וועל קומען אַ היים וועל איך זאָגן אונזערע פֿרויען וואָס געבן זיך אָפּ מיט פֿאַרזאָרגן קינדערלעך, אַז זיי זאָלן אַ טייל פֿון זייער געלט און ענערגיע, אָפּגעבן פֿאַר די קינדער פֿון ישראל! זאָלן זיי ד אָ ר ט אויסבויען אַ קינדער־היים וועט זיין מ ע ר מיצווה ווי אין אַרגענטינע אָדער אורוגוויי!...

אגב. איך האָב שפּעטער געלייענט אַ געשיכטע וועגן אַ פאַל מיט אַזעלכע קינדערלעך און איך גיב פּאַר נויטיק עס איבערדערציילן. אפשר, טאַקע, וועלן אונזערע „קינדער פּאַרזאָרגערינס" אין חוץ לארץ אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל און עפּעס טאָן פאַר די אָרימע און פאַרלאָזענע קינדערלעך אין ישראל.

שרייבט אַ צייטונג פאָלגענדעס:

„די לעצטע צייט מערן זיך ביי אונז די פאַלן פון אונטערוואַרפן קינדער פון אַרבעטלאָזע עלטערן אויף הפקר, אָדער אַוועקגעבן זיי אין די מיסיאָנערן-הייזער. ניט שטענדיק דערגייען צו דער עפנטלעכקייט די סיבות פון דער דאָזיקער טרויעריקער דערשיינונג. אָבער דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט אברהם חרוש, דעם פאָטער פון צוויי קליינע מיידעלעך, וואַרפט אַ קלאָר ליכט אויף דער דערשיינונג פון פאַרלאָזענע קינדער.

ביי אברהם חרוש איז צעשטערט געוואָרן דער שלום-בית. די פרוי איז פון אים אַוועק און געפאָדערט אַ גט. דער ענין איז געקומען אין געריכט, וואָס האָט געפּסקנט, אַז דער פאָטער דאַרף אויסהאַלטן זיינע צוויי מיידעלעך. דער פאָטער איז אָבער אַרבעטסלאָז. האָט ער זיך געווענדעט צו דער סאָציאַלער הילף ביי דער ירושלימער שטאָט-פאַרוואַלטונג און ניט באַקומען קיין תשובה. איז דער פאָטער אַרוים אויפן וועג. אָפּגעוואַרט ווען עס איז דורכגעפאָרן דער פּרעמיער-מיניסטער בן גוריון און אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין אויטאָ. דער אומגליקלעכער פאָטער האָט זיך געקלאָגט אויף זיין מצב און באַקומען אַ תשובה: „עס איז ניט מיין עסק". דער פאָטער האָט זיך געווענדעט צו דער פּאָליציי און געדראָט, אַז ער וועט די קינדער אַוועקגעבן דעם אַראַבישן לעגיאָן און עס האָט אויך נישט געהאָלפן.

האָט אברהם חרוש געמאַכט דעם לעצטן שריט: מיט ביידע קינדער אויף דער האַנט (איינס אין עלטער פון אַ יאָר און דאָס צווייטע — 2 יאָר) איז ער אַריין אין דער וואוינונג פון מדינה-פּרעזידענט. דאָס געוויין פון די קינדער האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער פרוי פון פּרעזידענט — רחל בן צבי, וועלכע האָט גענומען די קינדער, געגעבן זיי עסן און צוגעזאָגט אַלץ צו טאָן, כדי זיי איינצואָרדענען. די דאָזיקע טאַט פון פרוי רחל בן צבי פאַרדינט אַלעמענס אנערקענונג, אָבער די גאַנצע געשיכטע מיט די צוויי קינדער באַווייזט, וואָס פאַר אַ הפקר-באַציאונג עס איז ביי אונז פאַראַן צו הונגעריקע קינדער, ווען די עלטערן קאָנען ניט געבן קיין וואַרימע היים".

ווען איך בין געלעגן אויפֿן געלעגער און ניט געקאָנט איינשלאָפֿן פֿאַרן בלויזן געדאַנק אַז איך האָב נאָך צו נעכטיקן אין ישראל צוויי נעכט, האָב איך געטראַכט:

וויפֿל מזל דאַרף מען האָבן געבוירן צו ווערן? ווער ווייסט וואָס עס טוט זיך אָפּ „דאָרט אויבן", ווען דער בורא העולם הייסט אַ נשמה׳קעלע אַריינקריכן אין „טראַכט" פֿון דער און דער פּרוי און פֿון דאָרט געבוירן ווערן, פֿון דאָרט קומען אויף דער וועלט! ווען דאָס נשמה׳קעלע ווערט געוואוירע אַז מען שיקט עס צו געבוירן ווערן ביי אַ מזרח-אידן אָדער גלאַט ביי אַן „עולה" וואָס האָט ניט די דריי וויכטיקע „פּ" וואָס לצים זאָגן אַז מען דאַרף האָבן אין ישראל און וואָס הייסן: „פּראָטעקציע", „פּיאַסטער" און „פּלייצעס", ווער ווייסט צי עס מאַכט נישט קיין געוואַלד „דאָרט" און זוכט אויך די ערשטע „פּ"-פּראָטעקציע צום רבונו-של-עולם אַז ער זאָל דעם נשמה׳קעלע געבן אַ בעסער אָרט אויב ניט אין „טראַכט" פֿון אַ „מפּ"אי"-באַאַמטער — איז, לכל הפּחות, ביי אַ... ביאַליסטאָקער עולה.

דאָס ערשטע אין ישראל — זיינען די קינדער! אָבער פֿריער פֿון אַלעם — די אייגענע קינדער. ווען די אידן פֿון די גלות-לענדער שיקן זייער הילף, זייערע ביישטייערונגען פֿאַר דער מדינת ישראל און פֿאַר דער קאָנסאָלידאַציע פֿון ארץ ישראל — טראַכטן זיי ניט וועגן „מיינע" און „דיינע" קינדער און וועגן איראַקער אָדער פּוילישע עולים!

צי וועלן עס, אַמאָל, די פֿירער פֿון דער רעגירונגס-פּאַרטיי פֿאַרשטיין און באַנעמען?

22-טער מאַי:

היינט, הויב איך שוין אָן אָפּצוכאַפּן און „אַריינכאַפּן" וואָס מער פֿון ישראל. איך קוק איבער מיין נאָטיץ-ביכעלע און וויל זען וואָס עס פֿעלט מיר נאָך לויט דער אויסגעשטעלטער פּראָגראַם. אין צוויי ערטער וויל איך נאָך צופֿאָרן — איך וויל זיין אין... יבנה און וויל זיין אין „חולה", אָט, דאָרט, וואו אונזערע ישראל-יאַטן לעגן אַוועק די כוחות אויסצוטריקענען די זומפּן און מאַכן פֿון אָט דעם געפֿערלעכן מקום אַ גן עדן. צי וועט זיי האָבער געלינגען? וועט סיריע און די איבעריקע שונאים לאָזן אַז אויך ביי זיי זאָל די מאַלאַריע אויפֿהערן זיי אויסדושן ווי די מייז?

מיין שאָפֿער מיט וועלכן איך פֿאָר קיין חולה פֿאַרזיכערט מיך, אַז ניין! די אַראַבער זיינען גרייט זיך אַרויסצונעמען ביידע אויגן, אַבי, ישראל זאָל פֿאַרלירן כאָטש איין אויג! איי, ס׳טייטש, יושר? ווי וועלן עס די מלוכות דערלאָזן אַזאַ אומרעכט? איז דער תירוץ: —

פּאָליטיק! פּאָליטיק איז פאַר אַלעס! דערהויפּט שפּילט ענגלאַנד אַ מיאוסע פּאָליטיק! זי וויל זיך נוקמ'ען אין אונז און אין איין וועג — וויל זי אַז מיר זאָלן די אַראַבער אָנטון צרות — וועט זי האָבן אַ תירוץ צו האַלטן אין מיטעלען מזרח איר אַרמיי...

מיין שאָפער איז אַ העכסט אינטערעסאַנטער מענטש. ער רעדט עטלעכע שפּראַכן און איז שוין אין לאַנד פערצן יאָר. ער פירט מיך אַריין קיין י ב נ ה און עס ווערט מיר... פינסטער אין די אויגן! אָט דאָס איז די יבנה וועלכע ליגט אונז, קינדער, אין האַרצן ווען מיר זיינען געווען קליינע? אָט דאָס איז די יבנה נאָך וועלכער מיר ציונים געבן אַ נאָמען אונזער בית המדרש נאָך איר? ניין! דאָס קאָן נישט זיין יבנה! אַלטע, אַראַבישע, אָפּגעלאָזטע הייזקעס, שמוציקע ווענט און דוכט מיר אַז דער הימל איבער יבנה איז כמורנע און טרויעריק!

טאַקע אמת? דאָס איז נישט י ב נ ה, נאָר „א י וו נ ע" — אַן אַראַביש דאָרף איז דאָ געווען. זיי האָבן יבנה טמא געמאַכט און עס אַליין גערופן „י ב נ ע" — דאָס אמתע יבנה איצט איז אַ ביסעלע ווייטער, אַ מזרחי מושב און עס איז אַ פאַרגעניגן דאָרט אַריין פאָרן.

נישט באַשערט מיר צו זיין אין חולה. נישט באַשערט געווען צו זעען די גרויסע אַרבעטן וואָס די ישראלים בויען דאָרט אויף. אַריינפאָרנדיק אין מ ז ר ח י - מושב איז אונזער אויטאָ קאַליע געוואָרן. דער שאָפער האָט זיך געמוטשעט און גאָרנישט געקאָנט מאַכן. איך האָב געמוזט — מיט אַ פאַרבייפאָרנדיקן אויטאָ — זיך אומקערן קיין תל־אביב.

— — — — — — — — — — — —

איך מאַך אַ שפּאַציר איבער די תל אביבער ביבליאָטעקן. איך גיי אַוועק אין דער שיינער ביבליאָטעק פון י. ל. פרץ אויף אַלענבי־גאַס. אין אַ ביבליאָטעק טרעפט מען אַ מאָל באַקענטע און מען קאָן אויפכאַפּן אַ שמועס. אָט זיצן טאַקע דאָ עטלעכע מענטשן אין קאָרעדאָר פון ביבליאָטעק און שמועסן זיך דורך. דאָרט, אינעווייניק, טאָר מען קיין שאָרך נישט טון מיטן בענקל. אַזוי שטיל ווי עס איז אין די לייען־זאַלן פון די ישראל־ביבליאָטעקן טרעפט מען נישט אין דער גאָרער וועלט. איך כאַפּ אויך דעם געשפּרעך. מען שמועסט וועגן... שאול טשערניכאָווסקי ע"ה עס ווערט בקרוב צען יאָר נאָך זיין טויט און קיינער דערמאָנט זיך נישט אין אים, גלייך ווי עס איז קיין טשערניכאָווסקי אויף דער וועלט נישט געווען. און, ער איז דאָך געווען אונזער פיינסטער און איידלסטער דיכטער. מיר פלעגן זיך קוויקן מיט זיינע שירים און זיי דעקלאַמירן אויסנווייניק אויף יעדע־

שמחה. איצט, איז ער שוין צען יאָר טויט, און גלייך ווי קיין טשער־ניכאָווסקי איז אויף דער וועלט נישט געווען. שאול טשערניכאָווסקים יאָר־צייט איז ערשט סוכות צייט, דאָך, ווען איך בין געווען נאָענט פון מיין שטוב, האָב איך געקויפט בלומען און אַוועקגעלייגט אויף זיין קבר. עפּעס וואוין איך דאָך מיט אים אין שכנות?

איך כאַפּ אויף אַ צווייטן שמועס: — שטרייקן! מען גרייט זיך שטרייקן אין ישראל אויפן פּאַריזער אָדער נאָרד־אַמעריקאַנער שטייגער! איי, יענע לענדער זיינען שוין אַלטע און קאָנען שוין אויסהאַלטן אַ שטרייק? — ווער דאַרף עס וויסן! אַט רעדט מען וועגן אַ שטרייק פון די פּאָסט־באַאַמטע און אַט רעדט מען וועגן אַ שטרייק פון... רבנים! מען דער־ציילט אַז רבנים און חזנים, שוחטים און דיינים וועלן אַרויס אין שטרייק! די שוחטים וועלן אויפהערן קוילן עופות — קיין בהמות, קוילען זיי שוין לאַנג נישט, און די רבנים וועלן אויפהערן געבן חופּה וקדשין און גט׳ן! איינער וואָס וועט האָבן אַ ווייב אַ שלאַק און וועט וועלן פּטור ווערן פון איר — וועט נישט קאָנען, ווייל די רבנים וועלן שטרייקן. דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב געהערט אַז עס גרייט זיך אַ שטרייק פון רבנים — האָב איך געמיינט אַז עס אַ שפּאַס. שפּעטער בין איך געוואוירע געוואָרן אַז עס האַלט ערנסט מיט אַזאַ שטרייק! אגב. דער שטרייק פון די רבנים איז איבער עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. דערהויפּט — פאַר ניט באַ־קומען די שכירות אין דער צייט!

און, אפשר זיינען זיי גערעכט? אויב די רעגירונג האָט גע־נוג געלט צו לייען, למשל דער קאָמפּאַניע „סולל ובונה” אַז זי זאָל זיך אויפ־בויען לוקסוס־פּאַלאַצן, דאַרף אויך סטייען געלט צו באַצאָלן די רבנים און שמשים זייער מיזעראַבלען לוין!...

מער מזל האָב איך שוין געהאַט אין דער גרויסער ביבליאָטעק „שערי ציון”. עס איז, באמת אַ ריזן־ביבליאָטעק מיט אַ מוסטערהאַפטער אָרדע־נונג דאָרט. דאַרפט איר אַ בוך, אין וועלכער שפּראַך איר ווילט — קריגט איר אים צו די דרייסיק... סעקונדן. קיין מינוט — געדויערט ניט דאָס זוכן דאָרט אַ בוך. איך האָב דאָרט געטראָפן זייער אַ סך לייענער. באַלד ווער איך געוואוירע ווער עס זיינען די גרעסטע טייל וואָס זיצן דאָ. עס זיינען... אַרבעטסלאָזע. פאַראַן צווישן זיי אייניגע וואָס אַרבעטן בלויז צוויי אָדער דריי טעג אין דער וואָך. די גרעסטע טייל זיינען ניט קיין פאַך־מענער, פּופּציק פּראָצענט פון זיי זיינען שניידער און צושניידער ווע־מען דוב יוסף האָט „אומגליקלעך געמאַכט” מיט פריי לאָזן אַט דעם טייל

מסחר. פריער, ווען מען האט געדארפט האבן „נקודות״ (פונקטן) אויף צו קריגן א מלבוש — האט מען געהאט מערער ארבעט... ביים ארויסגיין גע־לינגט מיר צו האבן א שמועס מיט א פאר פון זיי. מיר זיינען טאקע אוועק־געגאנגען צוזאמען עפעס טרינקען. איך ווער געוואוירע: —

אין גאנץ ישראל זיינען איצט דא ארום 18 ביז 20 טויזנט ארבעטס־לאזע. צווישן זיי — גאר א גרויסע צאל מזרח-עולים. זייער א גרויסע צאל ארבעטסלאזע זיינען אויך פון די בוי-ארבעטער. מען האט אויפגעהערט בויען, ווייל די רעגירונג האט אפגעשטעלט די קרעדיטן — פונקט ווי עס איז אויף דער גאנצער וועלט. — מיטן אפשטעלן די קרעדיטן, האט מען געמיינט איינהאלטן די אינפלאציע און מען האט דערהרגעט די הוהן מיט די גאלדענע אייער צוזאמען...

א חוץ בוי-ארבעטן, האבן זיך אפגעשטעלט א סאך פאבריקען וואס האבן אויסגעארבעט לוקסוס-ארטיקלען, ווייל עס האבן אנגעהויבן אנקו־מען ווייניק טוריסטן, און דא האט א ו י ך די רעגירונג א געוויסע שולד. אין אט דער פאבריק האבן געארבעט טויזנטער ארבעטער און א סך פון זיי זיינען ארבעטסלאז. אבער —יא! עס איז פאראן א ג ר ו י ס ע ר „אבער״. עס איז דא א האפענונג אויף בעסערס און גרעסערס! ד י וועלכע ווילן ניט אויסהאלטן און האבן קיין געדולד ניט — צעלויפן זיך פון לאנד! זאלן זיי לויפן! עס וועט זיי, מיט דער צייט, באנג טון! דערווייל, דערווייל זיצט מען אין ביבליאטעק, מען לייענט א בוך אדער א צייטונג און מען ווארט אויף ארבעט! פארן אין נגב אריין? — נ י ט יעדערער האט חשק! און אפשר זיינען שוין ניטא קיין כוחות א ו י ך!

איך טרעף זיך מיט א פריינט וועלכער האט דעם ראנג פון אפיציער פון דער ישראל-ארמיי, און ער לאדט מיך איין צו מאכן מיט אים א שפא־ציר אין א ארט וועלכן איך האב — ביז איצט — בלויז געזען פון דער וויטנס, דאס איז דער גרעסטער מיליטערישער פונקט פון ישראל וואס טראגט דעם נאמען: „ס א ר א פ א נ ד״. דארט, אין דעם סאראפאנד, האבן אלע יארן געלעבט די ענגלענדער. דארט האבן זיי געמאכט פלענער ווי אזוי ניט צו דערלאזן אז עטלעכע אידן זאלן, חלילה „אומלעגאל״ אריינ־קומען קיין ישראל. דארט האבן זיי געהאט זייער מיליטערישן טריבונאל צו משפט׳ן אידישע סאלדאטן וועלכע מען האט געפאקט ביים „פאר־ברעכן״ פון העלפן אידן, און ד א ר ט, איז איצט דער ערשטער און גרעסטער א י ד י ש ע ר מיליטערישער פונקט. דארט געפינט זיך... — אבער, נישט אלעס מעג מען שרייבן!

מיר קומען אָן אַהין. דאָרט לערנט מען איצט די נייע רעקרוטן, די צוקונפטיקע אידישע סאָלדאַטן וואָס דאַרפן פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד, די מולדת! די נייע רעקרוטן זיינען פון... אַלע קאָלירן און פון אַלע ראַסעס. עס מאַרשירן צוזאַמען: תימנער מיט ליטוואַקעס, איראַקער מיט פוילישע רומענער מיט אינדיער און אַזוי ווייטער. פון איין זייט, לערנט מען די סאָלדאַטן און אַ ביסעלע ווייטער לערנט מען אַ גרופּע סאָלדאַטקעס. די סאָלדאַטן זיינען שוואַרץ. זיינען אָפּגעברענט פון דער זון און זיינען טאַקע... שוואַרץ ממש. פאַראַן אַזעלכע אויך!

איך מאַך מיט מיין אָפיציער אַ שפּאַציר איבער דער קיך; איך דערמאַן זיך פאַניעס קוכניא וואו עס האָט געשטונקען מיט זויער-קרויט און מיט נאָך זויערן שוואַרצן ברויט. איך באַטראַכט דאָס ריינקייט דאָס ציכטי-קייט פון יעדער ווינקעלע! גאַטעניו! וואָס פאַר אַ חילוק פון דאָרט ביז דאָ. כאָטש, דאָ איז אויך פאַראַן אַ טייל קאָמיזם. עס ווייזט מיר דער אָפיציער אַ גרופּע סאָלדאַטן וואָס מען לערנט זיי... עסן מיט אַ גאָפּל און האַלטן אַ מעסער אין האַנט! מען לערנט זיי זיך וואַשן די ציין און אפילו די הענט וואַשן זיי זיך נישט געהעריק אַפּ. נו. אַזוי זיינען זיי געבוירן געוואָרן און אַזוי דערצויגן געוואָרן. איצט, מוז מען זיי איבערדער-ציען און עס קומט ניט אָן גרינג. דערפאַר זיינען זיי די בעסטע סאָלדאַטן — ספּעציעל, די תימנ׳ער. מען דאַרף נישט פאַרגעסן אַז מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל שונאים און מיר דאַרפן האָבן גוטע געטרייע סאָלדאַטן. אַז זיי וועלן וויסן אַז אונזערע מענטשן זיינען גוט צוגעגרייט — וועלן זיי נישט חלומ׳ן פון אַ מילחמה.

איך האָב באַטראַכט די שלאָף-צימערן, די עס-צימערן. פאַראַן זייער באַקוועמע לייען-צימערן און אַ ספּעציעלער צימער פאַר שפּילערייען. זייער גוטע באַקוועמלעכקייטן פאַר אַ סאָלדאַט. אַ סאַך פון אַט די סאָלדאַטן, האָבן נישט אַזאַ באַקוועם לעבן ביי זיך אין דער היים. אַזאַ עסן — זיכער ניט. דער סאָלדאַט עסט, ניט וויניקער, ווי דריי מאָל אין טאָג פליישׂ און פרישׂ פליישׂ דערצו!

אויף וואָס פאַראַ אַ שפּראַך רעדט מען צו זיי? — פאַר אַלעס, אין עב-רית זיי באַקומען ספּעציעלע קורסן פאַר עברית. דערווייל — ביז זיי לער-נען זיך אוים די שפּראַך — רעדט מען צו זיי אויף דער שפּראַך וואָס זיי פאַרשטייען — אידיש אַריינגערעכנט.

איך קוק אָן די אַלע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען, דוכט זיך, אַ מענגע פון צוואַנציק פעלקער און צוואַנציק שפּראַכן? — אין דריי חדשים אַרום

וועט איר זיי ניט דערקאָנען - זיי וועלן דאַן אויסזען ווי אמת'ע ישׂראלים, וועלן האָבן איין פּנים, איין שפּראַך און איין ווילן: — פאַר-טײַדיקן די מולדות.

ביים אַרויסגיין פון סאַראַפאַנד, האָב איך זיך צום הונדערסטן מאָל באַשטימט ביי זיך: — עס וועלן אפשר פאַלן קרבנות, אָבער, זיי וועלן באַקומען אַ לעקציע ניט אָנהויבן מיט די אידן. אָט די עטלעכע טויזנט סאָלדאַטן וואָס איך האָב היינט געזען, קאָנען דעם דריטן טאָג פון קריג זיין אין דמשק און אין ביירוט, אין רבת עמון און אין קאַהיראַ. זיי זיינען „ביטערע" חברה און וועלן ניט לאָזן אַז דער שוואַרצער שונא זאָל חרוב מאַכן, זיין — מיט בלוט — דערגרייכט לאַנד. אָבער מען דאַרף זיי העלפן! איך האָב געוואָלט אויסשרייען אויפן קול: מען דאַרף זיי העלפן! העלפן! איר הערט! מען דאַרף זיי העלפן!

23־טער מאַי:

היינט גיי איך ניט אין קיין שום שיל. איך בין אויפגעשטאַנען מיט אַ קאָפּ-ווייטיק. איך זוך אַ „תירוץ" צו ווערן קראַנק און ניט קאָנען מאָרגן אָפּפאָרן צום חיפה'ער פּאָרט. אַך! ווען איך באַקום אַזעלכע 39 אָדער 40 גראַד היץ! ווי... גליקלעך איך וואָלט געווען! איך וואָלט זיך מחיה געווען. עס וואָלט באַלד געקומען אַ דאָקטאָר, מיר פאַרשריבן אַ רעצעפּט און אפשר טאַקע אַ פּאָר טעג אין ביילינסאָן שפּיטאָל. איך וואָלט געלעגן אין ישׂראל-שפּיטאָל און וואָלט געזען צו עס איז טאַקע אמת וואָס מען קלאָגט זיך אַזוי אויף די דאָקטוירים און שפּיטעלער פון ישׂראל?... עס וואָלט געפלויגן אַ דעפּעשע קיין זשענעווע, צו דער קאָמפּאַניע, אַז מען זאָל מיר בייטן די פּלעצער אויף אַ נעקסטער שיף און איך — איך וואָלט דערנאָך אויפגעשטאַנען, זיך אויסגעלאַכט פון דער היץ און וואָלט גאָר אַראָפּגעפאָרן קיין חולה אָדער אילת אָדער קיין... עין השלשה. איך וואָלט זייער געוואָלט נאָך אַ מאָל אָנ-קוקן אָט דעם קיבוץ פון אונזערע אַרגענטינער חברה און פון זייער אומ-דערשראָקנהייט צו שטיין מיט דער געפאַר פּנים על פּנים. מיט איין וואָרט — ווען איך האָב אַ ביסעלע היץ — וואָלט געווען זייער גוט! האָב איך, אָבער, בלויז אַ קאָפּ-ווייטיק וועלכער גייט מיר באַלד איבער ווי נאָר עס הויבן אָן אָנקומען די געסט זיך געזעגענען. אַ גאַנצן אינדער-פרי און אַ גאַנצן טאָג געסט און געסט. די האַרציקע ישׂראל-מענטשן, און עולים פון אַרגענטינע וועלכע שיקן גרוסן אַ היים. איך האָב געפירט

אַ סטאַטיסטיק: — פון פערצן אַרגענטינער, האָבן בלויז דריי חשק צו פאָרן צוריק. זיי קאָנען זיך ניט איינאָרדענען.

— — — — — — — — — — — — —

ביינאַכט, איז מיר שווער איינצושלאָפן. אויך מיין פרוי דרייט זיך אויפן געלעגער און קאָן קיין אויג ניט צומאַכן. עפּעס אַ קליייניקייט! די לעצטע נאַכט אין ארץ ישראל! די לעצטע נאַכט אין מדי־נת ישראל. ווער ווייסט, ווען איך וועל דאָ נאָך אַ מאָל זיין? איך באַ־שטים שוין ביי זיך, איך גער זיך כמעט אַ נדר, נאָכאַמאָל צו זיין אין ישראל. איך דאַרף נאָך דאָ אַ סך פאַרענדיקן! איך דאַרף נאָך זיין אין אַ סך פלעצער. אפשר, דאַן, וועט שוין ישראל זיין אַנדערש. דער עיקר — עס וועט שוין ניט הערשן אַזאַ קידער־ווידער צווישן די אייגענע ישראלים, צווישן פּאַרטיי און פּאַרטיי, צווישן „ווייסן" און „שוואַרצן", צווישן וותיק און נייעם עולה. אָט, דער „קידער־ווידער" (איך וויל זיך ניט אויסדריקן מיטן שרעקלעכן וואָרט שנאה) איז דער גרעסטער שונא פון דער מדינה. גרעסער ווי די פערציק מיליאָן אַראַבער... אויב די ישראלים וועלן וועלן האָבן אַ קיום — וועלן זיי מוזן, אָט דעם אינער־לעבן שונא, די אינערלעכע שלאַנג, באַזיגן און פאַרניכטן!

עס גייען דורך פאַר מיינע אויגן די עטלעכע וואָכן, די צענדליגער האַרציקע טעג און נעכט וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ישראל. עס שטייען מיר פאַר די אויגן די וועגן אין ישראל. ספּעציעל — קאָן איך ניט פאַרגעסן דעם וועג קיין סדום, קיין באר שבע, וואָס איז אַ שטיק צייט גרין און גרין און דו מיינסט אַז דו פאָרסט אין דער שווייץ אָדער אין פּראָווינץ בוענאָס איירעס. פּלוצים, אַרויספאָרנדיק פון באר שבע, הויבט זיך אָן מדבר און מדבר. שטיין און זאַמד ווי נאָר דיין אויג דערזעט. וואָס פאַר אַ חילוק צווישן דעם וועג ביז באר שבע און דעם וועג פון יענער זייט באר שבע. איך קאָן באר שבע ניט פאַר־געסן. אַזוי פיל מאָל געחלומט וועגן אָט דער שטאָט. געהאָפט צו טרעפן דאָרט שפּורן פון אברהם אבינו מיט זיינע ברונעמער און גאָר געטראָפן צוואַנציק טויזנט.. רומענישע אידן און אַ פאָר טויזנט אַראַבער. איך האָב דאָרט געטראָפן די דרוזן וועלכע זיינען אונזערע פריינט און אַפילו נאָענטע קרובים. זייער נביא, שאאיעב — איז דאָך משה רבינו'ס שווער וואָס האָט אַ מאָל געהייסן יתרו און האָט געהאַט אַנדערע זיבן נעמען אַלם צוגאָב. אָט די דרוזן זיינען, אפשר, די געטרייסטע אַראַבי־שע מענטשן פון מדינת ישראל. זיי האָבן אונז ליב און רעספּעק־

טירן אונזער בראַווקייט און אַנטשלאָסנקייט, און פון דער צווייטער זייט — האָבן זיי פיינט די אַראַבער, די מוסולמענער, וועלכע פלעגן זיי רו־דפן און רודפן זיי נאָך היינט צו טאָג אין סיריע און אין לבנון וואו אַ טייל פון זיי וואוינען. אין ישראל וואוינען צוואַנציק טויזנט דרוזן און מען איז שטאַרק צופרידן פון זיי ווען... זיי זאָלן ניט זיין קיין קאָנטראַ־באַנדיסטן. זיי, די דאָזיקע אַראַבער, זיינען עס די איינציקע און גרעסטע באַנדע קאָנטראַבאַנדיסטן און מען קאָן זיי גאָרניט טאָן. מען וויל זיך מיט זיי ניט פאַרקריגן. מען מאַכט זיך ניט וויסנדיק...

איך שוועב מיט די געדאַנקען און מיט פאַרמאַכטע אויגן איבער ישראל. אָט בין איך ווידער אין די „דערפער" און „שטעט" פון זקנים. איצט, טרעפט מען דאָרט בלויז אַלטע. שפּעטער מיט צען יאָר, וועט מען טרעפן יונגערע פון זיי — אָבער, שוין אַריבערגעשפּאַנטע די פופ־ציקער. זיי וועלן שוין אויך זיין „אַלטע". מען וועט זיי שוין קיין דעה ניט פרעגן און מען וועט זיי טראַנספּאָרטירן אין אָט די „דערפער" פאַר־אַלטע.

איך פאָר ניט אַוועק מיט קיין פאַרדרוס אויף דער ישראל-יוגנט, נאָר אַ געוויסע מורא — האָב איך יאָ! נאָך קלינגען אין מיינע אויערן דער ענטפער פון זעקס-יאָריקן מיידעלע ראַסיאַנסקי:

„אבאָ! זה — העסק שלי, וזה — העסק שלך"! דאָס איז מיין עסק און דאָס — איז דיין עסק!

אָט, אַזוי, איז די ישראל-יוגנט. דאָקטאָר קאָט, פּרעזידענט פון „מגן דוד אדום" איז טאַקע ברוגז געוואָרן אויף מיר ווען איך האָב אים גע־זאָגט אָפנהערציק מיין מיינונג וועגן דער ישראל-יוגנט, ער האָט מיר, אַפילו דערוויזן, אַז זיינע קינדער רעספּעקטירן אים יאָ און האָבן אים, אַפילו, קיין איין מאָל ניט געזאָגט... חמור! (אייזל — אַ „קלאַסיש" וואָרט פון אַ ישראל-קינד צו זיין פאָטער...) דאָך, איז דער אמת'ער אמת. — ניטאָ קיין דרך ארץ פאַר עלטערן אין ישראל. מען טאָר עס ניט דערציילן — איך וועל עס אָבער יאָ טאָן! זאָל מען ווערן ברוגז! זאָל מען!

אייגנטלעך, ווען מען רעדט וועגן „אַלטע" אין ישראל, דאַרף מען ניט אינזינען האָבן אַלטע, איינגעקאָרטשעטע אידן, מיט אַ הויקער אויף די פּלייצעס וואָס שלעפּט קוים די פיס. אַזעלכע, האָב איך איבער די תל אביב'ער און ירושלימער גאַסן, ניט געטראָפן אַפילו קיין איינעם.

אַזעלכע אַלטע ליגן אין די „דערפֿער" אָדער אין פשוטן מושב זקנים אויף אַלענבי־גאַס אָדער אין ירושלים און צפת.

אין ישראל, הייסט אַן אַלטער אויך אַזעלכער וועלכער איז ערשט אַלט אַ יאָר פֿופֿציק, נאָר ער האָט דעם שלימזל, ניט צו קריגן קיין אַרבעט. איז ער אַן אַרבעטסלאָזער — און ער ווענדעט זיך צו אַ ביוראָ אָדער פֿאַבריק נאָך אַרבעט, דערפֿילט ער תיכף אַז ער איז שוין אַלט און אויסגעשפּילט. מען קוקט אַפֿילו ניט אויף אים, אויפֿן „אַלטן"! עס זיינען פֿאַראַן יונגערע פֿון אים און מען דאַרף פֿריער זיי געבן אַרבעט! אַט, דאָן, הויבט זיך אָן די טראַגעדיע פֿון „אַלטן", מעג ער זיין אַ נייער עולה אָדער „וותיק". גיי, דערציייל דעם פֿאַבריקאַנט אָדער כּע־רענטע פֿון ביוראָ, אַז ער האָט אין דער היים אַ מיידעלע פֿון אַנדערהאַלבן יאָר און זיין ווייבל... שוואַנגערט ווידער! און דאָ, רופֿט מען אים „אַלטער"!

— — — — — — — — — — — — —

איך כאַפּ אַ בליק אויף מיין זייגער׳ל וועלכעס באַלייכט אין דער פֿינצטער. עס איז שוין דריי פֿאַרטאָג און איך טראַכט נאָך ניט פֿון אַנט־שלאָפֿן ווערן! עס איז מיין לעצטע נאַכט אויף אָט דער ערד וועל־כע איך האָב געקושט ביים באַטרעטן זי! עס איז מיין לעצטע נאַכט צווישן אַזעלכע געטרייע חברים און פֿריינט! עס איז מיין לעצטע נאַכט אין מדינת ישראל!

איך דערמאָן זיך: — איך האָב ניט געהאַט דעם מינדעסטן חשק צו פֿאָרן קיין ישראל! איך בין געווען זיכער אַז איך וועל איבערלעבן אַ סך אַנטוישונגען! האָב איך דאָך אָנגעהויבן מיינע פֿאַרצייכענונגען מיטן הויפּט־קעפּל: — „אַ טאָג־בוך פֿון אַ אידן וואָס האָט נישט געוואָלט פֿאָרן קיין ישראל", און דאָ — ווען איך שעם זיך ניט — צעוויין איך זיך אין מיטן דערנאַכט פֿאַרוואָס איך דאַרף שוין אָוועקפֿאָרן! אַך! ווען איך האָב יהושע׳ס כּוח און געטלעכקייט וואָלט איך מאָרגן אינדערפֿרי, אַ געשריי געטאָן צו דער זון:

שמש במדינת ישראל, דום! (זון, אין מדינת ישראל! בלייב שטיין!) דער מאָרגענדיקער טאָג זאָל זיך ציען און ציען און ניט אויפֿהערן צו ציען!

איך ליג מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און עס שוועבט דורך פֿאַר מיינע אויגן געשטאַלטן און פּערזענלעכקייטן אין ישראל מיט וועמען עס איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפֿן און באַגעגענען. איך זע אויך פֿאַר מיי־

נע אויגן די ישראל־אינסטיטוציעס וועלכע האָבן געהאָלפן בויען דעם ישוב און אים ברענגען צו — אַ מדינה. אָט שטייט מיר פאַר די אויגן די געביידע פון דעם קרן קימת אין תל אביב. זי פאַרנעמט ניט קיין גרויסן פּלאַץ, איז זייער באַשיידן, און, דאָך — וויפל האָט דאָס דאָזיקע הויז בייגעשטייערט פאַרן גאולת הארץ און פאַר דער עטאַבלירונג פון דער מדינה.

איך דערמאָן זיך. צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן בין איך דאָרט געווען. עס איז געווען אַן הזכרה אַקט פאַר איינעם פון די אַרגענטינער וועטעראַנען פון ציוניזם — הער מרדכי ראָגאָווסקי ע"ה. דער אַקט איז צוגעגרייט געוואָרן פון דעם „פאַרבאַנד פון אַרגענטינער אידן" און ער איז געווען זייער איינדרוקספול. עס האָבן גערעדט די ה"ה; שלמה מ. גוטמאַן, אַנטאָניע קליין, דר. ראָזענפעלד, דער אַלטער זקיף און... דר. ש. יורים האָט... אַ ביסעלע קאַליע געמאַכט די שטימונג. אויף דעם דאָזיקן אַקט האָב איך געטראָפן אַ סך אַרגענטינער אידן. אייניקע פון זיי — זיינען אָפּגעפאָרן צוריק אַ היים... זיך ניט געקאָנט איינאָרדענען... אַנדערע — ווי אונזער באַקאַנטער הערמאַן, געוועזענער קאַנטאַדאָר פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, וועלכער איז אין חוץ לארץ געווען שטענדיק קראַנק און אויסגעבלייכט — ער, איז אין ישראל געזונט און שטאַרק און ער איז גאָר געוואָרן דאָרט יונגער...

דער זייגער איז שוין פיר. איך שלאָף נאָך אַלץ ניט! איך שוועב אין די הימלען. אָט זיץ איך מיט אַ חבר, אַ ערנסטער מפ'אי־מענטש. ער רעדט זיך אַרויס פאַר מיר, אַז אין דער פּאַרטיי איז מען שטאַרק באַאומרואיקט פון חלוקי־יעות וואָס אייניקע פירער האָבן מיטן הויפּט־פירער און העלד פון דער פּאַרטיי — מיט בן גוריונען. עס איז שוין ניט קיין סוד אַז בן גוריון קאָן ניט פאַרליידן געוויסע האַנדלונגען פון זיינע חברים און האָט שוין אַפילו, געסטראַשעט מיט רעזיגנירן! וואָס וועט טאַקע זיין ווען בן גוריון זאָל רעזיגנירן? ווער וועט זיין פעאיק צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ? און וואָס טוט מען, ווען די לינקע פראַקציע פון דער „מפ'אי" די ישראל'דיקע „בעוואַניסטן" פאַרכאַפּן טאַקע די מאַכט אין דער פּאַרטיי און ווערן, דירעקט און אומדירעקט רעגירונגס־מענטשן, ווי וועט זיך עס אָפּרופן אויף... אַמעריקע?

אין צוויי זאַכן נויטיקט זיך דערוויל ישראל, אין וואַסער און אין אַמעריקאַנער דאָלאַרן. וואַסער — וועט מען, יאַקאָס, גראָבן און געפונען אין דער ערד אָדער מען וועט ציען פון ירדן און הירקון! קיין

גאָלד וועט מען אין ישראל ניט געפונען און קיין דאָלאַרן — אוודאי ניט און, אָן דאָלאַרן, וועט זיין שווער, גאָר, גאָר שווער אויסצוקומען. און אויף צו באַקומען די אַמעריקאַנער דאָלאַרן, וועלן מיר ניט קאָנען טאָן קיין צו להכעיס, און דווקא אַוועקשטעלן אין דער שפּיץ פון דער יש־ראל־רעגירונג... פּראָ־סאָוועטישע מענטשן. און אויב ניט קיין פּראָ־סאָ־וועטישע — מעג זיין, אַפילו... „רויטע־פּאָן־מענטשן".

עס שוועבט מיר פאַר די אויגן אַ געשטאַלט פון אַ יונגער פרוי. אַ נאָענטע קרובה פון דעם אומגליקלעכן „מפּ״ם"־פירער מרדכי אוֹ־רען, וועלכער וואַלגערט זיך ערגעץ אין אַ טשעכאָסלאָוואַקישער טיור־מע. זי איז אויך אַ מפּ״ם׳קע, אָבער — אַ ניכטערע און אינטעליגענטנע פרוי. רעדנדיק מיט איר, פאַרזיכערט זי מיר, אַז מרדכי אורען וועט קיין לעבעדיקער פון טשעכאָסלאָוואַקיע ניט קומען. ער וועט „פּלוצים" קראַנק ווערן און ער וועט „שטאַרבן". מען וועט אומקערן קיין ישראל זיין טוי־טן קערפּער. ער קאָן פון דאָרט ניט אַרויס, ווייל ער ווייסט צופיל סודות. ער וואָלט אויף דער פרייער תיכף דערציילט דעם אמת. ער איז ניט אַזאַ טיפּש צו ווערן געפייניקט און דערנאָך קושן די בייטש וואָס האָט אים געשמיסן. דאָרט אין תפיסה ביי די מערדער, האָט ער זיך געמוזט „מודה" זיין. דאָ, וואָלט ער גערעדט אַנדערע דבורים. דאָס אַלעם האָט זי מיר געזאָגט אין דעם טאָג, ווען עס איז געווען אַ מעלדונג אין די צייטונגען אַז עס איז דאָ אַ האָפענונג אַז ער זאָל בקרוב קומען אַ היים... און דאָס אַלעס, שטייט מיר איצט פאַר די אויגן!

עס הויבט אָן טאָגן. איך טו זיך אָן און גיי אַרויס אויפן באַלקאָן אַריינצוכאַפּן דאָס לעצטע מאָל אַ ביסל פרישע ישראל־לופט. איך וויל, צום לעצטן מאָל, זען, ווי אַזוי די זון גייט אויף אין תל אביב? ווי אַזוי דער טאָג הויבט זיך אָן און ווי אַזוי די מענטשן לויפן צו זייערע באַשעפטיקונגען?

עס הויבט זיך אָן מיין לעצטער טאָג אין ישראל. אין תל אביב און חיפה. און אין אָט, דעם פרימאָרגן איז מיר איינגעפאַלן דער געדאַנק איך האָב אים שפּעטער איבערגעחזרט פאַר מיין פריינט יצחק רימון, פאַרן פריינט ש. ערנסט און פאַר הונדערטער אידן אויף דער שיף:

איך טראַכט: — יעדער איד וואָס האָט זיך אויסגעלעבט זיינע יאָרן אין חוץ לארץ אין עושר און אין כבוד, האָט געהאַט ביד צו פאָרן קיין ישראל, געהאַט ביד אָנצוקוקן דאָס לאַנד און די וואונדער פון לאַנד

און... איז ניט געפאָרן, און איז אין טיפן עלטער, געשטאָרבן — איז ער געשטאָרבן פ אַ ר ד ע ר צ י י ט!

ניט זען ארץ ישראל ווי עס זעט איצט אויס — איז שטאַרבן פאַר דער צייט!...

24־טער מאי:

אָרום אַכט אַ זייגער וואַש איך זיך אָפּ און עס אָפּ מיין לעצטן פריש־טיק אין ישראל. היינטיקס מאָל, האָט די גברת ערענסט „אויסגעפירט" און איך האָב געפרישטיקט אויפן ישראל־שטייגער; הערינג, מאַסלינעס, קעז, צוויי אייער, זויערע אוגערקעס, טאָמאַטן, אַ שטיקעלע וואורשט און אַ גלאָז קאַווע מיט מילך. אָט אַזוי פ ר י ש ט י ק ן זיי אין ישראל „נעבעך" אַלע טאָג און נאָך דער קאַווע מיט מילך — פאַרטרינקט מען אַ גלאָז זיסע טע!... „מען שטאַרבט נעבעך, פאַר הונגער אין ישראל", זאָגן די „חוזרים". אָט בין איך אויך איינער פון „חוזרים" און ווען איך דאַרף עסן אַ חודש צייט אַזעלכע פרישטיקן, וואָלט מען מיך געדאַרפט פירן מיט אַ וועגעלע.

די הענט רוען ניט אַ מינוט. אַלע מינוט קומען אַנדערע מענטשן און מען ווינטשט אונז אַ גליקלעכע רייזע און אַ... „ק ו מ ט נ אָ ך אַ מ אָ ל"! אַ שאלה, אַ גוטע, צו מיר וועלן קומען נאָך אַ מאָל! זאָל מען נאָר דערלעבן!...

מיר עסן מיטיק מיט דער פאַמיליע ערענסט. די ערשטע צייט זיצן אַלע שטיל. עס מאַכט מיר דעם איינדרוק אַז אָט וועלן מיר זיך אַ ל ע... צעוויינען. מיר האָבן זיך אַזוי צוגעוואוינט צו אָט די מענטשן, צו אַ ל ע ישראל־מענטשן, צו גאַנץ ישראל, גלייך ווי מיר זאָלן דאָ געווען וואוינען אַ פּאָר צענדלינג יאָר און מיר לאָזן דאָ איבער אונזער האָב און גוטס אויף הפקר און פאָרן אַוועק. מיר דוכט זיך, אַז ווען איך מיט מיין פרוי האָבן אין 1920 — צוריק מיט דריי און דרייסיק יאָר, פאַרלאָזט אומאַן, פאַרלאָזט די עלטערן, די ברידער און שוועסטער, פלימעניקעס און פלי־מניקלעך, האָבן מיר עס געטאָן מיט אַ גרינגערן געמיט און מיט אַ לייכ־טער הארץ און בעסערער שטימונג. איז דאָס די ישראל־לופט, דאָס יש־ראל־לעבן, די אידישע מדינה בכלל, וואָס לאָזט אייך ניט זי פאַרלאָזן?

ווען דער שאָפער וועלכן מיר האָבן באַשטעלט איז צוגעקומען צוויי אַ זייגער און געגעבן אַ פייף, מעלדענדיק אַז ער איז דאָ — האָט זיך מיר שיעור דאָס הארץ אָפּגעריסן! די גאַנצע צייט, בין איך געווען אַ

פריינט פון די ארץ ישראל׳דיקע שאָפערן. די ערשטע צייט פלעגט מיך פאַרדריסן וואָס זיי „רייסן" אַרוים ביי מיר אַ איבעריקן פונט און אַפילו צען פונט. שפּעטער — האָט עס מיך אויפגעהערט צו אַרן און עס פלעגט מיר הנאה טאָן ווען דער שאָפער האָט ביי מיר פאַרדינט אַ איבעריקן פונט! איצט, דעם דאָזיקן שאָפער וואָס איז מיך איצט געקומען נעמען צוריק, מיך אַרויסנעמען פון תל אביב, פון ישראל, מיך אַרויפזעצן אויף דער שיף „מעסאַפּיע" און מיר פירן קיין ווענעציע, קיין גענוווא, קיין חוץ לארץ. אָט דעם שאָפער, בין איך — אין יענער רגע, געוואָרן אַ „דם שונא". ווען איך האָב זיך אַזוי שנעל ניט געוויזן און ער האָט אָנגעהויבן לענגער צו פייפן — האָט מיך שוין פאַרדראָסן אויף אים! וואָס האָט ער אַזוי קיין צייט ניט? די שיף גייט דאָך ערשט אָפּ אַרום אַכט אַ זייגער! וואָס איילט ער זיך?

— — — — — — — — — — — — —

צוויי טעג: איינער אַ דינסטיק׳דיקער טאָג, דעם 14־טן אַפּריל, בין איך געשטאַנען מיט מיינע וואַליזעס ביי אָט דער שטוב אויף טרומפּעלדאָר 20, און זונטיק דעם 24־טן מאַי, שטיי איך ווידער מיט די וואַליזער אינדרויסן נעבן אויטאָ. דאַן, האָט די שכונה געררוט אויף מיר, דאַן בין איך געווען פול מיט לעבן און מיט האָפענונג. דאַן האָב איך געציילט די טעג וואָס פעלן נאָך צום „יום העצמאות" און צום פּאַראַד אין חיפה, און איצט? איצט, פאַרלאָז איך אָט דאָס הויז, אָט די מענטשן, און וואַרף זיך ווידער אַריין אין וואָכעדיקן, טאָג־טעגלעכן, לעבן. אַ גליק נאָך וואָס איך וועל דאַרפן פאָרן אַ פּאָר און צוואַנציק טעג מיט דער שיף, אַ גליק נאָך, וואָס מיר וועלן אָפּשטייגן אין עטלעכע שטעט און לענדער און איך וועל האָבן צייט צענויפצונעמען מיינע געדאַנקען און מאַכן אַ שטיקל חשבון, אָן אונטערציו, פון אַלעם וואָס איך האָב געזען אין דעם דאָזיקן קליינעם, אָבער זייער שיינעם און זייער געשמאַקן לענדעלע וואָס הייסט מדינת ישראל!

אונזער אויטאָ פליט אויפן וועג קיין חיפה. היינט, האָבן מיר אַ „חמסין", אַ הייסן, ברענענדיק־הייסן, דושנעם טאָג. דאָס איז דער ערשטער „חמסין" אין ישראל. איידער מיר פאַרלאָזן דאָס לאַנד — באַקאַנען מיר זיך מיט אַ „חמסין". טאַקע, וואָס וואָלטן מיר געקאָנט ענטפערן, ווען מען פרעגט אונז: — נו, אַ „חמסין" האָט איר פאַרכאַפּט? איצט, ווייסן מיר שוין וואָס אַזוינס אַ „חמסין" איז! עס ברענט די לופט, דער ווינט, און מען קאָן די האַנט פון פענצטער פון אויטאָ ניט

אַרויסשטעלן! אונזער אויטאָ איז הערמעטיש פאַרמאַכט. בלויז אַזוי אַרום קאָן מען פאָרן. קיין חיפה גלייך, האָט מען ניט געקאָנט אַריינפאָרן. מיר האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן אין מיטן וועג, אין ב נ י מ י נ ה און אַריינלויפן אין דער קאָנפּיטעריע וואָס שטייט אינמיטן וועג און אַריינגיסן עטלעכע גלעזער גזוז און ביר. מען האָט אויך געמוזט לאָזן „אויסקילן" דעם אויטאָ. דאָס וואַסער אין אים האָט געזאָטן פון „חמסין"-ווינט.

אַרום פיר אַ זייגער קומען מיר אָן קיין חיפה. איך בעט דעם שאָפער אַז ער זאָל ניט פאָרן גלייך צום פאָרט נאָר מאַכן מיט אונז אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט. איך וויל ניט אַוועקפאָרן פון ישראל און ניט גוט, גוט זיך „אָנליובען" אין חיפה. ווער ווייסט ווען איך וועל דאָ נאָך זיין? איך באַטראַכט די שטאָט, די קלייטן, דעם טעכניקום, דעם גאַנצן ה ד ר ה כ ר מ ל און מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין פאָרט.

אין פאָרט איז פריילעך. עס פאָרן אָפּ אַ סך פּאַסאַזשירן — מערנסטייל טוריסטן — און פריינט קומען זיך געזעגענען מיט זיי. פאַראַן דאָ טוריסטן פון דער גאָרער וועלט און עס פעלן ניט קיין טוריסטן פון אונזערע לענדער. ספּעציעל — פון אַרגענטינע, בראַזיל און אורוגוויי. פלוצים, כאַפּט מען מיך אַרום. אַ היימישע פּנים, אַ היימישע האַנט גיט מיר אָפּ ש ל ו ם! דאָס איז אונזער גרשון ג י נ ז ב ו ר ג וועלכער איז געקומען מיט זיין האַרציקער און אינטעליגענטנער פרוי אונז געזעגענען. זיי האָבן אונז אַפילו געבראַכט אַ מתנה — אַ תנ"ך'ל און אַ מחזור'ל. זיי האָבן זיך דאָ איינגעאָרדנט, ניט על צד היותר טוב, אָבער קיין חוץ לארץ — בענקט ער ניט! ער איז ניט מקנא זיין שוואָגער, זיין גרויסן עושר אין אַרגענטינע מ י י ז ל ' ן. ווען ער האָט ד אָ יענעמס געלט — וואָלט ער אויסגעבויט אַ... גרויסע ישיבה און וואָלט געגעבן די תלמידים, אי תורה, אי... עסן! ער — גינזבורג, איז געבליבן דער האַרציקער איד וואָס תמיד.

מען נעמט אַראָפּ אונזער באַגאַזש און מען פירט אים אַריין „אינעווייניק". א ו נ ז — הייסט מען גיין דורך'ן טויער נומער 16 אויף דער צווייטער זייט. דאָרט, קוקט מען איבער די פּאַפּירן, דאָרט, שטעמפּלט מען אָפּ די פּאַספּאָרטן, און פון דאָרט קומט איר אַריין אין דער אַדואַנאַ צו אייערע זאַכן.

ביי לאַנגע טישן, זיצן יונגע חברה און מאַכן אויף שנעל דורך די גאַנצע פּראָצעדור. איך האָב שוין געוואוסט פון פריער, אַז א י צ ט,

איז ניט ווי צוריק מיט אַ יאָר. איצט, מאַכט מען וויניקער שווערקייטן, מען מוטשעט אייך וויניקער און מען באַגלייט אייך אַרויס... פריינט־לעכער ווי דאָס פלעגט געשען! איצט, זינט די ציונים כללים זיינען שותפים צו דער רעגירונג, זינט רוקח איז אינערן מיניסטער, האָט מען געמאַכט אַ סוף צו געוויסע „סברא׳שע" אַדואַנאַ־קענטעניש און טשי־נאָווניטשיסטוואָ! ביים לייגן אַ שטעמפּל, ווינטשעוועט מען אייך אַ גליקלעכע רייזע און מען האָפט, אַז איר וועט נאָך אַ מאָל קומען צוריק, אָדער שיקן אייערע קינדער, עלטערן, און פריינט. דער עיקר — מען אַטענדירט אייך מיט אַ שמייכל! אַן אַנגעצויגנקייט!

איך און הלל פרידמאַן און שמואל יואל הורוויץ קומען אַריין אין גרויסן „גאַלפּאַן" פון דער אַדואַנאַ, מיר גייען זוכן אונזערע זאַכן, און... אַן „אומגליק" האָט אונז געטראָפן! ניטאָ די וואַליזעס!

— וואו זיינען אונזערע וואַליזעס? ווילן מיר וויסן.

— ס׳הייסט וואו? דאָרט וואו זיי דאַרפן זיין!... אויף דער שיף! מען האָט זיי, אומגעעפנט, אָן שווערקייטן, אָן דינגעניש גלייך אַרויפגעפירט אויף דער שיף! זיי ליגן שוין אין אונזערע קאַבינעס! איינער, אַ ראש, האָט נאָר געהאַט אַן אינטערעס צו וויסן, וואָס איך האָב געפירט אין די צוויי גרויסע קאַסטנס? ווען איך האָב אים געזאָגט אַז איך האָב געקויפט ספרים — ביכער, האָט ער מיר געענטפערט:

— תודה רבה! אַ שיינעם דאַנק! אַ דאַנק פאַר איינקויפן ביכער אין ישראל!

איך וויל קיינעם ניט באַשולדיקן אַז מען האָט אויסגעטראַכט אויף דער ישראל־אַדואַנאַ בלבולים, אַז דאָרט דערגייט מען די יאָרן ביים אַריינפאָרן און ביים אַרויספאָרן! מעגלעך, אַז עפּעס און אפשר אַ סך איז יאָ עפּעס פריער געווען! אָבער, ווי זינגט זיך דאָרט דאָס לידל: „וואָס געווען, איז געווען, און עס איז שוין מער ניטאָ"! מען מוז קומען צום שלום, אַז היינט צו טאָג, איז די ישראל־אַדואַנאַ, איינע פון די לי־בעראַלסטע אין גאַנץ אייראָפּע און אפשר אויך פון דער גאַרער וועלט!

איך האַלט שוין ביים אַרויסגיין פון דער אַדואַנאַ און אַרויפגיין אויף דער שיף, דערמאָן איך זיך, אַז איך האָב נאָך אין קעשענע עטלע־כע ישראל פונט, וועלכע איך וויל ניט אַרויספירן פון די גרעניצן פון ישראל. איך זוך אַ... קרן קימת פושקע, כדי זיי אַהין אַריינוואַרפן. איך האָב פאַרגעסן אַז אין ישראל איז ניט „אין מאָדע" קיין קרן קימת־פושקעס. ניטאָ דאָרט אַזעלכעס. איך געב דאָס געלט איינעם פון די

ישראל איז קליין אָבער פּרעכטיק שיין



א): (פון רעכטס צו לינקס) קיבוץ רעננה. ב): אַן אַראַביש דאָרף נעבן זיכרון יעקב. ג): ישראל סאָלדאַטקעס קערן זיך אום אַהיים פון „איבונגען”. ד): די טרויער־ריק־באַרימטע „מעברות”, וועלכע ווערן שוין פאַרשוואונדן. ה): קיבוץ „אפיקים” אין פאַבריק וואָס זעגט ביימער. ו): אַ הויז פון שענסטן קיבוץ אין ישראל — דגניה. ז): שפּאַצירנדיק ביים ים־ברעג. ח): אַ „צענטראַלע” גאַס אין יפו.

מדינת ישראל געזען אַלזייטיק

1): ש. ערענסט, י. ווילענסקי, וו. טשערנאָוועצקי און ל. זשעלין (אַ געוועזענער פירער פון „אירגון צבאי לאומי") ביי די טירן פון „גאָלדפאַדן"־טעאַטער אין יפו. 2): אַרגענטינער טוריסטן, ה. פרידמאַן, מאַרדער, ביי „נאַפּאָלעאָנס הארמאַט" אין „פעסטונג" פון עכו. 3): מיטן באַוואוסטן הסתדרות־פירער נ. תמיר איבער תל אביבער גאַסן. 4 און 5): אין „דאָרף פון אַרגענטינער אידן" מיטן איניציאַטאָר קוגלער אין דער שפּיץ. 6): אין „יקב" (ווייַן־קעלער) פון ראשון לציון. מאָטקע, א. דיקענשטיין, און דער 27־יאָריקער קאַפּאַטאַז פון „קעלער". 7 און 8): איבער די „גאַסן" פון קריסטלעך־מוסולמענישער שטאָט נ צ ר ת. 9): אין דער קינדער־היים פון דער „וויצאָ". 10): ישיבה פון „חזון איש" אין בני ברק. 11): אַ ישיבה אין צפת. 12): דער אַריינגאַנג אין אייגענעם הויז פון זשורנאַליסטן פאַריין אין תל אביב. 13, 14 און 15): מיליטערישע בית עלמינס אין קרית ענבים און תל אביב.

פקדים און בעט אים עס איבערגעגעבן אין קרן קימת-ביוראָ. איך באַ-קום שוין ווידער אַ „תודה רבה", אַ שיינעם דאַנק!

עס איז שוין זעקס אַ זייגער. מיר לאָזן זיך אַרויפגיין אויף דער שיף. עס איז נאָך טאַקע פרי, אָבער מען דאַרף נאָך דורכפירן איניקע פאָר-מאַליטעטן אויף דער שיף גופא. עס גלוסט זיך ניט איבערלאָזן די יש-ראל-ערד. שטעל איך מיין פוס אויפן טרעפל פון דער שיף — איז אַדיאָס ישראל, און עס גלוסט זיך מיר נאָך ניט זאָגן קיין שלום! קיין אַדיאָס! איך קום צו צו דער טיר פון גאַלפּאָן. איך זוך עפּעס. איך זוך עס און געפין עס! איך... גער אַ קוש, אַ האַרציקן קוש דער מזוזה פון דער טיר! עס איז די איינציקע טיר פון אַן אַדואַנאַ אין דער גאָרער וועלט וואו עס הענגט אַ מזוזה — דאַרף מען, און זי איז ווערט אַז מען זאָל זי אַ קוש טאָן!...

— — — — — — — — — — — — —

אַלץ איז שוין אין אָרדענונג. מיין פרוי האָט גאָר, גאָר אַ וואַזשנע קאַבינע פון ערשטן קלאַס. מיינע איז שוין ניט אַזוי איי, איי. איצט ווייס איך שוין און איך וועל שוין רעקאָמענדירן אַנדערע! ווען איר פאָרט קיין ישראל, איז ביז איטאַליע — פאָרט מיט דער צווייטער קלאַס און פון איטאַליע קיין חיפה — בלויז מיט דער ערשטער! אויב ניט — זענט איר שטענדיק אין געפאַר צו קריגן אַ שלעכטע קאַבינע אויף די פינף טעג רייזע און — אויב איר פאָרט מיט אייער פרוי — וועט מען אייך צעשיידן! ניטאָ אין די „קליינע שיפן", קיין פאַמיליערע קאַבינעס פון „צווייטן קלאַס" פאַר אַ פאָר-פאָלק!

איך לאָז איבער אַלע זאַכן אין די קאַבינעס און מיר גייען אַרויף אויפן „דעק" פון דער שיף. איך וועל פון דאַנען ניט אָפּטרעטן ביז די שיף וועט ניט זיין ווייט ווייט פון חיפה. די אויגן, דאָס האַרץ, די נשמה זיינען צוגעקאָוועט צו אָט דעם אָרט וואָס הייסט חיפה, וואָס הייסט ישראל.

איך בעט אַ דערלויבעניש און גיי אַראָפּ אין „גאַלפּאָן" פון דער אַדו-אַנאַ. איך וויל אַ ביסל שמועסן מיט די ישראל-באַאַמטע איידער איך זאָג דעם לעצטן שלום! און היינט — איז דאָ פון וואָס צו שמועסן! היינט איז פאַראַן אַ גרויס נייעס אין לאַנד — אַ מיניסטאָרן-קריזיס. עס האָבן רעזיגנירט די אַלגעמיינע ציונים פון דער רעגירונג, אַלס פּראָ-טעסט קעגן דער מפ"אי וועלכע וויל, מיט כוח, דורכפירן אַ געזעץ אַז מען מעג אויפהענגען צוויי פאָנען אין די שולעס ווען... די עלטערן פון די קינדער פאָדערן עס. עס איז אַ געפערלעכער פּרעצעדענט. עס וועט

ווערן אַ גרעסערער מיש־מאַש אינ׳ם שול־וועזן ווי עס איז איצט פאַראַן. מען ווייסט, אַז בן גוריון איז ק ע ג ן אַ ט דער ר ו י ט ע ר פאָן! מען ווייסט, אַז ער האָט געשטעלט דער פאַרטיי אַן אולטימאַטום, דאָס אויב זי — די פאַרטיי — וועט אינסיסטירן אויף דער רויטער פאָן ביי געוויסע פייערלעכקייטן — וועט ער, בן גוריון, רעזיגנירן. בכלל איז לעצטנס געוועזן קלאָר פאַר יעדן ישראל־תושב אַז צ ו י ש ן בן גוריונען און זיין פאַרטיי, איז ניט אַלעס שווה בשווה. אַז אין דער פאַרטיי איז פאַראַן אַ גרופּע וואָס מען רופט... „בעוואַניסטן", וואָס ציען צו... מזרח. מען איז זיכער, אַז פריער אָדער שפּעטער, וועט בן גוריון נעמען זיין פּאָרטפעל פון מיניסטער און וועט אים אַ וואַרף־טאָן דער פאַרטיי, מיט איר נייעם „לידער" זלמן אורען, אין קאָפּ אַריין. ה י י נ ט, איז דער ערשטער סימן דערפון. די פאַרטיי האָט באַזיגט בן גוריונען — איז געוואָרן אַ קאַבינעטקריזיס. אויב עס זאָל זיך אויסלאָזן, אַז די אַלגעמיינע זאָלן ניט צוריקקומען און די מפּ״אי זאָל בילדן מיט דער מפּ״ם אַ מיניסטאָרן־קאַבינעט, וועט... זיך אָנהויבן דער אמת׳ער קריזיס — עקאָנאָמישער קריזיס — אין לאַנד.

רעדנדיק איצט אין דער אַדואַנאַ, מיט אַ באַאַמטן, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקאַנט ביי מיין אָנקומען און מיט וועמען איך האָב עטלעכע מאָל שוין „דיסקוטירט", פאַרזיכערט ער מיר, אַז עס וועט צו קיין עקסטרעם ניט קומען. די מפּ״אי וועט נאָכגעבן איר לידער וויל... זי האָט קיין צווייטן ניט וועמען צו שיקן אויף זיין אָרט.

שטילערהייט, אין האַרצן, זאָג איך: א מ ן!

עס פעלן פופצן מינוט צום אָפּגיין פון דער שיף. איך שטיי אויפן דעק און קאָן די אויגן ניט צונעמען. ווי שיין חיפה איז ביי טאָג — צען מאָל, הונדערט מאָל שענער איז זי ביי נאַכט. די טויזנטער עלעקטרישע לאָמפּן וואָס שיינען אַראָפּ פון דעם הדר הכרמל" מאַכן דעם איינדרוק ווי איר זאָלט זיין ערגעץ אין אַ פאַרכישופטן גן עדן. אַ ז אַ בילד זעט מען ניט אויף דער גאָרער וועלט. קיין שום שטאָט אין דער וועלט האָט ניט אַזאַ פּרעכטיקן אויסזען ביי נאַכט.

דער לעצטער פייף. מען וואַרפט אַריין די שטריק אין וואַסער און די שיף הויבט זיך אָן רירן. דערווייטערן פון ברעג. טרערן גיסן זיך פון די אויגן. טרערן פון ליבע, בענקשאַפט און האָפענונג. וואָס ווייטער די שיף דערווייטערט זיך. אַלס ענגער ווערט אין האַלדז. עס גלוסט זיך אָנהויבן וויינען אויפן קול! זאָלן זיי ד אָ ר ט, ביים פאָרט, דערהערן און דער־

פילן ווי אַזוי מען פאַרלאָזט ארץ ישראל! מיט מיין גאַנצן כוח הויב איך אָן... זינגען: — עוד לא אבדה...

דער גאַנצער עולם אידן וואָס שטייען צוזאַמען מיט מיר און באַטראַכטן די אָפּרוקנדיקע שטאָט, זינגט מיט. איך פאַרענדיק די „סטראָפּאַ" אָט אַזוי:

„לשוב לארץ ישראל בקרוב בימנו
לאַרץ ציון   ו י ר ו ש ל י ם"...

— — — — — — — — — — — — —

די שיף איז שוין ווייט פון ברעג אָבער מען זעט נאָך אַרום גאַנץ חיפה. דער גלאָק קלינגט און מען רופט עסן „אָונט-ברויט". ווען מען גלוסט זיך עסן, אַז מען זעט נאָך חיפה? ווער קאָן בכלל נעמען אַ ביסן אין מויל אַריין? ווען מען פרעגט מיך, וואָלט איך געזאָגט, אַז דעם ערשטן טאָג אָדער אָוונט וואָס מען פאָרט אַוועק פון ישראל, דאַרף מען... פאַסטן. מען דאַרף תשובה" טאָן, און מען דאַרף בעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל אייך נאָך אַ מאָל ברענגען אַהער.

מיט כוח שלעפּט מען מיך אַריין אין עס-זאַל פון דער שיף. עס איז טאַקע געווען אומזיסט דאָס פאַרנעמען אַ בענקל פון קאָמעדאָר-טיש.' ניט איך, ניט מיין פרוי, האָבן עפּעס געגעסן. ביי מיין פרוי זיינען די אויגן געווען רויט. זי האָט אויך געמוזט לאָזן אַ היפּשע פּאָרציע טרערן. מיר עסן בלויז אַ ביסל קאָמפּאָט און מיר גייען אַוועק אין אונזערע קאַבינעס. מען איז יענע נאַכט ניט געשלאָפן — אפשר וועט היינטיקע נאַכט זיין אַ בעסערע?

— — — — — — — — — — — — —

עס שלאָפט זיך ווידער ניט. איך האָב עס פריער געוואוסט. צופיל לעבט מען איבער ווען מען פאַרלאָזט די ישראל-ערד, אַז מען זאָל קאָנען רואיק אַנטשלאָפן ווערן. טויזנטער געדאַנקען קומען אין קאָפּ אַריין. איך הויב אָן טראַכטן: — אפשר זיינען טאַקע די ישראל-מענטשן גערעכט? מיט וואָס פאַר אַ רעכט, הויב איך זיך אויף, און לאָז איבער די ישראל-אידן אַז זיי אַליין זאָלן אויסקעמפן און פאַרזיכערן אַ   א י ד י ש ע   מ ד י נ ה   פ אַ ר   מ י ר,   פאַר מיינע   ק י נ ד ע ר   און אייניקלעך. און איך וועל, דאָרט אין חוץ לארץ, זיך רואיק זיצן איבער מיין פעטן, זאַטן, טיש, וועל ניט האָבן קיין יסורים טאָמער טרעפט מיך אַ קויל פון אַ שונא, און איך וועל אָפּקומען דערמיט, וואָס איך וועל באַצאָלן אַ גרעסערע אָדער קלענערע ביישטייערונג פאַר דער אויפהאַלטונג פון די אַכט הונדערט

טויזנט אידן־פּליטים וואָס זיינען, פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, געקומען קיין ישראל. מיט וואָס פאַר אַ רעכט, קום איך, און טויזנטער און הונ־דערטער טויזנטער אַזעלכע ווי איך, מיט וואָס פאַר אַ רעכט קומען מיר קיין ישראל, שפּאַצירן אַרום דאָ עטלעכע וואָכן, עסן פון שענסטן און בעסטן, און... מיר קריטיקירן נאָך! מיר האָבן נאָך טענות, פאַרוואָס דאָס אָדער יענץ, איז ניט לויט אונזער געשמאַק?

פאַר מיינע אויגן גייט אַ שוועב אַ בילד. אַ מאַניפעסטאַציע פון אַר־בעטסלאָזע ביי דער „עיריה" (שטאָט־פאַרוואַלטונג). 99 פּראָצענט פון די מאַניפעסטאַנטן, זיינען געווען נייע „עולים". ווער איז שולדיק וואָס זיי האָבן ניט קיין אַרבעט? די ישראל־אידן — זיינען די לעצטע שולדיקע. זיי טוען וואָס אין זייערע מעגלעכקייטן איז. די אידן אין אויסלאַנד זיינען עס די איבערגעפרעסענע, די רולעטע און פּאָקער־שפּילער, וואָס געבן אוים געלט אויף די גרעסטע לוקסוס־אַרטיקלען און פאַר ישראל, צו העלפן אָט די שטובלאָזע, אָט די אַרבעטסלאָזע — פאַר זיי, סטייעט ניט!

איך ליג אויפן געלעגער און בלעטער מיין נאָטיץ־ביכל אין וועלכן איך האָב אַזוי פיל אַריינגעשריבן אין משך פון די לעצטע וואָכן און חדשים. ספּעציעל — ווייל איך אונטערציען אַ חשבון פון דעם וואָס איך האָב געזען. עס איז שוין ביי מיר קיין ספק ניט, אַז אויב מען פאָרט ניט קיין ישראל מיטן פאַרויסדיקן באַשלוס צו ווערן אַ „מרגל", צו רעדן שלעכטס אויף דער מדינה — מוז מען פון דאָרט אַוועקפאָרן אַ פריינט, כאָטש — אַ סך זאַכן מעגן ניט זיין צום האַרצן און צום געשמאַק. בכלל איז דאָך אַ אידישע טבע צו זאָגן: — „לאָז מיך, איך קאָן בע־סער"! מיליאָנען אידן, וואָס קאָנען אָדער קאָנען ניט ארץ ישראל, זאָגן ניט „לאָז מיך". זיי זאָגן בלויז די צווייטע טייל — „איך קאָן בעסער".

עס שוועבט טאַקע איצט פאַר מיינע אויגן די געשטאַלטן פון די „עולים". אמערסטן — די תימנער וועלכע מען האָט אַזוי ליב אין יש־ראל, מען האָט זיי ליב פאַר זייער אַרבעטסזאַמקייט און... ווייל זיי פּראָטעסטירן ניט. מען האַלט פון זיי, ווייל זיי באַנוגענען זיך מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט און מיט אַ גלאָז וואַרעמע וואַסער. אויף אַלץ זאָגן זיי: ברוך השם. מער ווייניקער, אַזוי זיינען אויך די בולגאַרישע עולים. מערער צרות האָט מען מיט די איראַקער און מיט אונזערע „איירא־פּעאישע" רומענער, אונגאַרישע, יוגאָסלאַווישע און מאַראָקאַנער עולים. אָבער, צו אַלץ וועט דאָך קומען אַ סוף. פריער אָדער שפּעטער!

איך דערמאָן זיך איצט, ווי אַ פריינט, אַ נאָענטער מענטש צו בן גוריונען, האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז אויב בן גוריון וועט פאַרלאָזן זיין מלוכה-פּאָסטן — איז דאָס דערפאַר וואָס ער איז אַנטוישט אין אונזער דור! אין גלות! ביים פּראָקלאַמירן די אידישע מדינה, איז ער געווען זי־כער, אַז די אידן וועלן אַנדערש אויפנעמען דאָס אַנטשטייאונג פון אידישן מלוכה-לעבן, האָבן אַ אייגענע מלוכה, אייגענע מיניסטאָרן און אייגענע אַמבאַסאַדאָרן און וועלן אויסטאָן פון זיך דאָס לעצטע העמד כדי צו שטאַרקן אָט די מלוכה וועלכע דער גלות, דאָס אידנטום, האָט זוכה געווען. דאָס ערשטע יאָר, האָט טאַקע אויסגעוויזן אַזוי צו זיין. די אַנ־דערע דריי־פיר יאָר, איז דאָס פייער אָפּגעקילט געוואָרן און בן גוריון וויל נישט שטיין אין דער שפּיץ פון אידישן פאָלק וועלכע האָט ניט פאַרדינט אַזאַ זכות, וועלכע איז ניט ווערט צו האָבן א אידישע מדינה. א סברא, טאַקע, אַז די אַראַבער וואַרטן מיט ניט שליסן קיין שלום מיט די אידן, ביז די מלוכה — זיי זאָלן עס ניט דערלעבן — וועט זיך אַליין צעפאַלן! דער פריינט האָט עס מיר געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן, כאָטש, ניט ער, ניט איך, ניט טויזנטער אידן ווי מיר, גלויבן אַז עס קאָן קומען צו אַזאַ מאָמענט...

מען האָט מיר אויך געזאָגט אין ישראל אַז בן גוריון איז געוואָרן אַנטוישט ווען ער האָט געזען ווי טויזנטער אידן — נייע עולים — האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן צו לייכט פּרנסות, צו גזוז-קלייטלעך, צום „שוואַרצן מאַרק", צו פאַרקויפן „אַלטע זאַכן", אַבי ניט צו זיין אין אַ קיבוץ, אָדער אין אַ דאָרף אויף ערד-אַרבעט. אַז אָט דער אומפּראָדוקטיווער עלעמענט פאַרשאַפט ישראל אומכבוד און צרות — איז גאָר קיין פראַגע ניט! אָבער בן גוריון האָט געדאַרפט קאָנען די געשיכטע פון אידישן פאָלק און זייער לעבן צווישן פעלקער וואו מען האָט זיי ניט צוגעלאָזט צו ערד-אַרבעט און זיי האָבן ניט געהאַט די געלעגנהייט זיך צוגעוואוינען צו אָט דער שווע־רער, אָבער, זיסער אַרבעט.

און דאָך. מיט אָט דעם עלעמענט וועלכן מען האָט ערשט געדאַרפט איבערדערציען, האָט ישראל דערגרייכט אַזוי פיל! פאַר די לעצטע פינף יאָר, האָט ישראל דערגרייכט אַ סך מערער ווי פאַר די פינף און צוואַנציק יאָר מאַנדאַטן-מאַכט. צו די „תנובה" איז גערעכט ווען זי ווענדעט אָן איר פּאַרטיי-ליניע, אָדער זי איז אומגערעכט — אָבער מען קאָן דאָך ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט אירע גרויסע פאַרדינסטן פאַן ישוב. זי האָט אַרום פינף הונדערט קיבוצים און לאַנדווירטשאַפטן

פאַראייניקט אַרום זיך, און פאַרזאָרגט זיי מיט אַלץ אין וואָס זיי נויטיקן זיך. זי פאַרקויפט זייערע פּראָדוקטן ווי עופות, אייער, פיש, האָניק, קאַרטאָפל פּרוכט, קעז, פּוטער, סמעטענע א. א. אָדער נעמט די גרויסע ישראל־אונטערנעמונג וואָס ווערט אַמשטאַרקסטן קריטיקירט אין ישראל — די געזעלשאַפט „סולל־בונה". צענדליגער און הונדערטער וויכטיקע בוי־אַרבעטן האָט זי אין די לעצטע יאָרן אויפגעבויט. הונדערטער טויזנטער אַרבעטער זיינען באַשעפטיקט אין נייע אונטערנעמונגען. גענוג צו דערמאָנען בלויז עטלעכע פון זיי ווי למשל: — די אייזנגיסעריי „וואולקאַן", די מאַרמאָל און שטיין־פאַבריקאַציע „אבן", די מעטאַל־פאַבריק „חימת", די בעטאָן־פאַבריקאַציע „חימר", די גלאָז־פאַבריק „פעניציא" און די גרויסע טאַזשערן „עגן" וואו מען בויט אויף, מען רעמאָנטירט און מען מאַכט צורעכט מאָטאָר־שיפלעך וואָס זיינען אַזוי וויכטיק פאַרן חיפה'ר פּאָרט — ספּעציעל, צו היטן די ברעגן! דאָס אַלץ איז דאָך אויפגעבויט געוואָרן די לעצטע עטלעכע יאָר און... מיט יידישע הענט!

פאַרשטייט זיך. מען איז באַגאַנגען אַ סך פעלערן. דעם גרעסטן פעלער — בשוגג — וואָס מען האָט פאַרלאָזט די אַראַבישע פאַרמס און מען האָט דערלאָזט, אַז די פּרוכט און ציטרין־ביימער, זאָלן איינגעטריקנט ווערן און פאַר די נעקסטע זעקס־זיבן יאָר, זאָלן זיי קיין נוצן ניט ברענגען. מען האָט פאַרלאָזט, און ניט באַאַרבעט, די פאַרלאָזענע אַראַבישע פעלדער און דערום, האָט מען זיך גענויטיקט אין אַ שטיקל גרינס און אין אַ קאַרטאָפל און טאָמאַטע. אָבער. וועלכע, ערשט־געבוירענע מדינה, קאָן באַלד ביים געבוירן ווערן, אַלץ אינזינען האָבן?...

איך כאַפּ אַ בליק אין מיין נאָטיץ־ביכל און באַמערק ווי אַזוי איך האָב פאַרצייכנט דעם גרויסן דערפאָלג וואָס עס האָבן אין דער וועלט די ישראל־קינסטלעכע ציין. דער דאָזיקער פּראָדוקט, האָט דאָך אַרויסגעשטופּט פון וועלט־מאַרק די גרעסטע לענדער וואָס פלעגן אָט די ציין פּראָדוצירן זייט צענדיגער און הונדערטער יאָרן! אויך די בראַנדזשע פון שלייפן דימענטן! ישראל האָט דאָך באַקומען אַ שם אויף דער וועלט מיט איר פּראָדוקציע פון געשליפענע דימענטן און בריליאַנטן...

איך בלעטער מיין נאָטיץ־ביכל. יעדער בלעטעלע דערמאָנט מיך דאָס פלאַץ וואו איך בין געווען און דעם דאַטום און די שעה ווען איך האָב עס פאַרצייכנט.

אָט מיש איך אויף אַ בלעטל וואו איך האָב פאַרצייכנט אונטערן נאָ־

מען: „די שנאה פון... קינדער צו קינדער”. איך האָב דאָ געמיינט פון די „ווייסע” קינדער צו די „שוואַרצע” און צוריק.

ווען איך בין געווען אין דער שולע „כפר שלום”, האָב איך געטראָפן אַ סך קינדער פון... „געמישטע ראַסעס”. אמת. די „שוואַרצע ראַסע”, איז געווען אין דער מערהייט. אויף יעדער הונדערט קינדער, אפשר צען פּראָצענט „ווייסע”. איך האָב דאַן געפרעגט איינעם פון די בייוועזענדע אינספּעקטאָרן פון דערציאונגס-דעפּאַרטאַמענט וואָס איז געקומען בייזיין דעם קינדער יום-טוב און די קינדער-אויסשטעלונג. יחיאל קליינמאַן הייסט דער דאָזיקער פּעדאַגאָג. איך האָב אים געפרעגט ווי אַזוי איז די באַציונג צווישן די קינדער בנוגע דער „ראַסע” (וועגן דער באַציונג פון די גרויסע האָב איך שוין געוואוסט פון פריער אַז זי איז ניט אַזאַ „האַרציקע”). פריינט קליינמאַן האָט מיר דאַן אָנגעוויזן, אַז אויפן סמך פון באַאָבאַכטונגען, איז ער איבערצייגט, אַז אָט דער פּראָבלעם וועט אין די נעקסטע יאָרן פאַרשווינדן. דערווייל איז דאָ אַ ביסעלע צרות. למען האמת: — ניט די „ווייסע” פאַרשאַפן די צרות, נאָר גראָדע די „שוואַרצע”, וועלכע גלויבן, אויף טריט און שריט, אַז מען קריוודעט זיי. זאָל נאָר אַ לערער אָדער לערערקע אַ לויב טאָן מערער אַ „ווייס” קינד — ווי די איבעריקע „שוואַרצע” וועלן זיי עס אָננעמען אַלס עוולה, אַלס באַווייז, אַז די ווייסע לערערן, שענקט מערער אויפמערקזאַמקייט די ווייסע קינדער... צו מען וויל יאָ, אָדער ניט, עס איז פאַראַן אַ גרויסער פּראָבלעם ביי קינדער. בלויז ביי קינדער. ביי דער יוגנט — שוין ניט. ווערן זיי נאָר אַ ביסעלע עלטער — אַזוי פאַרשווינדט דער אומצוטרוי און די חבר'שאַפט צווישן „ווייס” און „שוואַרץ” ווערט גרעסער.

איך מאַך איצט, ליגנדיק אויף מיין בעטל אין דער קאַבינע פון דער שיף „מעסאַפּיא” אויפן וועג צווישן חיפה און ווענעציע, פאָלגענדע פאַרצייכענונג:

ווען ישׂראל וועט פּטור ווערן פון אַנדערע צענדליגער און הונדערטער שווערע פּראָבלעמען וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט, וועט זי אויך פּטור ווערן פון דער גרויסער, גרוילזאַמער, פּראָבלעם וואָס הייסט: „ווייסע”-אידן און „שוואַרצע”-אידן.

די אויגן הויבן זיך מיר אָן קלייבן און מיינע ליפּן שעפּטשען אַ תּפילה — אַנשטאָט „קריאת שמע”:

גאָטעניו! אויב דו ווילסט שטראָפן די יונגע מדינה, הלמאי זי האָט

ניט געוואָרט אויפן שופר של משיח, האָט ניט געוואָרט אויף דער בשורה פון אליהו הנביא אַז משיח דאַרף קומען און עס וועט צוריק אויפגעבויט אַ אידישע מלוכה, און זי האָט אַליין פּראָקלאַמירט די ענדע פֿון צוויי טויזנט יאָר גלות, די ענדע פון צוויי טויזנט יאָר אָן אַ אידישע מלוכה! אויב דו ווילסט דערפאַר באַשטראָפן — באַשטראָף מיט וואָס דו ווילסט אָבער ניט מיט... שנאת אחים, ניט מיט דער גרעסטער שטראָף, אַז אידן זאָלן זיך דאָרט אַליין פיינט האָבן איינער דעם צווייטן, אַז אידן זאָלן זיך איינטיילן אין „ווייסע" און „שוואַרצע", אין „וותיקים" און „נייע עולים" און אין אשכנזים און ספרדים, אין איראַקער און רומענער, און זיי אַלע זאָלן זיך פיינט האָבן, איינס דעם אַנדערן תכלית שנאה. אָט די קללה, נעם צו פון זיי — אויב דו ווילסט ניט פאַרשעמט ווערן און מען זאָל זאָגן אַז „דיינע קינדער", דיינע „אתה בחרתנו'ניקעס" האָבן ניט געקאָנט פירן קיין אייגענע מלוכה און זיי האָבן זיך — דורך שנאת אחים — איינער דעם אַנדערן אויפגעפרעסן!

איך געפין אין ביכעלע אַ פאַרצייכענונג פון די „אתה בחרתנו"־מענטשן — פון די פרומאַקעס, וועלכע זיינען גרייט דורס צו זיין די מלוכה מיט די מלוכה־מענטשן. מיט אַ סך פון זיי וואָס איך האָב גע־רעדט אין תל אביב — ספּעציעל די מוכרי ספרים, קאָן מען פשוט ניט דיסקוטירן. אַלע צוזאַמען און יעדער פון זיי — גלויבט, אַז מיט אים איז, ניט בלויז די גערעכטיקייט, ניט בלויז דער צדק ואמת, ניט בלויז גאָט — נאָר אויך... להבדל — אַמעריקע. זיי לייגן גרויסע האָפענונגען אויף אַמעריקע. זיי. סטראַשען, אַז אויב מען וועט זיי ניט נאָכגעבן, וועלן זיי... אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע! גלייך, ווי די אַמעריקאַנער טויערן שטייען אָפן און מען וואַרט נאָר אַז זיי זאָלן קומען אַהין און זיך דאָרט באַזעצן און קאָנען לעבן „פריי" — מען וועט ניט נעמען זייערע טעכטער צו דער אַרבעט לטובת דער מדינה. און, ווען איך האָב איצט געבעטן גאָט אין האַרצן, אַז ער זאָל אָפּהיטן די מדינה פון שנאת אחים — האָב איך, אָט די נטורי־קרתא'ניקעס שטאַרק, גאָר גאָר שטאַרק, אינזינען געהאַט. עס איז אָן שום ספק, אַז די אַגודה־מענטשן — שוין ניט רעדנדיק פון די נטורי קרתא'ניקעס, — זיינען ניט קיין פריינט פון ארץ ישראל. מען וועט ניט זינדיקן אויב מען וועט פעסטשטעלן אַז — כאָטש זיי האָבן דעפּוטאַטן אין כנסת, דאָך, זיינען זיי שונאים פון דער מדינה און עס וואָלט זיי ניט געאַרט, ווען מיט דער מדינה געשעט אַן אומגליק. אַלס שונאים — שטייען זיי די דריטע אויפן צעטל. די ערשטע — זיינען די

אַראַבער, די צווייטע — די ענגלענדער און די דריטע — די אגודה׳ניקעס. אַנדערע זאָגן, אַז זיי זיינען די שונאים נומער צוויי!... ספּעציעל איצט, ווען מען קלויבט זיך צו נעמען זייערע טעכטער צום מיליטער-דינסט. אַט דערמאָן איך זיך אַ פאַל מיט וועלכן גאַנץ תל אביב איז געגאַנגען האַראַדאָם. געשען איז דאָס אין אַ גרויסער שטאָט אין ישראל, האָט אַ בתולה אַנגעוויזן אין אירם אַ דעקלאַראַציע צום מיליטער און אפילו געשוואוירן, אַז אירע „רעליגיעזע" איבערצייגונגען דערלויבן איר ניט צו גיין דינען. האָט מען זי אויף דעם סמך באַפרייט פון מיליטער-דינסט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָט די „פרומע בתולה" איז אַ קעלנערן אין אַ קאַפע-הויז וועלכע איז אָפן אַ גאַנצן שבת׳דיקן טאָג און זי, די מויד אַטענדירט די קליענטן און נעמט און גיט געלט און... אַ שיין שמייכעלע אויך...

גאָטעניו! צו וועט אַמאָל, צו אָט דעם אַלעמען, נעמען אַ סוף?...

25-טער מאַי:

איך האָב היינט ניט געקאָנט און ניט... געוואָלט אויפשטיין. איך האָב געוואָלט ליגן און חלומען. חלומען וועגן די אַלע טעג וואָס איך בין געווען אין אַן אַנדער וועלט, צווישן אַנדערע מענטשן און איבערגעלעבט אַ צווייטע יוגנט. אַך, ווען מען לאָזט מיך אַזוי שלאָפן ביז... בוענאָס איירעס. איך וואָלט געשלאָפן און געחלומט. איך וואָלט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די לעצטע זעקס וואָכן.

מען מוז אַראָפּגיין. איך קום אַריין אין „עס-זאַל" און וויל זיך אַנהויבן אַרומקוקן מי ומי? ווער זיינען עס די פּאַסאַזשירן וואָס פאָרן מיט אונז אויף דער „מעסאַפּיא" צוריק קיין חוץ לארץ?

פאַראַן אַ גאַנץ גרויסע גרופּע אַרגענטינער טוריסטן וואָס קערן זיך אום אַ היים פון זייער באַזוך אין ישראל... אַזוי ווי היינט איז אונזער אַרגענטינער נאַציאָנאַלער יום-טוב, באַשטימען מיר, אַז ביים אָנבייסן וועלן מיר, אַרגענטינער, זיך אויפשטעלן און מיר וועלן זינגען דעם אַרגענטינער נאַצ. הימן. עס בענקט זיך טאַקע נאָך אַרגענטינע און נאָך דעם שיינעם הימן וואָס אַרגענטינע פאַרמאָגט.

עס פאָרן אויך עטלעכע אורוגווייער און עטלעכע בראַזיליענער אידן. אַלע — זיינען „חוזרים". אַלע האָבן געלעבט אין ישראל אַ פּאָר יאָר און זיך ניט געקאָנט איינאָרדענען און זיי קערן זיך אום אַ היים. אָט פאָרט

אַ פּאָר־פֿאָלק מיט צוויי קינדער און אַט פּאָרט אַ חלוצה מיט איר מאַן ווייל זי דאַרף געבוירן אַ קינד, אַן ערשטלינג, ווייל זי עס געבוירן אין חוץ לארץ ביי דער אָנוועזנהייט פֿון דער מאַמען.

אַלע אורוגווייער און בראַזיליענער פּאָרן דריטע קלאַס. זיינען „א״־מיגראַנטן״ און אַלס אַזעלכע ווערן זיי באַטראַכט פֿון די אויטאָריטעטן פֿון דער שיף. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער וועלן זיי שוין פּאַרגעסן אין ישראל!

און אפשר וועט זיי גאָר באַנג טאָן?

די שיף שטעלט זיך שוין ווידער אָפּ אין טרויעריק־באַרימטן — ציפּערן. זי וועט שטיין אַ גאַנצן טאָג. קיינער פֿון אונזערע אידישע פּאַסאַזשירן האָט ניט קיין חשק אַהין אַראָפּגיין. דאָס אינזל איז דורכגעווייקט מיט אידישע טרערן און עס איז ניטאָ פּאַרוואָס אַז מיר זאָלן דאָרט איבערלאָזן איין סענט.

קוים דערלעבט דעם פּאַרנאַכט. די שיף גיט אַ פּייף און מיר לאָזן זיך אויפֿן וועג קיין גריכנלאַנד. די וועטשערע אין קאָמעדאָר איז שוין היימלעכער און היימישער און דער אומעט פֿון אַ סך פּנימער פּאַרשווינדט צוביסלעך. מען הויבט זיך אָן צוגעוואוינען מיט די צרות.

ערשט איצט קוק איך זיך אַרום אַז עס פּאָרן מיט אונז אַ גרויסע גרופּע פּראַוואָסלאַוונע גלחים. זיי קומען פֿון אַלט־ירושלים. געווען אויף קבר־אבות ביים נוצרים קבר. אַלע זיינען געזונטע און שטאַרקע יונגען. מען זעט אַז זיי האָבן ניט וואָס צו זאָרגן. מאָרגן וועל איך פּרוּוון אָפּנעמען אַ גרוס ביי זיי פֿון אונזער ירושלים.

26־טער מאַי:

הימל, וואַסער און... בערג. פֿון ביידע זייטן שיף, זעט מען אָן פֿון דער ווייטנס הויכע, שפּיציקע בערג. דאָס אַלעס איז גריכנלאַנד. דריי טעג פּאָרט מען אין גריכישע וואַסערן. אָט, דאָס קליינע פֿאָלק ווי גריכנלאַנד, פּאַרמאָגט אַזוי פֿיל טעריטאָריע, אַזוי פֿיל לאַנד אַז בלויז אין איין זייט, מיטן אַדריאַטישן ים, פּאָרט מען דריי טעג מיט אירע ברעגעס. איך בין מקנא די גריכן מיט אַזוי פֿיל לאַנד. איך בין זיכער אַז ווען זי דאַרף שטימען אין דער „און״ צו מען זאָל צונעמען ביי ישראל אַ ביסל טעריטאָריע, וואָלט זי זיכער געשטימט מיט די יעניקע וועלכע האַלטן אַז ישראל... איז צו גרוים און מען דאַרף ביי איר צונעמען דעם נגב און אַ שטיקל גליל און אַלס „לאַ זשאַפּע״ אינטערנאַציאָנאַליזירן ירושלים...

נאָך מיטיק קלויב איך מיר אויס איינעם פון די... פערצן גלחים וואָס פאָרן אויף אונזער שיף און פאַרפּיר מיט אים אַ שמועס. דער גלח איז אַ יונגער מענטש פון אַ פּאָר און דרייסיק יאָר און איז געווען דער איינציקער וואָס האָט מ י ר געזאָגט דעם „גוט-מאָרגן". אין משך פונ'ם שמועס, וועלכן מיר האָבן אָנגעהויבן פון... גוטן וועטער, פון דער גוטער באַדינונג אויף דער שיף, זיינען מיר צוביסלעך אַריבער קיין... ירושלים. ער איז געווען אין „ביידע" טיילן ירושלים. אין דער אַלטער שטאָט — זאָגט ער — איז זייער אומעטיק און דאָס לעבן איז דאָרט מאָנאָטאָן און באמת אומדערטרעגלעך. דאָס וואָרט „א י ד" טאָר מען דאָרט ניט דערמאָנען. ער איז זיכער אַז דאָרט איז ניט פאַראַן קיין איין איד. ער איז אויך געווען אין די פּליטים-לאַגערן. ער האָט גערעדט מיט אַ סך פּליטים. ער איז איבערצייגט, אַז די שנאה פון די פּליטים צו זייערע „אַראַבישע ברידער", איז שטאַרקער ווי די שנאה צו די אידן. זיי האַלטן, אַז די אַראַבער פון די זיבן מלוכות, האָבן זיי אַרויסגענאַרט פון זייערע היימען און איצט, קוקט מען זיך אויף זיי ניט אום, און מען וואַרט אַז זיי זאָלן אויסשטאַרבן אין זייערע לאַגערן. דער גלח, איז אַ דירעקטאָר פון אַ זשורנאַל און אַ מחבר פון עטלעכע ביכער. ער וועט שרייבן אַלץ וואָס ער האָט געזען.

די גאַנצע צייט האָב איך גערעדט מיטן גלח אויף רוסיש. שפּעטער, האָט ער גערעדט מיט מיר אויף שפּאַניש, און פאַרנאַכט האָבן מיר שוין גערעדט... אין עברית. ער האָט גערעדט אַ פּליסיקן עברית אַ בעסערן ווי איך... כ'האָב זיך מיט אים אָנגעהויבן „חכמה'נען" און אָנגעהויבן רעדן... אידיש, האָט ער מיר געענטפערט אין אַ פּערפעקטן דייטש געמישט מיט אידישע אויסדרוקן און אַפילו אידישע ווערטלעך.

איצטער ווייס איך שוין, אַז מען טרעפט אַ אייראָפּעישן גלח, דאַרף מען אינזינען האָבן, אַז ער רעדט עטלעכע שפּראַכן — אידיש אַריינגערעכנט...

27-טער מאַי:

מיר זיינען שוין ווידער אין אַטען. אויב עס איז עפּעס פאַראַן היסטאָרישעס צו זען אין אייראָפּע, דאַרף מען אָנהויבן מיט דער הויפּטשטאָט פון גריכנלאַנד, מיט אַטענאַס. פאַר אונז, מענטשן וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, איז די דאָזיקע שטאָט און גריכנלאַנד בפרט עטוואָס נאָענט. דער גריכישער „אַלף-בית" איז ענלעך צום רוסישן און

אויך די שפּראַך איז אַ סלאַוויש-רוסישע. ווען איר דערזעט אַטענאַס, מיט אירע קלויסטערס ווי אין מאָסקווע, מיט די אויפשריפטן אויף די הייזער און שיפן וואָס איר קאָנט לייענען און פאַרשטיין, גיט עס אייך אַ צי ביים האַרצן. איר דערמאָנט זיך אין וויגעלע וואו איר זענט געבוירן געוואָרן, אין אייער שטעטעלע, אין „אייער" קלויסטער און אין „אייערע" גלחים.

מיר גייען אַראָפּ פון שיף ווייל זי שטייט דאָ עטלעכע שעה. מיר זיינען אין „פּירן". איך און מיין פרוי, און הלל פרידמאַן און פרוי. מיר גייען אויסקוקן די היסטאָרישע פּלעצער וועלכע מיר האָבן — פאַרענדיק אַהין — ניט אָנגעקוקט. אָט זיינען מיר ביים גרויסן אָפּערע-טעאַטער. ווען אנטיוכוס הרשע זאָל אויפשטיין פון קבר און זען וואָס איז געוואָרן פון „זיין אימפּעריע", דערביי זאָל ער טרעפן עטלעכע אידן וואָס פאָרן פון אַ באַזוך אין אַ אידישער מדינה — וואָלט ער צוריק אַריין אין קבר. די פרוי פרידמאַן, וועלכע האָט אַ מאָל געלערנט אין חדר און געלערנט אַ סך, ווייל זי געדענקט נאָך איצט אויך און רעדט אַ נשקשה'דיקן העברעאיש, פרוי פרידמאַן, וואָלט אַ בעלן געווען אַז מיר זאָלן אַרומגיין זוכן אַלע מקומות וואו דער אַנטיוכוס הרשע האָט געוווילדעוועט. איי, די שיף? — זאָל זי וואַרטן אַ ביסעלע, ביז אידישן טוריסטן וועלן זיך אַ ביסעלע אָנזעטיקן מיט נחת רוח און שטילערהייט, נעמען נקמה פון אַ גרויסער אימפּעריע וואָס איז אונטערגעגאַנגען ווייל זי האָט שלעכטס געטאָן די אידן. אונזער „מערהייט" איז דערפאַר אַז מיר זאָלן זיך אומקערן צו דער שיף.

ווען מיר זאָלן וועלן מאַכן אַ צענז; וואָס איז אין אַטענאַס פאַראַן מ ע ר ע ר: גריכן צו... אַמעריקאַנער מיט ענגלענדער? — וואָלטן מיר, אפשר, געהאַט אַ קליינע מערהייט גרעקן. וואו מען וואַרפט אַ אויג — בלויז אויסלענדישע מענטשן און די גרעסטע טייל — מיליטער-לייט, ספּעציעל מאַטראָסן. טאַקע אַ ד אַ נ ק ז יי, האָבן די גריכן וואָס צו עסן און מיט וואָס זיך צו קליידן. שווערע מיליאָנען דאָלאַר קומען אַריין קיין גריכנלאַנד אַ דאַנק אָט די אַמעריקאַנער און ענגלענדער. שיינע קלייטן פול מיט די בעסטע אַמעריקאַנער סחורות טרעפט איר אויף יעדן שריט און טריט. ווען ניט די אַמעריקאַנצעס און די ענגלענדער, וואָלט שוין גריכנלאַנד ל אַ נ ג געווען אַ קאָמוניסטיש לענדעלע און עס וואָלט געהערשט סטאַלינס האַנט און שטיוול. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז די גריכן, דאָס פאָלק, איז צופרידן מיט די אויסלענדער. „מיין גלח"

האט עס מיר שפּעטער באשטעטיקט. איצט, איז שוין אין גריכנלאנד שטיל און דאס לענדעלע לעבט איבער א פעריאד פון פּראספּעריטי. יעדער ארבעטער פארדינט, ניט ווייניקער פון... א מיליאן דראכמעס א טאג. פאראן אנדערע וואס פארדינען ביז צוויי מיליאן דראכמעס א טאג (ארום 150 ארג. פעז.).

מיר קומען צוריק צו דער שיף. מיר פארלאזן שנעל די גריכישע טעריטאריע מיט אירע שיינע היסטארישע, מקומות. ווען מען פארט פון ארץ ישראל און מען באזוכט גריכנלאנד, איז דא וואס צו טראכטן און פון וואס צו דערמאנען. איך שטעל זיך פאר, ווי אט דער געלערנטער גלח מיינער, גייט איבער די גאסן פון תל אביב און ער טרעפט זיך אן אויף דער גאס „מודיעים” אדער אויף דער גאס „יהודה הכבי”, און ווען ער דערזעט די נעמען פון די אידישע העלדן וועלכע האבן באזיגט זיין גרויסן הערשער און אים ארויסגעטריבן פון ארץ ישראל, וואס, אט דער געלערנטער גלח, קאן דעמאלט טראכטן און פילן? ווען מיר זיינען איצט געווען אויף די חורבות פון אט דער אמאליקער גרויסער אימפעריע, האב איך געפילט אז:

נצח ישראל לא ישקר!

28־טער מאי:

מיר פארן שוין קרוב צו 5 טעג און איך פיל ניט קיין שום ים־קראנקהייט. זאל עס זיין דערפאר, וואס די „מעסאפּיא” איז טאקע א סך א גרעסערע שיף ווי די פאריקע „גירמאניא”, צו עס איז סתם א מזל זאך. אזוי אדער אזוי, איך באשטים ביי זיך, אז מען וועט מיך פרעגן א עצה, זאל איך רעקאמענדירן צו פארן קיין ישראל דורך אט דעם וועג — דאס הייסט — מיט דער „מעסאפּיא”. די שיף בכלל און די באדינונג בפרט — איז בלויז צו לויבן.

ארום צוויי אזייגער בייטאג קומען מיר אן אין דער איטאליענישער שטאט באַרי און מיר שטייגן אראפּ אנקוקן די שטאט. עס פארט מיט אונז אויך די פרוי עלקין. ער, אונזער שיפס־ברודער, משה עלקין, בלייבט אויף דער שיף. ער פילט זיך ניט גוט. ער געפעלט מיר ניט דער חבר עלקין. ער ליידט אויפן הארץ און איך האב דעם איינדרוק, אז עס טוט אים שטארק וויי וואס ער מוז פארלאזן ישראל. ער ארבעט איבער א וויכטיקן ווערק, אן ענציקלאפּעדיע, און איך בעט גאט, דאס ער זאל זי פארענדיקן בשלום. אזעלכע אידן ווי עלקין, האבן מיר

דאָך אַזוי ווייניק! אגב. משה עלקין איז אַ שוואָגער פֿון אונזער ליבן מיכל גרייוווער. ביים געזעגענען זיך מיט גרייווערן און ווען ער האָט אונז דערמאָנט עלקינען, האָט ער מיך געבעטן... האַלטן אַ אויג אויף אים, ווייל ער פֿאָרט אַ היים אַ קראַנקער.

מיר פֿאָרן אַרום מיט אַ „מאַטעאָ" (צוויי פֿערד איינגעשפּאַנט צו אַ פֿייטאָן) מיר פֿאָרן שוין אַ שעה צייט און באַוואונדערן די שטאָט. אין דער צייט פֿון דער מלחמה האָט די דאָזיקע פּאָרט-שטאָט שטאַרק געליטן. איצט איז זי שוין אויפֿגעבויט נייער און שענער ווי זי איז געווען פֿאַר דער קריג. אַמעריקע ליגט דאָ און האָט אַן אינטערעס אַז די איטאַליענער זאָלן ניט ליידן און עס זאָל זיך זיי ניט גלוסטן קיין קאָמוניזם. דאָ, איז שוין פֿאַרקערט. די איטאַליענער ווילן ניט קיין אויסלענדישע הילף און ווילן ניט קיין אויסלענדישע מענטשן און מונדירן ביי זיך. אַ טשודנע פֿאָלק דאָס איטאַליענישע!

די גאַנצע שטאָט איז פֿאַרקלעפּט מיט פּלאַקאַטן און באַהאָנגען מיט גרויסע לייווענטענע „טאַבליצעס". מיר קומען אָן קיין איטאַליע אין סאַמע ברען פֿון וואַל-פּראָפּאַגאַנדע. מען קלויבט אַ נייעם פּאַרלאַמענט. די גרעסטע פּראָפּאַגאַנדע מאַכן די קאָמוניסטן. עס איז אומגלויבלעך און אומעגלעך צו פֿאַרצייכענען וויפֿל פּראָפּאַגאַנדע-קאַרטעלן מיר טרעפֿן אויף די גאַסן פֿון באַרי. אַזוי ווי איך זיץ אויף דער „קעלניע" נעבן בעל עגלה, קאָן איך מיט אים די גאַנצע צייט רעדן. מיר פֿאַרשטייען זיך איין. מיר רעדן חצי איטאַליעניש און חצי שפּאַניש. איך פֿרעג ביי אים, צו אין באַרי זיינען פֿאַראַן אַזוי פֿיל קאָמוניסטן? ער פֿאַרזיכערט מיר, אַז בלויז אַ קליינע צאָל. די גרעסטע מערהייט דאָ, זיינען די סאָציאַליסטן. ווער זשע מאַכט עס אַזוי פֿיל פּראָפּאַגאַנדע?

דער בעל עגלה טראַכט ניט לאַנג און ענטפֿערט דרייסט: דאָס מאַכן די מענטשן פֿון מאָסקווע. זיי געבן עס דאָס גאַנצע געלט דערויף!

די צוויי שעה רייזע איבער באַרי האָבן אונז געקאָסט צוויי טויזנט ליר (אַרום אַכציק פּעזעס) אַלס טרינק-געלט האָט ער געבעטן אַ... פּאָר סיגאַרעטלעך. דאָס טייערסטע מאכל אין איטאַליע — זיינען די סיגאַריזשאָס. אויב מען דאַרף שטיין אין איטאַליע עטלעכע טעג, דאַרף מען זיך באַזאָרגן מיט אָט דעם פּראָדוקט, ווייל, אי עס קאָסט טייער, אי די דאָרטיקע סיגאַריזשאָס טויגן ניט אַפֿילו אויף אַוועק לאָזן זיי מיטן רויך.

פֿאַרנאַכט לאָזט זיך אונזער שיף צו איר לעצטן פּונקט, ווענעציע. דאָס וואָרט ווענעציע, איז פֿאַר מיר, אַן און פֿאַר זיך, אַ כּשוף-וואָרט.

עפּעס אַ קליניקייט! ווענעדיק! ווער עס האָט געלערנט די אי־דישע געשיכטע, דערהויפּט פון מיטלאַלטער, ווייסט וואָס ווענעדיק האָט באַדייטעט פאַר די אידן פון יענע צייטן. איז דאָך דאָס גרעסטע אַנטיסע־מיטיש „ווערק" — שעקספּירס „שיילאָק" באַצייכנט אַלס „דער סוחר פון ווענעדיק". מיר חדר־אינגלעך, פלעגן שטענדיק חלומען פון ווענעדיק און ווען מיר זיינען שוין עלטער געוואָרן, האָט דאָך ווענעציע פאַרנע־מען אַ היבש פּלאַץ אין אונזער פאַנטאַזיע. ווענעציע, מיט אירע גאַסן וואָס שטייען אויפן וואַסער, מיט אירע גאַסן אויף וועלכע מען מוז פאָרן מיט שיפלעך, און, אָט וועלן מיר מאָרגן מיטאָג־צייט אָנקומען קיין ווענע־ציע און מיר וועלן אָפּשטייגן פון דער שיף. פון דאַנען, דאַרפן מיר פאָרן אַכט שעה מיטן באַן ביז זשענעווע. גוט אַזוי! אַז מען לעבט דערלעבט מען, זאָגט אונזער באַרימטער אַרגענטינער כלל טוער און אינדוסטריאַל הער מאַרקאָס רעזניק! אַז מען לעבט — דערלעבט מען צו זיין אין ארץ ישראל און מען דערלעבט אָנצוקוקן די חדושים פון גריכנלאַנד און איצט — די שיינע היסטאָרישע שטאָט ווענעציע — ווענעדיק!

מיט אַ גוטן אַפּעטיט עסן מיר אָפּ אונזער לעצטע וועטשערע אויף דער „מעסאַפּיא"; מיר צעטיילן אַ היבשע פּאָרציע „טרינק־געלט". אַלע נעמען. עס פעלט בלויז אַז דער קאַפּיטאַן פון שיף זאָל נעמען „פּראָפּינאַ". וואָס מיר געפעלט ניט איז, וואָס אונזער קעלנער הייסט אונז היינט ניט אָנעסן זיך קיין סך. עפּעס רעדט ער אַזוי סודות'דיק. ווייזט אויס, אַז דאָס היינטיקע עסן איז ניט פריש. עסן מיר אַ סך לאָקשן, אַ סך סופּ און טרינקען אויס די גאַנצע פלאַש וואַסער פון טיש, אַך! ווי טייער מיר האָבן באַצאָלט!

אַרום האַלבע נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן „דער טאַנץ". עס האָט אָנגעהויבן וואַרפן מיט דער שיף ווי מיט אַ מולטער. די געוואַלדן פון די קינדערלעך און דאָס קרעכצן פון די עלטערע, האָט מען געהערט איבער דער גאַנצער שיף. עס האָט קיין איין פּאַסאַזשיר ניט אויסגעמיטן און קיינער האָט זיך ניט געקאָנט באַרימען אַז אים האָט עס ניט געאַרט. ווייזט אויס, אַז די קעלנער האָבן געוואוסט אַז אַזוי נעמט אויף ווע־נעציע די געסט וואָס קומען צו איר, דערפאַר האָבן זיי רעקאָמענדירט זיך ניט איבערעסן און איבערטרינקען. איך בין געווען זיכער אַז איך וועל... דאָס ניט איבערלעבן! איך האָב געקלונגען און געקלאַפּט און געבעטן הילף און קיינער איז ניט געקומען. מען האָט דערנאָך געזאָגט, אַז אויך די מאַטראָסן האָבן, דאָס מאָל, געליטן פון דער ים־קראַנקהייט.

דער גרעסטער „טאַנץ" איז געווען אַרום זעקס פֿאַרטאָג. די גאַנצע שיף האָט געטאַנצט. אויך מיין פרוי וועלכע איז געווען די „העלדין" פון צוריק מיט אַ פּאָר שעה און האָט ניט געליטן — איז שוין אויך אַטאַקירט געוואָרן. ווען דער ים איז געוואָרן רואיקער, ווען די שיף האָט אָנגעהויבן גיין שטיל און נאָרמאַל — האָבן מיר באַמערקט, אַז מיר זיינען שוין נאָענט פון ווענעציע.

אונזער פרייד פון צו קומען קיין ווענעציע איז אונז אַ ל ע מ ע ן פאַרשטערט געוואָרן.

29־טער מאַי:

שוין ווידער אַ ד ו אַ נ אַ. מען דאַרף ווייזן די פּאַספּאָרטן. מען דאַרף אָנווייזן וויפל דאָלאַר מען פירט און מיט וועלכער שיף מען פאָרט ווייטער. איך שטיי ביים טישל און אָבסערוויר. דערזעט מען אַן אַ ר־ג ע נ ט י נ ע ר פּאַספּאָרט — ווערט ער שנעל און מיט אַ געווייסן דרך ארץ, דערליידיקט. ווייזט אויס, אַז יעדער באַאַמטער אין איטאַליע, האַלט זיך פאַר אַ נעקסטן קאַנדידאַט צו עמיגרירן קיין אַרגענטינע. מיט בראַזי־ליענער, אורוגווייער און אפילו אַמעריקאַנער פּאַספּאָרטן, מאַכט מען נישט אַזוי שנעל און מיט אַזוי פיל איידלקייט.

אין משך פון אונזער רייזע ב י ז ווענעציע, האָט זיך ביי אונז אויף דער „מעסאַפּיאַ" געשאַפן אַ מין „עלטסטער". אַ ישראל־בחור, וואָס איז געפאָרן קיין אורוגוויי צו זיין כלה און — לויט ווי ער האָט געזאָגט און ווי מיר האָבן אים נ י ש ט געגלויבט — וועט ער דאָרט חתונה האָבן און זיך ת י כ ף אומקערן קיין ישראל צו זיין שטעלע אין דער אַדואַנאַ פון לופט־פּאָרט, אָט דער בחור, איז אויטאָמאַטיש געוואָרן דער „עלטסטער" פון די עמיגראַנטן פון דריטן קלאַס, צו וועלכן עס האָבן זיך שוין צוגעשאַרט אונזערע פּאַסאַזשירן פון צווייטן קלאַס, און ער האָט צו־זאַמענגעשטעלט די ליסטע און האָט זיך איינפאַרשטאַנען מיטן עלטסטן פון דער „קאָמפּאַניאַ אַדריאַטיקאַ" וועלכער האָט אויף אונדז געוואַרט ביים אָנקומען קיין ווענעציע. טאַקע כדאי צו פאַרצייכענען: ווען מען קויפט די שיפסקאַרטע, איז די קאָמפּאַניע פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אייך, פון דעם פלאַץ פון וועלכן איר פאָרט אַרויס ביזן פלאַץ אין וועלכן איר קומט אָן. ביי יעדער פּאָרט וואו איר דאַרפט אָפּשטייגן, וואַרט אויף אייך אַ פאַר־שטייער פון דער קאָמפּאַניע און גיט אייך, ניט בלויז אַן עצה און אָריענ־טאַציע — נאָר אויך אַ גוטן האָטעל פאַר דער צייט וואָס איר דאַרפט זיין

ישראל-מענטשן, ישראל-קינדער און ישראל-לעבן



1): ישראל־פּאַטריאָטקעס. פרוי און טאָכטער אילון. 2): דער קינדער־אָרקעס־טער פון דער בלפור־שול אין תל אביב. 3): מיט די הויפּט־שוישפּילערנס פון דער פאָרשטעלונג לכבוד שבועות. 4, 5 און 6): ביי דער קינדער פאָרשטעלונג. 7): קינ־דער, אויף אַ באַזוך אין „יקב". 8): אַרג. טוריסטן ביים אַנילעוויטש־מאָנומענט. 9): פּיזישע איבונגען פון דער יוגנט. 10): אין אַ יפו'ער „גאַס" פון „מיסחר". 11): אין קיבוץ „גבעת חיים" מיטן אַרגענטינער עולה י. רעכטשייט ביי זייערע נייע וואוי־נונגען. 12): דער ברעג ים נעבן הרצליה וואו אַרגענטינער אידן בויען אַ ריזיקן האָטעל וואָס וועט אָפּקאָסטן 50 מיליאָן פּעזעס. אַ טייל פון האָטעל.

מדינת ישראל, געזען מיט אייגענע אויגן

1 און 2): שולעס פון „אָרט” אין ישראל. וו): ביי הרצל׳ס קבר. 4): ביי די ברעגן פון ים המלח (סדום). 5): ביים גרונט־שטיין פון „פּאַוועליאָן סאַן מאַרטין” אין ווייצמאַן־אינסטיטוט, רחובות. 6): אַריינגאַנג צום ווייצמאַן־אינסטיטוט. 7 און 8): די „קינדער־הייזער” אין מפלסים. 9): קינדערלעך פון קיבוץ „גבעת חיים” שפּילן זיך נאַקעטערהייט, מיטן וואַסער־קראַנט. 10, 11 און 12): וו. טשערנאָוועצקי און פרוי און דער באַוואוסטער אַרגענטינער סוחר איסאַיאַס וואָוטשוק און פרוי אין באר שבע, אין סדום און צווישן די זאַלץ־בערג פון וועג צו סדום. 13, 14 און 15): אין מירון, ביי רבי שמעון בר יוחאַי׳ס קבר. 16): אַ צווייטער אויסזען פון „יד מרדכי”. 17): אַ דזשוינט־אויטאָבוס פון אַ שפּיטאָל וואָס ער האַלט אוים. 18): „איינלאַדונגען” צו אַ לוויה. מען קלעפּט פּלאַקאַטן אויף די גאַסן.

אין טראַנזיט-לאַנד: איצט שיקט מען אונז אין אַ צענטראַלן האָטעל פון וועגעציע און אונזער „רויטער" — איז אונזער „פאָרשטייער".

מיר גייען אַרויס פון דער אַדואַנאַ און וואַרטן אויף אויטאָס אָדער אויטאָבוס וואָס וועט אונז פירן צו אונזער האָטעל. ווען מיר קוקן זיך גוט אַרום, דערזעען מיר, אַז מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט וואַסער און קיין אויטאָ וואָלט דאָ גאָר נישט געקאָנט צוקומען. אין עטלעכע מינוט אַרום קומט אָן אַ „טראַנוויאַ". עס איז אַ װ אַ ס ע ר-טראַנוויאַ, אַ שיף — ווי אונזערע ערדישע טראַנוויאַן, וואָס נעמט אויף פּאַסאַזשירן. עס זיינען טאַקע אַריין אין דער דאָזיקער „טראַנווייַ" די פאָר הונדערט פּאַסאַזשירן וואָס זיינען אָנגעקומען מיט אונזער שיף.

מיר פאָרן מיט דער „גאַס". אין ביידע זייטן — זיינען פאַראַן הייזער וועמענס פונדאַמענט שטייט אין וואַסער. ווי אַזוי מען האָט געבויט די הייזער און ווי אַזוי מען מאַכט צורעכט אַ הויז ווען אַ וואַנט שפּאַלט זיך? — איז פאַר מיר געבליבן אַ רעטעניש ביז היינט צו טאָג. דער אמת'ער אמת איז, ווען איינער מאַכט אַ רייזע קיין איראָפּע, עס קאָסט אים אָפּ שווערע טויזנטער און אויב ער פאָרט נישט דורך און קוקט נישט אָן אָט די וואונדער-שטאָט, איז... אַן עבירה זיין געלט!

אונזער „טראַנווייַ" שטעלט זיך נעבן יעדער „פּאַראַדאַ". יעדע צוויי הונדערט מעטער איז פאַראַן אַ „סטאַנציע" פאַר אויפנעמען און אַראָפּלאָזן פּאַסאַזשירן. מיר באַגעגענען שיפלעך און טראַנווייען, קאָלעקטיווע און פּריוואַטע „וואַסער-אויטאָס". איך מאַך שוין אַ חשבון, אַז ווען אַן איטאַליענערקע פון וועגעציע וויל צופאָרן צו אירער אַ חבר'טע און רעדן אַ ביסעלע רכילות — דאַרף זי קויפן אַ „שיפסקאַרטע". נאָך גוט וואָס מען דאַרף נישט קיין „וויזע" פון אַ קאָנסול און אַנדערע טראַמיטעס וואָס מען דאַרף אויף אַ רייזע מיט אַ שיף.

נעבן דער אייזנבאַן-סטאַנציע שטעלן מיר זיך אָפּ. מען פירט אונז אַריין אין אַ האָטעל און מיר קריגן אַ וואַזשנע צימער. אַ שאָד, בלויז וואָס מען דאַרף גיין פיר שטאָק ביז מיר קומען צו אים. פון אונזער פענסטער זעט מען ד גאַנצע פּאַנאָראַמע פון דער שטאָט. אָט, למשל, איז נ י ש ט צו באַמערקן קיין שום לעבעדיקע חיה אין גאַנץ וועגעציע. שפּעטער, ווען מיר זיינען אַרויס אויף אַ שפּאַציר, האָבן מיר זיך איבערצייגט אין דער אייגנאַרטיקייט פון אָט דער שטאָט. נישטאָ קיין א יי ן אויטאָ אויף רעדלעך אין גאַנץ וועגעציע. מען זעט נישט קיין פערד און וואָגן און קליינע קינדער ווייסן גאָר נישט וואָס אַזוינס איז אַ פ ע ר ד, אַ ה ו נ ט,

אַקאַץ. אויטאָמאָבילן — האָבן זיי בלויז געזעען אין די זשורנאַלן און צייטונגען.

מיר שפּאַנען אַוועק זוכן די... אידישע געטאָ. גראַדע, איז אונזער האָטעל נישט ווייט פון דער „געטאָ". מיר דאַרפן איבערגייען עטלעכע בריקן און בריקעלעך און מיר שפּאַנען אַריין אין אַ פאַרדרייט געסל. פינסטערע, אָפּגעלאָזענע הייזער, פון וועלכע עס ווייעט אַן אומעט. דאָ, האָבן געוואוינט די אַמאָליקע איטאַליענישע אידן. דאָ, איז פאַראַן אַ שיל, אַ צווייטע שיל און אַ פּלאַץ — וואָס מען זאָגט אַז דאָ האָט געוואוינט אַ מאָל אַ גרויסער צדיק וואָס האָט באַוויזן מיט זיינע תפילות און ניסים אָפּצוטעווען די ווענעציער אידן פון פּאָגראָמען. אָט איז אַ טאָוול-דענקמאָל פון די אומגעקומענע אידן וואָס די דייטשן האָבן דאָ אומגעבראַכט. אָט איז אַן אויפשריפט אין העברעאיש פון אַ מקום קדוש. אַהער גייען מיר אַריין. מיר האָבן אַ וועג-ווייזער, אַן איטאַליענישער איד וואָס רעדט אַביסל „לשון קדוש" און מיר פאַרשטייען זיך איין מיט אים. אינווייניק, אין מקום קדוש, איז אָפּגעלאָזט און... אומריין. ווייזט אויס, אַז מען היט עס זייער ווייניק אָפּ. פאַראַן אויך איצט אידן אין ווענעציע, אָבער שוין ר ייכע, וועלכע שעמען זיך צו קומען אַהער און זיי האָבן אַ באַזונדער „טעמפּל" פאַר זייער „גאָטס-דינסט".

עס פעלט צו די נאַכט. מיר ווערן פאַרבעטן אין עס-זאַל וואָס געפינט זיך אין... אַ צווייט הויז אַנטקעגן. די וועטשערע איז זייער אַן אָרימע, אַן „עמיגראַנטישע", מען דאַרף בעטן אַ שטיקל ברויט און מען זשאַלעוועט אַ ביסעלע מערער סופּ. איך פאַרצייכן ביי מיר אין נאָטיץ-ביכעלע:

אויב מען פאָרט אין וועג און מען וויל האָבן באַקוועמלעכקייט — דאַרף מען אויסרעכענען אויף איבעריקע עטלעכע הונדערט פעזאָס. מיט געלט — קריגט מען אַלעס. אָט האָב איך פאַר געלט געקראָגן אַ גוטן „ביף" פאַר מיין פרוי. פאָרט מען אין וועג — דאַרף מען נישט איינשפּאָרן!

עס איז שוין שפּעט ביינאַכט און מיר קאָנען נישט איינשלאָפן. דער איינדרוק פון אָט דער מערקווירדיקער שטאָט, שטייט מיר פאַר די אויגן. דאָך, ווען מען פרעגט מיך, וואָלט איך געענטפערט:

דאָס קלענסטע שטעטלע און דערפעלע אין ישראל — אפילו עפּולה! דער מינדערוויכטקסטער קיבוץ אין ישראל, געפעלט מיר שענער, ווי אָט די רייכע און שיינע הייזער פון ווענעציע. מיט ווענעציע, וואָלט איך, צו די אכט טעג, זאט געוואָרן און איך וואָלט זיך שוין דאָרט

גענודיעט! אין ישראל, וואָלט איך געקאָנט זיין, נישט בלויז פערציק טעג אָדער פערציק וואָכן — נאָר פערציק יאָר און איך וואָלט שטענדיק געפונען עפּעס נייעס דאָרט!

קליין ביסטו ישראל, אָבער געשמאַק! זייער געשמאַק.

30־טער מאַי:

מיר שטייען אויף פרי. די פּאָר שעה וואָס מיר האָבן נאָך צו זיין אין אָט דער מערקווירדיקער שטאָט — ווילן מיר נישט פאַרשלאָפן. מיר גייען ווידער אין „עס-זאַל" פון אַנטקעגן. אַזוי ווי איך בין שוין פּראַקטיש מיט די איטאַליענער רעסטאָראַנען און האָטעלן, קויף איך איינדרויסן אַ פּאָר פרישע בולקעלעך און אַ ביסל ווייסן קעז. ווי אַזוי מאַכט זיך — זאָלן מיר נישט בלייבן מיט קיין הונגער. ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט. מען האָט טאַקע דערלאַנגט ווייניק ברויט און די איבעריקע פּאַסאַזשירן האָבן זיך נישט געקאָנט דערבעטן אַן איבעריק שטיקל ברויט. אַזוי איז אין איטאַליע. ברויט — איז דאָרט אַ יקר המציאות און מען זשאַלעוועט אַן אבעריקע שטיקל צו דערלאַנגען צום טיש.

נאָכן עסן, גיט מען יעדן „עמיגראַנט" אַ... טאָרבעלע מיט עסנוואַרג אויפן טאָג. מיר פאָרן מיט דער באַן אַכט שעה ביז זשענעווע, און ביזן פאָרן איז נאָך אויך דאָ אַ פּאָר שעה. איז דאָס אונזער עסן ביז מירן קומען אין זשענעווער האָטעל. דער וואָס האָט שכל געהאַט, איז באַלד אַוועק אין געשעפט און געקויפט גענוג עסן. דאָס וואָס מען האָט מיטגעגעבן, קען קוים סטייען אויף איין צאָן.

צו דער באַשטימטער שעה זיצן מיר שוין אין די וואַגאָנען. אונזער „פירער" דער רויטער בחור פון ישראל, נעמט איבער די בילעטן און פאַרזאָרגט אונז דעם וואַגאָן. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל פאַר די לעצטע דריי און דרייסיק יאָר וואָס איך פאָר מיטן אַן אייראָפּייאישן באַן. דער וואַגאָן איז זייער שיין, גוט און באַקוועם געבעט. מיר מיינען אַז אַזוי וועלן מיר שוין קומען ביז זשענעווע. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן מיר שוין דערפילט דעם טעם פון די איטאַליענישע באַנען. עס איז געוואָרן ענג און מען איז געזעסן קאָפּ אויף קאָפּ. מען האָט, אין זעלבן וואַגאָן נישט געקאָנט אַריבערשפּאַנען פון איין באַנק צו דער צווייטער. ווען מען זאָל אָט אַזוי פאָרן אין די ישראל-באַנען, וואָלט מען שוין געהאַט וואָס און פון וואָס צו באַרעדן! די איטאַליענער, קלאָגן זיך נישט. זיי ווייסן אַז אַזוי דאַרף זיין. די מלוכה — וועלכע בויט באַנען און וואַגאָנען פאַר

פרעמדע לענדער, האָט נישט קיין געלט צו בויען פאַר זיך אַליין. מוז מען זיך מוטשען און שווייגן.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין מילאַן — זיינען מיר שוין געווען האַלב טויטע. אַ גליק כאָטש, וואָס מיר האָבן געקאָנט אַראָפּגיין אַ ביסל און אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

דאָס פאָרן מיטן באַן פון װענעציע ביז זשענעווע האָט ווערט געהאַט בלויז צוליב דעם אויסערגעוויינלעכן שיינעם בילד פון אַ ר יי נ פ אָ ר ן קיין זשענעווע. מען שניידט דורך גרויסע בערג, טיפע טונעלן אין וועלכע מען לויפט אויף אַן אומגעהויערער שנעלקייט און עס איז צען און פופצן מינוט פינסטער. מיר פאָרן שוין מיט דער שטאָט — און עס איז אַלץ טו־נעלן און טונעלן. אָדער מען פאָרט אויף אַ הויכן באַרג אָדער — טיף אין דער ערד.

שיין איז זשענעווע. תל־אביב — איז נ אָ ך שענער — כאָטש קיין טונעלן זיינען דאָרט נישטאָ. אין זשענעווע זיינען מיר אָפּגעווען ז ע ק ס טעג און קיין... איין אידיש אָדער העברעאיש וואָרט אויף דער גאַס נישט געהערט. אין ישראל, האָבן מיר, באַלד ווי מיר זיינען געקומען, געטראָפן ביים פאָרט צוויי טרעגער זיך קריגן און... דווקא אויף ע ב ר י ת. ווי זשע קאָן מיר געפעלן זשענעווע צי אַטען אָדער ליסאַבאָן? — ווי שיין און ריין זיי זאָלן נישט זיין!...

— — — — — — — — — — — — — —

אונזערע עטלעכע טעג זיין אין די איטאַליענישע שטעט האָבן אונז אַריינגעפירט אין אַ רעש'יקער גוישער וועלט. מען איז געפאָרן אָנקוקן שיינע היסטאָרישע ערטער. מיר זיינען געווען אָנקוקן דעם באַרימטן אין זשענעווע „קאַמפּאָ סאַנטאָ" — דאָס איז זייער באַרימטער בית הקברות וואָס איז דער איינציקער אין אייראָפּע מיט זיינע סקולפּטורן און מיט זיינע... קברים. אין איין וועג זיינען מיר שוין געווען אויפן אידישן בית עולם פון זשענעווע, וועלכער איז — אין קאָנטראַסט צום גויאישן צווינטער — אַזוי אָרים און נאַכלעסיק אָפּגעהיט. מיר האָבן דאָרט געטראָפן קברים פון 16־טן יאָר־הונדערט און עס האָט שאָקירט וואָס קיין איין גרעזעלע, קיין איין בלימעלע האָבן מיר נישט געפונען אויף קיין שום קבר. מיר האָבן אין איטאַליע געזען וואונדערבאַרע שיינע פּלעצער! וואונדערבאַר שיינע פּאַנאָראַמעס. אָבער — צו ארץ ישראל — קומט עס ניט. ד אָ ר ט, איז אַלעס עפּעס אַנדערש. דאָרט זעט מען וואונדער, און דאָ זעט מען.. אַמעריקאַנער דאָלאַר וואָס האָבן אויפגעבויט. אָט, פאָרן מיר אַרויף אין

זשענעווע אויפן „רידזשי״ — אַזאַ הויכער, ריזיק-הויכער באַרג פון וועלכן מען זעט די גאַנצע שטאָט אַרוים. דער באַרג איז וואונדער שיין. אָבער, „ה ר צ י ו ן״ איז שענער. פון הר ציון זעט מען אויך אַ שיינע פּאַנאָראַמע. מען זעט די אייביקע שטאָט ירושלים און מען זעט אַפילו אַ צווייטע „מדינה״, אַ שונא מיט אַ ביקס אויף די אַקסל און מען האָט פאַר אים קיין מורא נישט. און ווייטער: — וואָס קריגט איר צו קויפן אויפן „רידזשי״ וואו אַ באַנדעלע אויף אַ קייט שלעפּט אייך אַרויף? איר קאָנט דאָרט קריגן אַ... גוטן סאַנדוויטש, אַ גלאָז קאַלטן ביר און אַ פּאָר שפּי־לעכלעך פאַר קינדער. גייט איר, אָבער, אַרויף אויפן „הר ציון״, קריגט איר דאָרט אַ פיינעם... ארץ ישראלטלית, איר קריגט אַ תנ״ך אין בילד, אַ שיין מחזור׳ל אויף ראש השנה און אַ שיינע מנורה פאַר אייערע חנוכה ליכטלעך!

ניין! דער „הר ציון״ — געפעלט מיר שענער ווי דער זשענעווער „רידזשי״ און ווי אַלע בערג פון גאַנץ אייראָפּע...

דעם 4־טן יוני :

אַדיע אייראָפּע! מיר קומען אַרויף אויף דער ריזיקער שיף ״דזשולי סעסאַרי״ וועלכע וועט אונדז ברענגען אַהיים. צו קינדער און אייניקלעך, צו פריינט און באַקאַנטע. צום אייגענעם טיש און אייגענעם בעט.

עס איז צוגעגרייט פאַר אונז זייער אַ פיינע קאַבינע. פון דער בע־רענסיע אין בוענאָס איירעס, טאַקע דער דאָקטאָר ברונעללי, האָט פאַר־זאָרגט פאַר אונז באַקוועמלעכקייטן אויף דער שיף. די קאַבינע איז פון ערשטן קלאַס, אָבער, מיר „האָבן אַ רעכט״ צו עסן אין צווייטן קלאַס. דאָרט איז היימישער און היימלעכער. אַט, פאָרן צוויי פאַמיליעס אונזערע אין ערשטן קלאַס, ה״ה איסאַאיאַס וואַוטשוק און פאול נוסבאום, און זיי פילן זיך דאָרט נישט באַקוועם. דאָס אַנגעצויגנקייט דאָרט — איז נישט פאַר „נאש בראַט״. אויף דער דזשוליאָ סעסאַרי, טרעפן מיר שוין אַ היבשע גרופּע אַרגענטינער אידן. אַלע זיינען געווען אין ישראל, דאָרט פאַרבראַכט און קומען צוריק צופרידן. אָט איז דער באַקאַנטער נאַציאָנאַל-פאָנד עסקן סאַוואַצקי און אָט איז דער באַקאַנטער סוחר מ. אַקלאַנדער. עס פאָרן אויך מיט אַ סך אידן וועלכע מיר האָבן זיך געטראָפן מיט זיי אין ישראל, ווי: — כוליאַ דאַווידזאָן, ברוך ישמח, מ. בערגמאַן, א. א. עס קומט אויך אַרויף אויף דער שיף דער „פיסטאָקראַט״ וואָס איז געפאָרן מיט אונדז

אַהינוועגס ער איז געווען אין אייראָפּע די גאַנצע צייט — די גרעסטע צייט איז ער געווען אין דייטשלאַנד, און קיין ישראל איז ער נישט אַריינגעפאָרן...

איך פאַרצייכן היינט אין מיין נאָטיץ ביכעלע: — אויב עמעצער וועט אייך זאָגן אַז אין איטאַליע מאַכט מען שוועריקייטן ביים אַריינפאָרן אָדער אַרויספאָרן — זאָלט איר נ י ש ט גלויבן! אַ חוץ... ע ס ן זייענען זיי גרייט אייך צו געבן כבוד וויפל אייער האַרץ גלוסט. וואָס יאָ! גרייט אָ אַן זאַק מיט געלט אויף צו געבן „פּראָפּינע". אויף טרינק-געלט, זיינען זיי אַ ל ע ספּעציאַליסטן צו נעמען. מען שטרעקט פּשוט אויס די האַנט. מען שעמט זיך נישט. איז, אַז מען פאָר אין אַזאַ וויטן וועג, דאַרף מען שטענדיק אינזינען האָבן אָנגרייטן א י ב ע ר י ק ע עטלעכע טולער און... מען ד אַ ר ף געבן פאָרנדיק אין פרעמדע לענדער, זעט מען ערשט די ווערט פונעם פאָלקס-ווערטל: „אַז מען שמירט — פאָרט מען".

למען האמת. בלויז אין ישראל האָט אונדז געקאָסט ווייניק „טרינק-געלט". ו ו יי נ י ק — אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער.

— — — — — — — — — — — — —

איך פאַרצייכן שוין נישט לויט די טעג. איך האָב שוין נישט צוליב וואָס צו מאַכן ט ע ג ל ע כ ע פאַרצייכענונגען. א י צ ט, וואָלט איך געוואָלט פאַרגעסן אין אַ סך זאַכן. איך וואָלט גאָר אַ בעלן געווען זיך לייגן שלאָפן און אויפשטיין אין ריאָ דע זשאַניירא. דער וועג, דאָס וואַסער און הימל, האָבן שוין פאַרלוירן דעם רייץ פאַר מיר. אַלע טאָג איז פאַראַן פיינע קאָנצערטן אויף דער שיף, פיינע שפּילערייען. אַפילו... „פערד קאַררעראַס" און עס זיינען פאַראַן געווינערס און פאַרשפּילער עס זיינען דאָ אַלע טאָג טישלעך מיט... פּאָקער און אַ סך רייזענדע זיצן אָפּ שעה'ן וויז ביי אָט דער „מלאכה". אויך בין זיכער אַז אין ישראל, האָט קיין איין פרוי — פון די אַלע וואָס פאָרן מיט אונז און זיינען דאָרט געווען — נישט געשפּילט אין קיין קאָרטן. דאָרט, איז אַ קליינער כבוד און נאָך אַ קלענערער פאַרגעניגן צו שפּילן אין קאָרטן. א י צ ט, האָט מען זיך גענומען ווידער צום „תהילים'ל" און מען וויל אָפּגעוואוינען די פאַרלוירענע צייט.

אונדזערע ווייבער זיצן נישט ליידיק. פרוי הורוויץ און פרוי פרידמאַן גייען אַרום מאַכן געלט פאַר דער וויצאָ, פאַרן קרן קימת. אַ ל ע געבן. בלויז א יי ן איד האָט נישט געגעבן... ער איז נישט געווען אין ישראל

און ער האָט אַ „שטוב אין דער היים." מען זאָל קומען צו אים קיין בוע־נאָס איירעס. דאָרט — גיט ער עקסטראַ ניט!...

גאַטעניו! ווען אָט די אידן אַ מאָל קליגער ווערן?

— — — — — — — — — — — — — —

מיר קומען אָן קיין דאַקאַר. צום גרויסן פּאָרט פון צפון-אַפריקע. כאָטש עס איז שוין גוט נאַכט, דאָך פאָרן מיר אַראָפּ אין שטאָט אַריין. ווידער באַקום איך אַ לעקציע: אויף דער שיף האָט מען אָרגאַניזירט אַן „עקס־קורסיאָן" אַראָפּצוגיין אין שטאָט אַריין, האָט געקאָסט 750 איטאַליענישע ליר (אַרום דרייסיק פּעזעס) פון אַ מענטשן. פריינט וואָוטשוק האָט אונדז מכבד געווען מיט אַ פּאָר אין שטאָט אַריין. ווען מיר זיינען אַראָפּ פון טרעפּל פון שיף האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז די זעלבע רייזע — און אפשר אַ בעסערע — האָט מען געקאָנט מאַכן אָן דער פאַרמיטלונג פון דער שיף און עס האָט געקאָסט בלויז... 200 ליר. פאַרצייכן איך שוין ווידער: — מען דאַרף נישט פאָרן מיט די עקסקורסיעס וואָס די שיף אָרגאַניזירט. מען דאַרף פאָרן אַ ליין, זעלבסשטענדיק, קאָסט ביליקער און מען פאָרט באַקוועמער...

אָנקוקן דאַקאַר — איז ווערט דאָס גאַנצע געלט. די שוואַרצע טיפּן וואָס מען זעט דאָרט — שטעלט מען זיך נאָר פאָר אין פאַנטאַזיע אָדער מען זעט זיי... אויף די פּאָסטאַל-קאַרטלעך. ווען מען גייט אַראָפּ אין דאַ־קאַר, זעט מען זיי בפועל ממש. איר זעט ווי אַזוי „אויסגעפּוצטע" „דאַ־מעס" וואָס טראָגן אַלערליי קרעלן און פּאַטשערקעס אויפן האַלדז, גייען לאַנגע קליידלעך אָנגעטון איינס אויפן אַנדערן. טראָגן אויף די פּלייצעס, קינסטלעך צוגעבונדן, אַ קינד און... אַליין גייט מען באָרוויס. מיר האָבן געזוכט אַ פרוי אָדער אַ מאַן וואָס זאָל טראָגן שיך און מיר האָבן נישט געפונען. אַפילו דער „עלעגאַנטער" קעלנער פון דער שיינער קאָנפיטעריאַ וואו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט טרינקען אַ קאַווע, איז אויך געגאַנגען באָרוויס, כאָטש דער ווייסער אָנצוג זיינער האָט אַזש געבלישטשעט פאַר ריינקייט.

אַ מאַכנע פליגן פון איין זייט און אַ גרעסערע מחנה „סוחרים", אָנ־הויבנדיק פון קינדער פון אַכט יאָר ביז עלטערע מענטשן, זיינען אונז באַ־פאַלן. מען קאָן דאָרט קיין טריט נישט געבן. זייער הויפּט-סחורה איז: — קעמעלעך פון עלפאַנט-ביין און קרעלן. אַ קעמעלע קאָסט אַרום פופציק אַרגענטינער פּעזאָס — כאָטש זיי מאָנען דריי טויזנט ליר (120 פּעזאָס).

איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַז ווען איך וועל פאָרן דאָס צווייטע מאָל פון ישראל, וועל איך ביי זיי קויפן אַ קעמעלע — כאָטש איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז איך באַנוגן זיך מיט אַ קעמעלע פון פופציק... סענט.

— — — — — — — — — — — — — —

ווידער פאָרן מיר איבער דעם „עקוואַטאָר". מען גרייט שוין ווידער אַ יום־טוב. פאַר מיר איז דאָס שוין אַ וואָכעדיקער ענין. בכלל האָבן זייער ווייניק אידן אָנטייל גענומען אין אָט דעם „האַלב־געצנדינערישן" יום־טוב. חברה יונגוואַרג האָבן זיך פאַרווײַלט. איך בין אַוועק אין קאַבינע און זיך אַוועקגעלייגט טראַכטן. איך האָב געוואָלט מאַכן מיט זיך אַליין אַ חשבון הנפש, אַ רעזומען פון דריי הדשים רייזע, דריי חדשים זיין אין דער פרעמד, און דער עיקר — פון זעקס וואָכן זיין אין ארץ ישראל און אין מדינת ישראל! צי איז פאַראַן אַ חילוק צווישן ביידע באַגריפן פון ארץ און מדינה? איך גלויב אַז יאָ. אַלנפאַלס — פאַראַן אין ארץ ישראל ערטער וואו מען איז נישט אין דער מדינת ישראל. אַלס ביישפיל — דער קוואַרטאַל „מאה שערים" אין ירושלים. אַ צווייטער ביישפיל? — נוצרת. ספּעציעל דאָרט, וואו טאַפיק טובי און זיינע קאָמוניסטן „הערשן".

איך מאַך אַ חשבון וואָס ישראל איז איצט. איך דערמאָן זיך אין אַלע פאַרדרוסן וואָס איך האָב געהאַט ווען איך האָב באַמערקט אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק אָדער עס טויג נישט. איך דערמאָן זיך אפילו אַז איך האָב געהאַט אַ סך טענות צו די שטאָטישע מוניציפּאַליטעטן פון תל אביב, חיפה און דערהויפּט ירושלים, פאַרוואָס זיי ברענגען נישט אין אָרדענונג די נעמען און די נומערן פון די גאַסן. געווען מאָמענטן אין ישראל ווען איך האָב געוואָלט אויסשרייען אין דער הויך מיין פּראָטעסט קעגן אומרעכט וואָס מען באַגייט קעגן אַ סך נייע עולים, אַן אומרעכט, וואָס טרייבט אַ סך פון זיי צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד אָדער צו שרייבן קיין חוץ לארץ און בעטן הילף, שרייען קאַראַול! און דערמיט שאַפן אַ שלעכטן נאָמען דער מדינה. איך לייקן נישט. איך האָב געהאַט אַ סך מאָמענטן פון ווייטיק און פאַרדרוס. אָבער — וויפל פרייד האָט מיר ישראל — די מדינה און דאָס לאַנד פאַרשאַפט? וויפל טרערן פון פרייד און עמאָציע, האָב איך, און הונדערטער און טויזנטער אידן ווי איך געלאָזט פאַלן אין ישראל און באַנעצן די ערד מיט זיי? וויפל פרייד און גליק קריגט מען אין ישראל ווען מען קוקט זיך צו ווי אַזוי אַזאַ קליין לענדעלע האָט אַריינגענעמען, אַריינגעזויפט אין זיך, נאָך אַמאָל אַזוי פיל

מענטשן וויפל עס איז פריער געווען און, יאַקאַס, קיינער שטאַרבט ניט פון הונגער.

ווען מען פאָרט איבער די וועגן און שליאַכן פון אַט דעם קליינעם, אָבער געשמאַקן, לענדעלע, און איר באַגעגנט אַ פויער זיצן אויף זיין אַקער, אָדער אַ פויערטע מעלקן איר קו, אָדער אַ „שייגעצל" קלויבן דאָס גראָז פון פעלד און איר דערמאָנט זיך, אַז אַט דער „פויער" און „פויערטע" און דאָס „שייגעצל", זיינען געליגן אין די געטאָס פון איראַק און תימן, מצרים און לבנון און איצט זיינען זיי אידישע בירגער וואָס בויען דאָס אידישע לאַנד און זיינען גרייט מיט זייער לעבן עס צו פאַרטיידיקן — פאַרשעמט איר זיך פאַר זיך אַליין. פאַר אייער עלעגאַנטנעם און באַקוועמען אויטאָ, פאַר אייער ווייס העמד און שניפּס, פאַר אייערע ברייטע, באַקוועמע שיך און ווייסע טיכעלעך, און — איר זענט גרייט אַלעם, אַלעם מוחל זיין — צוליב אַט די מענטשן וועלכע בויען דאָס לאַנד, אין דער צייט, ווען איר לעבט אַ באַקוועמען און רואיקן לעבן!

און, אַט, אַזוי, ליגנדיק אויפן געלעגער אין מיין קאַבינע פון ערשטן קלאַס אויף דער גרויסער לוקסוסער שיף „דזשוליע סעסאַרי", נאָך אַ זאַטער וועטשערע און נאָך אַ פיינעם קאָנצערט אָדער סינע־סעאַנס, טראַכט זיך — ווען מען מאַכט אַ חשבון, אַ אונטערצי פון דער רייזע קיין ישראל. עס שוועבן פאַר מיינע אויגן געשעענישן און געשטאַלטן. שטעט און מענטשן. בויער און קעמפער. שרייבער און קינסטלער וועלכע זיינען אַ צירונג, ניט בלויז פאַר ישראל — נאָר פאַרן אידנטום פון דער גאַנצער וועלט.

אַט, שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס פּאַטריאַרכאַלע געשטאַלט פון „גראַן מאַייעסטראָ" פון דער מאַזאַנען „לאָזשע" אין ישראל. די דאָזיקע לאָזשע, איז זייער גרוים אין ישראל א סך רעגירונגס־מענער געהערן צו איר. איך האָב פאַרן פריינט מאַנעספעלד — דעם גראַן־מאַייעסטראָ — ניט יוצא געווען. ער האָט מיך אַ סך מאָל געבעטן צו זיין זיין גאַסט — און איך האָב ניט געקאָנט אָפּרייסן קיין איבעריקע צייט פאַר וויזיטן — כאָטש, פון אַ וויזיט ביי מאַנעספעלדן — איז דאָ וואָס זיך אָפּצולערנען. ער וואוינט אין דעם הויז וואו עס האָט געוואוינט מיניסטער ראָזען ע"ה און וואו מען האָט אונטערגעלייגט אַ באָמבע וועלכע האָט אויפגעריסן. דאָך, ווייסנדיק אַז דאָס הויז איז שטענדיק אין סכנה — האָט הער מאַנעספעלד דאָס הויז ניט פאַרלאָזט, פונקט ווי ער האָט עס ניט פאַרלאָזט

ווען די אַראַבער פון יפו האָבן עס אַזוי באַשאָסן, אַז קיין גאַנצער ציגל איז ניט געבליבן אָן אַ סימן פון די קוילן. ווען איך האָב געפרעגט די זייער חשובע פרוי מאַנעספּעלד, צו זי האָט קיין מורא ניט געהאַט צו וואוינען אין אָט דעם הויז ווען עס איז געשטאַנען אַזוי נאָענט „צום שלאַכט־פראָנט״, האָט זי מיר, מיט אַ שמייכל געענטפערט — וואָס אַלע ישראלים זאָגן: — זיי האָבן געהאַט צוויי גוטע אַרגומענטן ניט צו פאַר־לאָזן דאָס הויז. ערשטנס: — האָפענונג און צווייטנס: — די... „אין ברירה״!

מיט אָט די דאָזיקע „אַטאָמישע באָמבעס״ — האָט מען פריער מנצח געווען די אַראַבער און מען וועט זיי אייביק מנצח זיין!...

— — — — — — — — — — — — —

הימל און וואַסער. ווען ניט ווען, קומט אָן אַ שיף אַנטקעגן און „מיר״ באַגריסן זיך מיט איר דורך אַ לאַנגן פייף. אויפן דריטן טאָג, ווייזט אונז די אַרויסגעהאנגענע מאַפּע, אַז מיר זיינען אַריינגעקומען אין בראַזיליע־נער וואַסערן. דריי טעג פאָרן מיר מיטן בראַזיליענער ברעג. ניט וויט פון אונז איז די פּראָווינץ פּערנאַמבוקאָ. אָך! ווי גאָט האָט אַזוי שלעכט אייגעטיילט די וועלט! איין פאָלק האָט אַזוי פיל פּוסטע פעלדער און גרויסע וועלדער און אַ צווייט פאָלק — איז אַזוי קליין, אַז עס איז ניטאָ וואו אַ ריר צו טאָן זיך איינער מאַכט אַ וויץ; וואָס האָט עס געאַרט משה רבינו, ווען אנשטאָט ער זאָל אונז האָבן געפירט אין דער מידבר איינצונעמען אַזאַ קליין לענדעלע ווי כנען — דאָס היינטיקע ארץ ישׂ־ראל — ער זאָל אונז געווען פירן צו אַ לאַנד מיט אַ סך פעלדער, מיט אַ סך וועלדער און גערטנער! סיי, ווי, האָט דאָך גאָט אונז געהאָלפן זיי באַזיגן — וואָס זשע וואָלט אים געאַרט ווען ער גיט זיך אַ איבעריקן „קוועטש״ אַ גרעסערן שטרענג אָן, און גיט אונז שוין איבער אַ גרעסערן שטח ערד ווי אָט דאָס ארץ ישראל וואו עס האָט געגרינען מילך און האָניק!...

און, נאָך אַלעמען, זיינען מיר גרוים אין די אויגן געוויסע פעלקער און מען וויל, פון אָט דעם קלייניניקן לענדעלע, נאָך אַלץ אָפּרייסן אַ שטיק — כאָטש — די הויפּט־שטאָט — ירושלים...

— — — — — — — — — — — — —

בלעטערנדיק, אין אָט די „גרויע — ים־טעג״, מיין נאָטיץ ביכעלע, גע־פין איך פאַרצייכענונגען וויפל אָט דאָס קליינע לענדעלע ישראל האָט

איבערגעלעבט אין משך פון די לעצטע פ י נ ף יאָר און אין משך פון ל ע צ ט ן יאָר, און איז ד אָ ך אַרויס אַ געזונטע און פעסטע מדינה.

ווען איר גייט איבער די גאַסן פון די ישׂראל־שטעט, טרעפט איר א ו מ ע ט ו ם, די צוגעבויעטע „פעסטונגען" ביי די טירן פון יעדער הויז וואָס מען האָט געמאַכט אין דער צייט פון דער באַפרייאונגס־מילחמה. דאָס איז געווען אַ שמירה קעגן די קוילן פון די ביקסן און קעגן אַ באָמבע פון הימל און פון דער יבשה. עס איז שוין שטיל אין לאַנד, דאָך רוימט מען נאָך ניט אָפּ די „פעסטונגען" — די ווענט צום אַריינקום פון הויז.. ווי אַזוי אַ זאַך מאַכט זיך — זאָל מען זיין גרייט! ביי אָט די אומשטענדן פון „ווי אַזוי אַ זאַך מאַכט זיך", לעבט מען, מען אַרבעט און מען בויט, און... מען גרייט צו גרויסע פּלענער פאַר דער צוקונפט. וועלכעם פאָלק, וועלכע מלוכה וואָלט דאָס געקאָנט אַזוי רואיק אַרבעטן, מיט דער געפאַר, די ש ט ע נ ד י ק ע געפאַר, פאַר די אויגן? וועלכע איינוואוינער פון וועלכן לאַנד וואָלטן געקאָנט לעבן אין אַטמאָספער פון שטענדיק שטיין אין געפאַר איבערגעפאַלן צו ווערן פון אַ שונא הינטער די פּלייצעס און באַקומען אַ קויל אין קאָפּ? בלויז אין ישׂראל, ביי אָט דעם אָנגעליטענעם פאָלק קאָן דאָס געשען! בלויז ישׂראל־מענטשן, קאָנען פאָרן פון תל אביב קיין חיפה אָדער פון תל אביב קיין ירושלים און האָבן אין דער זייט — גאָר נאָענט — דעם שונא'ס גרעניץ, און,—ד אָ ך פאָרן! אָן מורא! בלויז ישׂראל־מענטשן, קאָנען באַקומען אַ מעלדונג, אַז די שטאַרקסטע מלוכה פון אייראָפּע — סאָוועטן־פאַרבאַנד, רייסט איבער מיט איר די באַציאונגען און ווערט אַ שונא, און — דער ישׂראל־מענטש זאָל ניט פאַרלירן די נערוון, זאָל ניט ווערן דערשראָקן, און רואיק אָנגיין מיט זיין טאָג־טעגלעכער טעטיקייט. בלויז ישׂראל־מענטשן קאָנען בלייבן רואיק און ווייסנדיק אַז עס פאַרמאָגט אַ ז אַ גרויסן א י ד י ש ן „פינפטן קאָלום" — די אידישע קאָמוניסטלעך מיט די סנה'לעך, און זיי לאָזן פריי אַרומגיין איבער די גאַסן און זיי ניט לינטשן!

איך דערמאָן זיך. איך בין געווען אין ישׂראל־קאָנגרעס און סע האָט גערעדט דער אידישער „חבר הכנסת" דער מנוול מאיר ווילנער. וויפל ג י פ ט ער האָט אויסגעגאָסן אויף דער מדינה און אויף אירע פירער! דאָך, האָט זיך קיינער פון די הונדערט צוואַנציק דעפּוטאַטן ניט אויפגעהויבן און אים ניט געוואָרפן אַ טינטער אין קאָפּ אַריין! נאָך מער! מען האָט אים געלאָזט אויסרעדן ביזן סוף! אָט דאָס הייסט א י ד י ש ע גבורה!

איך בלעטער מיין נאָטיץ־ביכל. מיינע פאַרצייכענונגען פאַר די אַלע

טעג פון מיין זיין אין ישראל. איך טרעף דאָרט, פאַרצייכנט מיט רויטן פעדער, די שווערע איבערלעבונגען פון ישראל פאַר די לעצטע עטלעכע חדשים. די פראַגער פּראָצעסן און זייער ווירקונג אויף די ישראל-בירגער. דער פּראָצעס פון די מאָסקווער דאָקטוירים, און לסוף — די אייגענע צרות מיט די טעראָריסטן וואָס פּליאַדיען זיך אין לאַנד. מען דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן צו זיין איצט אַ אידישער מיניסטער. פון איין זייט —דרייט זיך דער מוח וואו נעמט מען „אויף שבת?", פון דער צווייטער זייט — דאַרף מען קעמפן מיט פּרומאַקעס, מיט עקסטרעם רעכטע און לינקע, און מיט „עולים" וואָס האָבן ניט קיין געדולד זיך צו מוטשען אין זייערע פּראָוויזאָרישע הילצערנע הייזלעך (אין פּאַלאַטקעס, וואוינען בלויז בעדואינער און אַראַבער) און די דאָזיקע עולים, האָבן איין אַרבעט — מאַניפעסטאַציעס! זיי הערן זיך צו מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו יעדן פּאָליטישן אַגיטאַטאָר פון דער אָפּאָזיציע און... גייען שטורמען די אויטאָריטעטן. און, דאָך האָט מען געדולד! בלויז ישראלים קאָנען האָבן אַזוי פיל געדולד!

אַט שטייט מיר פאַר די אויגן די פרוי ערענסט ווי זי גרייט צו דעם זונס הלבשה — דאָס הינטער-וועש, וועלכע ער וועט דאַרפן נויטיק האָבן ווען ער וועט — גאָר אינגיכן — גיין „דינען". מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט זי גרייט צו איר זון, איר בן יחיד צום מיליטער-דינסט. מיט וואָס פאַר אַ געדולד אַט דער בחור — איליעטשקע, וואַרט עס, אַז ער זאָל שוין זיי אין דער קאַזאַרמע!

גאַטעניו וועלכעס פּאָלק האָט אַזעלכע מאַמעס און אַזעלכע קינדער?

יאָ. ניט אַלע קינדער זיינען ווי אַט דער בחור איליא ערענסט. פאַראַן אַ סך שלעכטע בחורים אין ישראל. עס איז דאָך אַ פּאַקט, אַז די אַלע טעראָריסטן, זיינען יונגע, אַכצן-יאָריקע און צוואַנציק-יאָריקע בחורים. מיט זייערע טעראָר-מעשים, ווילן זיי דאָך אומברענגען די מדינה. ווער ווייסט צו עמיצער פון זיי איז ניט פאַרמישט אין אונטערלייגן די באָמבע אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע און דערמיט שעדיקן דער מדינה? עס קומט אויס, אַז דאָס וואָס די אַראַבער קאָנען ניט טאָן קיין שלעכטס דער מדינה — טוען עס די אידישע בחורים'לעך...

— — — — — — — — — — — — — —

16-טער יוני:

מיר קומען אָן קיין ריאָ דע זשאַניירא. שוין דאָס צווייטע מאָל וואָס מיר טרעפן דאָרט אַ שטרייק פון די פּאָרט-אַרבעטער. אונזער שיף פאַר-

שפּעטיקט זיך דערפאַר אַ ביסל און מוז מיט די אייגענע כוחות זיך צו־שלעפּן צום ברעג. קוים דערלעבט אַראָפּצוגיין פון שיף. נאָך דעם ווי מען פאָרט זיבן טעג בלויז אויפן וואַסער, גלוסט זיך באַטרעטן די האַרטע ערד. ווי נאָר מיר גייען אַראָפּ — דינגען מיר אַ טאַקסי און מען פאָרט אויסקוקן די שטאָט. וואָס פירט מען אייך דאָס ערשטע ווייזן? — דעם גרויסן קרייץ פון יעזוסן וואָס שטייט אויף אַ הויך פון טויזנט מעטער אויף אַ הויכן באַרג און פון דאָרט זעט איר די גאַנצע שטאָט. דערנאָך פירט מען אייך זיך באַרימען מיט דער גרויסער אַוועניִדאַ „זשעטוליאָ וואַרגאַס" און לסוף — מיטן אַריסטאָקראַטישן פערטל „קאָפּאַקאַבאַנאַ". יענער געגנט איז באמת אַ וואונדערלעכער. בלויז נייע געביידעס, און קיין איינע ניט קלענער פון... אַכט שטאָק. דאָ, דאַרפן וואוינען בלויז מיליאָ־נערן. דער שאָפער פירט אייך ניט ווייזן וואו עס וואוינען די אָרימע בראַזיליענער וואָס בעטן נדבות ביים פאָרט. ער גלויבט — וואָס קאָן עס אייך אינטערעסירן. מיר בעטן אים מאַכן אַ רייזע צו דער שטאָטישער אָרימקייט — און מיר דערזעען דעם קאָנטראַסט פון אָרים און — פאַר־שווענדעריש רייכטום!...

17־טער יוני:

היינט זיינען מיר אין סאַן פּאַולאָ. מיר קומען אָן קיין סאַנטאָס און לויפן תיכף אַהין אַוועק. סאַאָ פּאַולאָ, שמעקט שוין מיט... בוענאָס איי־רעס. מען פאָרט אין גאַס און מען טרעפט אידן שטיין ביי די טירן פון זייערע געשעפטן און וואַרטן אויף קונים. אַ שאָד וואָס מיר קאָנען דאָ לאַנג ניט בלייבן. די רייזע פון סאַנטאָס קיין סאַאָ פּאַולאָ געדויערט אַ פּאָר שעה און מיר קאָנען קוים בלייבן אַ פּאָר שעה. מיר זיינען די געסט פון הלל פרידמאַנס אַ קרובה, אַ יונגע שיינע און זייער אינטעלע־גענטנע פרוי וועמענס מאַן איז אַ באַרימטער דאָקטאָר דאָרט. מיר עסן דאָרט אָפּ „אויף איין פוס" אַ געשמאַקן מיטיק, און באַוואונדערן דאָס הויז וואו ער וואוינט. עס איז אַ דעפּאַרטאַמענט־הויז וואו עס וואוינען... 3.600 נפשות. נאָר בראַזיל קאָן זיך דאָס פאַרגינען אויסבויען אַזאַ פּאַ־לאַץ ער איז פאַרקויפט אין „האָריזאָנטאַל" און קאָסט אָפּ אַ פאַרמעגן. די מאַטעריאַלן פאַרן הויז, האָט מען געבראַכט פון אַמעריקע...

19־טער יוני:

מיר קומען אָן קיין מאָנטעווידעאָ. עס שמעקט שוין מיט דער היים. מאָרגן, אין דער צייט וועלן מיר שוין זיין אין דער היים.

וואָס נעענטער מיר קומען צו בוענאָס איירעס, אַלץ מערער בענקט זיך. עס בענקט זיך נאָך ביידע ערטער — נאָך דער היים פון בוענאָס איי־רעס, נאָך די קינדער און אייניקלעך און נאָך דער היים און פריינט פון ישראל, פון תל אביב און ירושלים, נאָך חדרה און נתניה. נאָך צפת און טבריה, נאָך „גבעת חיים" און „עין השלושה"! אפילו נאָר... עפולה — און בענקט זיך.

היינטיקע נאַכט וועלן מיר שוין ניט שלאָפן! מען קאָן ניט שלאָפן מיט אָט די געדאַנקען וואָס פּלאָנטערן זיך אין קאָפּ. גאָטעניו! זאָל זיך כאָטש די נאַכט ניט ציען לאַנג!

20־טער יוני.

מיר שטייען שוין ביים פּאָרט. עס איז נאָך גוט פינצטער. די שיף איז אָנגעקומען צו פרי. אָט זע איך שוין היימישע מענטשן. אָט זע איך שוין די קינדער. אָט זע איך שוין באַקאַנטע און פריינט. איך לאָז זיך אַראָפּגיין פון שיף. איך באַשטים ביי זיך, צום איבעריקן מאָל: — ווען מען וועט מיך פרעגן, ווי געפעלט אייך ישראל? וועל איך ענטפערן יעדן איינעם דאָס וואָס איך האָב שוין געזאָגט אין ישראל און געשריבן צו מיינע פריינט קיין אַרגענטינע און אַמעריקע, קיין מאָנטעווי־דעאָ און מעקסיקאָ. נעמלעך:

יעדער איד פון דער גאָרער וועלט, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט זיינע יאָרן אין אושר און אין כבוד, האָט געהאַט ביד צו פאָרן קיין ישראל און איז ניט געפאָרן, און — ניט פאַר אונז געדאַכט — איז נפטר געוואָרן — איז ער געשטאָרבן פאַר דער צייט!

איידער מען שטאַרבט — דאַרף מען פאָרן זען ישראל. מען דאַרף זען ארץ ישראל און מדינת ישראל. איך בלייב ביים איינדרוק, אַז די רייזע קיין ישראל, פאַרלענגערט די יאָרן. איך בין איבערצייגט, אַז מיר — איך מיט מיין פרוי, וועלן לעבן איבעריקע צען יאָר, מיטן בלויזן פאַרגעניגן וואָס מיר האָבן געהאַט אין ישראל און וואָס...

מיר האָבן געזען מדינת ישראל.

סוף

פון מחבר

די אָריגינאַלן פאַר די דאָזיקע צוויי ביכער זיינען אַריינגעגעבן געוואָרן צום דרוק דעם 30־טן יוני פון 1953.

איך געפין פאַר מיין האַרציקן חוב אויסצודריקן מיין דאַנק דעם אייגנטימער פון דער דרוקעריי „באַירעס", דעם פריינט ס י מ אָ ן א יי ד ע ל מ אַ ן פאַר זיין קאָרעקטער און שנעלער באַהאַנדלונג בכלל און פאַר זיין האַרציקער באַציאונג צו אַ בוך וועגן ארץ ישראל בפרט, טוענדיק אַלעס מעגלעכעס אַז די ביכער זאָלן, וואָס שנעלער דערשיינען.

מיין דאַנק דעם אידישן זעצער חיים יום־טוב און דעם ספּע־ציאַליסט טיפּאָגראַף ק אַ ר ל אָ ס ש ע נ ק ע ר, וואָס האָבן געזאָרגט אַז די ביכער זאָלן דערשיינען שיין און ריין — ווי עס פּאַסט פאַר אַ בוך וועגן ישראל.

וו. טשערנאָוועצקי

שוין דערשינענע ביכער פון זעלבן מחבר:

טעפּליק, מיין שטעטעלע (ערשטער באַנד)
טעפּליק, מיין שטעטעלע (צווייטער באַנד)
„דאָס לעבן דערציילט"... (ערשטער טייל)
„דאָס לעבן דערציילט"... (צווייטער טייל)

געפינען זיך אין דרוק:

„ערב דער פערטער וועלט־מלחמה" (ראָמאַן)

טעפּליק, מיין שטעטעלע (דריטער טייל)

גרייטן זיך צום דרוק:

„אַלבום" פון אידישע סוחרים, אינדוסטריאַלן און כלל־טוער אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט"

(אַרגענטינע, בראַזיל, טשילע, אורוגוויי, פּערו, קאָלומביאַ, עקוואַדאָר, גואַטעמאַלאַ, ווענעסועלאַ, פּאַנאַמאַ, קובאַ און מעקסיקע).

„דאָס אידישע לעבן אויף דער אַרגענטינער פּראָווינץ"

Este tomo se acabó de imprimir el 20 de octubre de 1953, en la "IMPRESORA BAIRES" de Simón Eidelman, Cangallo 2981 T. E. 86 - 0119, - Buenos Aires